STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03110

DI GROYSE IDISHE GESHIKHTE

Hayim Shoys

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די גרויסע

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז אויף היינט

באַנד III

פון דעם אויפטריט פון די ערשטע שריפטליכע נביאים
ביז דער אויפבויאונג פון צווייטען בית־המקדש

צוזאַמענגעשטעלט לויט פאַרשידענע פאָרשער
פון
חיים שוים

LIBRARY OF JEWISH FARMERS
COMMUNITY
19/B
TOMS RIVER, NEW JERSEY

ליטעראַרישער פארלאג
ניו יאָרק
1921

אינהאַלט:

זייט

דער אונטערגאַנג פון דער צפון־מלוכה ישראל — — 7—78

ע ר ש ט ע אָ פּ ט י י ל ו נ ג.

דער נייער אויפטריט פון די נביאים — — — 9—47

פון ר. קיטעל.

1. די נביאים זינט דעם אכטען יאהרהונדערט — — — — — — — — 9
2. די נביאים אלס גאט'ס־מענער, רעדנער און שריפטשטעלער — — 20
3. עמוס און הושע — — — — — — — — — — — — — — — — 36

צ ו ו י י ט ע אָ פּ ט י י ל ו נ ג.

גלות שומרון — — — — — — 48—78

פון ר. קיטעל.

1. עזריה־עוזיה. מנחם — — — — — — — — — — — — — — — 48
2. די מלחמה פון ארם־אפרים געגען יהודה. דער אנהויב פון ישעיה'ס טעטיגקייט — — — — — — — — — — — — 56
3. שומרון'ס ענד — — — — — — — — — — — — — — — 69

פון גלות שומרון ביז גלות ירושלים — — 79—190

ע ר ש ט ע אָ פּ ט י י ל ו נ ג.

אשור אין יהודה — — — — — — 81—110

לויט ר. קיטעל און ג. נאַגעל.

1. חזקיה — — — — — — — — — — — — — — — — — 81
2. סנחריב איז פאַלעסטינא. ישעיה — — — — — — — — 89

צווייטע אפטיילונג.

זייט

פון סנחריב'ס צוריקצוג ביז יאשיהו — — 111—128

פון ג. פ. לעהמאן־הויפט און ר. קיטעל.

1. די וועלט־לאגע — — — — — — — — — — — — — 111
סנחריב'ס לעצטע רעגירונגס־יאהרען און זיין ענד. — אסר־חדן און דער מערב. — אסר־חדן געגען עגיפטען. — אשור־באניפאל און עגיפטען.
2. די לאגע אין יהודה — — — — — — — — — — — — 115
די לעצטע יאהרען פון חזקיה'ס רעגירונג. — מנשה. — ליטעראטור אונטער מנשה. — מנשה'ס געפאנגענשאפט. — אידען אין עגיפטען. — אמון.

דריטע אפטיילונג.

יאשיהו און זיין צייט — — — — — — 129—168

לויט ר. קיטעל, ב. שטאדע, דזש. פ. מק'קורדי, ר. וו. ראדזשערס און י. קעבערלע.

1. די וועלט־לאגע. דער נייער אויפטריט פון די נביאים — — — 129
2. דאס געפונענע „בוך פון דער תורה" און יאשיהו'ס רעפארם — — 132
3. די באדייטונג פון דער רעפארם — — — — — — — — 139
4. די כשדים, מדי און דער אונטערגאנג פון נינוה — — — — — 146
5. ירמיה — דער נביא, דער דיכטער און דער מענש — — — — 149
(א כאראקטער־בילד).
6. ירמיה'ס אויפטריט — — — — — — — — — — — 154
7. יאשיהו'ס טויט. פרעה נכו — — — — — — — — — 155

פערטע אפטיילונג.

חורבן ירושלים — — — — — — 169—190

לויט ר. קיטעל און ב. שטאדע.

1. צדקיה און דאס ענד — — — — — — — — — — — 169
2. די לעצטע קאנוואולסיעס. גדליה — — — — — — — — 184

די תקופה פון גלות בבל — — — — — 191—272

לויט פארשידענע קוועלען.

1. די צעשפרייטונג — — — — — — — — — — — — — 193
2. די אידען אין פאלעסטינא און אין עגיפטען — — — — — — — — 196
3. די סאציאל־עקאנאמישע צושטענדען פון די אידען אין באבילאניען 204
דער גלות בבל אלס עפאכע. — די פארטרייבונגען. — דער אידישער ישוב אין באבילאניען. — די הויפט־באשעפטיגונ־גען פון די אידען אין באבילאניען. — די גלות־אידען אלס געמיינדע.
4. ליטעראטור אין דער תקופה פון גלות בבל — — — — — — — — 228
5. דאס רעליגיעזע לעבען פון די אידען אין באבילאניען — — — — 237
דער רושם פון דעם חורבן. — דאס לעבען אין דער פרעמד.— די נייע שטעלונג צו גאט און צו דער וועלט. — נייע אופנים פון גאטסדינסט.
6. יחזקאל׳ס לעהרע און ווירקונג — — — — — — — — — — — 247
יחזקאל׳ס באדייטונג. — זיין כאראקטער און זיין אויפ־טריט. — זיין באטראכטונג פון דער פארגאנגענהייט. — זיין לעהרע פון דער אחריות פון דעם יחיד. — זיין פלאן פאר דער אידישער צוקונפט.
7. די לעצטע יאהרען פון דער באבילאנישער הערשאפט — — — — — — 258
8. כורש און די פערסער — — — — — — — — — — — — — — 260
9. נבואה אין די לעצטע יאהרען פון דער באבילאנישער הערשאפט 264
10. דער גרויסער אנאנימער נביא — — — — — — — — — — — 267

שיבת ציון — — — — — — — 273—301

לויט טש. פ. קענט.

1. די עראבערונג פון בבל און די פאליטיק פון כורש — — — — — — 275
2. די אויפלעבונג פון דער אידישער געמיינדע אין פאלעסטינא — — 280
3. די ווידעראויפבויאונג פון דעם בית־המקדש — — — — — — — 289
4. די האפענונגען און אנטוישונגען פון די בויער פון בית־המקדש — 294

ביבליאגראפיע

דער אונטערגאנג
פון דער
צפון־מלוכה ישראל

ערשטע אפטיילונג.

דער נייער אויפטריט פון די נביאים

1.

די נביאים זינט דעם אכטען יאהרהונדערט.

וואס ווייטער די היסטאריע געהט, אלץ מאגערער, זעהט עס אויס, ווערען די ידיעות אין ספר מלכים. נאר אלס אן אויסנאהם ווערט נאך וואו ניט וואו געגעבען א באריכט בפרטות. ווען מיר וואלטען וועגען דער צייט פון נאך יהוא'ן און עתליה'ן געוועזן אנגעוויזען נאר אויף יענעם דערצעהלונגס־בוך, וואלטען מיר דאן טאקע געוועזן אין זעהר א שלעכטער לאגע. עס איז פון אן אוממעגליכער ... [sic] עס איז פון אן אומאפשאצבארען ווערט פאר אונזער קענטעניש פון דער אידישער פארגאנגענהייט וואס גראד ווען די אינפארמאציעס אין ספר מלכים פארלאזען אונז, עפענט זיך פאר אונז א מקור פון נייע ידיעות אין די שריפטען פון די נביאים. דער מאגערער סקעלעט פון דער דערצעהלונג פון ספר מלכים ווערט דאן באלעבט דורך דעם פרישען הויך פון דירעקטע געפיהלען, וואס וועהט ארויס פון זייערע רייד. ער באקומט פלייש און בלוט און נאך דערצו די פרישקייט פון דער נאטור־פארב. די נביאים זייגען דורכגענומען דורך און דורך מיט דעם וואס עס געהט פאר אין זייער פאלק, זיין נויט קלאפט ביי זיי אין הארצען, זיין זארג איז איינגעגעסען אין זייער נשמה, זיין זינד ברענט אין זייער געוויסען. און דאס וואס עס באוועגט זיי אינערליך קומט ארויס צום אויסדרוק נאטור־געטריי אין שפרודעלדיגע אומגעפוצטע ווערטער.

אט אזוי באקומען מיר א בילד פון די פארהעלטענישען, ווי עמוס און זיינע נאכפאלגער האבען זיי געפונען זינט ירבעם דעם צווייטען אין ישראל און יהודה. דאס בילד דערגענצט אונזער שילדערונג פון דעם לעבען און

די אויפפיהרונגען אין דער צייט דירעקט פאר זייער אויפטרעטען. דעם פינזעל איבער דעם בילד פיהרט דערביי דער הייליגער צארן פון עכטע פאטריאָטען, די פארבען זיינען א ווילע ווי בלענדענדע פלאמען, א ווילע זיינען זיי טיף טונקעל — פונקט ווי מיר זעהען ווען אן אפגרונט ווערט באַלויכטען פון די בליצען אין א געוויטער.

ס'איז אויבען דערמאָנט געוואָרען, אז צווישען די, וואס האבען זיך ביי די אידען גערופען נביאים, זיינען געווען אלערליי לייט. יענע משרתים פון די גרויסע לייט און פון די פאלקס־מאסען און פאלקס־אינסטינקטען. „וועלכע רופען פרידען ווען זייערע צייהנער האבען וואס צו בייסען", פיהרען נאָך נאַטירליך איצט אויך אן זייער טעטיגקייט. אט דער מין פארשוינען, צו וואס פאר א קלאס זיי מעגען ניט געהערען, שטארבט אין קיין צייט ניט אויס צווישען מענשען. אבער די ערנסטקייט פון דער לאגע און די גרויסקייט פון דער אויפגאבע האט צו דעם אידישען גליק ארויסגערוקט אין דעם פאָדערגרונט יענע עלעמענטען צווישען די נביאים, פאר וועמען די אינערליכע איבערלעבונג איז ניט א זאך פון פרנסה, נאר א זאך פון געוויסען און פון הייליגער מאראַלישער פארפליכטונג. פון זיי וועלען מיר דא איצט ריידען.

די מאראַלישע צושטענדען ווערען געשילדערט פון די דאזיגע נביאים אלס דעגענערירט און פארדארבען. די פיעל מלחמות האבען דאס זייעריגע געטאן. אבער אפילו אויך די בעסערע טעג, וועלכע די רעגירונגען פון ירבעם בן יואש און עוזיהו האבען געבראכט מיט זיך, האבען אויך ניט געקאנט גוט מאכען דעם שאדען. זיי האבען העכסטענס פארגרעסערט די צרה. צו רויקייט און געוואלדטעטיגקייט איז צוגעקומען אפענע העזה און פרייע צעלאזענקייט. „פאטער און זוהן געהען צוזאמען צו דער מיידעל", זאגט עמוס*), און ישעיה ווארפט פאר שומרון פונקט ווי ירושלים: „זיי זיינען פארשלונגען פון וויין און וואקלען זיך פון מעד... אלע טישען זיינען פול מיט אויסגעבראכענע אומריינקייט, אז ס'איז מעהר קיין פלאץ ניטאָ"**). די אומגערעכטיגקייט אין האנדעל שרייט צום הימעל. דאס רעכט פון דעם

---

*) עמוס ב 7. דא האנדעלט זיך אין עיקר וועגען רעליגיעזער און קולט־אויסגעלאסענקייט; אבער זעלבסטפארשטענדליך ווערט דאס אויך באטראכט פון א מאַראלישען שטאנדפונקט. פארגלייך הושע ד 11—14.

**) ישעיה כ"ח 7, 8; פארגלייך פסוק 1.

שטאַרקען האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון גאָט׳ס געזעץ. משפּט און יושר איז, ווי עס ווייזט אויס, מעהר ניטאָ, און די סאָציאַלע פראַגע איז געלייזט דורך דער עקספּלואַטאַציע פון די שוואַכע. „דעם גערעכטען פאַרקויפען זיי צוליב געלט, דעם אביון — צוליב אַ פּאָר שיך. זיי לעכצען נאָך דעם ערד־שטויב אויף דעם קאָפּ פון דעם אָרימאַן און צעדרעהען דאָס רעכט אין האַנדלען מיט דעם עלענדען“*). „וועה צו די — זאָגט ווייטער ישעיה —, וועלכע רוקען צו אַ הויז צו אַ הויז, אַ פעלד צו אַ פעלד, ביז עס בלייבט מעהר קיין ברעקיל פּלאַץ ניט, און וועה צו די, וועלכע זיינען גבורים אין טרינקען וויין און העלדען אין מישען מעד, וועלכע באַפרייען דעם רשע פאַר שוחד און גיבען דעם אומשולדיגען ניט זיין רעכט!“ (ה 8, 22, 23). „זיי נעהרען זיך פון דעם פלייש פון מיין פאָלק, און זיי ציהען אַראָפּ פון זיי די הויט פון ליב און צעברעכען זייערע ביינער“, זאָגט מיכה (ג 1—3). אָט דאָ האָבען מיר דעם סאָציאַלען גייסט פון די רכבים.

מ׳קאָן צווייפלען, צי די דאָזיגע שילדערונגען זיינען פולקום אָביעק־טיוו. מוסר־זאָגער און מאָראַל־פּרעדיגער ווילען גאָר ניט פאַרדינען דעם שבח פון זיין אָביעקטיוו. דאָס איז גאָר ניט זייער עובדא. זייער עובדא איז אויפצודעקען די שלעכטע זייטען און דערביי ניט אריבערצוטרעטען די גרעניצען פון אמת. אָט אַזוי דאַרפען מיר באַטראַכטען אויך אָט די שילדערונגען. אַז עס זיינען גלייכצייטיג געווען הייזער און קריגען, וואו עס האָט גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהן, אין דעם איז קיין ספק ניטאָ.

ניט בעסער ווי מיט דעם מאָראַלישען שטעהט עס מיט דעם רעליגיע־זען לעבען. אויך דאָ צערייסט די ערנסטקייט פון דעם נביא׳ס שטראָפענ־דען וואָרט יעדען פאַרבלענדען שיין, און עס איז קיין ספק ניט, אַז די שילדערונג איז בעצם ריכטיג. די כנעני׳זירונג פון דער רעליגיאָן, וואָס איז אַלץ מעהר און מעהר געוואָרען אַ סיסטעם, האָט געבראַכט מיט זיך אַ דאָ־פּעלטען שאָדען. אויף איין זייט קנאה פאַר יהוה און דער נאַאיווער גלוי־בען, אַז דער כמות איז דער עיקר און אַז די אויסערליכע צערעמאָניע איז בכוח גוט צו מאַכען דאָס וואָס עס פעהלט אינערליך. אויף דער אַנדערער

---

*) עמוס ב 6, 7; פאַרגלייך ח 4—6. די מלחמות און די בירגער־קריגען האָבען רואינירט לאַנדווירטשאַפט און האַנדעל און האָבען געבראַכט אַסך צום בעט־לער־שטעקען. דער פּראָלעטאַריאַט וואַקסט, וואוכער און קנעכטשאַפט דורך חובות בליהען.

זייט — אַז אַפּענער איבערגאַנג צו פרעמדע געטער אָדער א יהוה־דינסט וואָס איז גלייך צו היידענטום. ביידע פעהלערן ווערען אַהן רחמנות אויפגעדעקט. און די רעליגיעזע שטעלונג פון די נביאים באדייט דאָ ניט אנדערש ווי א סיסטעמאַטישער פּראָטעסט געגען דער היידניזירונג פון דער רעליגיאָן, וועלכע איז אין אסך פּונקטען שוין כמעט געוואָרען פולשטענדיג.

עס הייסט ניט, אַז דאָס אַלץ איז ערשט געשעהן צום ערשטען מאָל אין די טעג פון ירבעם און עוזיהו. די צרה איז נאָר מיט דער צייט גע־וואַקסען, אַבער בעצם איז זי שוין לאַנג געווען. דאָס נייע, וואָס יענע צייט האָט געבראַכט איז געלעגען ניט אין די פאַרהעלטענישען גופא, נאָר אין׳ם ליכט וואָס איז פּלוצלונג אויף זיי געפאַלען. די אידען האָבען פאַר־בראַכט זייערע טעג אַהן דאגות און זיך נאָר געקימערט וועגען דער דירעק־טער געגענוואַרט. די מלחמות מיט די סיריער און מאַנכע אַנדערע נויטען פון דער צייט האָבען אפילו געבראַכט מיט זיך געוויסע זאָרגען. אַבער אַלע־מאָל איז אַזוי צי אַזוי באַלד געקומען הילף. יהוה האָט קיינמאָל זיין פאָלק אין גאַנצען ניט פאַרלאָזען. איצט אַבער האָט פּלוצלונג א העלער בליץ באַשיינט דעם הימעל, און די אידען האָבען מיט איינמאָל דערזעהן, אַז מ׳שטעהט ביי אַן אָפענעם אַפּגרונט. דער בליץ איז געקומען פון מזרח, פון אשור.

זינט עמרי׳ס צייט האָבען מיר זיך שוין מעהרערע מאָל באַגעגענט מיט אשור. די מלכים פון ישראל האָבען שוין אויך מעהר ווי איין מאָל גע־האָט מיט איהר א מגע־ומשא. אַבער זינט דער צייט פון יואש און ירבעם דעם צווייטען איז אריינגעטראָטען אַן אנטשיידענדע ענדערונג*). אונטער די באַזונדערס גינסטיגע אומשטענדען איז יענע ענדערונג נאָך ניט געווען צו זעהן פון אויבען אויף, מחמת ארם איז נאָך באַשעפט געווען זיך צו האַל־טען עטליכע יאָהרצעהנדליג. אַבער זינט דעם אויפטריט פון תגלת־פּלאסר דעם דריטען האָט ביי די מענשען מיט א ווייטערען בליק מעהר קיין ספק ניט געקאָנט זיין: דאָס סירישע קעניגרייך פון דמשק, כאָטש עס האָט זיך נאָך א ווײַלע געהאַלטען ווי עס איז, האָט איצט נאָך א לאַנגען ראַנגלען באַקומען דעם טויט־קלאַפּ. עס האַלט דערביי, אַז אשור זאָל ווערען דער שכן פון ישראל. ישראל האָט געמעגט א לאַנגע צייט ליידען פון דמשק: מ׳האָט געמעגט אָפט זעהן אין אשור, וועלכע האָט צעשלאָגען די אַראַמע־

*) זעה באַנד 2, ז. 223—225.

אישע שכנים, דעם באפרייער פון ישראל. אבער ווער עס האט אריינגעקוקט אין דעם סאמע תוך פון דער זאך, האט זיך פון דעם ניט געקאנט לאזן פארבלענדן. אשור — ישראל'ס שכן: די געוואלדיגע מלוכה פון ערעבער־רער, וועלכע האט געזיגט מיט דעם שווערד און ברוטאלער מאכט, גע־שטעלט ביי דער זייט פון דעם קליינעם, שוואכן ישראל: — עס האט קיין ספק ניט געקאנט זיין וואס עס וועט זיך דערפון אויסלאזן. וואס עס איז געשעהן מיט דמשק און חמת, וועט זיכער אויך מוזן טרעפן ישראל (ישעיה י 9). מיט דער אידישער זעלבשטענדיגקייט איז עס געווען צו ענד. אויב ניט דורך גאט'ס א וואונדער, מוזן קעניג און פאלק אונטער־געהן.

דאס וואס אסך אידען האבען עס נאך ניט איינגעזעהן, האט די לאגע ניט בעסער געמאכט. אז אומגליק איז אלעמאל גרעסער, וואס מעהר אומ־דערוואַרט עס קומט. ס'איז געווען דאס גליק פון די אידען און זייער רע־טונג—אזוי ווייט ווי עס איז דא נאך געווען וואס צו רעטען—וואס עס האבען לכל הפחות זיך געפונען צווישען זיי מענער, וועלכע האבען זיך ניט געלאזט פארנארען אין דעם אלגעמיינעם טומעל פון דער צייט. דאס זיינען געווען די נביאים פון יענער צייט, געטרייער יענע צווישען זיי, פאר וועמען זייער אמת איז געווען א מאראלישער חוב. זיי אליין האבען געקוקט די פאקטען אין פנים אריין. און אלס דינער פון זייער גאט האבען זיי געפונען דעם מוט ארויסצוזאגען דאס שרעקליכע וואס זיי האבען געזעהען אפען פאר דעם קעניג און דעם פאלק און פאר אלע אידען וואס ווילען דאס נאר הערען. דערמיט טרעטען זיי אריין אין דעם מיטעלפונקט פונ'ם פאלקס־לעבען. זיי נעמען אריבער די גייסטיגע פיהרערשאפט פון זייער פאלק צי אין הארמאניע מיט די הערשער, צי אין אפאזיציע צו זיי, לויט ווי די צייט ברייננגט מיט זיך. אין יעדען פאל האבען די אידען זיי שוין ניט געקאנט מעהר באזיי־טיגען אלס פיהרער. כל זמן עס האט נאר עקסיסטירט א אידישע מלוכה. און אפילו לאנג נאכדעם ווי די מלוכה איז פארשוואונדען, עד היום נאך. שטעהט דאס אידישע פאלק און דאס וואס איז פון איהם ארויסגעוואק־סען אונטער דער השפעה פון יענער אייגענארטיגסטער, געוואלדיגסטער ערשיינונג, וואס א פאלקס־לעבען האט ווען עס איז ארויסגעבראכט פון זיך. אין די נביאים האט דער זשעני פון אי־דישען גייסט געפונען זיין ריינסטען און העכסטען אויסדרוק. אויף אן אופן וואס האט זיין גלייכען ניט האבען די גייסטיגע גבורים פון ישראל, וועמען קיין פאלק האט ניט צו

שטעלען עפּעס עהנליכעס ביי דער זייט, אריינגעקוקט אין דער טיפעניש פון זייער פאָלק׳ס נשמה. די נבואה האָט מאַקע לכתחילה געמעגט זיין א פרעמדע זאַך ביי אידען, אָבער די נביאים האָבען באַלד טיפער ווי ווער עס איז דער־פיהלט וואָס די אידען זיינען געוועזן און וואָס זיי האָבען געקאַנט ווערען לויט דעם סאַמע תוך זייערען. די נבואה איז געקומען פון א קוואַל, וואָס איז לגמרי ניט געווען ריין. זי האָט דעריבער אויסגעקוקט משונה׳דיג שוין פאַר די אידען פון יענער צייט און נאָך מעהר — פאַר אונז היינט. אָבער פון שטופּע צו שטופּע איז זי געוואָרען דורכאויס אן אָריגינעלע און אַלץ מעהר א גייסטיגע ערשיינונג, וועלכע געהערט אין איהר שפּעטעריגער גע־שטאַלט און אויף איהר העכסטען פונקט צו דאָס גרעסטע, וואָס די מענש־הייט האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט.

ווען מיר ווילען פאַרשטעהן די נביאים אין זייער נייער געשטאַלט, מו־זען מיר ניט ווילענדיג וואַרפען א בליק אויף צוריק. ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר הערען דעם נאָמען נביאים. שוין שמואל און נתן און דערנאָך אליהו און אלישע האָבען געטראָגען דעם דאָזיגען נאָמען. וואו ליגט דאָס נייע אין דער נבואה פון אָט דער צייט, וואו מיר שטעהען? מיר מוזען זיך היטען און ניט לעגען צופיעל געוויכט אויף דאָס אויסערליכע. כאָטש אסך האָט זיך געענדערט און זיך אנטוויקעלט אין פאַרלויף פון דער צייט אויך בנוגע דער אויסערליכער ערשיינונג און דעם אויפטרעטען פון די נביאים. דאָס וואָס די נביאים שרייבען איצט טיילווייז אויף דאָס וואָס זיי האָבען צו זאָגען דעם פאָלק און פאַרעפענטליכען עס אין דער פאָרם פון ביכער אָדער באַשריבענע פלוג־בלעטער, גיט זיי נאַטירליך צו אויסערליך אן אַנדער אויס־זעהן. אָבער פאַקטיש איז דאָס ניט מעהר ווי דער נאַטירליכער פועל־יוצא פון דער פאָרענדערטער צייט. די אידען זיינען איצט אריינגעטראָטען אין דער עפּאָכע פון ליטעראַטור. טאָ ווי האָבען די פיהרענדע גייסטער פון דער נאַציאָן זיך געזאָלט אנטזאָגען פון דעם ווירקזאַמסטען מיטעל צו פאַרשפּריי־טען זייערע געדאַנקען צווישען די מענשען, בשעת די אנווענדונג פון דעם דאָזיגען מיטעל איז געוואָרען אן עפענטליכע געוועהנהייט?

די קאַמפּאַניעס פון עקסטאַטישע ענטוזיאַסטען, ווי זיי פּלעגען אין שמואל׳ס צייטען ארומציהען איבער׳ן לאַנד, געהערען לאַנג שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. זייער פּלאַץ האָבען שוין אין אליהו׳ס טעג פאַרנומען די געזעלשאַפטען פון די „בני הנביאים“ — דער רוהיגער, געלייטערטער פּראָ־דוקט פון יענע ארומציהענדיגע פאַראיינען. אויך זיי, די בני הנביאים, האָ־

בען איצט פארלארען אסך פון זייער באדייטונג. פון דעסטוועגען איז נאך געבליבען אן ערינערונג אן זיי, אלס א מין געשלאסענער ארדען, א צעד*). ווער עס צייכענט זיך אויס אין דעם ארדען דורך א באזונדערער נביאי'שער באגאבונג, דער פארנעמט נאטירליך דעם פלאץ אויבען אן. עהנליך ווי אין שפעטערע צייטען דער „רבי", פארנעמט ער די שטעל פונ'ם לעהרער. וואס פארזאמעלט ארום זיך אין אן ענגערען קרייז זיינע פארטרויטע תלמידים (ישעיה ח 16). אבער אויך יעדער איינער, וואס שפירט אין זיך דורך דעם אינערליכען אימפלוס פון גאט'ס גייסט דעם רוף צו ווערען א נביא, קאן ווירקען אלס א מאן פון גאט, אפילו ניט זייענדיג קיין מיטגליד פון דעם נביאים־ארדען און ניט געהערענדיג צו די בני הנביאים (עמים ז 14). ניט דער ארדען און די חברה מאכט דעם נביא, יעדענפאלס ניט דעם גרויסען נביא. דער איינצעלנער טרעט ארויס און רעדט אין יהוה'ס נאמען אויף זיין אייגענער אחריות: וואס עס גיט איהם אויטאריטעט איז די קראפט פונ'ם גייסט, וואס שטראמט ארויס פון איהם. אבער כאטש די פערזענליכקייט טרעט איצט ארויס אין דעם פאדערגרונט מעהר ווי פריי־הער, קאנען מיר ניט זאגען, אז זי איז פריהער פארשלונגען געווארען פון דער געזעלשאפט, און אט אזוי זעהען מיר אויך אין דעם פרט, אז דער פארטשריט פון דער צייט האט ניט געבראכט קיין אבסאלוטען אונטער־שייד.

דאסזעלביגע איז אויך מיט דער פסיכאלאגישער אויסדרוקס־פארם פון דעם גייסט פון דער נבואה. אט דא ביי די נייע נביאים, פונקט ווי דארטען ביי די אלטע, איז דער גרונט־שטריך דאס דירעקטע פארכאפט־ווערען פון גאט'ס גייסט, אן איבערלעבונג וואס איז אפט ניט אפהענגיג פון דעם מענ־שען'ס ווילען און וואס נעמט ניט זעלטען אן די פארם פון אן עקסטאטישער זעהונג. אמת טאקע, אז פון איין זייט ווארפט די נבואה אלץ מעהר און מעהר אוועק די פארבינדונג, וואס זי האט לכתחילה געהאט מיט דער טרע־פעריי (מאנטיק) און פון דער אנדערער זייט טרעט מיט דער צייט אלץ מעהר אפ אין דעם הינטערגרונט דער עלעמענט פון פאנטאסטישען זעהער. אבער דאס באוואוסטזיין פונ'ם נביא, אז ער האט זיך גופא ניט גערופען, נאר אז זיין גאט האט איהם געצוואונגען און האט אריינגעטאן זיין ווארט אין איהם, בלייבט אלעמאל.

---

*) וועגען די עלטערע נביאים זעה באנד 2, ז. 14, 15 און 190, 191.

נאַטירליך זיינען די אַלע ענדערונגען, וועלכע די צייט האָט מיט זיך געבראַכט, בשום אופן ניט אַהן באַדייטונג. זיי אַלע העלפען צו פאַרגייס־טיגען אַלץ מעהר און מעהר דעם כאַראַקטער פון דער נבואה. אַט אַזוי טרעט איצט אויף דער איינצעלנער פאַר זיך אַנשטאַט אין אַ גרופּע און ער האַלט אַ פּאַרזיכטיגע, אָפּגעוואויגענע קונסט־רעדע, וועלכע איז איצט גע־וואָרען דער כלל. מ׳קאָן זעהן, אַז אַט דער מעהר גייסטיגער אופן האָט אַסך בייגעטראַגען דערצו, אַז די נביאים זאָלען מעהר ניט באַהאַנדעלט ווע־רען מיט אַזוי וועניג אַכטונג ווי פריהער*). פאַרקעהרט, זיי זיינען געוואָ־רען אַ הויך־חשוב׳ער קלאַס און האָבען זיך געשטעלט אין סאַמע צענטער פון פאָלקס־לעבען. זיי זיינען איצט אין אַסך אַ העכערען זין ווי אליהו אַדער מיכה בן ימלה זיינען עס געווען שוין פריהער, די פיהרער און יועצים פון קעניג און פאָלק אין וויכטיגע פּאָליטישע און רעליגיעזע ענינים.

לגמרי ניי איז אָבער נאָר איין זאַך: די דירעקטע אַריינמישונג פון אשור אין דעם גורל פון אידישען פאָלק און דער אופן ווי דאָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין דער נשמה פון די נביאים. פאַר זייערע אויגען אַנטפּלעקט זיך דער אָפּענער, משופּע׳דיגער אָפּגרונט, ביי וועלכען דאָס אידישע פאָלק שטעהט: זיי זעהען דאָס שרעקליכע בילד פון אַ פאָלקס־קערפּער, וועמעס קיום איז צעטרייסעלט דורך און דורך, און זיי הערען שוין דאָס כאַרכלען פון דער גסיסה, דעם סימן פון אַ לעבען וואָס ענדיגט זיך. אָבער דאָס לעבען פון אַ פאָלק ווי ישראל דאַרף ניט און טאָר זיך ניט ענדיגען, אַפילו ווען עס האָט געגען זיך אַלס פיינד אַ וועלט־מלוכה! אַט דער געדאַנק רייסט די נביאים אַרויס מיט געוואַלד פון זייערע נאַציאָנאַלע גרעניצען און לאָזט זיי דערקע־נען דעם ציל און די באַשטימונג פון אידישען פאָלק אין׳ם אינטער־נאַציאָנאַלען ליכט, אין׳ם ליכט פון דער וועלט־געשיכטע. אַט אין דעם ליכט פון דער וועלט־געשיכטע האָט ישראל געלאָזען הינטער זיך אשור און אַלע וועלט־מלוכות, וועלכע האָבען איהם אַנגעטאָן געוואַלד. אַט דאָס האָבען די נביאים דערקענט. און וואָס זיי האָבען דערקענט, האָבען זיי אויסגעפיהרט.

צוויי פראַגען לעגען זיך ביי די געטליכע מענער שווער אויף דער נשמה: איין פראַגע די פון דערקענונג און די צווייטע — פון האַנדלען. די ערשטע מאַכט זיי פאַר אומפאַרגלייכליכע לעהרער, פאַר באַנייער פון דעם

*) שמואל א, י 11 (איז אויך שאול צווישען די נביאים?); מלכים ב, ט 11 (אַט דער משוגע׳נער); עמוס ז 14 (זעהער, עס דיין ברויט!).

גלויבען פון זייערע פאטערס, די אנדערע מאכט זיי פאר אומפארגלייכליכע פאטריאטען און פאר רעפארמאטארס פון דעם מענשען׳ס פיהרונג.

די ערשטע פראגע קאן פארמולירט ווערען אזוי: ווי איז גאר *איבערהויפט מעגליך* געווען דאס וואס איז פארגעקומען פאר זייערע אויגען? יהוה איז דאך פון אלעמאל דער גאט פון ישראל, וועלכער האט איהם געמוזט באשיצען פון אלע סכנות. טא ווי אזוי האט דאס גאט געקאנט איבערגעבען זיין פאלק אין אשור׳ס האנט? און ווי באלד, אז ער האט עס פארט געטאן, דאן איז ער ענטוועדער ניט געווען מעהר ישראל׳ס גאט אדער ישראל איז מעהר ניט זיין פאלק. ער האט עס געטאן. און אזוי ווי יהוה׳ס געטריישאפט און מאכט האבען ניט געקאנט ווערען שוואך און וואקעלדיג, איז דער לאגישער שלום פון דעם נביאי׳שען געדאנק געווען אומפארמיידליך: די אידען זיינען ניט מעהר דאס וואס אמאל, זיי זיינען א פאלק פון ווידערשפעניגער, אויסגעלאסענע קינדער, וועלכע האבען געבראכען די טריישאפט צו זייער האר. ישראל׳ס שולד, זיין זינד איז עס, פאר וועלכער זיין גאט איז זיך אן איהם נוקם דורך דעם שונא׳ס האנט. דער ביז־איצטיגער צושטאנד פון דעם אידישען פאלק, דער רעליגיעזער פונקט ווי דער מאראלישער און סאציאלער, מיט זיינע פארשידענע פינסטערע זייטען, ערשיינט אט אזוי פלוצלונג אין א נייעם ליכט. פאר אט די פינסטערע זייטען איז דעם מעכטיגען פיינד ערלויבט זיך צו דערנעהנטערען צו ישראל׳ס טויערן. יהוה גופא ערשיינט דורך דעם פלוצלונג אין א נייעם ליכט: ער איז עס, וועלכער האט אין זיין מאראלישער הייליגקייט באשלאסען דעם אונטערגאנג פון ישראל, און האט באשטימט די פיינד אלס א בייטש איהם צו שטראפען.

ניי איז ניט יענע מאראלישע הייליגקייט אין יהוה. שוין משה האט געהאט א פאר־געדאנק וועגען יהוה׳ס מאראלישען מהות: נתן האט עס קלאר אויסגעדריקט צו דוד׳ן און אליהו צו אחאב׳ן. ניי איז אבער וואס יהוה׳ס מאראלישע הייליגקייט קאן ניט בלויז שטראפען ישראל, נאר איהם אויך לאזען אונטערגעהן. דער פייער־גייסט פון משה און אליהו לעבט ווידער אויף אין עמוס און ישעיה, אבער אין א נייער געשטאלט, ניט מעהר צוגעבונדען צו דעם ענגען גרעניץ פון דער נאציאן. דורך אליהו׳ן און אלישע׳ן האט יהוה געסטראשעט צו פארניכטען מיט שווערד און פייער אלץ וואס האט זיך איהם אין וועג געשטעלט, כדי ער זאל בלייבען דער גאט פון ישראל. דורך עמוס, הושע און ישעיה האט דער וועלט־גאט באשלאסען דעם צוזאמענבראך פון זיין אייגענעם פאלק, כדי ער זאל גערעכט בלייבען אין

דער וועלט מיט זיין מאראלישער וועלט-ארדנונג. כאטש די נביאים פון אט דער נייער צייט האבען ניט ערפונדען דעם מאראלישען כאראקטער פון יהוה, דאך בלייבט עס זייער פארדינסט, וואס זיי האבען דאס מאראלישע אין גאט'ס מהות אוועקגעשטעלט אין מיטעל-פונקט פון דער באטראכטונג מיט אן ענערגיע און אויסגעהאלטענקייט, וואס איז ביז אהער נאך ניט געהערט געווארען. זיי האבען דערמיט געקרוינט דעם געדאנק פון משה'ס רעליגיאנס-גרינדונג און איהם דערהויבען צום אוניווערסאלען עטישען מאנאטעאיזם.

צוערשט האבען די נביאים געקעמפט געגען די פלשתים, שפעטער געגען דעם „בעל". מ'האט זיך דערפאר געקאנט ריכטען, אז זיי זאלען קעמפען אויך געגען אשור. אין א געוויסען זין איז דאס טאקע דער פאל פון ישעיה'ן אן. אזוי ווייט, הייסט עס, ווי אשור טרעט אריבער דעם אויפטראג, וואס יהוה האט איהר געגעבען*). אבער הויפטזעכליך פיהרען זיי דעם קאמף ניט געגען אשור, נאר געגען ישראל. עס הייסט: וויל ישראל האט פארלאזען גאט, דעריבער מוז ער פאלען, און אשור, וואס ברייגנט איהם צום פאל, איז ניט מעהר ווי א בייטש פאר ישראל אין יהוה'ס האנט. דאס איז די שטעלונג, וואס די נביאים מוזען ממילא אננעמען לויט זייער השגה פון גאט. יהוה איז פאר זיי ניט בלויז דער גאט פון ישראל, נאר דער האר און דער היטער פון דער מאראלישער וועלט-ארדנונג, אפילו דארטען וואו די דאזיגע ארדנונג איז געגען ישראל. דערמיט איז אין איין ווארט כאראקטעריזירט די וועלט-היסטארישע באדייטונג אין דער שטעלונג און אין דער אויפגאבע פון די דאזיגע נביאים.

ווי אזוי זיי זיינען געקומען צו דער דאזיגער דערקענטעניש, קענען מיר וויסענשאפטליך ניט מעהר דערקלערען. דאס געהיימניש פון דער פערזענליכקייט קאן ניט צעגלידערט ווערען היסטאריש, אזוי אז עס זאל קיין רעשט ניט איבעריג בלייבען. עס שפילט זיך אפ אין דער פארבארגעניש, בחדרי חדרים פון דער נשמה, און מיר קאנען נאר באשרייבען די אויסערליכע ווירקונג פון דעם וואס קומט אינערליך פאר צווישען דער נשמה און איהר גאט. אזויפיעל לאזט זיך אבער באשטימט זאגען, אז מיר האבען דא לחלוטין ניט צו טאן מיט דער קענטעניש, וואס קומט דורך ספעקולאציעס פון מוח אדער דורך וואסערע ניט איז נאכקלערונגען און נאכגריבלונגען, נאר

---

*) פארגלייך ישעיה י 5—7.

מיט אינערליכער אינטואיציע אדער בעסער מיט דירעקטער אויפפאסונג. אין א גרויסען מאמענט ווערט גאט געשפירט אלס א מאכט, וואס באהערשט און באוועלטיגט אלצדינג און האלט דעם מענשען געפאנגען. און אט די פערזענליכע איבערלעבונג ציהט אריין דעם נביא ניט בלויז אין דעם דינסט פון זיין גאט, נאר זי אנטפלעקט איהם אויך דעם מהות פון זיין גאט אלס א מאראלישע מאכט, וועלכע באהערשט אלצדינג. די פראגע וועגען דער דערקענונג פון גאט איז דערמיט געוועזן געלייזט.

די צווייטע פראגע אבער, די פראגע פון האנדלונג, איז געוועזן מעהר דרינגענד פאר די לעהרער פון יענער צייט. ביי ישראל'ס אונטערגאנג, וואס די מאראלישע וועלט־ארדנונג האט געפאדערט, האט מען ניט געקאנט בלייבען שטעהן. די נביאים וואלטען ניט געקאנט זיין קיין פאטריאטען און קיין מענער פון גאט און זיי וואלטען ניט געקאנט זיין די רעליגיעזע פיהרער פון זייער פאלק, ווען זיי וואלטען ניט געזוכט קיין הארמאניע אין דער צעשפאלטונג, קיין אויסגלייכענדען אפשלום פון דער גרויסער טראגעדיע. וואס איז בכן געוועזן צו טאן? איין וועג נאר איז געוועזן: דער געגענווערטיגער צושטאנד פון דעם אידישען פאלק האט געמוזט פאלען, איצט אדער שפעטער. די רעליגיעזע, מאראלישע און סאציאלע איבלען אין פאלק זיינען די אורזאך פון גאט'ס צארן: ווען זיי וועלען פארשווינדען, וועט אויך דער צארן מעהר ניט זיין. מיט א ראדיקאליזם, וואס דערמאנט אן דער עקסטרעמסטער ערשיינונג פון סאציאל־פאליטישער און רעליגיעזער אגיטאציע אין דער היסטאריע, פרעדיגען זיי אפען דעם פונדאמענטאלען פרינציפ: וואס עס עקסיסטירט ביי די אידען איז ווערט, אז עס זאל געהן צו־גרונט! נאר א גרינטליכע באנייאונג פון אלע צושטענדען אויף א פולשטענדיג נייעם יסוד קאן העלפען. אפטמאל האפט מען צו דערגרייכען דעם נייעם צושטאנד נאך איצט דורך דעם וואס מ'וועט זיך אומקעהרען און טאן אמת'ע תשובה. באלד אבער ווייזט זיך ארויס, אז די דאזיגע האפענונג האט אפגענארט. קודם כל מוז פאלען די מלוכה, די גאנצע איצטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג, אפילו די רעליגיאן גופא אין דעם פארדארבענעם אופן ווי זי ווערט איצט פראקטיצירט. יהוה גופא, אזוי זיכער ווי ער איז דער גאט פון ישראל, וועט דורכפיהרען די באנייאונג דורך דעם קעניג פון דער צוקונפט, דעם מ ש י ח. אונטער איהם וועט ישראל זיין א קעניגרייך פון גאט, א הייליג גאטגעפעליגעם פאלק. גערעכטיגקייט און מאראל וועלען זיין לויט גאט'ס פאדערונגען. די רעליגיאן וועט פראקטיצירט ווערען אין איינקלאנג מיט זיין ווילען.

האָבען די נביאים דערגרייכט דאָס וואָס זיי האָבען געוואָלט? צוויי־שען זייער אייגענעם פאָלק און אין זייער צייט זיינען זיי אָפט גענוג באַטראַכט געוואָרען אַלס פאַררעטער פונ'ם לאַנד צום שונא. אָבער אינ'ם ליכט פון דער היסטאָריע זיינען זיי די פּאַטריאָטען, וועמען דאָס אידישע פאָלק האָט צו פאַרדאַנקען, וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון די פאַרבייגעהענדע שטור־רעמס אַפּגעשוואַכט און געבויגען, אָבער ניט געבראָכען. זייער פאָלק, וואָס איז צו שוואַך געווען צו קעמפען מיט'ן שווערד געגען די וועלט־מעכטען, האָבען זיי אַריינגעדריקט אין האַנט די פאָהן פון גלויבען און האָפנונג. מיט אָט דער פאָהן האָט דאָס אידישע פאָלק געזיגט. ניט בלויז האָט עס איבערגע־לעבט די וועלט־אימפּעריעס, נאָר אינערליך, גייסטיג האָבען די וועלט־אימ־פּעריעס זיך איהם געלעגט צו די פיס. — און בנוגע צו דער האַנדלונג, סיי דער מאָראַלישער און סיי דער רעליגיעזער, האָט זייער שטים נאַטירליך אין אַנהויב ווייניג וואָס אָפּגעקלונגען. אָבער אונטער דעם דרוק פון דעם געט־ליכען משפּט האָבען די אידען אַלץ מעהר און מעהר זיך צוגעהערט צו זיי. עס האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ ריכטונג צו טאָן גאָט'ס ווילען, און זי האָט מעהר ניט אָפּגעלאָזט די אידען און האָט באַלד צוגעגעבען צו זייער לעבען אַ נייע ווענדונג.

2.

די נביאים אַלס גאָט'ס-מענער, רעדנער און שריפטשטעלער.

די אייגענאַרטיגקייט פון דעם נביא'ס באַוואוסטזיין און פון דעם אינערליכען לעבען פון זיין נשמה. וואָס האָט זיך שוין אויף די פריהערדיגע שטופען געלאָזט צום טייל באַמערקען, לאָזט זיך אויף אָט דער שטופע באַמערקען מיט אַ פאַרהעלטנישמעסיגער דייטליכקייט, ווייל מיר האָבען דאָ אַנדייטונגען און אויסדרוקען אין אַ גענוגענדער צאָהל.

קודם כל האָבען אַלע יענע מענער בשותפות, דאָס וואָס זיי ווערען באַ־צייכענט אַלס גאָט'ס מויל*) אָדער אַלס פאַרשפּרעכער פון דער גאָטהייט.

---

*) ירמיה ט"ו 19. פאַרגלייך כ"ו 2; ער זאָל אַזוי רײדען, ווי יהוה האָט עס איהם געגעבען — קיין וואָרט ניט אַראָפּנעמען.

ווארים דאס איז די באדייטונג פון נביא*). זיי ווילען קיין אנדער זאך ניט זיין ווי נאר די רעליגיעזע פיהרער און לעהרער פון זייער פאלק. אלע איבעריגע זאכען, וועלכע שפילען מיט אין זייער מהות און זייערע אינטערעסען: דאס פאטערלענדישע, דאס סאציאלע, דאס פאלקסטימליכע האט פאר זיי א באדייטונג נאר אויף אזוי ווייט ווי עס ווערט געשטעלט אין דעם דינסט פון זייער רעליגיעזען אמט. זיי ווילען בעיקר זיין ניט מענער פון זייער לאנד אדער פון זייער פאלק. נאר גאט'ס מענער. זיי ווילען האבען די גאטהייט און זי ברייגנען צו זייער פאלק — אלע אנדערע זאכען זיינען נאר א מיטעל צו אט דעם צוועק. זיי ווייסען דעריבער ניט פון קיין העכערער זאך ווי דאס איז שטרענגסטען זין פערזענליכע פארהעלטעניש צו זייער גאט: זיי „שטעהען אין דעם ראט פון דער גאטהייט" און צו האבען אין זיך גאט איז צו לעבען מיט איהם איז פאר זיי די אויפגאבע און דער צענטער פון לעבען.

אבער אום צו זיין באמת די פארשפרעכער פון גאט, האבען זיי פריהער געמוזט פארנעמען די רייד פון גאט. דאס איז טאקע פאקטיש זייער איבערצייגונג. דער אויסדרוק: „אזוי האט געזאגט יהוה" ביים אנהויב, אדער „דאס איז די רייד פון יהוה" ביים סוף פון אסך רעדעס זייערע מוז ווערטליך גענומען ווערען: דאס וואס זיי זאגען דא איז ניט זייער אייגענטום, דאס זיינען ווערטער פון גאט. זיי האבען יענע ווערטער פארנומען אין שטונדען אדער אויגענבליקען פון עלית־נשמה, ווען די גאטהייט האט זיך דערנעהנטערט צו זיי אדער זיי האבען זיך געפיהלט אוועקגעטראגען נאהנט צו איהר, דארטען וואו די הימלישע מעכטען באשליסען דעם גורל פון די מענשען און פון די געשעהענישען אויף דער ערד**).

נאך מעהר, זיי האבען ניט בלויז געהערט און געזעהן דאס וואס זיי ריידען, זיי פארבינדען אויך דערמיט דאס באשטימטע באוואוסטזיין, אז זיי האבען גאר ניט קיין פרייען ווילען לגבי דאס געהערטע און גע־

---

*) פארגלייך אין שמות ז 1, „זעה איך האב דיך געמאכט אלס גאט פאר פרעה'ן און אהרן דיין ברודער וועט זיין דיין נביא", עס הייסט דיין פארשפרעכער, וועלכער וועט ריידען אין דיין נאמען. פארגלייך אויך ד 16 („ער וועט זיין פאר דיר א מויל און דו וועסט זיין פאר איהם א גאט"). ח. ש.

**) ירמיה כ"ג 18, 22; פארגלייך ישעיה ו און עהנליכע שטעלען אזוינע. עמוס ג 7: יהוה טוט איבערהויפט ניט קיין זאך, איידער ער טיילט פריהער זיין באשלוס ניט מיט צו זיינע קנעכט די נביאים. פארגלייך ביי יחזקאל: יהוה'ס האנט ליגט אויף מיר.

זעהענע. ירמיה באַקלאָגט זיך, אַז גאָט האָט איהם באַצוואונ־גען, ער ליידט אינערליך שווער אונטער דעם יאָך וואָס יהוה האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט מיט זיין אמת. און ער קאָן זיך פון דעם יאָך ניט לויז מאַכען: זיין גאָט איז פאַר איהם צו מעכטיג. און עמוס לאָזט אונז וויסען, אַז אַ נביא ווערט ניט, ווען ע ר ו ו י ל, נאַר ווען גאָט וויל. וויל אָבער גאָט, דאַן מ ו ז ע ר ע ס. פאַרנעמט ער יהוה'ס שטים אין זיך, איז דאַן מעהר ניטאָ קיין פרעגען און באַשליסען: ער מעג יאָ וועלען אָדער ניט, מיט דער נויטווענדיגקייט פון אַ נאַטור־געזעץ ווערט ער אַ נביא:

אַ לייב ברומט — ווער מוז זיך ניט שרעקען?
דער האַר יהוה רעדט — ווער מוז ניט ווערען קיין נביא?
(עמוס ג 8).

קלערער און דייטליכער קאָן ניט געזאָגט ווערען, ווי נאַריש עס איז די פריהער אָפט פאַרטראָטענע מיינונג, אַז ביי די זעהונגען און איבערלעבונ־גען פון די נביאים האַנדעלט עס זיך כלומר'שט בלויז וועגען פּאָעטישע בילדער: אויסגעטראַכטע און אָנגעגעבענע איבערלעבונגען אָדער שאַפונגען פון דער פּאָעטישער פאַנטאַזיע: צי עס האַנדעלט זיך דערביי בלויז וועגען רעדע־פאָרמען: די איינקליידונג פון דעם פּערזענליכען מאָראַלישען באַשלוס אין אַ באַזונדערס וויכטיגער פאָרם, וועלכע רייצט די אויפמערקזאַמקייט און ניט צו אַ העכערע אויטאָריטעט. גראַד דאָס אייגענע טאָן און וועלען ווערט פון די נביאים לחלוטין צוריקגעוויזען. עס לעבט אין זיי דאָס פּעס־טע באַוואוסטזיין פון מ ו ז ע ן. ניט דער פרייער ווילען אָדער די אייגענע נייגונג טרייבט זיי, נאַר דער ה ע כ ע ר ע ר מ ו ז. דער צוואַנג פון אַ קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו, וואָס קומט אָן אויף זיי מיט געוואַלד און באַצווינגט זיי מיט אַ שטאַרקערער מאַכט און ציהט זיי אַריין אָהן זייער ברירה אין דעם דינסט פון זייער אמת, דאָס הייסט פון זייער גאָט.

אַזאַ באַוואוסטזיין וואָס קומט כסדר צום אויסדרוק אונטער העכסט מאָראַלישע אפעקטען, און ביי איינצעלנע פון די נביאים אונטער אַן אינער־ליכען ווידערווילען, וואָס דרינגט אַריין ביז אין די טיפענישען פון דער נשמה, פאַרדינט אומבאַדינגט אונזער גלויבען. לכל הפחות ביי די ערשטע אויסדרוקען פון אָט דעם זאַרט, וועלכער באַשעפטיגט אונז דאָ. מיר האָ־בען דאָ ניט צו טאָן מיט פּראָדוקטען פון פּאָעטישער פאַנטאַזיע, נאַר מיט פאַקטען און איבערלעבונגען פון אַ ספּעציפישען זאַרט.

וואס פאר א זארט זיינען עס די דאזיגע איבערלעבונגען? געוויסע
פארגלייכונגען מיט עהנליכע ערשיינונגען אויסער ישראל קאנען אונז העל־
פען צו פארענטפערען די פראגע. וועגען מוהאמעד ווייסען מיר פון דעם
אראבישען היסטאריקער און טעאלאג טאבארי, אז בעת ער איז פארטיפט
געווען אין זיינע כונות, נאכדעם ווי ער האט זיך פריהער יאהרען לאנג גע־
פונען אין דער העכסטער רעליגיעזער אויפרעגונג, האט ער פלוצלונג דער־
הערט א שטים און ראז, נאך א לאנגען ארומקוקען זיך, האט ער געזעהן
אויפ'ן הימעל אן ערשיינונג. דערביי איז איהם אנטפלעקט געווארען א
שפרוך. לויט איבן איצחאק באשטייגט מוהאמעד א בארג אין דער העכס־
טער אומרוהיגקייט, ארומגעהענדיג מיט געדאנקען פון זעלבסט־מארד. דא
הערט ער א שטים פון הימעל: ס'איז דער מלאך גבריאל, וועלכער מאכט
איהם פאר גאט'ס שליח. ער ווערט דערצו גערופען. ער בלייבט שטעהן און
זעהט ארום זיך אויפ'ן האריזאנט א וואונדערליכע ערשיינונג. עהנליכע זא־
כען באריכטען אויך אנדערע וועגען מוהאמעד'ס צושטענדען און איבער־
לעבונגען. לויט בוכארי פלעגט מוהאמעד גאנץ פלוצלונג פארכאפט ווע־
רען אזוי, אז זיינע חושים פלעגען פארטונקעלט ווערען, דאך, ווי עס ווייזט
אויס, פלעגט ער ניט לגמרי פארלירען דאס באוואוסטזיין. ווען ער פלעגט זיך
אויפכאפען, פלעגט ער קודם כל זיך אפווישען דעם שוויים פון שטערן און
דאן מיטטיילען וואס ער האט פארנומען.

פון אסך א פריהעריגער צייט באריכטעט אונז דער פאפירוס גאלע־
נישטשעף, וואס איז געפונען געווארען אין 1891 און 1892 פון גאלענישטשעף
און ברוגש. די אמאן־פריסטער פון טעבען ברייגנען האלץ פאר זייער געטער־
שיף פון לבנון און גיבען דערפאר דעם קעניג פון ביבלאס געלד אדער טייי־
ערע חפצים. אט אזוי קומט אויך א געוויסער ווען־אמאן אין פינפטען יאהר
פון רעמסס דעם צוועלפטען, דאס איז ארום 1100, צום קעניג זעקאר־

---

*אן אנדער פראגע קאן זיין, אויב אין די שפעטעריגע צייטען איז מיט מאנכע
אנדערע נאכמאכונגען פון דער עלטערער נבואה אויך די זעהונג ביט געווארען א
זאך פון פארם. מיט דער דאזיגער מעגליכקייט וועט מען זיך מוזען רעכענען;
אבער זיכערע ביישפילען וועלען זיך שווערליך לאזען אויפווייזען. יעדענפאלס מא־
כען זעהונגען ווי די פון ישעיה כ"א אדער פון זכריה דורכאוים אן אורשפרינג־
ליכען איינדרוק. אויך ביי מוהאמעד דארף מען האלטען אין זינען דעם אומבא־
דינגטען גלויבען אין איהם פון זיינע געטרייע, צווישען וועלכע עס האבען זיך
געפונען אזוינע מענער ווי אמאר און אבו־בעקר.

באאל (זכר־בעל) קיין ביבלאָס. ער האָט איהם געזאָלט פּרעזענטירען מיט א געטער־בילד, וואָס איז אָבער, ווייזט אויס, ניט געווען פאר דעם קעניג א גענוגענדער געצאָהלט פאר זיינע טייערע צעדער־האָלץ. דאַן איז געשעהן, אַז „בעת ער האָט געאָפּפערט צו זיינע געטער, האָט דער גאָט פארכאַפּט איינעם פון זיינע חשיב'סטע בחורים: ער האָט איהם געמאַכט טאַנצען*) און ער האָט געזאָגט: ברייננ (דעם גאָט) אהער! ברייננ דעם שליח, וועל־כער האָט איהם ביי זיך, צו אַמאָן! שיק איהם אָפּ! לאָז איהם געהן! בעת דער טאַנצענדער האָט אָט אזוי געטאַנצט אין דער דאָזיגער נאַכט, האָב איך געפונען א שיף...“ דער עגיפּטער ווערט פארטריבען פון לאַנד

ס'איז קענטיג געווען אַז אווענד־אָפּפער: דער וואָס איז פון דער גאָט־הייט פארכאַפּט געוואָרען — מ'דאַרף פארגלייכען עהנליכעס דערצו אין תנ"ך — הייבט אָן צו „טאַנצען“ און טאַנצט דורך די גאַנצע נאַכט. און ווי עס זעהט אויס רעדט ער אין מיטען טאַנצען ארויס זיינע ווערטער. די ווערטער זיינען קלאָר און פארשטענדליך, ווענען באוואוסטלאָזיגקייט האַנ־דעלט זיך אויך דאָ ניט; און דער קעניג פאָלגט דעם שפּרוך פון דעם מאַן אָם ווענינגסטען אויף אזוי ווייט, אַז ער פארהאַנדעלט פון דאָס ניי מיט דעם עגיפּטער. דאָס געטער־בילד נעמט ער על־כל־פּנים ניט אָן; ער שטעלט צוערשט דאָס האָלץ צו, ווען ווען־אַמאָן האָט אויסגעשריבען דאָס נויטיגע גאָלד און זילבער פון עגיפּטען.

לאָמיר נאָך נעמען די שילדערונג אין במדבר כ"ב—כ"ד פון דעם ניט־אידישען זעהער בלעם. בלעם לאָזט אויפבויען מזבחות און מקריב זיין קרבנות. דאַן געהט ער אוועק אַז א זייט כדי מקבל צו זיין זיין אָראַקעל: אין א קורצער צייט ארום קומט ער צוריק און טיילט מיט וואָס ער האָט פארנומען. דאָס וואָס ער פארנעמט, איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס ער האָט געוואָלט הערען; אָבער ער מוז עס ארויסריידען אזוי ווי עס קומט איהם אָן אין דער איינזאַמקייט, אפילו ווען ער וויל ניט. ער זוכט אָהן ערפאָלג צו באַקומען אַנדערע שפּרוכען, דורך דעם וואָס ער ענדערט די מיטלען, וועלכע ער ווענדט דערביי אָן. פון וואָס פאר א מין די דאָזיגע

*) דער זין פון דעם בעצם אומבאַקאַנטען וואָרט איז אומגעפעהר געזיכערט דורך דעם צייכען פון א טאַנצענדען מאַן, וואָס שטעהט דערביי. וואהרשיינליך האָט דאָס וואָרט א באַשטימטערען זין ווי „טאַנצען“, א שטייגער „אַריינגעהן אין עקס־טאַז“. דאַן האָט עס בערך די באַדייטונג פון'ם העברעאישען וואָרט „התנבא“.

מיטלען זיינען, איז ניט גאנץ קלאר*). דערפאר איז זעהר דייטליך דאס וואס מיט איהם קומט פאר. דער אופן ווי אזוי די געטהייט קומט צו איהם אז ווערט באשריבען אין די פערזען:

„דאס איז דער שפרוך פון בלעם, דעם זוהן פון בעור,
און דער שפרוך פון דעם מאן וואס זיין אויג איז געשלאסען,
דער שפרוך פון דעם וואס הערט גאט'ס ווערטער,
וואס וויסט דאס וויסען פון דעם העכסטען,
וואס זעהט די זעהונג פון דעם אלמעכטיגען,
ער פאלט אנידער און זיין אויג איז געעפענט."

(במדבר כ"ד 3, 4).

ס'איז קיין ספק ניט, אז דא ווערט באשריבען דער צושטאנד פון א מאן אין עקסטאז. דאס אויסערליכע אויג איז געשלאסען, ער ליגט בכן אין א האלב-שלאפענדיגען צושטאנד, מיט פארטונקעלטע חושים ווי מוהאמעד, פון וועמען בוכארי זאגט, אז מ'האט איהם אין אזוינע פאלען צוגעדעקט מיט א געוואנט און איהם אונטערגעלעגט א קישען צו-קאפענס. אבער וואס מעהר דער גוף שלאפט, ווי עס דוכט זיך, אלץ וואכזאמער ווערט די נשמה. ביי דעם אזוי אנידערגעפאלענעם עפענט זיך דאס אינערליכע אויג, דער אינערליכער זין: ער זעהט און הערט זאכען, וועלכע האבען געקאנט האבען א שייכות נאר צו דער געטהייט — ער איז אריינגעטראטען אין דעם ראט פון דעם העכסטען.

ווען מיר נעמען ארויס די שותפות'ע שטריכען פון די דאזיגע בילדער, וועלכע געהערען צו פארשידענע צייטען און אומשטענדען, איז די אונטערסטע שורה דאן די פאלגענדע: ביי א גאט'ס-דינסט אדער ביי אן אנדער רעליגיעזער אויפרעגונג פונ'ם געמיט קומט פאר, אז געוויסע פון אלעמען אויסגעצייכענטע און אייגענארטיגע פערזאנען פאלען אריין אין א צושטאנד ווען זיי ווערען לגמרי אויסגעטאן פון דער דרויסענדיגער וועלט. אין יענעם צושטאנד ווערט אבער דוקא דאס אינערליכע לעבען פון דער נשמה שטאר-

---

*) במדבר כ"ד 1. צוערשט איז ער ארויסגעגאנגען אנטקעגען „נחשים" (טרעף-סימנים? כשוף?), איצט לאזט ער דעם אנקוק פון ישראל ווירקען אויף זיך — צוערשט, הייסט עס, באשווערונגען, דאן דאס קוקען מיט אויסגעשטעלטע אויגען אויף א געגענשטאנד.

קער און דערהויבענער און איז גרייט מקבל צו זיין אזוינע פיינע השפעות. וואס קאנען בשום אופן ניט צוקומען צו אנדערע מענשען און אפילו אויך ניט צו זיי גופא אין א וואכעדיגען און וואכענדיגען צושטאנד. זיי זעהען און הערען זאכען וואס דער געוועהנליכער מענש וועט קיינמאל ניט דער־נעהן, און זיי ווייסען עס ניט אנדערש, ווי נאר אז דער ראט פון דער גאט־הייט האט זיך געעפענט פאר זיי. ניט אלעמאל איז דער צושטאנד פון עקסטאז פולקום גלייך, אבער אלעמאל קומט דער עקסטאז פאר אונטער שטארקע אויפרעגונגען און צעטרייסלונגען: מ'פאלט אנידער שלאף מיט פארטונקעלטע אויסערליכע חושים אין א מין האלבען שלאף, אדער די נשמה ווערט געוואלדיג אויפגערייצט דורך א ווילדער, שרעקליכער התלהבות. וואס געהט ביז'ן גרעניץ פון משוגעת. פאר יענעם כנעני פון ביבלאס איז, ווי עס ווייזט אויס, ניט נויטיג געווען אויפצואוואכען און זיך צוריקצוקעהרען צו דעם אלטעגליכען צושטאנד, כדי מיטצוטיילען פון דער ערינערונג דאס וואס ער האט פארנומען: און ביי מוהאמעד קומט די אנטפלעקונג אין אנהויב ניט געזוכטערהייד: דער גייסט קומט איבער איהם, פאלט אן, בעת בלעם געברויכט געוויסע מיטלען איהם צו קריגען. אבער דאס זיינען ניט קיין וויכטיגע חילוקים. בעצם הערשט אויך ביי בלעם'ען דער צוואנג פון א העכערער מאכט, אזוי אז אויך ער קאן ניט טאן ווי ער וויל. און אויך ביי דעם נביא פון ביבלאס איז דער צושטאנד פון עקסטאז, דאס ארייגפאלען די גאנצע נאכט דורך, עהנליך צו די בעל־נביאים פון כרמל, אין א הייליגער ווילדער התלהבות, נאר אז אויסדרוק פון זיין ווערען אויסגעטאן פון דער וועלט און פון דער שטורעמדיגער, געוואלדיגער קאנצענטראציע אויף זיין גאט. דאס וואס ער רעדט נאך, ווי עס ווייזט אויס, פארשטענדליכע ווער־טער, איז אויך ניט קיין וויכטיגער אונטערשייד.

ווען מיר קעהרען זיך צוריק צו די אידען, געפינען מיר אסך פאר־גלייכונגען צו קענען אפשאצען אלץ וואס מיר האבען דא פריהער באגע־גענט. נאכדעם ווי מיר האבען זיך שוין באקענט מיט עטוואס עהנליכעס אויף דעם כנעני'שען בארען פון א פארהעלטענישמעסיג אלטער צייט, וועט אונז שוין מעהר ניט אויסקוקען אזוי משונה'דיג דאס וואס מיר האבען גע־טראפען אין די טעג פון שמואל און שאול און אויך ניט וועניגער דאס וואס מיר לייענען פון דער צייט און פון די קרייזען פון אליהו און אלישע. מיר דערלענען אין נביאים פון שאול'ס צייט, וועלכע ציהען ארום איבער'ן לאנד אונטער באגלייטונג פון מוזיק און רייסען מיט אנדערע מיט זיך אין זייער ווילדען ענטוזיאזם, אדער אין אליהו'ן, וועלכער לויפט ווי א שטורם פאר־

אוים פאר אחאב'ס וואגען. דאס עהנליכע בילד צו יענעם טאנצענדען. עקסטאטישען כנעני. מיר פארשטעהען ווי אזוי זייער ווילדע צעבושעטעטע התלהבות האט געקאנט פיהרען דערצו, אז מ'זאל זיי פארבייטען מיט משוגעים: דער גרעניץ איז הפנים זעהר אפט געווען א גענוג פליסיגער*). און אין אלישע'ן, וועלכער לאזט זיך אריבערטראגען דורך מוזיק אין א צושטאנד פון עקסטאז, דערקענען מיר נאך געוויסע שטריכען פון בלעם'ען. וועלכער זוכט דורך אלערהאנט מיטלען צו קריגען דעם שלאף פון אנטפלעקונג (מלכים ב, ג 15). און ענדליך דער אופן ווי מוהאמעד ווערט דער נביא פון אלאה. געפינט זיין ווידערשפיל אין ישעיה און ירמיה.

דערמיט זיינען געגעבען די באדינגונגען צו פארשטעהן אויך די שפעטערע נבואה. דער נאטור־יסוד איז דערזעלביגער, נאר ס'איז איינגעטראטען א פראצעס פון א כסדר'דיגער הייבונג און פארגייסטיגונג. די שפורען פון דעם פראצעס לאזען זיך אומעטום דערקענען.

וואס ישעיה און ירמיה דערצעהלען אונז ווי אזוי זיי זיינען גערופען געווארען צו דעם אמט פון א נביא, לאזט קיין ספק ניט איבער, אז מיר האבען דא צו טאן מיט איבערלעבונגען פון אן עהנליכען זארט. אין צייטען פון רעליגיעזער אנגעצויגענקייט און פון אויפרעגונג פון זייער געמיט פיהלען זיי זיך אין א געוויסען מאמענט אוועקגעטראגען צו דער דירעקטער נאהנטקייט פון יהוה, און זיי באקומען דארטען טיפע איינדרוקען, וועלכע באשטימען זייער גאנצען לעבען. זיי זעהען און הערען יהוה גופא. דאס זיינען ניט אנדערש ווי זעהונגס־איבערלעבונגען אין א צושטאנד פון עקסטאז. דעם פסיכאלאגישען יסוד דערפון בילדען יענע אייגענארטיגע ערשיינונגען, וועמעס פארבינדונג עס איז א ניט נארמאלע רייצונג פונ'ם נשמה־לעבען. די דאזיגע ערשיינונגען ווייזען זיך באזונדערס ארוים אין אן אויסערגעוועהנליכער פארשטארקונג פונ'ם כוח הדמיון, דערהויפט אבער אין דער פארשטארקונג פון דער פראדוקטיווער און רעפראדוקטיווער איינבילדונגס־קראפט.

ביי ישעיה'ן זעהען מיר פולקום קלאר, ווי ער פיהלט זיך איין טאג — פילייכט בעת ער האלט זיך אויף אין פאר־הויף פון בית־המקדש פארזונקען אין זיינע טיפע כונות — ניט ווילענדיג אוועקגעטראגען אין דעם הימ־

---

*) שמואל א, י און באזונדערס י"ט 24 (ער רייסט אראפ די קליידער פון לייב און בלייבט ליגען נאקעט אויף דר'ערד א גאנצען טאג מיט א גאנצער נאכט— דאס זיינען געוועהנליך סימפטאמען פון וואהנזין).

לישען הייליגטום, דאָס אורבילד פון דעם ערדישען. ער האָט בכן פאַר־לאָרען דעם וואַכענדיגען, אַלטעגליכען באַוואוסטזיין און ער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון עקסטאַז. און דאַ זעהט ער זאַכען, וועלכע מ׳קאָן אַזוי ניט זעהן, און ער הערט וואונדערליכע ווערטער. ער זעהט יהוה גופא זיצענדיג אויף אַ קעניגליכען טראָן, איינגעוויקעלט אין אַ הייליגען קעניגליכען מאַנ־טעל, וואָס פילט אויס דעם גאַנצען היכל. הימלישע גייסטער רופען אויס זיין לויב אַזוי הויך און מיט אַזאַ גערויש, אַז דאָס הויז הייבט אָן אַזש צו ציטערען. און אויף דעם הימלישען מזבח ברענט לכבוד איהם דאָס קרבן־פייער, אַזוי אַז דער דאַמף פון קרבן שטראָמט דורך דעם הייליגען רוים. ער זעהט וואָס די שרפים טוען און ער הערט דאָן זייער שטים און דאָן יהוה׳ס שטים ריידענדיג צו איהם, און נאָכדעם ווי ער האָט פון דעם דאָזיגען צושטאַנד פון עקסטאַז־חלום זיך צוריקגעקעהרט צו דעם וואַכענדיגען באַוואוסטזיין, שטעהט נאָך אַלצדינג קלאָר און לעבעדיג פאַר זיינע אויגען, אַזוי אַז זיין זכרון קאָן עס האַלטען פעסט און זיין האַנט קאָן עס אויפשרייבען. אויף אַן עהנליכען אופן האָבען מיר זיך אויך פאַרצושטעלען די רופונג פון ירמיה און יחזקאל, און געוויס האָבען מאַנכע אַנדערע געהאַט עהנליכע איבערלע־בונגען*). אָבער די איבערלעבונגען זיינען ניט באַשרענקט אויף דער רו־פונג. זיי קומען אויך פאָר אַנדערשוואו, ביי מאַנכע נביאים, ווי, למשל, ביי עמוס און זכריה, באַזונדערס אָפט, ביי אַנדערע ווייניגער רעגעלמעסיג, אָבער דאָך אין ספּעציעל וויכטיגע סיבות און אין פאַלען, וואו עס ווערען זיי מיטגעטיילט אויסערגעוועהנליך וויכטיגע זאַכען.

דער מהות און דער אויפפיהר פון די נביאים האָט אויסגעקוקט עפּעס משונה׳דיג אַלעמאָל, אויך פאַר די מענשען פון זייער צייט. שוין דער אופן גופא פון זייער צייכען־שפּראַך ברייננט דאָס מיט זיך. אויך אין זייער קליידונג האָבען זיי, ווי עס ווייזט אויס, זיך אויסגעצייכענט ניט בלויז אין דער אַלטער, נאָר אויך אין דער נייער צייט**). בכלל אָבער האָט דער מהות פון די נביאים געמוזט ווערען מיט דער צייט רוהיגער און קלאָרער.

---

*) פאַרגלייך ישעיה ו; ירמיה א; יחזקאל א. פאַרגלייך אויך דערצו אַזעלכע אויסדרוקען ווי ישעיה ח 11 („יהוה האָט מיר געזאָגט, מיך אָננעמענדיג ביי דער האַנט", עס הייסט: אין אַ באַזונדערס פאַרטרויטער צורופונג).

**) פאַרגלייך ישעיה כ 2: „נעם אַראָפּ דעם זאַק פון דיינע לענדען" — ישעיה, הייסט עס לויט דעם, האָט געטראָגען געוועהנליך דעם זאַק אַנשטאַט אַן אויי־בער־מלבוש.

אט אזוי האט יענער ניט נארמאלער צושטאנד פון עקסטאז אנגענומען ביסלעכווייז רוהיגערע, מילדערע פארמען. פון הייליגער צעבושעוועטקייט און ווילדע, צעהולעטע פארמען פון אויפטרעטען הערען מיר מעהר ניט פון 8טען יאהרהונדערט אן. זייער פלאץ פארנעמט איצט א צושטאנד פון א געוויסער לעטארגיע, פון א פארזינקען אין א האלבען שלאף, ווען מ׳נעמט קיין אנטייל ניט אין דער אויסערליכער וועלט. אפילו אין דער אנווענדונג פון דער זעהונג קענען מיר שוין באמערקען א געוויסען עלעמענט פון פארגייסטיגונג. ביי עמוס׳ן למשל (קאפ. ז און ח) קומען נאך פאר זעהונגען, גלייך אבער נאך דער זעהונג קומט איהר אויסטייטשונג און פון דער דאזיגער אויסטייטשונג פליסט ארויס די איינפאכע מוסר־רעדע; אדער ביי ישעיה׳ן ווערט געגעבען דער פראגראם פון זיין לעבענס־ארבייט אין דער זעהונג, וואו ער קריגט דעם רוף צו ווערען א נביא; דער פראגראם גופא אבער ווערט דאן אויסגעפיהרט אין אסך איינצעלנע רעדעס. ערשט ביי יחזקאל׳ען געפינען מיר ווידער אנדערע פארמען, וועלכע האבען אבער קענטיג זייער פיזישע אורזאך אין קראנקהאפטע צושטענדען, וואס האבען א נאהנטע שייכות צו עפילעפסיע אדער קאטאלעפטיק.

אבער דער עקסטאז פון א שטורעמדיגען אדער זאנפטערען זארט איז דורכאויס ניט די איינציגע פארם, אין וועלכע יהוה׳ס ווארט און ווילען קומט צו יענע מענער, אפילו ניט וואו זיי קריגען דעם רוף צו ווערען נביאים. שוין דער פריהער דערמאנטער אריבערגאנג צו דער איינפאכער מוסר־רעדע לאזט דאס דערווארטען. מיר געפינען פאקטיש ניט דערמאנט ביי עמוס׳עם רוף קיין עקסטאטישען פארגאנג. דורך א שטארקער אינערליכער זיכערקייט, וועלכע זיין געוויסען האט אויסגעטייטשט אלס גאט׳ס רוף, איז צו איהם געקומען דער אימפולס און דער הייליגער צוואנג צו ריידען אין יהוה׳ס נאמען. מיר לייענען א גאנצע מאסע רעדעס פון נביאים, אין וועלכע ס׳איז ניטא די מינדסטע אנדייטונג, אז זייער אינהאלט זאל זיין אינספירירט עפעס דורך א זעהונג. בנוגע צו דעם פרט האט ניט קיין זעהר וויכטיגע באדייטונג וואס אמאל שטעהט געזאגט, און אמאל ניט, אז דאס איז די רייד פון גאט. צי דעם נביא׳ס רעדע שטאמט פון א זעהונג אדער ניט, אין ביידע פאלען אבער וויל זי האבען די וויכטיגקייט פון יהוה׳ס ווארט. מעהר ניט אין איין פאל איז דאס ווארט פון יהוה אנטשטאנען אויף אן אנדער אופן ווי אין דעם אנדערען פאל.

מיר האבען דא צו טאן ניט מיט א דירעקטער, נאר מיט אן אינדירעקטער אינספיראציע. דאס וואס עס ווערט דעם נביא געוויזען אדער געזאגט

אין יענע שטונדען פון באזונדערער הייליגונג, אנטהאלט מעהר ווי איינצעל־נע ווערטער אדער בילדער. עס פליסען פאר איהם ארוים פון דעם רייכע געדאנקען און השפעות, וועלכע שטאמען אויך פאר איהם פון יהוה׳ס ראט. אבער זיי דארפען ערשט פארמולירט און אויסגעפיהרט ווערען. דאס וואס דער נביא ווערט דא געוואהר, מוז ער דעריבער זעלבשטענדיג אויסארביי־טען און ווייטער אנטוויקלען. דאס קערענדיל וואס ער געפינט וואקסט ביי איהם: פון די אנגענומענע הנחות ווערען שלוסען ארויסגעדרונגען. און אט אזוי ווערען געשאפען יענע רעדעס — טיילווייז גענוי אויסגעפיהרטע קונסט־רעדעס—. זיי זיינען פאר די נביאים דורכאוים דאס ווארט פון זייער גאט, אבער באמת זיינען זיי שוין דורכגעגאנגען דורך זייער שטארקער סוביעקטיוויטעט. אט די סוביעקטיוויטעט פון די נביאים האט צוגעגעבען א נייע געשטאלט צו דעם קערענדיל, וואס זיי האבען מקבל געווען. כאטש זיי גופא איז דאס גאר ניט אזוי קלאר באוואוסט.

העכסט אייגענארטיג און ווידער דורכאוים אונטערוווארפען אונטער דער פארענדערונג פון די צייטען איז דערביי די שייכות פון דער פערזאן צו דער זאך. אין אנהויב שטעהען די נביאים פולקום פאסיוו צו דער זאך. די אלטע נביאים גיבען איבער נאר דאס וואס זיי זעהען און הער־רען. נאכצוקלערען וועגען דעם איז ניט זייער זאך און עס פאלט זיי גאר ניט איין. אזוי איז עס נאך ביי עמוס, יהושע, ישעיה. זייער פערזאן געהט נאך אויף אין דער זאך גופא: דארטען וואו זיי קלערען וועגען דעם נאך. טוען זיי עס ריין אביעקטיוו און אויף אזא׳ן אופן, אז זיי טיילען מיט דאס וואס זיי דרינגען ארוים פון דעם געזעהענעם. אלצדינג וואס זיי זאגען, איז פאר זיי ניט אנדערש ווי יהוה׳ס ווארט. מיט דער צייט אבער ענדערט עס זיך. ירמיה איז כאראקטעריסטיש פאר דעם. איצט האט אויך דער סוביעקט אויפגעוואכט אין דעם נביא. ער הייבט אן נאכצודענקען וועגען דאס געהערטע און נעמט א שטעלונג צו דעם. אט אזוי ברעכט זיך דורך די אייגענע פערזענליכקייט נעבען דער גאטהייט, און ביידע, זאך און פער־זאן, גאט און די אייגענע אינדיווידואליטעט קענען אפילו זיך שטרייטען. דער נביאי׳שער א י ד איז אויפגעוועקט, דער נביא איז געווארען א ר ע ל י ג י ע ז ע ר ד ע נ ק ע ר. דערמיט איז עטוואס דערגרייכט גע־ווארען, וואס קאן באטראכט ווערען אלס דאס העכסטע. — אבער אויך עט־וואס וואס איז פרעמד געווען דעם מהות פון דער נבואה. סוף־כל־סוף מוז די נבואה ענטוועדער זיין א זאך פאר זיך אליין אדער זי קאן גאר ניט זיין. דעם באוויז פאר דעם גיט די ווייטעריגע אנטוויקלונג. דער באטרא־

טענער וועג ווערט פארטגעזעצט, און זינט דעם צווייטען ישעיה (ישעיה פון קאפ. מ און) קומט דער סוביעקט אלץ מעהר און מעהר ארויס שטאר־קער. אזוי אז מיט דער צייט זעהט אוים ווי עס וואלט שטעהן א מחיצה צווישען יהוה און דעם נביא*). און א נייע פערזאן מוז ארייגעפיהרט ווע־רען אלס פארמיטלער צווישען זיי. דאס איז דער מלאך פון זכריה. אזא'ן אבסטראקטער גאט האט ניט קיין נביאים, נאר כהנים; ס'איז דערמיט צוגעגרייט דער וועג פאר דער תקופה פון דער כהונה. — —

ס'איז זעלבסטפארשטענדליך, אז מענער, וועלכע האבען אזוינע אי־בערלעבונגען זאלען ווערען פ א ל ק ס ־ ר ע ד נ ע ר און אז אונטער געוויסע אומשטענדען זאלען זיי ווערען ש ר י פ ט ש ט ע ל ע ר. דאס וואס זיי איבערלעבען איז דאך זיי געגעבען געווארען, כדי זיי זאלען עס קאנען מיטטיילען צו אנדערע. עס זיינען קענטיג פון אנהויב אן געווען צוויי הויפט־פארמען פון מיטטיילונג. אין דעם עקסטאז גופא ווערען ארויס־געלאזען איינצעלנע, פיליכט נאר האלב־פארשטענדליכע ווערטער, וואס מר־זען אויסגעטייטשט און דערקלערט ווערען, אדער קלאנגען וואס זיינען א מין ריידען מיט'ן צונג, אדער אויך איינצעלנע אפגעריסענע ווערטער אדער זאץ־טיילען און גאנץ קורצע זאצען. אז דאס ריידען אומפארשטענדליכע ווערטער דערמאנט אונז דער אופן ווי אזוי ישעיה מאכט חוזק פון זיינע געגנער (כ"ח 10): זיי שטאמלען ווי שיכור'ע. דאס ריידען אין אפגעריי־סענע ווערטער און קורצע זאצען זעהט זיך נאך אין די אפגעריסענע באפעהלען פון דעם אויבען דערמאנטען כנעני פון ביבלאס אין זיין עקסטאז. אין די אויפגערעגטע זשעסטען פון יחזקאל'ען בשעת ער רעדט דערקענען מיר נאך דאס נאכציטערען פון ריידען אין עקסטאז גופא**). אבער דער כלל איז הפנים פון אנהויב אן געווען, אז דאס איבערגעלעבטע ווערט ערשט מיטגעטיילט אין וואכעדיגען צושטאנד, צי אלס פשוט'ע דערצעהלונג און ווידערהוילונג, צי אין א פרייער פארם. אין אט דעם פאל ווערען די נביאים ממילא עפענטליכע רעדנער. מיר מוזען זיך פארשטעלען ווי זיי טרעטען אויף ביי די פארשידענסטע געלעגענהייטען, וואו נאר זיי קענען געפינען מענשען פארזאמעלט אין א גרעסערער צאהל: ביים טויער פון

---

*) פארגלייך ישעיה מ 3, 6 די שטים פון דער יענזייטיגער וועלט; ישעיה כ"א דעם וועכטער, דעם ארויסקוקער נעבען יהוה און דעם נביא.

**) יחזקאל ו 11 (אין די הענט קלאפען, מיט די פים טופען).

שטאָדט, אויף פרייע פּלעצער, אין פאָר־הויף פון א טעמפּעל, באַזונדערס אין די טעג פון יום־טוב**).

די רעדעס זיינען אָפט גענוג געהאַלטען געוואָרען אין דער העכסטער אויפרעגונג. פון איינצעלנע רעדעס פון עמוס אָדער ישעיה וועהט אונז נאָך היינט אַנטקעגען א געוואַלדיגע ליידענשאַפט און א שטורעמדיגע וויר־קונג. און באַגלייט זיינען די רעדעס געווען ניט בלויז מיט לעבהאַפטע זשעסטען. כדי בולט צו מאַכען דאָס וואָס זיי ווילען זאָגען, באַגלייטען די נביאים זייער רעדע ניט זעלטען דורך אייגענאַרטיגע „צייכענס". דאָס זיי־נען סימבאָלישע האַנדלונגען, אילוסטראַציעס פון דער רעדע דורך אַן אור־מישנע משונה'דיגען אויפפיהר וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, כדי צו רייצען דערמיט די אויפמערקזאַמקייט און צו דערוועקען די פראַגע: „וואָס קאָן דאָס באַדייטען?" „וואָס וויל ער זאָגען דערמיט?" די דאָזיגע ציי־כענס זיינען אָהן א ספק אוראַלט און שטאַמען פון א צייט, ווען מ'האָט נאָך וויינציג וואָס געשריבען און אויך פאַר דעם נביא איז נאָך די צוזאַמענ־הענגענדע רעדע ניט געווען דער געוועהנליכער מיטעל אויסצודריקען זיינע געדאַנקען. אין אַזעלכענע אומשטענדען דריקט דעם עיקר אוים א האַנדלונג וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, און דער נביא באַדאַרף נאָר געבען א קור־צע דערקלערונג. אינ'ם ווייטערדיגען פאַרלויף פון דער צייט האָט זיך די דאָזיגע צייכען־שפּראַך אָפט דערהאַלטען, דאָס רוב כדי צו רייצען די אויפ־מערקזאַמקייט און כדי צו געבען א שאַרפע אילוסטראַציע פאַר א רעדע אָדער א שפּרוך. ווי משונה'דיג און כמעט אַפשטויסענד די דאָזיגע צייכענס זיי־נען אָפטמאָל, איז באַקאַנט. שוין איינער פון די גענגער פון מיכהו בן ימלה לאָזט זיך מאַכען אייזערנע הערנער, און אַנדער נביא פון דערזעלביגער צייט זאָל זיך האָבען געלאָזט בלוטיג צעשלאָגען, יענער כדי אָנצודייטען א נצחון, דער צווייטער כדי אָנצודייטען א נידערלאַגע פונ'ם קעניג (מלכים א, כ"ב 11 : כ 35—37). ווען ישעיה געהט אַרום האַלב נאַקעט, ווען ירמיה לאָזט זיך אַרויפציהען א יאָך אויפ'ן האַלז ווי אַן אָקס, ווען יחזקאל באַלאַגערט מיט א בראָט־פאַן דאָס בילד פון ירושלים וואָס איז אויסגעקריצט אויף א ציגעל־שטיין — אין אַלע דריי פאַלען כדי אָפּצומאָלען דעם גורל פון זיין לאַנד אָדער פון די שכנות'ע פעלקער — דאַרף מען פילייכט אָננעמען על־פּי השערה, אַז דאָ האַנדעלט זיך ווענען דעם צו געברויכען אומישנע פאַרעלטערטע אויסדרוק־מיטלען, וועלכע זיינען געווען גאַנגבאַר ביי די אַל־

**) פאַרגלייך עמוס ז 13 : „דאָס איז א קעניגליך הייליגטום."

טע עקסטאז־מענער און וועלכע די שפעטעריגע האבען נאכגעטאן (ישעיה כ: ירמיה כ"ז: יחזקאל ד).

אבער וואס ווייטער די צייט געהט, אלץ מעהר ווערען די אידען א פאלק וואס שרייבט און לעזט. :אויך די נביאים באנוצען זיך מעהר מיט דער שריפט. זיי ווערען שריפטשטעלער. אין א קלענערער מאס זיי נען זיי עס שטענדיג געווען. אויב מ'האט געוואלט רופען שריפטשטעלער איינעם, וועלכער האט אויפגעצייכענט איינצעלנע ווערטער אדער שפרוכען און האט זיי אויף אזא'ן אופן באקאנט געמאכט צו לייט. ווארים מיר האבען קיין גרונט ניט אנצונעמען, אז געוואוינהייטען, וואס מיר קענען פעסט־שטעלען זינט עמוס און ישעיה, האבען זיך נאר וואס געהאט אנגעהויבען מיט זיי. שפורען פון איינצעלנע אראקלען וואס זיינען שוין פריהער געווען אויפגעשריבען*), גיבען אונז א מעגליכקייט זיך משער צו זיין, אז מאנכע על־טערע נבואות זיינען אונז פארלארען געגאנגען. פון עמוס'ן אן האבען מיר יעדענפאלס גענוג ראיות, אז די דאזיגע געוואוינהייט צו שרייבען איז גע־ווארען אן אפטע ערשיינונג, און מיר מוזען דעריין זעהן דעם נאטירליכען פועל־יוצא דערפון וואס די אידען זיינען זינט א געוויסער צייט אריינגע־טראטען אין דער עפאכע פון ליטעראטור. נאטירליך איז נאך דערווייל קיין רייד ניט פון פארפאסען ביכער פון נבואות. אחוץ וואס די נביאים צייכענען אויף איניגע ווערטער פאר עדות, כדי מ'זאל אין דער צוקונפט האבען א געשריבענעם באוויז, אז געוויסע פאקטען זיינען לאנג שוין פאראויסגע־זאגט געווארען**). הייבען זיי הפנים אן זייער שריפטשטעלערישע ארבייט דערמיט וואס זיי שרייבען אויף איינצעלנע שפרוכען אדער איינצעלנע קיר־צערע אדער לענגערע רעדעס און פארטיילען דאס צווישען מענשען, כדי צו געבען די מעגליכקייט די צוהערער איבערצולייענען אין דערהיים דאס וואס זיי האבען געהערט און דאס איינצוקריצען אין געדאנק און אין זכרון: נאך מעהר אבער כדי אז די וואס זיינען ניט דערביי געווען זאלען הערען דאס וואס זיי, די נביאים, האבען צו זאגען דעם פאלק. אט אזוי דארפען

*) די נבואות אויף מואב, ישעיה ט"ו; בלעם'ס אראקלען; יעקב'ס און משה'ס ברכות פון בראשית מ"ט און דברים ל"ג. די גאט־שפרוכען אין בראשית ג 14—19; י"ב 1—3; כ"ז 27—29 און אזוי ווייטער.

**) פארגלייך ישעיה ח 1: „למהר שלל, חש בז" ווערט אויפגעשריבען אויף א טאוועל; ח 16; באשטימטע ווערטער ווערען באהאלטען פארזיגעלטערהייד. פאר־גלייך ל 8.

מיר זיך פארשטעלען די ערשטע התחלות פון די נביאים־ביכער אין דער פארם פון איינצעלנע רעדעס און קורצע זאמלונגען פון איינצעלנע שפרוכען און רעדעס, אשטייגער ווי די פלוג־בלעטער און פלוג־שריפטען אין פאליטיש און רעליגיעז אויפגערעגטע צייטען ביי אנדערע פעלקער: ווי, למשל, אין דער צייט פון דער רעפארמאציע. פון די איינצעלנע בלעטער ווערען מיט דער צייט קלענערע זאמלונגען און פון די זאמלונגען ווערען ביכער. אזוי אם ווענינסטען ביי ישעיה'ן*) און קענטיג אויך ביי עמוס'ן און ביי מאנכע אנדערע. בעת ירמיה ווארט 23 יאהר און גיט דאן ארויס א גרעסערע זאמלונג פון רעדעס.

האבען די נביאים געשריבען און גערעדט איז פראזא אדער איז פאעזיע? מיר ווייסען, אז די אראקלען און שפרוכען פון די זעהער ביי די גריכען האבען דאס רוב געטראגען די געבונדענע פארם. זעהער און דיכטער זיינען איינס. אין ביידען לעבט א גאט. די נבואות וואס דער נביא באקומט אין א מאמענט פון הייליגער באגייסטערונג טראגען ממילא אין זיך דעם כאראקטער פון דעם באוועגטער נשמה־שטימונג. פון וועלכער זיי זיינען ארויסגעפלאסען. אט אזוי מערקען מיר א ריטם אין בלעם'ס שפרוכען אדער אין די גאט־שפרוכען פון בראשית**), הגם אט די לעצטע האבען נים קיין דירעקטע שייכות צו נביאים. דאסזעלביגע מוז מען אויך אננעמען ביי נתן, אליהו און אנדערע, אפילו וואו מיר קענען עס היינט מעהר ניט נאכווייזען. ס'איז דערפאר בשום אופן ניט קיין חידוש. נאר דורכאויס גאנץ נאטירליך, וואס מיר געפינען די געבונדענע פארם אויך שטארק פארטראטען ביי די קומענדיגע שריפטליכע נביאים. מיר מעגען אננעמען, אז לכתחילה איז די געבונדענע פארם געווען די הערשענדע, צי אין דער שטרענגערער פארם פון דעם קונסט־געדיכט, צי אין דער פרייערער ריטמיש באוועגטער פאעזיע. ביי אט דער לעצטער פארם זיינען די גרעניצען צווישען פאעזיע און פראזא נים זעלטען פליסענד און מיר זיינען אפטמאל בספק, צי מיר האבען דא צו ריידען פון ריטמיש באוועגטער, רעטארישער פראזא אדער פון פרייער פאעזיע. דאס איז ניט דערפאר ווייל מיר

---

*) קיין דירעקטע ראיות, אז ס'איז אט אזוי צוגעגאנגען, האבען מיר ניט; אבער פון דעם סדר ווי די רעדעס זיינען אראנזשירט אינ'ם בוך איז דאס וואחרשיינליך.

**) זעה די ערשטע באמערקונג אויף דער פריהערדיגער זייט.

זיינען ניט זיכער אויב דער טעקסט האט זיך ריכטיג דערהאלטען, נאר דאס ליגט גיכער אין דעם כאראקטער פון דער זאך גופא. וואס מעהר די נבואה געהט אריבער פון דעם קורצען שפרוך צו דער לענגערער רעדע, און וואס מעהר די סוביעקטיוויטעט און די נאכקלערונג ווערט אריינגעמישט אין דער רעדע, אלץ מעהר האט געמוזט צוריקטרעטען דאס דירעקטע, דאס וואס דריקט אויס די באוועגונג פון דעם נביא'ס נשמה. אנשטאט דעם קומט איצט א רוהיגע שטימונג פון דער נשמה, וועלכע דריקט זיך אויס אין א ווייניגער געבונדענער פארם און צולעצט אין דער פראזא.

נאטירליך וואקסט צוזאמען דערמיט דער שריפטשטעלערישער כא־ראקטער פון די נביאים און דער איבערגאנג פון דער נבואה ביסלעכווייז פון א מונדליכער רעדע צו ריינער ב ו ד ־ נ ב ו א ה. שוין ביי ירמיה'ן, נאך מעהר ביי יחזקאל'ען און אין גאנצען ביי חגי און זכריה, מוז מען זיך פרעגען, אויב געוויסע טיילען פון'ם בוך זיינען גאר איבערהויפט ווען גע־רעדט געווארען אין זיינען ניט זיכער לכתחילה געשריבען געווארען, כדי אויפ'ן פלאץ פון דער אמאליגער פאלקס־רעדע צו ווירקען נאר אלס בוך און אויסשליסליך אלס בוך. דער נביא איז דא בכלל ניט מעהר קיין רעדנער, נאר בלויז א שריפטשטעלער, און די פארם פון די רייד איז בעיקר דאמאלסט געווען געהויבענע, רעטארישע פראזא. נאטירליך איז אויך דא דער כלל ניט געווען אהן אן אויסנאם. דער צווייטער ישעיה (פון קאפ. מ און) איז אויך קענטיג געווען א בוך־נביא; שוין די אויסערליכע אומשטענדען פון'ם גלות האבען שווער געמאכט דאס אויפטרעטען אין אן עפענטליכער רעדע; ער אדרעסירט זיין פאלק דורך דער שריפט, כאטש ער איז גלייכצייטיג אויך א גרויסער דיכטער. דאך האבען מיר שוין דא צו טאן מיט עטוואס ווי קונסט־דיכטונג; זיין בוך אנטהאלט ניט מעהר נביאים־רעדעס אין שטרענגען זין. נאר דערהויפט דרשות און איבערצייגענדע (פארענעטישע) געדיכטען, זיך סומך זייענדיג אויף עלטערע נביאים־רעדעס, באזונדערס אויף די רעדעס פון ישעיה'ן. אבער עס געפינען זיך אין די טיילען פון ספר ישעיה, וועלכע שטאמען פון גלות בבל און נאך פון שפעטער, ניט ווייניג אויסנאמען פון נבואה אין א שטרענגען זין. טיילווייז זיינען זיי דער נאך־וואוקס פון דער עכטער ארט נבואה, טיילווייז זיינען זיי קינסטליכע נאכבילדונגען.

אבער אויך דא, פונקט ווי אויבען ביים פארהעלטעניש צום אביעקט, איז עס זעלבסטפארשטענדליך, אז מיט אזא גרינטליכער אומענדערונג פון דעם עצם פון דער זאך איז די זאך גופא געשטעלט געווארען אין געפאהר.

דערמיט וואָס די נבואה הייבט אָן צו ווערען בעצם אַ ליטעראַרישע ערשיי־נונג. גראַבט זי זיך אַליין אונטער. זי געהט אַריבער צו די הייליגע גע־שריבענע זאַכען און ווערט אַן עניין פאַר די סופרים, אַ זאַך פון דער שריפט־ליכער געלערזאַמקייט. דעם פּלאַץ פון דער לעבעדיגער רעדע פאַר׳ן פאַר־זאַמעלטען פאָלק פאַרנעמט די פאַרלעזונג פון אַ טעקסט פון די נביאים פאַר דער געמיינדע ביים גאָט׳ס־דינסט. און נעבען דער תורה שטודירט מען אויך די ביכער פון די נביאים. אַט אַזוי האָבען איין חלק פון דער ירושה פון די נביאים אַריבערגענומען די כהנים, דעם אַנדערען טייל די סופרים.

3.

עמוס און הושע.

ניט ביי אַלע שריפטליכע נביאים גיט זיך אונז איין אַרויסצוקריגען עפּעס זיכערעס בנוגע צו דער צייט פון זייער אויפטרעטען. דער ערשטער צווישען זיי, וואָס מיר זיינען זיכער מיט זיין צייט, איז ע מ ו ס. פון יהודה לויט געבורט, שטאַמענדיג פון דעם שטעטיל תקוע וואָס ליגט ביי בית־לחם, טרעט ער אויף אונטער ירבעם דעם צווייטען. פאַראויסזאָגענדיג אומגליק אויף דעם קעניגרייך ישראל. זיין צוזאַמענהאַנג מיט די רכבים איז לייכט צו דערקענען. וואָס איהם טרייבט איז ניט מחמת ער געהערט צו דעם קלאַס פון די נביאים אָדער ווייל ער האָט זיך לאַנג צוגעגרייט דערצו איז דעם קרייז פון די בני הנביאים. לויט זיין בעשעפטיגונג גיט ער זיך גאָר אָפּ מיט׳ן האָדעווען בהמות*) און פלאַנצען סיקאַמאָרען (שקמים). אָבער דער רוף פון יהוה, וועלכער איבערוועלטיגט דעם מענשען פונקט ווי אַן איי־בערמעכטיגער נאַטור־כוח, האָט איהם „אַוועקגענומען פון דער סטאַדע" און איהם דאָס מויל געעפענט:

---

*) דאָס באַדייט „נוקד", ניט אַ פּאַסטוך־קנעכט וואָס דינט ביי אַן אַנ־דערען. אַזוי ווי תקוע בריינגט היינט ניט אַרויס קיין סיקאַמאָרען, בית־לחם און די אומ־געגענד אָבער יאָ, קאָן עס דערפאַר געמאָלט זיין, אַז ער איז געווען אַ פאַרמעגליכער איינגענטימער (דער אויסדרוק „אַוועקגענומען פון דער סטאַדע" אין ז 14 איז ניט קיין סתירה דערצו), וועמעס פלאַנצונגען האָבען זיך געפונען אויסווערטס. אַט אַזוי דערקלערט זיך בעסער עמוס׳עס בילדונג און זיין ווייטער און זיכערער פּאָליטישער בליק איידער ווען מ׳נעמט אָן, אַז ער איז געווען אַ פּשוט׳ער קנעכט.

„געהען צוויי צוזאמען, ניט האָבענדיג פריהער אפגערעדט?
ברומט א ליוב אין וואלד, אויב ער האָט ניט קיין פארצוקונג?
לאָזט הערען דער יונגער ליוב זיין שטים פון זיין היהל, אויב ער האָט
ניט געפאַנגען?...

דער ליוב ברומט — ווער מוז זיך ניט שרעקען?
דער האר יהוה רעדט — ווער מוז ניט ווערען קיין נביא?"
(עמוס ג 3, 4, 8).

וואס ער האָט צו זאגען אין יהוה'ס נאמען איז ניט קיין קלענערע זאך ווי דאָס, אז עס האלט ביים ענד מיט דער מלוכה, דעם פאָלק און דעם קעניגטום פון ישראל. יהוה, וועלכער האט באשאפען דעם הימעל און די ערד און קי־רעוועט די שטערן, איז א גערעכטער גאָט, די מאָס פון ישראל'ס זינד איז שוין אבער לאנג פול, עס קומט באלד דער טאָג פון יהוה'ס משפט, עס פאלט באלד אראָפּ די צייטיגע פרוכט (עמוס ח 1, 2). מ'הערט ווי עס רעדט דער פאסטוך פון בית־לחם און פון מדבר יהודה ווען ער רופט אויס:

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה:
פונקט ווי א פאסטוך ראטעוועט פון דעם ליוב'ס מויל
צוויי קניה אָדער א לעפעל פון אן אויער,
אַזוי וועלען זיך ראטעווען די קינדער פון ישראל,
וועלכע ליגען אין שומרון אויפ'ן ברעג פון דיוואן
און אויפ'ן דאמאסטענעם קישען."

„וועה, די וואס וואַרטען אויף דעם טאָג פון יהוה!
וואָס וועט איהר האָבען פון דעם טאָג פון יהוה?
ער איז פינסטערניש און ניט ליכטיגקייט: —
אַזוי ווי א מענש וואָס אנטלויפט פון דעם ליוב,
און עס טרעפט איהם דער בער:
ער קומט אַריין אין הויז,
לעהנט אָן זיין האַנט אָן וואַנט,
און עס בייסט איהם איין אַ שלאַנג."
(עמוס ג 12; ח 18, 19).

עס הייסט ניט, אַז יהוה׳ס גרויסער טאָג וואָס שטעהט פאַר איז דער ערשטער ״משפּט״ איבער זיין פאָלק. שולד און זינד זיינען לאַנג שוין געווען, דעריבער האָט מען אויך געהאט צו פיהלען גאָט׳ס שטראָף. אבער קליינע שלעק, ווי א שלעכט גערעטעניש און א יקרות, א טריקעניש, א בראַנד און א היישעריק, אפילו פּעסט און ערד־ציטערניש, פון וועלכע מ׳האָט גע־ליטען אין דער לעצטער צייט, האָבען ניט געבראַכט די געווינשטע רע־זולטאַטען*). עס בלייבט נאָר איבעריג, אז יהוה זאָל הייסען ישראל גופא אונטערגעהן, כדי צו דערגרייכען דערמיט זיין ציל. עמוס זעהט שוין די לויה און ער פאַרנעמט דאָס קלאָגען און יאָמערען, ער אליין באַקלאָגט שוין זיין פאָלק מיט א קלאָג־ליד אויף א טויטען:

„געפאלען, ניט מעהר אויפצושטעהן,
איז די יונגפרוי פון ישראל!
אויסגעשטרעקט אין איהר אייגענעם לאַנד,
און קיינער הייבט זי ניט אויף!

„אויף אַלע פּלעצער איז אַ קלאָג,
אין אַלע גאַסען רופט מען: אוי! וועה!
דעם לאַנדמאַן רופט מען צו דעם טרויער,
און די קלאָג־געלערענטע צום קלאָג.
אין אלע וויינגערטנער איז א יאָמער —
וואָרים איך געה דורך ביי דיר אין מיטען, זאָגט יהוה.“
(עמוס ה 2, 16, 17).

די סיבה פון אָט דעם גאַנצען אומגליק און חורבן איז ממש מיט דער האַנט אָנצונעמען. אומעטום זעהט מען אומרעכט און עולות, אומדערבאַ־רימליכע דריקונג פון די אָרימע, מיאוס׳ע קאָרופּציע צווישען די ריכטער, אָפענע עקספּלואַטאַציע פון די שוואכע, דערביי לוקסוס, וואוילטאָג און א באַקוועם לעבען מיט דער הילף פון אומגערעכטע געווינסען: בעלי־חובות, וואָס קענען ניט צאָהלען, ווערען פאַרקויפט פאַר קנעכט צוליב א פּאָר שיך:

---

*) עמוס ד 6—11. די ערד־ציטערניש געפאלט לויט א 1 (פארגלייך זכריה י״ד 5) צוויי יאָהר נאָך עמוס׳עס ערשטען אויפטריט. עס געהערט בכן אין דער צייט צווישען זיין ערשטען אויפטריט און דער אויפשרייבונג און ארויסגעבונג פון זיין בוך.

פון זשעדנעקייט נאך אומגערעכטע ריווחים קאן מען שוין קוים דערוואר־
טען, אז די רוהע־טעג, שבת און ראש־חודש, זאלען פארביי, כדי מ'זאל זיך
שוין האסטיג קענען נעמען צו וואוכער און באטרוג מיט פאלשער מאס און
געוויכט (עמוס ב 6 ה 10—13; ח 4—6). מאן און ווייב האבען א גליי־
כען חלק אין די עולות; נאך מעהר, די ווייב טרייבט נאך דעם מאן אז
צו נידערטרעכטיגע פארדינסטען: „שאף געלט, כדי מיר זאלען טרינקען!"
(עמוס ד 1). אחוץ פעטע סעודות פארשטעהט מען אויך ווי זיך צו באנו־
צען מיט דעם זינדיגען געלט. פרעכטיגע בנינים פון געהאקטע שטיינער
מיט טייערען איינזאץ פון עלפענביין, וואוינונגען אין שטאדט פאר ווינ־
טער און הייזער צו לאנד פאר זומער, גערטנער און וויינגערטנער, פרעכטיגע
דיוואנען פאר לוסטיגע סעודות, זאלב־אויל, שפיל און געזאנג דינען דערצו.
אז מ'מאכט זיך אין שומרון זים דאס לעבען און מ'פארגעסט דעם בראך פון
יוסף (עמוס ג 12, 15; ה 11; ו 1—6).

אבער נאך ערגער ווי דאס אלצדינג איז די עפענטליכע אפקעהרונג פון
יהוה. מען איז אפילו זעהר היציג אין דינען גאט אויסערליך. אבער צי קען
מען דען אפקויפען יהוה מיט געשאנקען ווי מ'קויפט אפ די אידישע ריכ־
טער ביי א משפט? קאן מען דען געווינען זיין ליטזעליגקייט דורך ימים־טובים
און קרבנות, דורך לידער־ און הארפען־שפיל? (עמוס ה 21—25). און אלס
צוגאב נאך: וואלט לכל הפחות אט דאס נאך צוגעגאנגען ווי עס געהערט
צו זיין! אבער וואס די אידען טוען איז פשוט'ער געצענדינסט. זייערע היי־
ליגע ערטער, בית־אל, גלגל, באר־שבע, זיינען געצען־ערטער, זייערע מזבחות
זיינען געווארען פלעצער פון עברות, וואס מוזען פאלען. צו שווערען ביי
דעם גאט פון דן און ביי דעם עולה־רגל זיין קיין באר־שבע איז א זינד
(עמוס ג 14; ד 4 ה 5; ז 9; ח 14). עס הייסט ניט, אז זיי פראקטי־
צירען אז אמת פרעמדען קולט, ווי אשטייגער דעם בעל־דינסט. יהוא'ס די־
נאסטיע האט געהאט צו פארדאנקען איהר טראן דעם קאמף געגען בעל,
און אין עמוס'עס צייט, ווי עס איז פון אלעמאל געווען אין דעם קעניגרייך פון
צפון, איז בית־אל דאס קעניגליכע הייליגטום. בנוגע צו רעליגיאן האט
ירבעם בן יואש קענטיג ניט אנדערש געדענקט איידער ירבעם בן נבט און
יהוא. די נביאים האבען אבער אונטערדעסען געלערענט די אידען צו קוקען
אנדעריש אויף די אלע זאכען. דעם בילדער־דינסט פון בית־אל און דן האט
אליהו נאך געדולדעט: די ערטער וואו דאס איז פראקטיצירט געווא־
רען זיינען נאך געהערט און פארהערליכט געווארען פון דעם יהוי'סט און
דעם אלהי'סט: אבער איצט איז דער בילדער־דינסט געווארען גלייך צו גע־

צענדינסט און זיינע הייליגע פלעצער זיינען געווארען גלייך צו די במות פון בעל.

עס איז מערקווירדיג וואס עמוס זאגט צומאל ניט איין ווארט וועגען דעם, דורך וועמען און ווי אזוי יהוה׳ס פסק-דין וועט דורכגעפיהרט ווערען איבער ישראל. ער באגנוגענט זיך צו געבען די רעזולטאטען פון דער שטראף פאר׳ן קעניג און פאלק. ער איז כולל אלצדינג צוזאמען אין די ווערטער:

„דורכ׳ן שווערד ... ירבעם שטארבען
און ישראל מוז פארטריבען ווערען פון זיין לאנד.“
(עמוס ז 11).

דאך וואס און וועמען ער מיינט דערמיט איז פולקום קלאר. און זיין ווארנונג האט געמוזט זיין ווירקזאמער, ווען ער האט גענענט אנווייזען אויף אשור אלס אויף א מאכט, וועלכע איז באקאנט יעדערען אין לאנד, און וועלכע ער דארף גאר אפילו ניט דערמאנען מיט׳ן נאמען.

כאטש יהוה האט געשווארען, אז ישראל זאל איצט אונטערגעהן, דאך זאל ישראל פארט ניט אפגעווישט ווערען פון דער ערד. גאט׳ס גנאד איז גרעסער איידער די שולד פון די מענשען. אמת טאקע, דאס הויז פון ישראל זאל צעטרייסעלט ווערען צווישען אלע פעלקער, ווי מ׳שאקעלט ווייץ אין א זיפ: און וואהרשיינליך נעמט ער אן, אז אויך מיט יהודה וועט ניט בעסער געהן*). אבער אמאל אין דער צוקונפט וועט יהוה ווידער אויפריכטען זיין פאלק, וואס וועט געלייטערט ווערען דורכ׳ן אומגליק, כדי עס זאל ווידער שטעהען אין זיין פולען גלאנץ ווי פריהער. דאן וועט קומען איבער ישראל א צייט פון שפע. „די בערג וועלען טריפען פון זאפט, און די היגלען וועלען פליסען. און איך וועל זיי ווידער איינפלאנצען אין זייער לאנד, און זיי זאלען מעהר ניט אויסגעריסען ווערען פון זייער לאנד וואס איך האב זיי געגעבען, האט געזאגט יהוה, דיין גאט“**).

---

*) פארגלייך ו 1 („וועה, איהר זארגלאזע אין ציון“). לויט דעם זיינען צו באאורטיילען אזוינע שטעלען ווי ט 11.

**) עמוס ט 13—15. לויט אסך ביבעל-פארשער איז עמוס ט פון פסוק 8 ביז׳ן ענד: די שארפע אונטערשיידונג צווישען ישראל און יהודה און דער ארויסקוק אויף א פרעהליכער, גליקליכער צוקונפט, א תוספה צוגעשטעלט פון אן איבערשרייבער פונ׳ם בוך נאכ׳ן גלות בבל. ת. ש.

ס'איז גאר קיין חידוש ניט. וואס עמוס האט מיט זיינע שארפע רייד זיך פארשאפט וועניג פריינד אין דער צפון־מלוכה. בעת ער האט פאראויסגעזאגט אין בית־אל דעם אונטערגאנג פון ישראל'ס היילינגטימער צוזאמען מיט ירבעם'ס הויז האט איהם דער כהן אמציה פאר'מסר'ט ביים קעניג, אז ער איז א לעסטערער און ער האט איהם ארויסגעשיקט פון לאנד (ז 10). וואס פון איהם איז געווארען, ווייסען מיר ניט: ס'איז גענוג, אז ער האט אונז א בוך געשאנקען. —

אבער עמוס'עס זאט איז ניט געווען אומזיסט. א קורצע צייט נאך איהם, נאך אונטער ירבעם דעם צווייטען, טרעט ארויף אויף דער סצענע א מאן פון אפרים גופא, וועלכער זעצט פארט עמוס'עס טעטיגקייט, דאס איז הושע בן בארי. ער ווירקט נאך אויך נאך ירבעם'ס טויט און האט יעדענפאלס איבערגעלעבט די מהומות נאך ירבעם'ן און מנחם'ס אונטערווארפונג אונטער אשור: פיליכט האט ער נאך אויך איבערגעלעבט די נעכסטע פאלגענדע צייט. אויף שריט און טריט ווערט אנגעדייט אויף דעם יאמער, וואס דער חיל פון אשור ברייננגט אויף די פעלקער, און אויף די זעלבסטמערדערישע פארטיי־שטרייטיגקייטען אין ישראל. אויך אין הושע'ס בוך גיט דער צוזאמענברוך פון דער נאציאן דעם גרונט־טאן וואס באהערשט אלצדינג. גלייכצייטיג אבער ציטערט הושע פון שרעק פאר דעם געדאנק. וואס עס קאן ווערען פון אזא פאלק ווי ישראל, ווען עס זאל אמאל פארפלאנצט ווערען אין א טמא'ן לאנד*).

א פערזענליכע איבערלעבונג מאכט הושע'ן פאר א נביא**). זיין פרוי,

---

*) דער טעקסט פונ'ם בוך איז שרעקליך פארגרייזט, דערצו נאך איז עס אין יהודה איבערגעארבייט געווארען. וואהרשיינליך האט מען פון די וועניגע עקזעמפלארען, וועלכע זיינען געווען בנמצא אין 722, דעם יאהר פון חורבן שומרון, נאר איינעם געראטעוועט. יענער עקזעמפלאר איז דאן, פיליכט שוין ביי דער אויפראבירונג פון שומרון, געקומען באשעדיגט קיין ירושלים און איז דארטען דערגענצט געווארען, ניט שטענדיג אויף א גליקליכען אופן.

**) הושע'ס פארהעלטעניש צו זיין פרוי ווערט פארשידענארטיג אויסגעטייטשט אין דער מאדערנער ביבעל־פארשונג. לויט מאנכע פארשער איז זיין נבואה ניט דער רעזולטאט פון זיין פערזענליכער איבערלעבונג מיט זיין אומגעטרייער פרוי, נאר פונקט אומגעקעהרט: זיין פארהעלטעניש צו זיין פרוי איז א פראדוקט פון זיין טעטיגקייט אלס נביא. ער נעמט, הייסט עס לויט דעם, אומישנע אן אומגעטרייע פרוי, כדי דורך דעם צו סימבאליזירען די אומגעטרייהייט פון ישראל צו יהוה.

ח. ש.

וועלכע ער ליבט האַרציג, ווערט איהם אומגעטריי. ווי אַזוי האָט יהוה איהם געקאָנט אַנטאָן אַזאַ וועהטאָג? דער אייגענער שמערץ און די פאַרדאַרבענ־קייט פון זיין פרוי פליסען צוזאַמען אין זיין געדאַנק מיט דעם, וואָס ער זעהט טעגליך ביי זיין פאָלק. איינע איז איהם אַ בילד פון דער אַנדערער. און אַט אַזוי שטעהט עס קלאָר פאַר איהם אין זיין נשמה: דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט, איז געשעהן, כדי ער זאָל אין זיך גופא שפירען און זאָל אַנדערע דערקלערען ווי ישראל באַהאַנדעלט זיין גאָט און ווי גאָט באַהאַנדעלט ישראל. די נאַציאָן איז געוואָרען אומגעטריי צו איהר האַר. אַט די אַנערקענונג מאַכט הושע'ן פאַר אַ נביא און זי בלייבט אויך דער מיטעלפונקט פון זיין נבואה. אָבער צי ליבט ער דען ניט איצט גופא נאָך די פרוי וואָס ער האָט אויסגעקליבען, ניט קוקענדיג אויף אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען? פונקט אַזוי פאַרשטויסט יהוה זיין אומגעטריי פאָלק, און דאָך ליבט ער עס נאָך, און ער וועט עס נאָך אַמאָל מוזען ברייגנען צוריק צו זיך.

ישראל איז געגליכען צו דער אומגעטרייער, פאַרדאַרבענער פרוי, יהוה איז געגליכען צו דעם טריי געבליבענעם מאַן; דערמיט זיינען צוויי באַגריפען אריינגעפיהרט געוואָרען אין דער אידישער געדאַנקען־וועלט, באַגריפען, וואָס האָבען זי מעהר ניט פאַרלאָזען. הושע איז דער נביא פון דער געטליכער ליבע; קיין שריפטשטעלער פון תנ"ך האָט ניט גערעדט וועגען איהר האַר־ציגער און טיפער ווי ער. אין האַרטע, קורצע אָפט פלוצלונג אָפּגעריסענע ווערטער אָבער פול מיט אַ הויכען שוואונג און רייך אין זעלטענע בילדער און ווענדונגען גיסט ער אויס זיין גאַנצע האַרץ. הושע איז אָפט משונה'דיג און כמעט אָפּשטויסענדיג. שטעהענדיג אין דינסט פון יהוה און פון זיין גרויסער זאַך אין ישראל, שרעקט ער זיך ניט צו לאָזען די גאַנצע וועלט אריינקוקען אין די טיפענישען פון זיין נשמה און אין די געהיימנישען פון זיין הויז און זיין האַרץ.

פאַר איהם איז דער עיקר צו געבען אַ טריי בילד פון ישראל'ס זינד אין איהר אמת'ער געשטאַלט און אין איהר גאַנצער פאַרדאַרבענקייט. די הויפּט־צרה, פון וועלכער הושע זעהט אַז זיין פאָלק ליידט, איז, וואָס ישראל האָט פאַרלאָזען דעם אמת'ן גאָט. ס'איז פאַר איהם אַלץ דאָסזעלביגע צי זיי לויפען נאָך בעל און אַנדערע געצען, אָדער זיי דינען יהוה גופא אויף אַן אופן וואָס פאַסט ניט פאַר איהם — דאָס אַלץ איז געצענדינסט. ישראל פאַרלאָזט איהר אייגענעם מאַן און לויפט נאָך נאָך פרעמדע מענער, נאָך די געטער פונ'ם לאַנד, וועלכע גיבען איהר די גוטע מתנות פונ'ם לאַנד. ער רופט דעריבער צו די קינדער פון ישראל:

„קריגט זיך מיט אייער מוטער, קריגט זיך!
ווארים זי איז ניט מיין ווייב (און איך בין ניט איהר מאן):
און זאל זי אפטאן איהר זנות פון איהר פנים
און איהר הורעריי פון איהרע ברוסטען...
ווארים מזנה געוועזן האט זייער מוטער,
שענדליך פיהרט זיך אויף די וואס האט זיי געבארען;
זי זאגט: איך וויל נאכלויפען נאך מיינע ליבהאבער,
וואס גיבען מיין ברויט און מיין וואסער,
מיין וואל און מיין פלאקס, מיין וויין און מיינע געטראנקען...
זי אבער ווייסט ניט, אז איך האב איהר געגעבען
די קארן און די וויין און די אויל,
און זילבער האב איך איהר אסך געגעבען,
און גאלד, וואס זיי האבען דערפון א בעל געמאכט.“
(הושע ב 4, 7, 10).

דער גרעסטער טייל פון הושע'ס נבואות, ווי די אויפשרייבונג פון זיין בוך בכלל, שטאמט פון דער צייט פון נאך ירבעם דעם צווייטען'ס טויט. מיט דעם פאל פון יהוא'ס דינאסטיע איז אהן ספק אויך דער פרעמדער קולט פון דאס ניי אריינגעדרונגען אין ישראל. שוין פריהער האט דער נביא פארדאמט דעם דינסט צו דעם אקס און צו די במות, ווייל די מגושם'דיגע פארשטעלונג פון גאט פארלייקענט דעם הייליגען כאראקטער פון יהוה און ווייל עס זיינען נאך דערצו געוועזן פארבונדען דערמיט די אויסגעלאסענע הולאנקעס פונ'ם כנעני'שען נאטור־דינסט. זיין כעס האט זיך דעריבער געמוזט נאך מעהר אנצינדען, זעהענדיג ווי יענער נאטור־דינסט גופא האט ווידער אנגעהויבען זיך איינצופעסטיגען עפענטליך אין ישראל:

„זנות, וויין און טרויבען־זאפט נעמען דעם פארשטאנד אוועק:
מיין פאלק פרעגט אן עצה ביי זיין האלץ,
און זיין שטעקען דערקלערט צו איהם...
אויף די שפיצען פון די בערג שעכטען זיי,
און אויף די בערגלעך רויכערען זיי,
אונטער אייכען, טאפאלען און טערעבינטען,
ווייל ס'איז גוט זייער שאטען:
אט אזוי זיינען אויסגעלאסען אייערע טעכטער

און אייערע שניר זיינען מזנה.
איך קאָן ניט שטראָפען אייערע טעכטער,
וואָס זיי זיינען אויסגעלאַסען,
און ניט אייערע שניר,
וואָס זיינען מזנה,
וואָרים זיי גופא געהען אוועק מיט די זונות
און זיי שעכטען מיט די „קדשות“ (געהייליגטע זונות).

(הושע ד 11—14).

אבער די זינד פון דעם קעלבער- און בילדער-דינסט איז געווים שוין גענוג גרויס: נאָכדעם ווי דורך דער אָפּקעהרונג פון בעל און דער צוריקקעהרונג צו יהוה אונטער יהוא איז ישראל ווידער אויפגעהויבען געוואָרען, איז ער דורך דעם דאָזיגען דינסט פון דאָס ניי געזונקען:

„ווען אפרים האָט גערעדט, האָט מען געציטערט,
הויך איז ער געשטאַנען אין ישראל:
דאָ האָט ער זיך פאַרזינדיגט מיט דעם בעל
און ער איז אונטערגעגאַנגען.
און איצט זינדיגען זיי פון דאָס ניי און מאַכען זיך בילדער
פון זייער זילבער נאָך דעם מוסטער נאָך פון געצען,
די אַרבייט פון מייסטערס זיינען זיי אַלע:
אמורים זיינען זיי*),
מענשען וואָס שעכטען קושען די קעלבער!“

(הושע י״ג 1, 2).

דערצו נאָך האָט ישראל׳ס זינד פאַרמעהרט די מאָראַלישע הפקרות, אין וועלכער הויכע און נידעריגע האָבען אנטייל גענומען, מעהר ווי אַלע אבער די באַרופענע פיהרער פון פאָלק, די כהנים און די נביאים**). טראָן-פאַרכאַפונג, געוואַלד-הערשאַפט און אַנאַרכיע, וועלכע זיינען געוועזען אויף דער טאָגעס-אָרדנונג זינט ירבעם׳ס טויט, קענען ניט פאַרבעסערען די פאַרהעל-

*) „הם אומרים“ אין י״ג 2 ווערט אויסגעבעסערט פון אַסך מאָדערנע מבארים אין „אמורים הם“. ת. ש.

**) הושע ד; ח 1; ו 8, 9; ז 1; ט 15; י״ב 9.

פעניישען*). אויך מנחם'ס פאליטיק צו קריגען אויף זיין זייט די אשורים, וועלכע זיינען זינט דעם פאל פון סיריען געשטאנען נאהנט צום גרעניץ פון ישראל, קאן לויט הושע'ס אורטייל ניט צוריקהאלטען דעם חורבן, פונקט אזוי וועניג ווי די שטרעבונגען, וועלכע זיינען אויפגעטראטען קענטיג אין דער־זעלביגער צייט, צו מאכען עגיפטען פאר ישראל'ס פריינד**). זיי צע־טומלען נאר די מוחות און ווענדען אפ די בליקען פון דעם, וואס קאן נאר אליין העלפען, ווען ער וואלט נאר געוואלט זיין גנעדיג: — אבער כאטש ער האט איצט פארשטויסען זיין פאלק און עס געמאכט הפקר פאר די פיינד, דאך קאן ער, איבער זיין ליבע צו איהם, עס אויף אלעמאל ניט פארלאזען. ישראל מוז פאלען צוזאמען מיט זיין קעניגטום, וואס איז פון לכתחילה אן געווען דערווידער צו יהוה'ס ווילען. אבער דערנאך, ווען דער משפט וועט איהם האבען אויסגעלייטערט, וועט זיך גאט ווידער דערבארימען אויף איהם:

„דיין צעשטערונג בין איך, ישראל — ווער קאן דיר העלפען?
וואו איז דיין קעניג, וואו? — זאל ער דיך ראטעווען!
און אלע דיינע פירשטען? — און זאלען זיי דיר א משפט געבען!***)
דו האסט דאך געזאגט: גיב מיר א קעניג און פירשטען!
איך גיב דיר א קעניג אין מיין כעס,
און נעם איהם אוועק אין מיין צארן...
וואו זיינען דיינע פעסטען, טויט?
וואו דיינע פלאגען, „שאול"?
חרטה איז פארבארגען פון מיינע אויגען...
פארוויסט מוז ווערען שומרון,
דורכ'ן שווערד מוזען זיי פאלען,
איהרע קינדער וועלען צעשמעטערט ווערען,
איהרע שוואנגערע וועלען צעריסען ווערען."

(הושע י"ג 9—11, 14).

איצט אבער בייט זיך דאס בילד. גאט'ס דערבארימדיגע ליבע ברעכט

---

*) הושע ז 7; ח 3, 4; י 3, 15; י"ג 10.

**) הושע ה 13; ז 11; ח 9; י 6; י"ב 2; י"ד 4. זעה דערצו דעם פאל־גענדען קאפיטעל אין אונזער בוך וועגען דעם ענד פון דער צפון־מלוכה.

***) מ'דארף לויט דעם לעזען פסוק 9 און 10: „שחתיך, ישראל, כי מי בעוזריך? איה מלכך אפוא ויושיעך, וכל שריך וישפטוך."

זיך דורך א וועג. ווארים קומט דאָס אומגליק — דער צוזאַמענברוך פון דער מלוכה און דער גלות — וועט אויך קומען אין פאַלק חרטה און בײנק־שאַפט נאָך יהוה. דאַמאָלסט וועט ישראל זאָגען:

„איך וויל גײהן און זיך צוריקקעהרען צו מיין פריהערדיגען מאַן,
וואָרים ס'איז מיר דאַמאָלסט בעסער געווען ווי איצט.
און זי וועט דאָרטען אָפּענטפערען ווי אין די טעג פון איהר יוגענד,
און ווי אין דעם טאָג ווען זי איז ארויסגעגאַנגען פונ'ם לאַנד מצרים“...

„און איך וועל דיך פאַר'קנס'ען צו מיר אויף אייביג,
און איך וועל דיך פאַר'קנס'ען צו מיר מיט גערעכטיגקייט,
און מיט רעכט, און מיט גוטסקייט, און מיט דערבאַרימדיגקייט...
און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, זאָגט יהוה,
וועל איך ריידען צו די הימלען,
און זיי וועלען ריידען צו דער ערד.
און די ערד וועט ריידען צו דעם קאָרן,
און דעם פרישען וויין און דעם אויל,
און זיי וועלען ריידען צו יזרעאל (ישראל)...
איך וועל אויסהיילען זייער ווידערשפעניגקייט,
איך וועל זיי גערן ליב האָבען,
יואָרים מיין צאָרן האָט זיך אָפּגעווענדט פון זיי...
אפרים — וואָס האָט ער נאָך צו טאָן מיט די געצען?
איך וועל איהם ענטפערען און איהם אָנקוקען.
איך בין געגליכען צו א גרינער ציפּרעסע:
פון מיר קומט דיין פרוכט.“

(הושע ב 9, 17, 21, 23, 24; י"ד 5, 9).

נאָך מעהר ווי עמוס האָט הושע געווענדט זיין בליק מיט האָפענונג אויף „דוד'ס איינגעפאַלעןביידעל“. ווי װעניג יהודה איז איהם פאַר־געקומען פריי פון זינד, די צוקונפט געהערט אבער פאָרט צו איהר און צו איהר קעניגס־הויז. אמאָל, נאָכדעם ווי די אידען פון דער צפון־מלוכה וועלען זיין א לאַנגע צייט אָהן יהוה און אָהן א קולט, וועלען זיי זיך דאָן צוריק־קעהרען צו יהוה, פון וועמען זיי האָבען זיך אָפּגעקעהרט. און זיי וועלען

ווידער אנערקענען דוד׳ן — דעם צווייטען דוד פון דער נייער צייט — אלס זייער געזעצליכען קעניג (הושע ג 4, 5). דאס דארף אונז גאר קיין חידוש ניט זיין. ווי אזוי האט הושע, אויב ער האט דערוואַרט, אז ישראל זאל אמאל תשובה טאן און אויפגעריכט ווערען, זיך איבערהויפט דאס גע־קאנט פארשטעלען אנדערש ווי נאר אין א פאראייניגונג מיט א באנייטער און צו גאט צוריקגעקעהרטער יהודה? ניט קוקענדיג אויף דער פאליטישער צעשפאלטונג האט דער באנד צווישען יהודה און אפרים שווערליך געקאנט זיין אין גאנצען אפגעשניטען אין די קרייזען פון די איבערגעבענע צו יהוה. און די האפענונג אויף דוד, וועלכע איז לאנג שוין געוועזן לעבעדיג אין ירושלים, האט אויך אין אפרים ניט געקאנט בלייבען אומבאקאנט*). ס׳איז דעריבער קיין אורזאך ניטא צו דערקלערען אט די אלע צוקונפט־דערוואַר־טונגען אין הושע אלס שפעטערע הוספות, ווי עס טוען אסך ביבעל־פארשער. האט מען נאר אנערקענט אלס גישטיג אפרים׳ס קולט, „דאס קאלב פון בית־אל און שומרון" (הושע ח 5, 6 ; י 5), האט אויך א נביא פון אפרים געקאנט ריכטען זיין בליק אויף ירושלים און איהר בית־המקדש אדער, אויב דער בית־המקדש זאל חרוב ווערען, אויף איהר נייעם קעניג. ניט אין זייער איצטיגער געשטאלט, נאר אין דער געשטאלט וואס זיי וועלען קריגען דורך דער אויפריכטונג פון דוד׳ס באנייטען קעניגרייך, זיינען יהוה און ירושלים געשטאנען פאר איהם אין א נייעם גלאנץ, און אויך פאר יעדען אידען איז אפרים מיט א טיפערען ארייננקוק האט שוין איצט געמוזט שטעהן דוד׳ס הויז. וואס האט אריבערגעלעבט די שטורעמס פון די יאהרהונדערטען, הויך דער־הויבען איבער דעם קעניגטום פון אפרים, וואס האט זיך גופא אויפגעפרעסען.

*) זעה אין צווייטען באנד ז. 270.

צווייטע אפטיילונג.

גלות שומרון

1.

עזריה־עוזיה. מנחם.

דער נאכפאלגער פון יענעם אמציה פון יהודה, וועלכער האט העכסט וואהרשיינליך באצאהלט מיט'ן לעבען פאר זיין העזה געגען ישראל, איז געווארען זיין זוהן עזריה. ביי ישעיה'ן און אין דברי הימים טראגט ער דעם נאמען עוזיה. דערזעלביגער נאמען איז אויך טיילוויז אריינגעדרונגען אין ספר מלכים, אבער פון לכתחילה געהערט ער דארטען ניט. די שייכות צווישען ביידע נעמען איז ניט אין גאנצען קלאר. דאך איז עזריה הפנים דער ריכטיגער נאמען און עוזיה די נעבען־פארם, וואס איז ארויסגעקומען פון עוזה, א פארקירצונג פון עזריה.

דער ספר מלכים רעדט זעהר קורץ וועגען זיין לאנגער רעגירונג, וועלכע ער גיט אן אויף 52 יאהר (? 730־782). דאס איינציגע וואס ווערט דערצעהלט פון זיינע אויפטואונגען באציהט זיך אויף דער באפעסטיגונג פון אילת, וואס ווערט צו איהם צוגעשריבען. דער דאזיגער אויפטו שטעהט על־כל־פנים אין צוזאמענהאנג מיט זיין פאטער'ס גליקליכע פעלד־צוגען געגען אדום. פון דער נאטיץ, אז ער האט ווידער געבראכט אילת צו יהודה (מלכים ב, י"ד 22), קאן מען פיליכט דרינגען, אז די דאזיגע שטאדט איז שוין עראבערט געווארען פון זיין פאטער, אבער נאך זיין טויט, פיליכט אויך נאך זיין שענדליכער מפלה דורך יואש פון ישראל, איז זי פארלארען געגאנגען. אזוי אז עזריה האט זי ווידער געמוזט פארנעמען. יעדענפאלס באדייט דאס

פארנעמען פון אַט דער וויכטיגער האַפען־שטאָדט ביים רויטען ים אַ נייע אויפבלעבונג פון האנדעל און פראָספּעריטעט.*) „און יהוה", שטעהט עס, „האַט געפּלאָגט דעם קעניג און ער איז געווען אַ מצורע ביז דעם טאָג פון זיין טויט" (מלכים ב, ט"ו 5). אזוי ווי ער איז מעהר ניט געווען בכוח צו פיהרען די ענינים פון דער מלוכה, איז ווי עס ווייזט אויס זיין זוהן יותם געווען אַ מין רעגענט נאָך אין דער צייט פון דעם קעניג'ס לעבען. דאָס קאָן מען ארויסדרינגען פון דעם טעקסט פון ספר מלכים. עס שטעהט טאַקע, אַז פאַרמעל האָט ער איבערגענומען די רעגירונג ערשט נאָך עזריה'ס טויט. אָבער דורך אַגב ווערט דערצעהלט, אַז בעת דעם קעניג'ס קראַנקהייט האָט שוין יותם געטאָן די וויכטיגסטע רעגירונגס־ארבייט, דאָס משפט'ען. מיט אַט דער הנחה ווערען אויך לייכטער די גרויסע כראָנאָלאָגישע שוועריקייטען פון דער צייט פון די מלכים**). העכסט וואַהרשיינליך פאַלט יותם'ס רע־גענטשאַפט צוזאַמען אין גאַנצען אדער צום גרעסטען טייל מיט זיין רעגירונג. דאָס יאָהר פון עזריה'ס טויט מוז ליגען רעכט נאָהענט צו דעם יאָהר פון יותם'ס טויט.

מעהר ידיעות ווי אין ספר מלכים געפינען מיר וועגען עזריה'ן אין דברי הימים, וואו ער הייסט עוזיהו. לויט'ן ספר דברי הימים האָט עוזיהו אָפּגע־האַלטען ניט קיין אומבאַדייטענדע נצחונות איבער די שכנים פון יהודה אין דרום, אין מערב און אין מזרח, נצחונות מיט וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען. ער זאָל אויך האָבען גרינטליך אויפגעשטעלט די מויער פון ירושלים, געשאַפען אין מדבר טורעמס און וואַסער־רעזערוואַרען און פאַר־בעסערט די גרייטקייט פון חיל צו מלחמה. זיין שפּעטערדיגע קראַנקהייט אָבער איז פאַרבונדען אין דברי הימים מיט אַ קאָנפליקט וואָס ער האָט גע־האַט מיט די כהנים פון בית־המקדש. עס ווערט דאָרטען דערצעהלט, אַז דער ערפאָלג פון זיינע מלחמות האָט אריינגעבראַכט גדלות אין זיין האַרץ, אזוי אַז ער האָט געוואָגט אריינצודרינגען אין היכל מיט „קטרת" (רויכער־אַפּפער).

*) פאַרגלייך ישעיה ב 7, 16.

**) ווען מ'רעכענט צוזאַמען לויט'ן ספר מלכים די יאָהרען פון די מלכים פון ישראל פון יהוא ביז דעם חורבן שומרון קומט ארויס אַ סך־הכל פון 143 יאָהר מיט 7 חדשים. רעכענט מען אָבער צוזאַמען די יאָהרען פון די מלכים פון יהודה פונקט פון דערזעלביגער צייט קומט ארויס אַ סך־הכל פון 165 יאָהר. די יאָהרען וואָס מ'נעמט אראָפּ פון יותם'ס רעגירונג קומען דערפאַר שטאַרק צוניץ אויסצוגלייכען די דאָזיגע דיפערענץ פון גענויע 22 יאָהר. ת. ש.

אומזיסט האבען די כהנים געזוכט איהם אפצוהאלטען דערפון; דערפאר אבער האט איהם יהוה געשטראפט מיט א צרעת (דברי הימים ב. כ"ו).

צוליב אינערליכע טעמים קאן מען די ערשטע פון אט די דערצעהלונגען ניט לגמרי פארווארפען. פון ישעיה מוז מען אננעמען אלס פארבאדינג, אזביים אויסברוך פון דעם קריג פון סיריען און אפרים געגען יהודה האט געהערשט א געוויסע מאס פון פראספעריטעט און מיליטערישע מאכט אין יהודה. נאך דער קלעגליכער מפלה דורך ישראל, מיט וועלכער אמציה האט געענדיגט זיין לעבען, איז אוממעגליך צו פארשטעהן די שילדערונג, וואס ישעיה גיט אונז פון עוזיהו'ס און יותם'ס צייטען, סיידען אויב עס האט זיך עזריה'ן אונטערדעסען איינגעגעבען ווי עס איז גוט צו מאכען דעם שאדען. אן ערפאלג אויף יהודה'ס זייט געגען דער צפון־מלוכה איז, כל זמן ירבעם בן יואש האט געלעבט, ניט וואהרשיינליך. אדרבה: דאס וואס אונזערע באריכטען שווייגען לגמרי מכוח א צוזאמענשטויס פון דיביידע אידישע מלוכות אין יענער צייט איז א שטיקעל ראיה, אז יהודה איז אין א געוויסער מאס געווען אפהענגיג פון ישראל. וואס מעהר די מלוכה פון ישראל האט אונטער ירבעם דעם צווייטען באקומען א פרייע האנט געגען די סיריער, אלץ וועניגער האט זי געמוזט זיין גענייגט צו לאזען ניט אויסגענוצט דעם ערפאלג, וואס זי האט געוואונען געגען אמציה'ן. אט פון דעם אלצדינג איז צו דרינגען, אז דער באריכט פון דברי הימים וועגען עזריה'ס געוויסע נצחונות אויף די איבעריגע גרענעצען פון זיין קעניגרייך האט פאר א יסוד היסטארישע ערינערונגען. פאר דעם פרייז פון א געצוואונגענעם בונד מיט דער צפון־מלוכה האט עזריה געקאנט אומגעשטערט ארויסטרעטען געגען זיינע שכנים. אלס פאקט דארפען מיר יעדענפאלס אננעמען, אז פונקט ווי דאס קעניגרייך פון צפון אונטער ירבעם'ען, אזוי האט יהודה אונטער עזריה'ן זיך געפינען אין א בליהענדען צושטאנד, וואו רייכקייט און מסחר זיינען געווען הויך אנטוויקעלט. נאר אויף אזא אופן פארשטעהען מיר ישעיה'ס ערשטע רעדעס.

אויך דעם אנדערען באריכט פון דברי הימים וועגען עזריה'ס א פיינדליכען צוזאמענשטויס מיט די כהנים פון בית־המקדש, וואס האט געהאט ערנסטע רעזולטאטען פאר איהם, קען מען ניט אט גאר אזוי מיט דער האנט אוועקמאכען. ווען מיר באטראכטען וואס פאר אן איינפלוס אויף דעם גורל פון דעם קעניגליכען הויז דער כהן יהוידע האט געהאט אונטער עתליה'ן, קענען מיר אויך דא גאר ניט זאגען געגען דעם, אז עזריה'ס באזייטיגונג פון

דער רעגירונג האָט געהאַט אַ שייכות צו אַ קאָנפליקט, וואָס איז אויסגע־בראָכען צווישען איהם און די כהנים פון בית־המקדש. עפּעס באַשטימ־טעס לאָזט זיך נאַטירליך וועגען דעם ניט זאָגען, מחמת עס פעהלען אונז די מיטלען צו קאָנטראָלירען די ידיעות פון דברי הימים.

אונטער עזריה'ס זוהן יותם (פון 740—751 ביז 735) האָבען זיך אָנ־געהויבען לויט דעם ספר מלכים די ערשטע אַטאַקעס געגען יהודה פון די פאַרבינדעטע מלוכות פון סיריען און אפרים. יענע אַטאַקעס זיינען דער אָנהויב פון דעם קריג פון סיריען און אפרים געגען יהודה, וואָס וועט אונז נאָך באַשעפטיגען. אונזער קוועלע אין ספר מלכים ווייסט גאָר נישט צו באַריכטען פון יותם'ען, אחוץ די איינציגע זאַך, אַז ער האָט געבויט דעם אויבערסטען טויער אין בית־המקדש.*)

אין דעם קעניגרייך פון צפון פאַלט מיט ירבעם דעם צווייטען'ס טויט דער שטערן פון יהוא'ס דינאַסטיע און גלייכצייטיג אויך דער שטערן פון'ם קעניגרייך. איין אוזורפּאַטאָר נאָך דעם אַנדערען פאַרכאַפּט דעם טראָן מיט געוואַלד. דער שווערד פון איין טראָן־פאַרכאַפּער ראַמט אָפּ פון וועג דעם אַנדערען, ביז סוף־כל־סוף ווערט דער לעצטער פון זיי, און צוזאַמען מיט איהם דאָס קעניגרייך, דער רויב פון אַ שטאַרקערער מאַכט. פון די וועניג מלכים פון אפרים, וועלכע זיינען געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט, איז ירבעם בן יואש דער לעצטער. איהם פאָלגט זיין זוהן זכריה, וועלכער ווערט דערמאָרדעט נאָך אַ רעגירונג פון זעקס חדשים (740) פון ש ל ו ם ב ן י ב ש, דעם אָנפיהרער פון אַ קאָנספּיראַציע געגען איהם (מלכים ב, ט"ו 8-12).

דער מערדער נופא האָט זיך געהאַלטען אויפ'ן טראָן נאָר איין חודש. מ נ ח ם ב ן ג ד י מאַרשירט אַרויס „פון תרצה אַהער" געגען איהם, עראָבערט שומרון און טויטעט איהם (מלכים ב, ט"ו 13—15). דאָס ווייזט אונז, אַז שלום איז קיינמאָל ניט געווען קיין קעניג אומבאַשטריטען. מיר קענען גלייכצייטיג אויך אַ בליק טאָן אין דער קאַכעדיגער אַנאַרכיע נאָך ירבעם דעם צווייטען'ס טויט. תרצה איז אַמאָל געווען די הויפּשטאָדט פון דער צפון־מלוכה. זי איז נאָך דעמאָלט אויך געווען אַ שטאַרקע פעס־טונג; און מנחם געוועלטיגט דאָרטען — יעדענפאַלס אין שלום'ס צייט, וואָהר־

*) דער ספר דברי הימים (ב, כ"ז) דערצעהלט נאָך פון אַ מלחמה געגען עמון. מ'וועט דאַרפען אורטיילען וועגען דעם עהנליך ווי וועגען עוזיה'ס מלחמות.

שיינליך אויך שוין אונטער זכריה'ן. עס הייסט, אז נאָך ירבעם'ס טויט האָט מנחם בן גדי געקראָגען אויף זיין צד איין העלפט און שלום בן יבש די אנדערע העלפט פונ'ם קעניגרייך. שלום איז הפנים געווען דער שנעלערער און אזוי גיך זיך איהם איין צו באזייטיגען זכריה'ן און צו פאַרכאַפּען אויף א רגע דעם טראָן. אַבער ער האָט דאָ צו טאָן מיט א קאָנקורענט וואָס באַהערשט תרצה, און וואָס אָטאַקירט פון זיין דאָרטיגער הויפּט־קוואַרטיר מיט פייער און מיט שווערד אַלץ וואָס וויל זיך ניט בייגען פאַר איהם, און אין משך פון א חודש געוועלטיגט ער שוין איבער שומרון גופא. אַבער ווי עס ווייזט אויס איז אויך דערמיט דער בירגער־קריג נאָך ניט געענדיגט. העכסט וואהרשיינליך שפּילען איצט שוין א געוויסע ראָלע אין ישראל דיביידע שכנות'ע גרויס־מעכטען, עגיפּטען און אשור. איין פּאַרטיי איז קענטיג געשטאַנען פאַר א פאַרבינדונג מיט עגיפּטען*). די אַנדערע פאַר א פאַרבינדונג מיט אשור.

מיר קענען לעבעדיג מיטפיהלען וואָס פאַר אן איבערוועלטיגענדען רושם עס האָבען געמוזט מאַכען אויף די מענשען פון יענער צייט די צושטענדען, אין וועלכען דער ספר מלכים לאָזט אונז דאָ א קוק טאָן. ווי באַשיידען עס האָבען ניט געמעגט זיין די פאַרהעלטענישען אין קעניגרייך יהודה, האָט עס אָבער פאָרט געהאַט די מעלה פון א פעסטער דינאַסטיע, וואָס האָט ניט צוגעלאָזען אַזעלכע צעטרייסלונגען, וועלכע שטעלען אין סכנה דעם גאַנצען קיום פון דעם קעניגרייך. קיינמאָל האָט זיך נאָך ניט אזוי שאַרף ארויסגעוויזען, אז די זאַט פון מרידה, פון וועלכער די צפון־מלוכה איז ארויסגעוואַקסען, איז געווען גלייכצייטיג די קללה פון דעם גאַנצען קעניגרייך. אַלץ מעהר און מעהר האָט מען אַנערקענט, אז עס איז קראַנק ביז אין וואָרצעל און עס קאָן מעהר ניט געהיילט ווערען. אַנאַרכיע און טראָן־פאַרכאַפּונג איז געווען און געבליבען דער קיין־צייכען פון דער דאָזיגער מלוכה. „מלכים האָבען זיי זיך אויסגעקליבען", רופט הושע אויס, „אָהן מיר, האַרען, פון וועלכע איך האָב ניט געוואוסט... זיי אַלע גליהען ווי אן אויוועזן און פרעסען אויף זייערע ריכטער; אַלע זייערע מלכים פאַלען, קיינער צווישען זיי

*) דער אומשטאַנד וואָס עגיפּטען האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אין א געוויסער צעפאַלענקייט, דאַרף ניט צו שטאַרק באַטאָנט ווערען. א געוויסע השפּעה אויף דער פּאָליטיק פון די סירישע, באַזונדערס פון די דרום־סירישע קליינע מדינות, האָבען נאָך אַלץ געקאָנט האָבען די לאָקאַלע פירשטען אָדער אויך די לפנים־הערשער פון דער 23טער דינאַסטיע.

רופט ניט צו מיר“ (הושע ח 4; ז 7). און ישעיה זאָגט פון אפרים מיט אַ קלאָרער אַנדייטונג אויף יענע צייטען פון בירגער־קריג: „איטליכער פרעסט דאָס פלייש פון אייגענעם אָרעם, מנשה אפרים און אפרים מנשה“ (ישעיה ט 19, 20).

די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער זעלבסט־צעררייסונג האָבען זיך באַלד געוויזען. „אין זיין צייט“, זאָגט דער ספר מלכים וועגען מנחם'ען, „האָט זיך פּול דער מלך פון אשור אריינגעריסען אין לאַנד און מנחם האָט געגעבען פּול'ן 1000 טאַלענטען זילבער, כדי ער זאָל האַלטען מיט איהם און ער זאָל באַפעסטיגען זיין הערשאַפט*). ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס אשור שטעלט איהר פוס אויף דעם היימישען באָדען פון ישראל.

דער צוזאַמענשטויס פון ישראל מיט אשור אין אייגענעם לאַנד איז געווען אומפאַרמיידליך. נאָכדעם ווי דער ווידערשטאַנד פון דמשק איז געווען געבראָכען, איז עס נאָר געווען אַ פראַגע פון צייט. אָבער עס איז געווים ניט קיין צופאַל וואָס דער צוזאַמענשטויס איז גראָד איצט פאָרגעקומען. געוואַלד־הערשאַפט און בירגער־קריג האָבען אָפּגעשוואַכט דאָס קעניגרייך, קיין פּאַרטיי איז ניט געווען בכוח צו קריגען די הערשאַפט אין לאַנד מיט איהר אייגענער קראַפט. איין פּאַרטיי, ווי הושע זאָגט אונז, האָט געזוכט איהר שטיצע אין עגיפּטען, די אַנדערע אין אשור. אויך מנחם פיהלט זיך נאָך ניט זיכער אויף זיין טראָן. דער אינערליכער קריג, הייסט עס, דויערט נאָך ווייטער. אפילו אויב מנחם וואָלט ניט געהאַט קיין געגנער, וואָלט עס אויך געווען לייכט פאַר אשור, נאָך דעם וואָס איז פריהער געשעהן, צו אונטערנעמען אַן אָנפאַל אויף ישראל. ווען מיר לאָזען צוערשט ריידען דעם תנ"ך פאַר זיך, לעגט זיך אונז נאָהנט די השערה, אַז פּול, גערופען פון מנחם און זיין פּאַרטיי, האָט געוואוסט ווי אויסצונוצען די מהומות אין ישראל, כדי צו אונטערנעמען אַן עראָבערונגס־צוג געגען שומרון. עס ווייזט אויך אויס וואַהרשיינליך, אַז פּול האָט געהאַט נאָך אַנדערע גרונטען צו מאַרשירען געגען ישראל. מנחם קויפט דעם ריקצוג פון פיינד און גלייכצייטיג די זיכערונג פון זיין טראָן געגען זיינע אינערליכע געגנער מיט אַ שענדליכען טריבוט.

דער אופן, ווי אַזוי מנחם שאַפט דעם טריבוט, איז זעהר אינטערעסאַנט.

---

*) פאַר "כל ימיו" ביים ענד פון פסוק 18 לעזט דער תרגום חשבעים „ביָמיו“ אָלס אָנהויב פון פסוק 19.

דער סכום פון דעם טריבוט ווערט ארויפגעלייגט אויף די געוועהר־פליכטיגע (מלכים ב, ט"ו 20). דאס קאן נאר געמאלט זיין, ווען די געוועהר־פליכטיגע זיינען צוגלייך אויך געווען די פארמעגליכע. עס זעהט דערפון אויס, אז אין יענער צייט האט נאך געהערשט דער אלטער מנהג אין ישראל, אז די וואס פארמאגען ניט קיין זאך זיינען אויסגעשלאסען פון מיליטער־דינסט. די איי־נענטימער פון נחלאות טיילען צווישען זיך די לאסטען פון דער מלוכה און אויך די לאסטען פון דינען אין דער ארמיי. אזוי ווי דער טאלענט (ככר) ווערט גערעכענט צו 3000 שקלים*) און אזוי ווי יעדערער האט געהאט צו צאהלען צו 50 שקל, לערנען מיר דערפון, אז אין דער צפון־מלוכה זיינען געווען אין מנחם'ס צייט 60.000 פאמיליעס, וועלכע האבען פארמאגט אן אייגענע נחלה**).

מיר זיינען איצט אין דער גינסטיגער לאגע צו באלייכטען יענע עקס־פעדיציע פון דעם אשורישען קעניג פול געגען מנחם פון ישראל מיט דער הילף פון די אשורישע מאנומענטען. פול, ווי מ'האט לאנג זיך שוין משער געווען און איצט מיט זיכערקייט נאכגעוויזען, איז ניט קיין אנדערער ווי תגלת־פלאסר דער דריטער, איינער פון די מעכטיגסטע אשורישע עראבערער (727—745). ער האט געבראכען מיט דער פאליטיק פון אפגעלאזענקייט, ביי וועלכע זיינע נעהענטסטע פארגעהער האבען זיך געהאלטען, און האט ווידער אויפגענומען די טראדיציעס פון די גרויסע אשורישע עראבערער־מלכים, וועלכע האבען ארויסגעקוקט אויף דער עראבערונג פונ'ם מערב. איצט זאלען דורכגעפיהרט ווערען יענע פלענער און דאס ווערק זאל געקרוינט ווע־רען. אט אזוי הייבט זיך אן מיט תגלת־פלאסר'ן די רייהע פון יענע ציל־באוואוסטע הערשער, וועלכע האבען מיט א שטארקער האנט געפיהרט די אשורישע מלוכה פון שטופע צו שטופע. די דירעקטע אורזאך פון זיין אריינמישונג אין מערב־לאנד איז געווען דאס קעניגרייך א ר פ ד אין צפון־סיריען. זינט אשורניראַרי דעם פערטען (754) איז ארפד געשטאנען

*) דאס איז גרינג צו בארעכענען לויט שמות ל"ח 25, 26. 603550 נפשות האבען לויט פסוק 26 געגעבען צו א האלבען שקל. דאס ווערט א סך־הכל פון 301775 שקל. לויט פסוק 25 ווערט דערפון 100 ככר און 1775 שקל. א ככר איז בכן געווען 3000 שקלים. ת. ש.

**) ווי הושע דענקט וועגען מנחם'ס האלטונג, קאן מען ארויסדרינגען פון שטעלען ווי ח 13 (ער איז געגאנגען צו אשור און האט געשיקט צום גרויסען קעניג, אבער ער קאן ניט היילען); ח 9; י"ב 2.

אונטער דעם אשורישען איינפלוס. דורך דער אריינמישונג אבער פון דעם מעכטיגען קעניגרייך פון אורארטו (אררט) האט אשור פארלארען איהר איינפלוס אויף ארפד און דערמיט דעם צוגאנג פאר איהר האנדעל צום ים. נאך מעהרערע פעלד־צוגען מאכט תגלת־פלאסר ארפד אין יאהר 740 פאר אן אשורישער פראווינץ. עס פארשטעהט זיך ממילא, אז דורך דעם טריאומפירענדען מארש פון דעם גרויסען קעניג ווערען אויך די אנדערע סירישע מדינות דערמאנט אן דעם, אז זיי זיינען אונטערטעניג צו אשור און זיי שיקען פרייוויליג טריבוט; באזונדערס טוען עס רצין פון דמשק און חירם פון צור. אשור׳ס מאכט ווערט איצט ווידער שנעל אויפגעשטעלט אין גאנץ סיריען. אויך חמת, וועלכע האט זיך געהאט געווענדט נאך הילף צו איינעם א קעניג אזרי־יאו פון יאאודי*), ווערט אונטערוואָרפען. פון יענע אלע געגענדען ווערט געמאכט א באזונדערע פראווינץ. דמשק און צור אונטערוואָרפען זיך פון דאס ניי, מיט זיי אויך מנחם. תגלת־פלאסר באריכטעט לויט דעם אין זיינע כראניקעס, אז פונקט ווי פון חירם פון צור און רצין פון דמשק, האט ער אויך גענומען טריבוט פון מנחם פון שומרון. מיר דערוויסען זיך אויך פון די אשורישע אויפשריפטען, אז די דאזיגע אונטערוואָרפונג מנחם׳ס אונטער דעם קעניג פון אשור איז פארגעקומען אין תגלת־פלאסר׳ס אכטען רעגירונגס־יאהר, דאס איז בכן אין יאהר 738 פאר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג.

אבער תגלת־פלאסר גופא באריכטעט ניט, אז ער האט טאקע אונטערנומען א פעלד־צוג געגען ישראל, אויך ניט אפילו, אז זיינע חיילות זיינען ערשינען פאר שומרון. פון זיינע באריכטען טראגט מען גיכער ארויס דעם איינדרוק, אז ער האט זיך געפונען עפעס וואו אין צפון־סיריען און אהין זיינען געשיקט געווארען צו איהם די טריבוטען, צווישען זיי אויך דער טריבוט פון א קעניגין פון אריבי (אראביען). אבער דער טעקסט פון תנ״ך לאזט ניט איבער קיין ספק וועגען דעם, אז תגלת־פלאסר האט געשיקט אן אפּטיילונג פון זיין חיל קיין דרום, און דאס לענט זיך אויך בעסער אויפ׳ן שכל. מיר וועלען זיך בכן דארפען פארשטעלען דעם גאנג פון די געשעהענישען

---

*) מ׳האט לאנג געהאלטען בטעות, אז דאס איז עזריה פון יהודה. ווינקלער אין זיינע „אלטאריענטאלישע פארשונגען" (ערשטער העפט) האט אבער אויפגעוויזען, אז דאס איז א געגענד אין סיריען און האט מיט אונזער אידישער יהודה לחלוטין ניט צו טאן. דער גלייכער קלאנג פון די נעמען איז אבער פארט מערקווירדיג און ווארט נאך אויף א באפרידיגענדער דערקלערונג.

אויפ'ן פאַלגענדען אופן. באלד ווי חמת ווערט אונטערוואָרפען, נעמט זיך תגלת־פלאסר צו דער איבעריגער סיריען. אויך ישראל, וואו די עגיפטישע פאַרטיי איז געווען מנחם'ס געגען־פאַרטיי, זאָל אונטערוואָרפען ווערען און די עגיפטישע פאַרטיי באַשטראַפט ווערען. פאַר מנחם'ס פאַרטיי, דער אשור־רישער, אויב זי האָט אפילו ניט דירעקט גערופען אשור'ס הילף, ווי ס'איז אויבען אָנגענומען געוואָרען, איז אבער על־כל־פנים אשור'ס אריינמישונג געווען ווי געוואונשען, מחמת זי האָט געשטיצט מנחם'ס נאָך אַלץ זיך וואַק־לענדיגען טראָן. נאַטירליך איז עס געווען נאָר א צרה'דיגער ערפאָלג פאַר א רגע. איבעריגענס זעהט עס אויס, אז תגלת־פלאסר'ס חיל איז צוגעקומען אַזוי ווייט ווי ביז שומרון. פיליכט איז דער טריבוט געווען דער איינ־ציגער אויסוועג זיך צו ראַטעווען פון א פולער עראָבערונג און ניט צו ווערען קיין פראָווינץ פון דער אשורישער אימפעריע.

2.

די מלחמה פון ארם און אפרים געגען יהודה. דער אָנהויב פון ישעיה'ס טעטיגקייט.

מנחם האָט ניט לאַנג געקאָנט האַבען אריבערגעלעבט זיין שאַנד. וואָרים שוין אין 734 געפינען מיר אויפ'ן טראָן זיין צווייטען נאָכפאָלגער. ער האָט לויט דעם געמוזט שטאַרבען באלד נאָך 738. אָט טאַקע צוליב דעם לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אז די צעהן רעגירונגס־יאָהרען, וואָס ווערען איהם צוגעשריבען אין ספר מלכים זאָלען שטימען מיט די ווירקליכע פאַקטען. זיין נאָכפאָלגער איז זיין זוהן פ ק ח י ה, וועלכער האָט לויט'ן ספר מלכים רעגירט בלויז צוויי יאָהר (735—737). ער ווערט אומגעבראַכט פון זיין אַדיוטאַנט פ ק ח בן רמליהו (734/3—735), וועלכער איז אריינגעדרונגען אין קעניגליכען פאַלאַץ בראש פון א באַנדע פון פופציג גלעדים (מלכים ב, ט"ו 23—26).

פקחיה'ס באזייטיגונג איז זיכער געווען דער רעזולטאַט פון דעם שענד־ליכען אפמאַך, וואָס זיין פאָטער האָט געהאַט געמאַכט מיט אשור. וואָרים אויב מען איז אין סיריען ניט געווען אין גאַנצען געשלאָגען מיט בלינדקייט,

האט מען געמוזט איינזעהן, אז די איינציגע הילף געגען אשור'ס באנייטע און אומדערבארמליכען פארמארש איז נאר געווען צו דערווארטען פון אן ענגער פארבינדונג פון אלע סירישע מלוכות צווישען זיך. ווען דאס וואלט זיך איינגעגעבען, דאן וואלט נאך געווען א שטיקעל האפענונג, אז ענהליך ווי מיט 120 יאהר צוריק, וועט סיריען אויך איצט זיין בכוח צו באגעגענען נאך אמאל דעם שטורעמדיגען אנפאל פון פיינד. נאטירליך האט אויך די עגיפטישע פארטיי באנייט איהר טעטיגקייט. עס קאן זיין אז פקח איז עס געווען דאס ווערקצייג פון יענער פארטיי. אבער לויט ווי דער מצב איז געווען אין עגיפטען אין יענעם מאמענט, איז ניט געווען צו דערווארטען קיין שום הילף פון דארטען. די נאציאנאלע עגיפטישע הערשער האבען געמוזט אנשטרענגען די לעצטע כוחות כדי זיך צו העלפען פון דער איגעריבער צע־פאלונג און פיליכט אויך שוין זיך אפצואוועהרען פון די עטיאפער, וועלכע האבען כסדר געמאכט נייע אטאקעס אויף זיי. ווי שטארק זיי האבען ניט געמוזט זיין פאראינטערעסירט אין אפוועהרען זיך פון דער אשורישער גע־פאהר, האבען זיי גופא אבער ווינציג וואס געקאנט בייטראגען דערצו.

אט אזוי פארשטעהען מיר, ווי מ'האט אין סיריען אויסגענוצט די ערשטע געלעגענהייט, וועלכע האט זיך נאר געמאכט, אויפצוגעבען די אלטע קריגערייען, כדי זיך צו שטעלען מיט פאראייניגטע כוחות געגען דעם איבער־מעכטיגען פיינד. אין די יאהרען 735—737 איז תגלת־פלאסר געווען פאר־נומען אין וויטען מזרח, און ער וואלט געהאט גענוג אורזאכען זיך דארטען לענגער אויפצוהאלטען, ווען די דרינגענדע לאגע וואלט איהם ניט צוריק־גערופען קיין סיריען. אט דא, אין סיריען, האבען אין זיין אפוועזענהייט צוויי אלטע פיינד זיך ווידער געאייניגט. די שותפות'ע נויט צווינגט פקח פון ישראל און רצין פון דמשק צו פארגעסען די קריוודעס צווישען די ביידע מלוכות, וואס זיינען שוין הונדערטער יאהרען אלט געווען. עס שליסען זיך אן זיי אן די ביידע פעניקישע הויפטשטעדט צור און צידון, אויך אן אראַ־בישע קעניגין שאמשי.

פון דער אנדערער זייט אבער האלט זיך ווייט פון דער אליאנץ א ניט אומבאדייטענדער טייל פון סיריען. דער גורל פון דער אליאנץ איז דערפאר געווען אין פאראוים פאר'חתמ'עט, אויב עס האט זיך איהר ניט געלאזט איינ־געבען צו צווינגען מיט געוואלד די וואס האבען זיך געקווינקעלט. צו די, וועלכע האבען זיך נאך געשלאגען מיט דער דעה, געהערען אויף איין זייט די צפון־פעניקיער און באזונדערס די חתים, אויף דער אנדערער זייט די

דרום־פּאַלעסטינער: יהודה, עמון, מואב, אדום און די פּלשתים. זיי צו געווינען איז נאַטירליך געווען דער גרויסער ציל פון די פאַרבינדעטע.

אין יהודה האָט אַרום דער דאָזיגער צייט (בערך 736) רעגירט קעניג יותם, זינט איינגע יאָהר אַלס אַליין־הערשער, נאָכדעם ווי ער האָט אַ לענגערע צייט געפיהרט די רעגירונג אַלס רעגענט פאַר זיין קראַנקען פאָטער*). דער ספר מלכים דערצעהלט אונז, אַז אין זיין צייט האָט יהוה אויפגערייצט די ביידע מלכים רצין פון ארם־דמשק און פּקח פון ישראל געגען יהודה (מלכים ב, ט"ו 37). אויב ס'איז אונז בכלל ערלויבט צו פאַרשטעהן די מאָגערע נאָטיצען פון אונזער ביבלישער קוועלע אין צוזאַמענהאַנג מיט די וועלט־געשעהענישען, האָבען מיר דאָ אַ רעכט צו באַטראַכטען רצין'ס און פּקח'ס שותפות'ע אַטאַקע געגען יהודה אַלס פּועל־יוצא דערפון, וואָס יותם האָט זיך אָנטזאָגט אַריינצוטרעטען אין דעם בונד געגען אשור. אין ספר מלכים קומט גלייך נאָך יענער נאָטיץ די נאַכריכט וועגען יותם'ס טויט**), און פון דעם אופן ווי אַזוי דאָס שטעהט זעהט עס אויס, אַז יותם איז געשטאָרבען באַלד נאָך דעם אָנהויב פון דעם קריג. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דעם בילד וואָס מיר באַקומען בכלל פון די געשעהענישען. דער קריג איז לויט דעם פאָרטגעזעצט געוואָרען אין דער רעגירונגס־צייט פון אחז פון יהודה.

דער קריג וואָס איז אויף אַזאַ אופן אויסגעבראָכען אין פּאַלעסטינא גופא איז באַקאַנט אין דער היסטאָריע אַלס די מלחמה פון סיריען און אפרים געגען יהודה. וועגען די געשעהענישען אין איהר האָבען מיר דריי באַזונדערע קוועלען פון אינפאָרמאַציע: דעם ספר מלכים, די אויפשריפטען פון תגלת־פּלאסר און ישעיה. און מיר קענען ניט דערמאָנען דעם דאָזיגען קריג, ניט טראַכטענדיג בעת מעשה פון יענעם געוואַלדיג־גרויסען מאַן, וועלכער איז זינט עטליכע יאָהר שוין אויפגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט און האָט אויף זיין גאַנצער צייט אַרויפגעלעגט דעם שטעמפּעל פון זיין כאַראַקטער.

ישעיה בן אמוץ איז אַ געבאָרענער פון יהודה, אָבער זיינע געדאַנקען זיינען ניט באַשעפטיגט מיט יהודה אַליין. פון די טעג פון עוזיהו ביז חזקיה'ס ענדע, דאָס איז בכן מעהר ווי אַ דור, האָט ער באַהאַנדעלט אַלע

*) זעה אויבען ז. 49.

**) מלכים 2, ט"ו 38. פּסוק 37 און 38 געהערען צוזאַמען אַלס תוספת צו דער געשיכטע פון יותם'ען.

באדייטענדע געשעהענישען פון זיין פאלק אין זיינע נביא׳ישע רעדעס. ער האט דורכגעלעבט דעם קריג פון סיריען־אפרים געגען יהודה, דעם פאל פון שומרון, די געפאהר, אין וועלכער ירושלים האט זיך געפונען דורך סנחריב׳ן. און אין אט די אלע וואנדלונגען פון שיקזאל האט ער פארטראטען יהוה׳ס שטים צו זיין פאלק. זיינע געדאנקען זיינען ניט אומעטום ניי. ער שטעהט אויף די פלייצעס פון זיינע פארגעהער עמוס און הושע. אבער ער שטייגט זיי ביידען אריבער אין פיעלזייטיגקייט, טיפקייט און קראפט פון די געדאנקען און אין ענערגיע און ווייטקייט פון דער רעליגיעזער באטראכטונג. זיין שפראך איז איידעל און דערהויבען, אפט אז עכטע בלומען־שפראך און הויך־פאעטיש, אבער אסך מאל אויך הארט און אומישנע שטייף, דאך אלע־מאל פול מיט קראפט און אריגינעל; זיין פאנטאזיע איז רייך אין שארפע ווארטשפילען און פאסענדע בילדער, אפטמאל צו רייך. אזוי אז איין בילד האלב אויסגעפיהרט ווערט ארויסגעשטופט פון א נייעם; ישעיה איז א מייסטער פון דער ווארט־שענקייט און פון דעם מעכטיגען רעטארישען עפעקט.

דער עיקר אבער איז ישעיה דער טיפ פון גאט׳ס א נביא אין ישראל. וואס עס פאסט בכלל פאר די אידישע נביאים*), פאסט ספעציעל פאר איהם. ער איז א הויכע רעליגיעזע פערזענליכקייט, פול אנגע־זאפט מיט די גרויסע רעליגיעזע געדאנקען, וועלכע ער האט געשעפט פון דער יהוה־רעליגיאן. אט פון די געדאנקען האט ער זיך געלאזט אוועקטרא־גען צו דער העכסטער שטרענגקייט, פונקט ווי צו דער העכסטער באגייס־טערונג און האפענונג. פונקט ווי משה און אליהו געהערט ער אויך צו די רעליגיעזע העלדען פון זיין פאלק, אין וועמען עס האט זיך פולקום אויסגע־דריקט דאס טיפסטע פון אידישען נאציאנאלען כאראקטער און די וועלט־היסטארישע שליחות פון דעם אידישען פאלק צו דער פעלקער־וועלט. ישעיה׳ס געשטאלט הייבט זיך ארוים ווי א ריזיגער מאנומענט וואס לאזט זיך זעהן ברייט און ווייט ארום. ער געהערט צו יענע לייכט־טורעמס, פון וועלכע א ליכטיגקייט שטראהלט ארוים ווייט איבער די גרעניצען פון אידישען פאלק. זיינע געדאנקען זיינען געווארען געשיכטע. זיי האבען א נייעם אטעם ארייג־געהויכט אין דעם שטארבענדען ישראל און האבען א ניי לעבען געבראכט צו אסך נאך שפעטערדיגע דורות. דער וואס אנערקענט און עהרט גאט׳ס

*) זעה וועגען דעם אויבען ז. 9—36.

שפּירען אין דער היסטאָריע, דער וועט אין אזא געשטאַלט ווי ישעיה דער־זעהען דעם מאַן פון גאָט.

אין לעצטען יאָהר פון עזריה־עוזיה טרעט ישעיה דאס ערשטע מאָל ארויס אין דער עפענטליכקייט. די מאַכט פון יהודה איז נאָך ניט געבראָכען. „זייער לאַנד איז פול מיט זילבער און גאָלד און ניטאָ קיין ענד צו זייערע אוצרות, זייער לאַנד איז פול מיט פערד און ניטאָ קיין ענד צו זייערע רייט־וועגען"*). אָבער אונטער דעם אויסערליכען גלאַנץ זעהט ישעיה די אינער־ליכע פאַרדאַרבענקייט: עולות און אונטערדריקונג געגען די אָרימע, לייכט־זיניגע לוסט צו תענוגים ביי דער זייט פון אבערגלויבען און א העזה'דיגע־אָפּקעהרונג פון גאָט. פאַרדאַמענדיג די עולות צו די אָרימע, ווערט ישעיה, ווי אַמאָל עמוס, א רעליגיעז־סאָציאַלער פאַרטיידיגער פון די פאָלקס־רעכטען:

„וועה צו די, וואָס רוקען צו א הויז צו א הויז,
ברייגגען נאָהענט א פעלד צו א פעלד,
ביז ס'איז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ
און איהר אליין קענט וואוינען אין לאַנד!...
פאַרוואָהר! פיעל הייזער וועלען ווערען וויסט,
גרויסע און שענע אָהן איינוואוינער...

„וועה צו די, וואָס שטעהען אויף באַגינען
נאָכצולויפען נאָך דעם מעד,
וואָס שפּעט אין אָוונעד
דערהיצען זיי זיך מיט דעם וויין!
וואָס צו זייער הולאַנקע געהערט
גיטאַר, האַרף, צימבעל, פלייט און וויין,
אָבער אויף יהוה'ס ווערק קוקען זיי ניט,
און די טואונג פון זיינע הענט זעהען זיי ניט!**).
מיין פאָלק וועט דעריבער אין גלות געהן,
ווייל עס פעהלט איהם איינזעהעניש.
זיינע אדעליגע מוזען ליידען הונגער
און זיין המון שמאַכטען פון דאָרשט!"

(ישעיה ה 8, 9, 11—13)

---

*) ישעיה ב 7. אויך איז דאָס לאַנד רייך אין טייערע חפצים, פּסוק 16.
**) יהוה'ס טואונג איז זיין משפט וואָס קומט באַלד.

א שרעקליכער משפט מוז קומען איבער יהודה. דער הייליגער פון ישראל לאזט ניט שפאטען פון זיך. נאטירליך קומט עם פון אשור. א „טאג פון יהוה פון די הערשארען" האלט אין אנקומען אויף אלע פרעכטיג־קייטען פון יהודה, וואס עקסיסטירען נאך:

„אויף אלע צעדערן פון לבנון,
וואס זיינען הויך און דערהויבען,
און אויף אלע איינבענבוימער פון בשן...
און אויף אלע תרשיש־שיפען,
און אויף אלע טייערע בילדער־ווערק...
און די אפגעטער וועלען אין גאנצען פארשווינדען!
און זיי וועלען דעמאלט אריינקריכען
אין פעלז־הייהלען און ערד־לעכער
פון לויטער שרעק פאר יהוה
און זיין מאיעסטעטישער פרעכטיגקייט,
ווען ער וועט זיך דערהייבען,
צו צעטרייסלען די ערד."

(ישעיה ב 12, 13, 16, 18, 19).

אבער גלייך ווי עס ווייזען זיך די פינסטערע וואלקענס אויפ'ן האריזאנט פון יהודה און עס ווערט קלאר, אז דער בונד צווישען ארם און אפרים וועט פריהער פאר אלעמען טרעפען יהודה, מוז אויך ישעיה אננעמען א נייע שטעלונג. דער משפט איבער יהודה וועט טאקע קומען — אבער די געפאהר וואס שטעהט איצט פאר איז ניט די בייטש פון גאט, נאר דאס ווערק פון מענשען; אן אויסגעברענטער פאקעל האט נאר רויך, ניט קיין פייער. די פאליטיק פון אפרים און איהר גאנצע האנדלונג איז פון יאהרען שוין פאר־בלענדעט, איהר גורל איז א קייט פון גאט'ס משפטים, וואס האט נאך אלץ איהר ענד ניט דערגרייכט. „אפרים און די איינוואוינער פון שומרון" האבען זיך געטראכט, ווען די ערשטע קלעפ זיינען געקומען:

„ציגעל זיינען איינגעפאלען
אבער מיר וועלען איצט בויען מיט געהאקטע שטיינער!
מוילבער־בוימער זיינען אונטערגעהאקט,
אבער מיר וועלען זיי אויף צעדערן פארבייטען!

און יהוה האָט אויפגעהויבען זיינע דריקער געגען איהם*),
און זיינע פיינד האָט ער אָנגעהעצט:
ארם אין מזרח, די פלשתים אין מערב,
און זיי האָבען ישראל געפרעסען מיט א פולען מויל...
אָבער דאָס פאָלק האָט זיך ניט צוגעווענדט
צו דעם וואָס שלאָגט איהם...
און יהוה האָט אָפּגעהאַקט פון ישראל
קאָפּ און וויידעל, פּאַלמען־צווייג און טייך־ריטעל אין איין טאָג...
אָבער דאָך האָט זיין צאָרן זיך ניט אָפּגעווענדט,
און נאָך איז זיין האַנט אויסגעשטרעקט."**)
(ישעיה ט 8—13).

אזוי ווי די אלע קלעפּ האבען ניט געקאנט צוריקפיהרען ישראל צו יהוה, דעריבער מוז איצט קומען דער לעצטער, אנטשיידענדער קלאַפּ: „יהוה הייבט אויף א פאהן פאר א פאָלק פון וויטען און ער פייפט איהם צו פון עק פון דער וועלט" — אשור.

און ניט בעסער ווי אפרים זאָל עס געהן איהר פארבינדעטעו דמשק. פונקט ווי אפרים'ס פעסטונגען מוזען ווערען גלייך צו די פארוויסטעטע רואינען פון די חוים און די אמורים***), וואָס זיינען אמאָל אנטלאָפען פאר ישראל, אזוי מוזען אויך ווערען דמשק און איהרע לאנד־שטעדט. „וואָרים צו סטאָדעס בהמות זאָלען זיי געהערען, זיי וועלען דאָרטען הויערען און קיינער וועט ניט דערשרעקען. און עס וועט אויפהערען א פעסטונג פון אפרים און א קעניגטום פון דמשק, און די איבערבלייבעכץ פון ארם וועט זיין ווי די פראכט פון די קינדער פון ישראל, זאגט יהוה פון די הער־שארען!" (ישעיה י"ז).

אט אזוי אומגעפעהר האָט ישעיה געקאנט אורטיילען ביים אנהויב פון

---

*) רצין אין ט 10 איז א שפּעטער צוגעשטעלטע באַמערקונג.

**) די שטיק בליקט צוריק אויף די פארשידענע קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבען געטראָפען אפרים אין פארלויף פון דער צייט, ניט דערגרייכענדיג דעם ציל. דער־פאר מוז איצט יהוה דערלאַנגען דעם לעצטען קלאַפּ. אָט דאָס ווערט באַשריבען אין ה 25־29, וואָס איז דער אָפּשלוס פון אונזער שטיק.

***) „החוי והאמורי" אנשטאט „החרש והאמיר", לויט'ן תרגום השבעים.

קריג, בשעת יותם האט נאָך געלעבט און די טראַדיציעס פון עזריה'ן זיינען נאָך געווען לעבעדיג. אָבער יותם שטאַרבט און עס ווערט מקוים וואָס ישעיה האָט שוין געזעהן פאראויס: „איך וועל זיי געבען אינגלעך פאר פירשטען און קינדער וועלען איבער זיי הערשען... מיין פאָלק! זיינע באַצווינגער זיי־נען קינדער און ווייבער באהערשען עס!“ (ישעיה ג 4, 12). יותם'ס שטעל פארנעמט זיין נאָך יונגער זוהן אחז (מלכים ב, ט"ז). יהודה, וועלכע האָט גראָד איצט אַזוי נויטיג באַדאַרפט א שטאַרקען, אנטשלאָסענעם פיהרער, פאַלט אריין אין די הענט פון א צוואַנציג־יעהריגען, וועמען עס פעהלט אי די גענויטקייט פון לעבען, אי די מאָראַלישע קראַפט און האלטונג פון פעס־טען בטחון אין גאָט. א היבשער טייל פון דער זאָרג וועגען דעם מצב פון לאַנד ליגט איצט, ווי ס'איז שוין פיעל מאָל פאָרגעקומען, אויף די פּלייצעס פון די נביאים — די בעסטע ראיה וואָס פאר א באַזונדערע באַדייטונג די נבואה האָט געהאַט ביי די אידען.

עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אז יותם'ס טויט און דער אויפטריט פון דעם יונגען אחז אויף זיין פּלאַץ האָט פון דאָס ניי אָנגערעגט די פאַרבינ־דעטע צו פּרובירען קריגען יהודה אויף זייער זייט. יעדענפאַלס קומט פאָר זייער הויפּט־האַנדלונג אין דער זאַך אונטער אחז'ן. רצין אונטערנעמט א פעלד־צוג געגען דרום*). דורך וועלכען יהודה פארלירט אילת, דער קוואַל פון איהר רייכקייט אונטער עזריה און יותם. אילת געהט צוריק צו איהרע אַלטע באַלעבאַטים, די אדומים. דאַן אָבער נעמען זיך די פאַרבינדעטע צו אטאַקירען אחז'ן דירעקט. זיי מאַרשירען מיט פאַראייניגטע כוחות געגען יהודה, כדי צו עראָבערען ירושלים און אויב מעגליך צו באַזייטיגען דעם ווידערשפּעניגען אחז גופא (מלכים ב, ט"ז; ישעיה ז).

אין יענער לאַגע האָט מען אין יהודה ניט געוואוסט ווי זיך אַן עצה

---

*) דער קרי פון „וארומים“ (אין מלכים ב, ט"ז 6) איז „ואדומים“. ממילא מוז מען שוין אויך אנשטאַט „לארם“ לעזען „לאדום“. ס'איז דעריבער אסך וואהר־שיינליכער, אז דער נוסח פון פּסוק איז לכתחילה געווען: „בעת ההיא השיב מלך אדום את־אילת לאדום“... און „רצין“ איז צוגעשטעלט געוואָרען בטעות שפּעטער ווען „אדום“ איז שוין געווען פארגרייזט אין „ארם“. רצין האָט לויט דעם גאָר ניט געשיקט קיין עקספּעדיציע אַזוי וואַיט אין דרום, נאר דער מלך פון אדום האָט אויסגענוצט אחז'עס געדריקטע לאַגע און האָט צוריק פאַרכאַפּט אילת, א זאַך וואָס לעגט זיך אויך בעסער אויפ'ן שכל. זעה וועגען דעם בענציגער'ס קאָממענטאַר אויף מלכים אין מארטי'ס האַנד־קאָממענטאַר און „נאָטס אָן דהי היברו טעקסט אָוו דהי בוקס אָוו קינגס“ פון בורניי.
ת. ש.

צו געבען. די אשורישע פּאַרטיי אין ירושלים און אין אחז'עס הויף האָט געקאָנט נעמען אַלס ביישפּיל מנחם'ען, וועמען תגלת־פּלאַסר האָט מיט עט־ליכע יאָהר צוריק געראַטעוועט פון גרויס נויט. דאָרטען, פּונקט ווי דאָ, זיינען עס געווען אשור'ס פיינד, געגען וועמען מ'האָט זי גערופען. שוין בלויז דערהערענדיג, אַז דער פיינד מאַרשירט געגען יהודה האָט אחז און גאַנץ ירושלים דעם קאָפּ פאַרלאָרען*), און דער קעניג האָט ווי עס זעהט אויס, געפּאַסט א באַשלוס איידער די עצה פון די פּאַרזיכטיגע איז געווען בכוח איהם דערפון אָפּצוהאַלטען. ער שיקט שלוחים צו תגלת־פּלאַסר און אונטערוואַרפט זיך אונטער דעם גרויסען קעניג מיט ווערטער פון גרויס הכנעה. זיין הכנעה'דיגע בקשה נאָך הילף געגען זיינע פיינד באַקרעפטיגט ער דערמיט וואָס מ'שיקט גאָר דאָס גאָלד און זילבער, וואָס האָט זיך געפונען אין בית־המקדש און אין קעניגליכען אוצר (מלכים ב, ט"ז 7—9).

אחז האָט געהאַט אויף זיין זייט די עפענטליכע מיינונג אין ירושלים אין דער דאָזיגער פּאָליטיק זיינער, אין וועלכער אסך האָבען געזעהן דעם קלינסטען שלום. אויך נייערע היסטאָריקער האָבען אחז'ן אונטער זייער שוץ גענומען. ישעיה אָבער אורטיילט אַנדערש, און ער ווייסט, אַז ער איז דערין איינס מיט יהוה'ס ווילען און עצה. ער דענקט אַהן ספק אויך פון דער קורצזיכטיגער פּאָליטיק פון אסא, אַן אור־זיידע פון דעם איצטיגען קעניג, וועלכער האָט אַמאָל אין אַן עהנליכער לאַגע געהאַנדעלט עהנליך און האָט געבראַכט אַהן א שיעור צרות אויף זיין לאַנד און אויף זיין פיינדליכען שכן. אפרים איז ניט בלויז יהודה'ס ברודער, נאָר ער איז אויך מיט יהודה צוזאַמען די לעצטע פעסטע וואַנט, וואָס שטעהט נאָך צווישען אשור און עגיפּטען. בעת אחז מאַכט די נויטיגסטע צוגרייטונגען ביי דער וואַסער־לייטונג פון אויבערסטען טייך**) פאַר דעם פאַל פון א באַלאַגערונג פון דער הויפּטשטאָדט, זוכט איהם אויף ישעיה מיט די ווערטער: „נעם זיך אין אַכט און האַלט זיך רוהיג, שרעק זיך ניט און דיין האַרץ זאָל ניט פאַרצאַגט ווערען צוליב אָט די צוויי נאָך רויכערענדיגע האָלצשטעקעס ביי דעם גליהענדיגען צאָרן פון רצין, ארם און דעם זוהן פון רמליהו!... ניט קומען וועט עס און ניט געשעהן!"

---

*) ישעיה ז 2. — מיליכט האָט עס אחז ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט געאָפּפערט זיין זוהן, מלכים ב, ט"ז 3.

**) וועגען דער לאָקאַליטעט ווייסט מען ניט צו זאָגען עפּעס זיכערעס.

„וואָרים נאָר דער קאָפּ פון ארם איז דמשק
און נאָר דער קאָפּ פון דמשק איז רצין;*)
נאָר דער קאָפּ פון אפרים איז שומרון
און נאָר דער קאָפּ פון שומרון איז דער זוהן פון רמליהו:
גלויבט איהר ניט, דאַן בלייבט איהר ניט!“
(ישעיה ז 7—9).

דער נביא פּרעדיגט דאָ צו זיין קעניג גלויבען, בטחון אין גאָט. ישעיה איז קוים געווען אזא נאַר צו מיינען, אז מ'קאן באגעגענען א פיינד־ליכע אטאַקע מיט צונויפגעלעגטע הענט און מיט אויגען אויפגעהויבען צום הימעל. אבער זיין איבערציינונג איז, אז אין דעם איצטיגען מצב האָט קיינער ניט געקאָנט העלפען יהודה אחוץ גאָט אליין. העלפט ער ניט, דאַן איז יהודה פארלאָרען — וואוהין זי זאָל זיך ניט ווענדען צווישען מענשען. צו געווינען יהוה'ס הילף, איז נאָר דאָ איין מיטעל: צו זיין שטיל און זיך פארלאָזען אויף גאָט. די רעזולטאטען האָבען געוויזען, אז ישעיה איז גע־רעכט געווען. אין יענער נויט איז זיין עצה געווים געווען די ריכטיגע. אויף א ווילע האָט די באפעסטיגטע ירושלים געקאָנט אויסהאַלטען די בא־לאַגערונג. אונטערדעסען האָט תגלת־פלאסר, אויב די אינטערעסען פון זיין אימפעריע זיינען איהם געלעגען נאָהנט צום הארצען, געמוזט פון זיך אליין ארויסמאַרשירען געגען די פארבינדעטע, ווּעמעס זאַך איז פון אנהויב אָן געווען פאַרלאָרען, ווען גאַנץ סיריען איז ניט געשטאַנען צוזאַמען. אין אַט דעם פאַל וואָלט אשור איבערהויפּט ניט געהאַט קיין אורזאַך זיך צו פאר־נעמען מיט יהודה, און אחז וואָלט דערווייל געקאָנט ראַטעווען לכל הפּחות יענע מאָס פון זעלבשטענדיגקייט, וואָס זיינע פאָטערס האָבען איהם גע־לאָזען בירושה.

אַט אזוי האָט זיך די זאַך פארגעשטעלט ישעיה'ן, זי באַטראַכטענדיג ריין פּאָליטיש. ישעיה איז אבער קודם כל ניט קיין מאַן פון פּאָליטיק, נאָר א מאַן פון גאָט, דער רעליגיעזער פיהרער פון זיין פאָלק. מעסטענדיג מיט אַט דער מאָס ערשיינט איהם אחז אלס איינער, וואָס האַלט אין באַגעהן א נארישקייט און א פארברעכען צוזאַמען, און ער ארבייט דעריבער מיט אלע כוחות, כל זמן ס'איז נאָך ניט צו שפּעט, צו איבערציינען דעם קעניג וואָס

*) די אנדערע העלפט פון פסוק 8 איז א שפּעטערדיגע הוספה.

פאַר אַן אומגליק אַשור'ס אַריינמישונג מוז זיין פאַר יהודה. ער זעהט איז גייסט ווי אַשורישע מחנות פון איין זייט און עגיפּטישע מחנות פון דער אַנדערער זייט צעשפּרייטען זיך איבער די פעלדער פון יהודה, און ער זעהט שוין יהודה אין דער ראָלע פון דעם אומגליקליכען שטרייט־פּונקט צווישען די צוויי וועלט־מעכטען, ווען אחז זאָל פּרייוויליג אַראָפּרייסען די לעצטע פעסטע וואַנט, וואָס שיידט נאָך אָפּ צווישען אַשור און מצרים. זייענדיג זיכער מיט זיין זאַך און פול מיט זיין גאָט, נעמט זיך ישעיה צום לעצטען מיטעל. ער בעט אַן דעם קעניג אַ וואונדער, כדי איהם צו איבערצייגען, אַז ער זאָגט דעם אמת. אָבער אויך דאָס ווירקט ניט אויף דעם שוואַכען אחז: ער וויל ניט פּרובירען גאָט.

אַט אַזוי איז דער גורל געפאַלען, די שלוחים צו אַשור ווערען ניט צוריקגערופען, ישעיה'ס רעדעס און זיין טרחה זיינען אומזיסט. ער זעהט וואָס עס מוז דערפון אַרויסקומען, און ער לאָזט עס וויסען. יהודה'ס שרעקליכער גורל און איהר עלענדער אונטערגאַנג שטעהען איהם פאַר די אויגען. אָבער אַלס באַוויז, אַז אַט דער גלויבען זיינער איז פאָרט ניט קיין פּוסטע אילוזיע דערהייבט ער זיך דוקא אין יענער דריקענדער לאַגע צו דעם העכסטען שפּיץ פון האָפנונג און בטחון. כאָטש דער גורל פון יהודה איז איצט נאָר יאָמער און עלענד און כאָטש דוד'ס הויז גופא איז טיף געזונקען, אָבער דאָס „גלויבט איהר, דאַן בלייבט איהר" מוז זיך דאָך אַרויסווייזען אַלס אמת. אַ נייער דור, וואָס וועט אַרויסוואַקסען פון דעם טרערן־זאָמען פון דער איצטיגער צייט, וועט דאָס זיך דערוויסען פון אייגענער איבערלעבונג. יענער נייער דור וועט מיט אַ שטאַרקער האַנט אַרויסטרייבען די פיינד פון'ם לאַנד און וועט זעהן בראש פון זיך אַ נייעם קעניג פון דוד'ס שטאַם — אָבער ניט מעהר פאַר אַ קעניגרייך פון מלחמה, נאָר פאַר אַ מלוכה פון פרידען און יושר.

די שעה, אין וועלכער ישעיה האָט זיך געשיידט פון אחז'ן, האָט געגעבען דער וועלט דעם משיח־געדאַנק.*)

„הערט נאָר, איהר פון דוד'ס הויז; איז עס ווייניג פאַר אייך מיד צו מאַכען מענשען, אַז איהר מאַכט אויך מיד מיין גאָט? דערפאַר וועט דער

*) זעה אין צווייטען באַנד ז. 271, 272.

האר גופא אייך געבען א צייכען: די יונגע פרוי וועט שוואנגער ווערען און א זוהן געבארען און זי וועט איהם רופען עמנואל (גאט־מיט־אונז). דיקע מילך און האניג וועט ער עסען ביז ער וועט וויסען צו פאר־מיאוס'ען דאס שלעכטע און אויסצואוועהלען דאס גוטע; ווארים איידער דער אינגעל וועט וויסען צו פאר'מיאוס'ען דאס שלעכטע און אויסצואוועהלען דאס גוטע וועט פארלאזען ווערען דאס לאנד, וואס דיר גרוילט פאר זיינע צוויי מלכים: אבער יהוה וועט ברייננען אויף דיר און דיין פאלק און דיין פאמיליע טעג, אזעלכע וואס זיינען שוין ניט געווען זינט אפרים האט זיך אוועקגעקעהרט פון יהודה" (ישעיה ז 13—17). אשור וועט פארוויסטען דאס לאנד, אז עס וועט בלויז בלייבען פאשע פאר רינדער און שאף און אנשטאט מיט ברויט און וויין וועלען די איינוואוינער זיך נעהרען מיט מילך און ווילדען האניג.

ווען און וואו אחז'עס געזאנדטע האבען געטראפען תגלת־פלאסר'ן, איז אונז ניט באקאנט. ס'איז ניט אוממעגליך, אז ער האט זיך שוין געפונען אויפ'ן וועג קיין סיריען, וועלכע תגלת־פלאסר האט אהן אחז'ן אויך געמוזט אונטערווארפען. יעדענפאלס טרעפען מיר שוין דעם גרויסען קעניג אין יאהר 734 פאקטיש אין סיריען, אום צו שטראפען די בונטאוושציקעס. ווי ישעיה האט שוין פאראויסגעזעהן, איז דאס פאר איהם ניט געווען קיין שווערע ארבייט ביי דער אומאייניגקייט פון די איינצעלנע קליינע מלוכות צווישען זיך. בלויז דמשק האט, ווי עס זעהט אויס, ארויסגעוויזען אן ענערגישען ווידערשטאנד.

דער ספר מלכים דערצעהלט, אז תגלת־פלאסר האט אוועקגענומען פון פקח'ן עיון, אבל־בית־מעכה, ינוח, קדש און חצר, גליל און דאס גאנצע לאנד נפתלי, דערצו פילייכט איינצעלנע געגענדען אין גלעד און האט זייערע איינוואוינער פארשיקט קיין אשור (מלכים ב, ט"ו 29). דאס זיינען אין דער הויפטזאך דיזעלביגע געגענדען, וועלכע די סיריער האבען שוין געהאט צוגענומען אמאל אונטער בעשא'ן און וועלכע זיינען ערשט אונטער ירבעם בן יואש צוריק אריבער צו ישראל. דערמיט שטימט אי דאס וואס מיר ווייסען פון ישעיה'ן (ח 23), אי דאס וואס דער גרויסער קעניג גופא באריכטעט. שומרון גופא האט זיך נאך דעם מאל געראטעוועט פון עראבערונג און צעשטערונג דערמיט וואס די געגענד־פארטיי פון פקח האט איהם שנעל דערמארדעט און האט זיין מערדער הושע בן אלה פארגעשטעלט פאר דעם גרויסען קעניג אלס זיין

נאכפאלגער (734/3).*) דער ערשטער אקט פון גלות שומרון האט זיך דערמיט אנגעהויבען. די צפון־מלוכה איז דורך דעם געבליבען באשרענקט אויף דעם בערגלאנד אפרים און דעם טאל יזרעאל. נאכדעם ווי ישראל איז אויף אזא אופן באשטראפט געווארען און ירושלים איז באפרייט געווארען, ווענדט זיך תגלת־פלאסר אין 733 געגען דמשק. די ביבעל דערצעהלט קורץ, ער האט איינגענומען דמשק, איהרע איינוואוינער פארטריבען און רצין'ען געלאזט הינריכטען (מלכים ב, ט"ז 9). פון די אויפשריפטען פון דעם גרויסען קעניג גופא דערגעהען מיר, אז מיט דער באלאגערונג און עראבערונג פון דער פעסטער סירישער הויפטשטאדט איז ער געווען פארנומען צוויי יאהר.

אחז האט אויף א ווייל דערגרייכט זיין צוועק; זיינע ביידע געגנער זיינען אומגעקומען דורכ'ן שווערד און זייערע לענדער זיינען אין גאנצען אדער צום טייל אריינגעפאלען אין די הענט פון פיינד. אבער פאר ווelכען פרייז אחז האט געקויפט דעם שוץ פון גרויסען קעניג, ווייזט אונז א דערצעהלונג אין ספר מלכים. פון יענער דערצעהלונג זעהען מיר, אז די זאך איז נאך ניט געווען געענדיגט דערמיט וואס ער האט איינמאל געצאלט טריבוט. דער גרויסער קעניג האט דערווארט נאך צושווערונגען פון טרייהייט. און ס'איז דעריבער געווען זעלבסטפארשטענדליך, אז אחז, זיין טרייער וואסאל, זאל איצטער נאכטאן אשורישע זיטען און מנהגים אין טעגליכען לעבען ווי אויך אין קולט. נאך דער עראבערונג פון דמשק קומט אחז אהין ארויסצואווייזען זיין יראת־הכבוד פאר תגלת־פלאסר'ן. אט דא קריגט ער צו זעהן א מזבח, און ער שיקט גלייך א מאדעל דערפון צו זיין כהן אוריה אין ירושלים און לאזט מאכען אזא פאר'ן בית־המקדש. דער נייער מזבח פארנעמט דעם פלאץ פון דעם ביזאיצטיגען מזבח פון בראנד־אפפער (מזבח העולה, מלכים ב, ט"ז 10—16**). דאס הייסט ניט בשום אופן, אז דער יהוה־קולט איז

*) בעת תגלת־פלאסר'ס ארמיי שטעהט נאך אין גליל, קומט פאר פקח'ס דערמארדונג אין שומרון. אשור אבער פארלאנגט גאראנטיעס פון הושע'ן און מארשירט דעריבער געגען איהם. ער אונטערווארפט זיך דאן אהן באדינגונגען. פסוק ג אין מלכים ב, י"ז באציהט זיך נאך לויט דעם אויף תגלת־פלאסר'ן און דעם נאמען שלמנאסר איז דארטען צו שטרייכען. ווארים די גאנצע שטיק י"ז 1־6 רעדט נאר פון א קעניג פון אשור אהן א נאמען. דער נאמען איז א הוספה, וואס א שפעטעריגער איבערשרייבער האט דא בטעות אריינגעשטעלט פון י"ח 9.

**) ביז אויף אחז'ן האט שלמה'ס איינפאכער בראנזענער מזבח געטאן זיין דינסט אויף דעם הייליגען פעלז; איצט אבער מוז ער מאכען פלאץ פאר א שענערעי און גרעסערען. ס'איז וואהרשיינליך געווען א הויכער געבוי מיט טרעפען ארויפ־

באזייטיגט געווארען. אבער עס האנדעלט זיך אויך ניט וועגען רציז'ס א מזבח. אזוי גיך ווי דמשק איז געפאלען אין די הענט פון די אשורים, האבען זיי דארטען הפנים איינגעפיהרט זייער פארם פון קולט. אחז זעהט דעם אשורישען הויפט־מזבח אין דמשק און ער מיינט, אז נאכמאכענדיג איהם וועט ער זיך מאכען געפעליג אין די אויגען פון דעם גרויסען קעניג. אויך בכלל ווייזט אחז ניט ארויס קיין צופיעל פרומקייט לגבי דעם בית־המקדש פון ירושלים (מלכים ב, ט"ז 17, 18*). די מעהרסטע פון די מיטלען, וועלכע אחז האט אנגענומען אין צוזאמענהאנג מיט דעם, ווערען ערקלערט מיט דער נויט צו שאפען געלד, אבער אנדערע שפורען ווייזען אויף דעם, אז אחז האט איינגעפיהרט אין ירושלים דעם אשורישען שטערן־און זון־דינסט און האט אפילו געהאלטען ביים בית־המקדש אין ירושלים הייליגע זון־פערד**).

3.

שומרון'ס ענד.

ביידע מלוכות, ישראל און יהודה, האבען אין דער נעכסטער צייט געקאנט לעבען אומגעשטערט אין פרידען אונטער אשור'ס שוץ, ווען זיי וואלטען זיך געהאלטען רוהיג און וואלטען זיך צופרידען געשטעלט מיט דעם פאקטישען צושטאנד, וואס איז דאמאלסט געשאפען געווארען. אחז האט באטראכטען יענעם וועג און עס האט זיך איהם איינגעגעבען זיך צו האלטען יאהרען לאנג אויף זיין טראן. אין ישראל אבער ווערט די צערודערונג ניט איינגעשטילט. זינט 732 איז תגלת־פלאסר פארנומען אין מזרח, און אין 727 טרעט ער דעריבער אראפ פון דער סצענע. זיין נאכפאלגער איז

צוגעהן. — אחז האט ווי עס ווייזט אויס, אויך אויפגעשטעלט אן אשרה (מלכים ב, י"ח 4) און האט אויך באגינסטיגט דעם מנהג פון קינדער־אפפער (ט"ז 3).

*) ער האט געלאזט צעשניידען די געשטעלען און די ראמען זייערע און דעם קעסעל פון זיי אראפנעמען און דעם בראנזענעם באסיין האט ער געלאזט אראפ־נעמען פון די בראנזענע אקסען, אויף וועלכע ער איז געשטאנען, און איהם אוועק־געשטעלט אויף אן אונטערבוי פון שטיינער (מלכים ב, ט"ז 17). ח. ש.

**) מלכים ב, כ"ג 11, 12. צו די „מלכים פון יהודה", וועלכע ווערען דארטען דערמאנט, האט אחז יעדענפאלס געהערט; אויב נאך פריהעריגע מלכים, איז א פראגע.

שלמנאסר דער פערטער (727—722). די אפוועזנהייט פון דעם גרויסן קעניג און, נאך מער, דער בייט אויף דעם טראן פון אשור, גיט ארייַן נייע האפענונג אין דער פארטיי פון ומאפהענגיגקייט אין שומרון.

עגיפטן טוט דאס איריגע צו האלטן ווארים די דאזיגע האפענונג. ווארים וואס ווייטער אשור איז אין דער לעצטער צייט ארייַנגעדרונגען אין סיריען, אלץ מער האט די מלוכה פון די פרעה'ס געמוזט פיהלן, אז עס שטעהט פאר אן ערנסטע געפאהר פאר דער פאזיציע וואס זי האט ביז דאַ־כאלסט פארנומען. אויב זי זאל ניט ארבייטן מיט אירע לעצטע כוחות צו פארהאלטן אשור און אויפצוהעצן די סירישע מדינות צו א ווידער־שטאנד געגען דעם גרויסן קעניג, וואלט עס הייסן זיך גופא שלאגן. ס'איז געווען די העכסטע צייט פאר עגיפטן אויפצוגעבן איהר ביז־איצטיגע פאַ־ליטיק פון גאר נישט טאן, צו וואס די אינערליכע פארהעלטענישן האבן זי געהאט פאר'משפט. אסך געלערנטע נעמען אן, אז דער נצחון פון דעם עטיאפער סאבאקא, וועלכער האט, נאך לאנגע אינערליכע מלחמות, געבראכט ענדליך עגיפטן אין די הענט פון די עטיאפישע הערשער, האט איצט שוין געשאפן, לכל הפחות פאר א געוויסער צייט, אן ארדנונג אין עגיפטן און האט איהר דערמיט געגעבן די מעגליכקייט זיך צו פארנעמען מיט די ענינים פון סיריען. עס לעגט זיך אבער בעסער אויפ'ן שכל אז פיאנכי האט דעמאלט געהאט די אויבער־ממשלה*). יעדענפאלס געפינען מיר איהם גלייך אין פארבינדונג מיט די סירישע מלוכות, און עגיפטן בלייבט פון איצט אן ביז אסר־חדן די באשטענדיגע רוה־שטערין, וועלכע זוכט צו העצן די סירישע

---

*) וועגען די פארהעלטענישן אין עגיפטן פאר כאבאקא ווייסן מיר אומ־געפעהר פאלגענדעס: פון פיאנכי'ס אויפשריפט מוז מען אננעמען אלס פארבאדינג א צושטאנד פון צעפאל (פיאנכי צעהלט אויף אין דער פון איהם אונטערווארפענער געגענד ניט ווייניגער ווי 20 מלכים און פירשטן, בכן איינצעלנע הערשער). דעם דאזיגן צושטאנד האבן אויסגענוצט די עטיאפער אום צוערשט אריינצודרינגען אין טעבן און פון דאנעט אויס אריינצודרינגען ביסלעכווייז אין אונטער־עגיפטן. אט דא טרעפן זיי א ווידערשטאנד; פון דעם אלגעמיינעם צעפאל איז אויפגעקומען א שטרעבונג אויפצושטעלן ווידער די איינהייט. די פירשטן פון דער דעלטא ווערן אבער דאך אונטערווארפן און פיאנכי צווינגט זיי צו אנערקענען זיין אויבער־הערשאפט. אלס צייט פאר די דאזיגע געשעהענישן נעמט ברעסטעד אן די יאהרן קורץ פאר 720. דאן ערשט קומט פאר דער אריינפאל פון סאבאקא. ער האט מעהר ערפאלג ווי פיאנכי און האלט אונטערווארפען גאנץ עגיפטן ארום 12 יאהר, בערך 701—713.

מלוכות געגען זייער אונטערדריקער. חאנא פון עזה, וועלכער האט זיך געהאט אויפגעהאלטען אלס פליכטלינג אין עגיפטען, קעהרט זיך צוריק אהיים, גלייך נאך תגלת־פלאסר׳ס טויט אדער איינינע יאהר נאכדעם, כדי אונטער דעם עגיפטישען איינפלוס צו העצען צו אן אויפשטאנד; און פון הושע פון ישראל ווערט דערצעהלט אין תנ״ך, אז ער האט אויפגעהערט צאהלען דעם טריבוט צו אשור און אז דאס איז געווען בהסכם מיט דעם קעניג סוא פון מצרים, צו וועמען ער האט געשיקט א געזאנדטשאפט (מלכים ב, י״ז 4). דעם דאזיגען סוא קענען מיר פון די אשורישע אויפשריפטען אלס סיבו פון מוצורי*). מאנכע האבען אידענטיפיצירט סוא און סאבאקא. די כראנא־לאגיע איז אבער געגען דעם. עס לעגט זיך גאנץ גוט אויפ׳ן שכל צו אידענ־טיפיצירען סוא מיט פיאנכי; אויב ניט, האט סוא געמוזט זיין איינער פון די אנפיהרענדע פירשטען פאר פיאנכי׳ס אויפטרעטען און פיליכט אויך נאך ביי זיין צייט. ס׳איז כדאי צו באמערקען, אז לויט די אויפשריפטען הייסט סיבו פאקטיש קיינמאל ניט קעניג, נאר שטענדיג ט ו ר ט א ן, עס הייסט אויבער־גענעראל, פון מוצורי.

שלאנאסר האט ניט געקאנט רוהיג צוקוקען ווי שומרון רעוואלטירט, ווייל די אשורישע אויבער־ממשלה איבער גאנץ סיריען איז דא אין קאן געשטאנען. גלייך נאך זיין באשטייגען דעם טראן, בערך אין זיין צווייטען יאהר, האט ער שוין געמוזט ארויסמארשירען. ווארים אויב ס׳איז ריכטיג, ווי עס שטעהט אין ספר מלכים, אז הושע האט רעגירט ניין יאהר, האט שלמנאסר געמוזט ארויסטרעטען געגען איהם שוין אין יאהר 725. עס ווייזט אויס, אז ווי נאר דער גרויסער קעניג איז געקומען נעהנטער מיט זיין חיל, האט זיך הושע איבערגעגעבען אין זיינע הענט. ס׳איז דערפון צו דרינגען, אז סוא האט אין אנטשיידענדען מאמענט איהם געלאזען אין פארלעגענהייט. הושע ווערט גענומען געפאנגען און האט הפנים געהאט דעמזעלביגען גורל ווי די איבעריגע געפאנגענע. זיין הויפטשטאדט שומרון אבער איז ניט גע־נייגט זיך איבערצוגעבען גאר אזוי אין אשור׳ס הענט. שלמנאסר מוז זיך נעמען צו א רעגעלמעסיגער באלאגערונג, און דורך איהר פעסטער לאגע גיט זיך שומרון איין זיך צו האלטען פולע דריי יאהר. שלמנאסר׳ן איז ניט בא־

---

*) אז סוא (סעווע) פון תנ״ך און סיבו פון די אויפשריפטען איז איין און דערזעלביגער קאָן מען זעהן דערפון, וואָס ביידע טוען די גלייכע זאך: סוא אונ־טערשטיצט הושע׳ן, סיבו אונטערשטיצט חאנגא׳ן געגען אשור.

שערט צו דערלעבען די עראבערונג פון דער שטאדט*). לויט די גלויב־ווערדיגע אשורישע באריכטען איז שומרון ערשט געפאלען אין דער האנט פון שלמנאסר'ס נאכפאלגער סרגון (722).

אין דער צייט, ווען שלמנאסר האט זיך גערוקט ווייטער און האט באלאגערט שומרון, האט זעלבסטפארשטענדליך אויך יהודה געווארפען איהרע בליקען מיט געשפאנטער אויפמערקזאמקייט אויף איהר שכן אין צפון. ס'איז אהן ספק צו פארדאנקען ישעיה'ן, וואס אחז איז געבליבען רוהיג און איז בייגעשטאנען אלע פראבעס, וואס זיינען געווים געמאכט געווארען אויך איהם צוצוציהען צו דעם אויפשטאנד. וואלט אחז אנדערש געהאנדעלט, וואלט שוין איצט געקומען דער סוף צו יהודה. אבער ישעיה איז איבערצייגט, אז שומרון וועט אויך דעם מאל ווינציג וואס געווינען פון איהר געוואגטער און געפעהרליכער אונטערנעמונג. די מאס פון שומרון איז פול, אבער יהודה מעג זיך ארויפנעהמען א מוסר, זעהענדיג וואס עס קומט דארט איצטער פאר. „וועה צו דער שטאלצער קרוין פון די שיכורים פון אפרים". רופט ער אויס איבער שומרון, „און צו דער וועלקענדער בלום פון זיין פרעכטיגער צירונג, אויף דעם אייל־פעטען טאל־קאפ פון די בארוישטע פון וויין! אט קומט אן א שטארקער און געוואלטיגער פון דעם האר! ווי א האגעל־שטראם, ווי א וועטער־שטורם, ווי א שטראם פון מעכטיגע וואסער־גוסען וועט ער זיי מיט געוואלד צו דער ערד ווארפען, כדי זי זאל מיט די פיס צעטראטען ווערען. די שטאלצע קרוין פון די שיכורים פון אפרים" (ישעיה כ"ח 1—3).

בערך אין דערזעלביגער צייט שטעהט אויף אין יהודה נעבען ישעיה'ן א גלייכגעזונענער נביא, פילייכט ישעיה'ס א תלמיד, מיכה פון מורשת (מיכה המורשתי). אויך פאר איהם איז א זיכערע זאך שומרון'ס חורבן און אונטערגאנג:

„שוין געהט יהוה ארויס פון זיין ארט,
און נידערט אראפ און טרעט אויף די הויכען פון דער ערד.
און עס צעשמעלצען די בערג אונטער איהם,
און די טאלען צעשפאלטען זיך
ווי וואקס פאר דעם פייער,
ווי וואסערן וואס גיסען זיך אין א נידערונג.

*) אין מלכים ב, י"ז 5, 6; י"ח 9, 10 איז ניט גענוי. פאקטיש איז דער עראבערער סרגון.

איבער יעקב׳ס פאַרשולדיגונג איז אַט דאָס אַלץ
און איבער די זינד פון ישראל׳ס הויז:
וואָס איז יעקב׳ס פאַרשולדיגונג? — ניט שומרון?
און וואָס יהודה׳ס זינד?*) — ניט ירושלים?
דעריבער וועל איך מאַכען שומרון פאַר א וויסטער קופּע אין פעלד,
פאַר פלאַנצונגען פון וויינגערטנער,
און איך וועל אין טאָל אַראָפּוואַרפען איהרע שטיינער,
און איהרע גרונטען וועל איך אַנטבלויזען".**)

(מיכה א 3—6).

אז ירושלים וועט חרוב ווערען, קאָן מיכה איצט קיין מורא ניט האָבען. וואָרים אַזוי ווי זי האָט זיך ניט געשטעלט געגען אשור, איז קיין גרונט ניט געווען פאַר קיין קריג. ס׳איז אָבער געווען גרינג צו זעהן, אז די כוואַליעס וואָס האָבען אַראָפּגעשווענקט שומרון, וועלען אויך ניט לאָזען יהודה אין גאַנצען אומבאַשעדיגט. דערצו נאָך זיינען יהודה׳ס זינד געווען גלייך צו אפרים׳ס: וועט יהוה ווידער אויפהייבען ווען עס איז זיין בייטש, וועט דאָן קומען אויך יהודה׳ס ענד (מיכה א 8, 9). די קלעפּ וואָס פאַלען אויף אפרים זיינען טויטליך ניט בלויז פאַר שומרון — „זיי קומען ביז צו יהודה, גרייכען ביז צום טויער פון מיין פאָלק, ביז ירושלים." —

וואָס עס איז געוואָרען פון די איינוואוינער פון דעם עראָבערטען לאַנד, לאָזט זיך נאָר טיילווייז מיט זיכערקייט זאָגען. א טייל פון זיי ווערען אוועקגעשלעפּט פון זייער היים. דאָס איז געווען דער מנהג ביי די אשורישע און באַבילאָנישע מלכים, א מנהג פון וועלכען מיר הערען דעם ערשטען מאָל ביי תגלת־פלאסר׳ן. לויט סרגון׳ס אויפשריפטען האָט ער אוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט 27290 איינוואוינער פון שומרון. די געבליבענע האָט ער געלאָזען אין לאַנד אונטער אַן אשורישען גובערנאַטאָר און שוין איצט האָט ער דאָ באַזעצט לייט פון איינגענומענע לענדער. די פאַרטריבענע זיינען אָהן ספק געווען די אַנפיהרענדע שיכטען אין דער מלוכה: באַאַמטע און פאַרמעגליכע, קריגס־לייט און כהנים. לויט דעם באַריכט פון ספר מלכים זיינען זיי פאַר־

---

*) מיכה א 5. לויט׳ן תרגום און לויט דעם תרגום השבעים דאַרף מען לעזען „ומי חטאת בית יהודה."
ח. ש.

**) די נבואה, קאָן מען זעהן בפירוש שטאַמט פון פאַר דעם חורבן שומרון (722). דאָס שטימט מיט דער צייט־באַשטימונג פון מיכה א 1.

טריבען געוואָרען קיין מעסאָפּאָטאַמיען און מעדיען (מדי); צווישען אַנדערע ווערט דערמאָנט אלס זייער וואוינאָרט דער ח ב ו ר, א נעבען־טייך פון פּרת, און „די שטעדט פון מדי“ (מלכים ב, י״ז 6).

די געבליבענע, וועלכע זיינען נאַטירליך געווען די גרויסע מאַסע פון פאָלק, זיינען אשורישע אונטערטאַנען, דאָס לאַנד איז פון אַן אונטערוואָרפענער וואסאַל־מלוכה געוואָרען א רעגולערע אשורישע פּראָווינץ. אַבער איידער דאָס לאַנד האָט זיך אונטערוואָרפען אונטער דעם דאָזיגען שיקזאַל האָט עס נאָך איינמאַל געפּרובירט זיך צו ראַטעווען דורך אַן אויפשטאַנד. אין תנ״ך ווערט דערפון ניט דערמאָנט; מיר ווייסען עס אָבער פון סרגון׳ס אויפשריפטען. פון זיי ווייזט עס אויס, אז גלייך ווי סרגון האָט פארלאָזען סיריען האָט פון דאָס ניי זיך אָרגאַניזירט דער ווידערשטאַנד געגען אשור. בראש פון׳ם אויפשטאַנד איז געשטאַנען אילובידי פון חמת. כמעט גאַנץ סיריען אין צפון־זייט פון שמרון האָט זיך אַנגעשלאָסען. שומרון גופא, צי זי האָט יאָ געמאָגט וועלען אדער ניט, איז ארייננגעצויגען געוואָרען אין דער באַוועגונג. אין דרום שטעהען צו די פאַרבינדעטע צו חאַנאָ פון עזה און אַן אראַביש־עגיפּטישער קאָרפּוס אונטער דעם גענעראַל סעווע (סוא, סיבו). יהודה, כאָטש מ׳האָט געזוכט דורך געזאַנדטע צו קריגען איהר הילף, געהערט צו ווייניג אויסנאַמען, וועלכע האַלטען פאַר אסך גלייכער צו בלייבען אויף אשור׳ס זייט*). אין יאָהר 720 קומט דערפאַר סרגון ווידער אין סיריען. אילובידו פון חמת ווערט גיך צעשלאָגען ביי קאַרקאַר. דער גרויסער קעניג מאַרשירט דאַן ווייטער קיין דרום און שלאָגט די איבעריגע פאַרבינדעטע ביי ראַפּיהי, אָהן ספק די שפּעטערע ראַפּיא פון די גריכען, ניט ווייט פון עזה ביים עגיפּטישען גרעניץ. סרגון ריהמט זיך אפילו אז ער האָט נעקראָגען טריבוט פון פּרעה׳ן („פּירו“). דערמיט איז שומרון׳ס ווידערשטאַנד אויף שטענדיג געבראָכען, לכל הפּחות ווערט אין די אשורישע נאָכריכטען ניט דערמאָנט מעהר פון קיין פּראָבע אראָפּצוואָרפען דעם פרעמדען יאָך.

וואהרשיינליך האָט סרגון ספּעציעל צוליב אָט די אומרוהען איצט און ביי שפּעטערע געלעגענהייטען באַזעצט פרעמדע קאָלאָניסטען אין דער גע־

*) סרגון דערמאָנט אפילו א לאַנד „יאאודו“ אויף זיינער אַן אויפשריפט אויף א שטיין־פּלאַטע פון יאָהר 717. ס׳איז אָבער דערמיט געמיינט די סירישע „יאדי“, מיט וועלכער מיר זיינען שוין אויבען באַקאַנט געוואָרען אונטער תגלת־פּלאסר׳ן. א שטיקעל ראיה דערצו איז וואָס עס שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט חמת.

געגנד פון שומרון. אזוי רעדט סרגון גופא וועגען „געפאנגענע פון פארשי־דענע לענדער", וועלכע ער האט באזעצט אין שומרון. צווישען די געפאנ־גענע רופט ער אן באזונדערס מיט נעמען אייניגע אראבישע מדבר־שבטים, וועלכע האבען זיך ניט געוואלט אונטערווארפען און זיינען דעריבער פאר־טריבען געווארען פון זייער היים. נעבען זיי ווערען אין תנ"ך דערמאנט באבילאנישע שטעדט, וועמעס איינוואוינער דער קעניג פון אשור האט פאר־פלאנצט אין די שומרונ'ישע שטעדט*). דאס זיינען אפשר דיזעלבינע, וואס זיינען לויט סרגון'ס אייגענעם באריכט פארטריבען געווארען איבער די אומרוהען אין באבילאניען אין דעם לאנד פון די חתים. דערצו נאך קומען צו אייניגע יאהרצעהנדליג שפעטער אונטער אסר־חדן נאך אנדערע פרעמדע עלעמענטען**).

די צפון־מלוכה האט דערמיט דערגרייכט איהר ענד. הגם די גרויסע מערהייט פון די איינוואוינער בלייבען אין לאנד, האט אבער די נאציאן איהר לעבענס־קראפט פארלארען, און דערצו נאך איז אויך פארשוואונדען דער לעצטער שאטען פון פרייהייט אום ניט מעהר צוריקצוקומען. א פרעמדע נאציאנאליטעט און א פרעמדע רעליגיאן מישען זיך דורך מיט ישראל; אשורישע גובערנאטארען און באאמטע געוועלטיגען אין לאנד; אשוריש, באבילאניש און אראביש בלוט דרינגט אריין אין די היימישע משפחות, אויסלענדישע געטער דרינגען אריין אין די הייליגע ערטער פונ'ם לאנד. אין אנהויב וועהרט מען זיך נעגען זיי, אזוי ווייט ווי עס לאזט זיך. בית־אל האט

דאסזעלביגע לאזט זיך אויך ארויסדרינגען פון ישעיה י"ד 28—32. די רעדע איז א ווארנונג צו די פלשתים, צי ביי שלמנאסר'ס טויט אדער ביי דער נידערלאגע וואס סרגון האט געליטען ביי דורילו (אויפ'ן גרעניץ פון עילם), אז זיי זאלען זיך ניט מאכען צו גרויסע האפענונגען, און ער זאגט זיי פאראויס גרויס אומגליק. ווען יהודה וואלט געווען באטייליגט, וואלט געוויס ישעיה אויך איהר געסטראשעט. נאר שלותים, מיט'ן צוועק אריינצוציהען יהודה אין דער באוועגונג, זיינען געוועזען אדער זיינען נאך דא (פסוק 32). דער אנווייז אויף יהוה, אלס דעם אליינציגען באשיצער פון ציון, זאל זיין דער איינציגער ענטפער צו זיי.

*) מלכים ב, י"ז 24. די דארטען דערמאנטע סירישע שטעדט (עוא, המת) זיינען פיליכט א שפעטעריגע הוספה, מחמת א דעפארטאציע פון סיריער צו דער נאהנטער פאלעסטינא איז אוממעגליך. „ספרוים", נעמט ווינקלער אן, איז פאר־גרייזט געווארען פון סיפאר ביים פרת.

**) פארגלייך עזרא ד 2. עזרא ד 10 דענקט פיליכט פון דערזעלביגער פאסי־רונג, דאך איז וואהרשיינליך, אז עס זיינען צוגעקומען פרעמדע עלעמענטען נאך שפעטער אונטער אשורבאניפאל (אסנפר רבא ויקירא).

נאָך אויף א ווײַלע אָנגעהאַלטען איהר כאַראַקטער אלס הייליגטום פון יהוה. און זי זוכט אפילו אויסצושפּרייטען איהר השפּעה אויף די פרעמדע קאָלאָניסטען*). ביז צו א געוויסען גראַד האָט זיך איהר דאָס אויך געמוזט אײַנגעבען, וואָרים נאָך אונטער יאשיהו'ן שטעהט דער מזבח פון בית־אל**), און בשעת די אידען פון יהודה קעהרען זיך צוריק פון גלות בבל געפינען זיי

*) מלכים ב, י"ז פון פסוק 24 אָן. עס קלינגט דורכאויס גלויבהאַפט וואָס דאָ ווערט דערצעהלט. אז ווייל די נייע קאָלאָניסטען האָבען ניט געוואוסט „דאָס רעכט פונ'ם גאָט פון לאַנד" האָט זיי דערפאַר דער מלך פון אשור געשיקט פון גלות א כהן פון יהוה, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין בית־אל. לכל הפּחות שפּיגעלט זיך דערין אָפּ דער פאַקט, אז אי די געבליבענע, אי די צוגעקומענע האָבען געדינט יהוה. א'ניט וואָלט זיך ניט געלאָזט דערקלערען די עקסיסטענץ פון די שומרונים, וועלכע ווילען דאָך זײַן יהוה־דינער. דער פאַקט ווערט אויך געפאָדערט דורך דער פאַרהעלטעגישמעסיג קליינער צאָהל פון די פאַרטריבענע. אפילו אויב מיר זאָלען שוין אָננעמען, ווי ס'איז שוין אויבען געזאָגט געוואָרען, אז הושע'ן האָט געהערט נאָר נאָך די שפּעטערע געגענד פון סאמאַריען, איז אלץ צו באַשיידען די צאָהל פון 27290. עס האָבען בכן געמוזט בלײַבען אסך לײַט פון געמיינעם שטאַנד און די געוועזענע אנהענגער פון דער אשור־פּאַרטיי. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז זיי דינען צו יהוה. מ'וועט נאָך מוזען געהן ווײַטער: ווען לויט ירמיה מ"א 4, 5 זיינען לײַט פון באַרג אפרים עולה־רגל קיין ירושלים נאָך איהר חורבן, דאַן האָבען זיי עס מסתמא פריהער נאָך גיכער געטאָן. דער צובונד צו ירושלים איז הפּנים אין דער צפון־מלוכה, ניט קוקענדיג אויף דער פּאָליטישער שפּאַלטונג, קיינמאָל ניט אין גאַנצען אויסגעשטאָרבען, און נאָך דעם פאַל פון שומרון האָט יענער צושטאַנד נאָך געמוזט שטאַרקער ווערען ביי די פרומע. וואַהרשײַנליך האָט דאָ אויך אסך מיטגעהאָלפען דאס וואָס די מלכים פון יהודה האָבען פון נאָכ'ן חורבן שומרון אָן געזוכט ארויסצורוקען זייער גרעניץ ווײַטער אין צפון. אָט אזוי געפינט יאשיהו אויך דאָ א גרונטלאגע פאר זײַנע שטרעבונגען (מלכים ב, כ"ג 15—20).

**) מלכים ב, כ"ג 15. ס'איז כדאי צו באַמערקען, אז יאשיהו'ס רעפאָרם האָט דאָ ניט באַגעגענט קיין הינדערנישען ווידערשטאַנד. דערמיט שטימט אויסער ירמיה מ"א 5 אויך עזרא ד 2, וואו די שומרונים טענה'נען, אז זינט אסר־חדן'ס צײַט דינען זיי דעם אידישען גאָט. דאָס באַווײַזט ניט, אז זיי זײַנען געווען „יודעאיש", נאָר אז זיי זײַנען געווען געזונגען יהו'יסטיש. די אידישע עלעמענטען האָבען בכן געמוזט גײַסטיג אַראָפּוועגען די הײדנישע קאָלאָניסטען, אָבער זיי האָבען נאַטירליך אויך געמוזט גלײַכצײַטיג באאײַנפלוסט ווערען פון זיי. דאָך אָבער ווײַזט עס אויס, אז מ'האָט ביז אויף יאשיהו'ן זיך געהאַלטען אין בית־אל ביי דער פאָלקס־רעליגיאָן, ווי זי שפּיגעלט זיך אָפּ אין עמוס, הושע און ישעיה. מיט יאשיהו'ן טרעט איין אן ענדערונג; אָבער זינט מנשה'ן און דעם גלות בבל האָט מען זיך נאַטירליך צוריקגעקעהרט צו דער אַלטער פאָלקס־רעליגיאָן. ערגער פאר אָט דער

דא א פאלק, וואס האט זיך געהאלטען פעסט אין דינען יהוה. אבער די צוריקגעקעהרטע דערקענען פארט אין זיי ניט מעהר פלייש פון זייער פלייש און אין איהר גאט דערקענען זיי מעהר ניט זייער אייגענעם גאט, וועלכער האט נאטירליך אונטערדעסען זיך שטארק דערווייטערט פון דעם אמאליגען יהוה פון די נביאים. די צוריקגעקעהרטע פארשטעהען מעהר ניט די אלטע פאלקס־רעליגיאן, נאך וועניגער פארשטעהען זיי איהר פסולת, וואס איז צו־געמישט געווארען פון פרעמדע לענדער. אט אזוי שיידען זיי זיך פון די שומרונים, וועלכע ווערען פון דאמאלסט אן א זעלבשטענדיגער רעליגיעזער קיבוץ. און כאטש די שומרונים האבען זיך באטראכט אלס זיהן פון דעם אלטען פאלק ישראל, דאך איז עס ניט געווען בלויז גאוה מצד פון די צוריקגעקעהרטע פון בבל, וואס עס איז זיי שווער געווען צו דערקענען אין זיי די שטריכען פונ'ם אלטען ישראל, לויט ווי זיי האבען זיך עס פארגעשטעלט (מלכים ב, י"ז 24—41).

באזונדערם אינטערעסאנט איז אבער פאר אונז די מעטאדע, וואס די אשורים האבען דא אנגענומען. זי איז אנגעווענדט געווארען פון זיי זינט א געוויסער צייט אויך צו אנדערע פעלקערשאפטען און געהערט ביסלעכ־ווייז צום רעגירונגס־סיסטעם. איהר ציל איז איינצוגלידערען די פעלקער פולשטענדיג אין דער אשורישער אימפעריע און צו מאכען אוממעגליך יעדע פראבע צו רעוואלטירען. די אויבערסטע שיכטען פון דער באפעלקערונג: רעגירענדע, קינסטלער, האנטווערקער, בוימייסטער ווערען דערפאר דעפאר־טירט אינ'ם לאנד פון דעם זיגער. דארטען ווערען זיי הפנים באזעצט אלס קעניגליכע קאלאניסטען, וועלכע האבען זייער אייגענטום אלס שוץ־גוט פונ'ם קעניג*). זיי ווערען דורך דעם געשטעלט אין א גינסטיגער פאזיציע, יעדענ־פאלס עקאנאמיש גוט פארזארגט, און זיי ווערען דערמיט שטארק צוגעבונדען צו דעם קעניג און צו דעם לאנד, נאטירליך גיט מען אויף זיי אויך גוט אכ־טונג. אט אזוי זארגט מען דערפאר, אז זיי זאלען שנעל פארגעסען זייער

פאלקס־רעליגיאן איז וואהרשיינליך ניט געווען די רעליגיאן פון די שומרונים נאכ'ן גלות בבל, נאר מיט דעם חילוק וואס אנשטאט א כנעני'שע האט זי ארויגע־געגומען אין זיך א שטארקע ביימישונג פון אן אנדער היידענטום.

*) פארגלייך די שילדערונג אין מלכים ב, י"ח 32, וועלכע מעג זיין אין איינקלאנג מיט דער ווירקליכקייט אויף אזוי פיעל, אז מ'האט געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען צו מאכען די פארטריבענע פארגעסען אן דער אלטער היים און אז דער קעניג האט זיי געגעבען לאנד־אייגענטום.

נאציאנאלע אייגנארטיגקייט. אין דעם ליגט א סיסטעם, וואס האט פאליטיש געמעגט זיין גוט אויסגערעכנט, אבער מאראליש באטראכט האט עס שוין געמוזט אויפטרייסלען די פיינערע געפיהלען פון די מענשען פון יענער צייט. דער סיסטעם האט באדייט ניט ווייניגער ווי די פולקומע צעשטערונג פון פעלקער און דאס ארויסרייסען מיט געוואלד גאנצע נאציאנען פון זייער היימישען באדען. פאר ישעיה'ן איז אט די מעטאדע א ברוטאלע, באַרבאַרישע צעטרעטונג פון די פעלקער.

פון די איינוואוינער פון שומרון איז פאקטיש ניט געבליבען היסטאריש קיין שריד ופליט אין דער אשורישער אימפעריע. דער סיסטעם האט זיך גלענצענד איינגעגעבען. איינצעלנע שפורען פון טיילען פון א אידישער באפעלקערונג אין ווייטען מזרח ביז צו אינדיען און כינא קענען פיליכט שטאמען אין זייערע ערשטע התחלות פון יענע קאלאניסטען. אבער זיי זיינען דער „יוצא מן הכלל“. אלס כלל זיינען די אלטע איינוואוינער פון דעם קעניגרייך ישראל פארשלונגען געווארען אין יענע אימפעריעס פון מזרח, ניט לאזענדיג קיין סימן פון זיך. די סיבה דערפון איז אהן ספק געלעגען אין דעם, וואס זייער רעליגיאן האט געהאט ארייגענומען אין זיך צופיעל עלעמענטען פון דער היידניש־כנעני'שער פאלקס־רעליגיאן און זי האט דעריבער ניט געקאנט דינען פאר זיי אלס נאציאנאלע מחיצה געגען יענע היידנישע פעלקער. די לעהרע פון די נביאים האט צו קורץ געווירקט צווישען זיי און איהר רושם האט דעריבער ניט געקאנט לאנג אנהאלטען*).

---

*) ס'איז וואהרשיינליך א פועל־יוצא פון דער פארשווינדונג פון דער צפון־מלוכה, וואס מיר לעזען אין דברי הימים א, 21—23 פון א פארבינדונג פון אמאליגע משפחות פון גלעד מיט יהודה. אלע אין דער טעריטאריע פון דער צפון־מלוכה, וועלכע האבען ערנסט געטראכט צו בלייבען ביים פאלק ישראל, האבען, קאן זיין, געווים געוואנדערט קיין דרום, כדי זיך איינצוגלידערען אין דעם פארבאנד פון יהודה. דער ספר דברי הימים טוילט עם מיט וועגען די איינוואוינער פון די אמאליגע יאיר־דערפער (חות יאיר) אין צפון פון עבר־הירדן אין אזא נוסח, וואס ברייננט ארויף די השערה, אז מיר האבען דא צו טאן בלויז מיט א פראגמענט און אז אויך אנדערע משפחות האבען דאסזעלביגע געטאן.

פון גלות שומרון ביז גלות ירושלים

ערשטע אפטיילונג.

אשור און יהודה

1.

חזקיה (719—686)

בעת די געוואלדיגע שטורעמס האבען געברויזט איבער שומרון און האבען זי ארויסגעריסען מיט די ווארצלען, האט עס אפגעגליקט אחז'ן פון יהודה צו בלייבען אומבאשעדיגט. באטראכטענדיג קלוג די אומשטענדען, האט ער זיך געהאלטען פעסט אן דער אשורישער הערשאפט און האט דער־מיט אויפגעהאלטען דעם טראן ביז צום ענד פון זיין לעבען און האט איהם ביי זיין טויט איבערגעגעבען צו זיין זוהן חזקיה'ן. דער בייט אויפ'ן טראן איז וואהרשיינליך פארגעקומען אין יאהר 720 אדער 719.

דורך די געשעהענישען פון דער לעצטער צייט זיינען די פאליטישע פארהעלטענישען געווארען פאר יהודה נאך ערגער ווי פריהער. דער פאל פון שומרון האט געמאכט די וואסאל־מלוכה יהודה פאר א דירעקטען שכן פון דער אשורישער אימפעריע. ביז אהער זיינען אלץ נאך געשטאנען קליינע מדינות אלס מחיצה צווישען יהודה און אשור, צוערשט דמשק און ישראל, צולעצט ישראל אליין. די אונטערוואַרפענע מלוכה יהודה איז דורך דעם ניט געווען אזוי שטארק נאהענט צו דעם גרויסען קעניג פון אשור; די רייבונג איז געווען פארטיילט צווישען מעהרערע מלוכות און די דירעקטע סיבות פאר רייבונגען זיינען געווען וועניגער. איצט אבער איז ישראל אן אשורישע פראווינץ, און עטליכע שעה אין צפון־זייט פון יהודה, אין דער געגענד פון

בית־אל, רמה און מצפה, קענען די בירגער פון ירושלים און יהודה זעהן ווי עס געוועלטיגען די גובערנאטארען און באאמטע פון דעם גרויסען קעניג. ווער ס'איז אין יהודה ניט געווען לגמרי בלינד, האט געמוזט דערקענען די שרעקליכע לאגע, אין וועלכער די מלוכה האט זיך געפונען. ס'איז געווען פולקום קלאר, אז יעדער צוזאמענשטויס מיט אשור האט געמוזט ברייגגען ירושלים און יהודה אין א דירעקטער סכנה און אז די צוקונפט פון לאנד איז אפגעהאנגען בלויז פון צוויי מעגליכקייטען. ענטוועדער עס גיט זיך איין די פאראייניגטע כוחות פון אלע נאך פעהיגע קליינע מלוכות פון פאלעסטינא און די שכנות'ע לענדער אין פארבינדונג מיט עגיפטען און בבל צוזאמענצונעמען אלע הילפסמיטלען וואס זיי פארמאגען און ארויסצוררייסען דאס לאנד פון אשורישען ריז און זיך צו באפרייען פון דער טריבוט־צאהלונג; אדער די מלוכות פון פאלעסטינא, יהודה פאראויס, נעמען אן זייער נויט פאר גוט און אונטערוואַרפען זיך אונטער דעם שווערען יאך, וואס איז אויף זיי ארויפגעצוואונגען געווארען. אויב יהודה, פארגעסענדיג די אמאליגע זעלבשטענדיגקייט, האט געוואלט איינארדנען איהר לעבען אונטער דער באשיצונג פון דער אשורישער ממשלה, דאן זיינען איהר מלך און איהר פאלק אפילו ניט געווען מעהר וואס אמאל, אבער זיי האבען געקאנט פארברייטערן זייערע טעג אהן סכנות און אין פרידען, אזוי לאנג ווי אשור גופא האט זיך געהאלטען. אזוי האט הפנים אחז געאורטיילט, און וואהרשיינליך האט עהנליך אזוי געטראכט ישעיה אין דער צייט בשעת אחז איז געשטארבען און חזקיה האט איבערגענומען די רעגירונג. ביי ישעיה'ן האבען דא געווירקט מעהר רעליגיעזע מאטיווען איידער פאליטישע: ער האט אויף אזא אופן דערקלערט יהוה'ס ווילען בנוגע צו יהודה. אלץ איז איצט אפגעהאנגען דערפון, וואס פאר א שטעלונג דער נייער קעניג וועט אננעמען אין יענער לאגע.

חזקיה האט איבערגענומען די רעגירונג יעדענפאלס אין די יונגע יאהרען, פיליכט ווען ער איז נאך וואס געווארען בחור. ס'איז געווען זיין גליק, וואס עס זיינען איהם געשטאנען ביי דער זייט אזעלכע מענער ווי ישעיה און מיכה. צו זייער, הגם אויך אומדירעקטער, השפעה וועט מען מוזען צושרייבען געוויסע מיטלען, וואס חזקיה האט אנגענומען צו רייניגען דעם יהוה־דינסט. דער שרייבער פון ספר מלכים דערצעהלט וועגען דעם אין צוזאמענהאנג מיט חזקיה'ס טראן־באשטייגונג. חזקיה האט לויט דעם דאזיגען באריכט צעבראכען א בראנזענע שלאנג, וואס מ'האט גערופען „נחשתן" און צו וועלכער די אידען האבען געדינט אין אדער ביי ירושלים שוין פון

אלטע צייטען אַן, אַז איבערבלייבעכץ גאָר פון אמאָל ווען מ׳האָט געדינט צו שלאַנגען*). אחוץ דעם האָט ער אויך באַזייטיגט די במות, מצבות און אשרות**).

דער דאָזיגער באַריכט פון ספר מלכים, אַזוי ווייט ווי ער רעדט פון במות, מצבות און אשרות, איז לעצטענס באַצייכענט געוואָרען פון אַסך פאָרשער אַלס אומהיסטאָריש. מ׳האָט געבראַכט געגען איהם אי גראַמאַ־טיקאַלישע, אי היסטאָרישע אַרגומענטען. פאַקטיש איז טאַקע דער אופן פון אויסדרוק אין אַט דעם פסוק לחלוטין ניט אין איינקלאַנג מיט די געזעצען פון דער עלטערער און קלאַסישער העבּרעאישער שפּראַך. עס קענען דעריבער אויפקומען ספקות וועגען דעם, צי אַ דערצעהלער פון פאַר׳ן גלות בבל האָט געשריבען דעם זאַץ אין זיין הייגטיגען נוסח. אויך דאָס וואָס אין פסוק 22 ווערט די באַזייטיגונג פון די במות אַנגענומען אַלס פאַרבאָדינג, באַווייזט נאָך ניט די היסטאָרישע עכטקייט פון אַט דעם פאַקט. וואָרים עס איז גאַנץ פשוט: אויב די דאָזיגע שטיק איז געשריבען געוואָרען פון אַ שפּעטערען פאַרפאַסער, האָט יענער אויך געקאָנט אַריינלעגען רבשקה׳ן אין מויל אַזעלכע זאַכען, וועלכע ער האָט באמת גאָר ניט געזאָגט. דערצו נאָך טענה׳ען די פאָרשער, אַז ניט ישעיה, ניט קיין אַנדער נביא פון אַכטען יאָהרהונדערט האָט ניט געפיהרט קיין שאַרפען קאַמף געגען די במות, מצבות און אשרות, וועלכע חזקיה זאָל האָבען באַזייטיגט. ס׳איז אָבער אויסגעשלאָסען, אַז חזקיה איז געגאַנגען ווייטער ווי די נביאים גופא.

מ׳דאַרף פון דעסטוועגען ניט אויפגעבען דעם באַריכט וועגען חזקיה׳ס רעפאָרם אַלס אומהיסטאָריש. וואָס איז שייך די שפּראַך לאָזט זיך ניט באַשטימען אין איהר קיין גענויער גרעניץ צווישען פאַר׳ן גלות און נאָכ׳ן גלות אויף איניגע יאָהרצענדליג אָדער אַ האַלבען יאָהרהונדערט. דער עיקר איז דאָ די רעליגיאָנס־געשיכטליכע באַטראַכטונג: צי איז עס מעגליך, אַז מ׳האָט אין חזקיה׳ס צייט אונטערגענומען אַזאַ רעפאָרם. אַט די זייט פון

*) פאַרגלייך דעם שלאַנגען־שטיין ביי ירושלים אין באַנד 2 ז. 98. פּיליוכט האָט דער „נחשתן" געהערט צו איהם. יעדענפאַלס שטעהט אין ערגיץ ניט, אַז ער איז געשטאַנען אין בית־המקדש.

**) מלכים ב י״ח 4. פאַרגלייך אויך פסוק 22. אין טעקסט רעדט זיך וועגען איין אשרה. אויב אַט דער נוסח איז ריכטיג, האָט זיך דאָ געמוזט האַנדלען וועגען אַן אשרה, וואָס איז אונטער אחז׳ן אַריינגעדרונגען אין בית־המקדש.

דער זאך מוז צוליב דער וויכטיגקייט פון דעם ענין ארומגערעדט ווערען אביסעל מעהר באריכות.

ס'איז שוין אויבען גערעדט געווארען וועגען דעם, אז אפילו נאך דער צעשפאלטונג פון דער מלוכה איז דאס איבער־געוויכט פון דעם בית־המקדש אין ירושלים געגען די עלטערע הייליגטימער געווען אן אומבאשטריטענער פאקט, וואס ירבעם האט אפט אנערקענט און אהן א ספק אומזיסט באַקעמפט. דארטען איז אויך געזאגט געווארען, אז די מענשען מיט א ווייטען בליק אין אפרים האבען העכסט וואהרשיינליך באדויערט די צעשפאלטונג צוליב א רעליגיעזען גרונט און אז ביי זייער גאנצער פאליטישער טריישאפט צו זייער היים זיינען זיי פארט אין א רעליגיעזען זין געבליבען אנהענגער פון ירושלים. און פון גאנץ זעלבשטענדיגע באטראכטונגען זיינען מיר געקומען צו דער וואהרשיינליכער הנחה, אז ביי מענער פונ'ם קרייז פון יהוי'סט און באזונדערס פון אלהי'סט, ביי וועמען די במות זיינען בלויז געווען פלעצער וואו יהוה האט זיך אנטפלעקט און די מצבות האבען בלויז פארגעשטעלט ערינערונגס־צייכענס, און וועמען די בילדער פון די אקסען זיינען געווען דערווידער, — אז ביי די מענער פון אט דעם קרייז האט זיך אנטוויקעלט א שטרעבונג, וואס האט זיי ארויסגעהויבען איבער דער פאלקס־רעליגיאן און האט זיי גענייגט געמאכט צו א רעפארם אין דענקען און אין לעבען פון אידישען פאלק. דערמיט האט א גייסטיגער און רעליגיעזער באנד ממילא צונויפגעקניפט אט די מענער מיט ירושלים און איהר בילד־לאזען קולט, ניט קוקענדיג אויף דער פאליטישער צעשפאלטונג*).

פון דאנעט איז צו פארשטעהן די שטעלונג פון די נביאים צו ירושלים און דעם בית־המקדש. מאנכע פארשער מאכען א טעות, ווען זיי זוכען אין עמוס, הושע, ישעיה אדער מיכה אויסדרוקען געגען די במות און לטובה פון ירושלים, כדי דערפון צו באווייזען, אז אט די נביאים האבען ענערגיש געארבייט פאר חזקיה'ס רעפארם. נעבען שטארקע אויסדרוקען געגען דעם בעל־ און געצען־דינסט אויף די במות און געגען דעם דינסט פונ'ם אקס געפינט מען דא פונקט אזוינע שטארקע אויסדרוקען געגען דעם קרבנות־קולט אויך אין בית־המקדש פון ירושלים און ביי מיכה אפילו געגען דעם בית־המקדש גופא. געגען אט די לעצטע אויסדרוקען קענען ווינציג וואס אראפוועגען איינצעלנע ירושלים־פריינדליכע ווערטער פון הושע און ישעיה,

*) זעה אין צווייטען באנד ז. 270.

כדי צו באווייזען פון זיי, אז די נביאים האבען אונטערשטיצט די קעניגליכע רעפארם־שטרעבונגען אדער כדי אפצושלאגען מיט זיי די טענות געגען דער היסטארישער עכטקייט פון דער רעפארם איבערהויפט.

פאקטיש זיינען די נביאים, פון וועלכע דא ווערט גערעדט, אויך אין אט דער זאך, קודם כל מענער פון ר ע ל י ג י א ן, ניט פון פאליטיק אדער פון קולט. אויב ס'איז פארגעקומען א רעפארם אין קולט, האט זי ניט געקאנט שטאמען פון זייערע פלענער און שטרעבונגען. נאך מעהר, עס קאן זיין, אז די רעפארם האט גאר געמוזט דורכגעפיהרט ווערען געגען זייער ווי־לען — הגם אויך שווערליך געגען זייער אפענעם פראטעסט — מהמת מ'האט געקאנט מורא האבען, אז זי וועט נאך פארמעהרען און פארגרעסערען די אויסערליכע זייט פון דעם קולט. לכל הדעות האט די רעפארם געקאנט באלד ארויסרופען זייער טיפע אומצופרידענקייט. אבער דאס שליסט ניט אויס, אז ווען ס'איז באפוילען געווארען, צוליב פאליטישע טעמים אדער צו־ליב טעמים פון דער אפיציעלער מלוכה־רעליגיאן אויף דער איניציאטיווע פון די כהנים, צו שליסען אלע אנדערע קולט־פלעצער אין יהודה אויסער ירושלים און אין פארבינדונג דערמיט צו רייניגען דעם בית־המקדש אין ירושלים פון פרעמדע עלעמענטען, וואס זיינען דערווידער די שטרענגע יהוה־דינער — זיינען די נביאים געצוואונגען געווען לויט זייער רעליגיעזער שטע־לונג אינערליך צוצושטימען דערצו.

די נביאים האבען אוממעגליך זיך געקאנט איינשטעלען פאר אזוינע קולט־פלעצער ווי אשטייגער בית־אל און דן אדער באר־שבע און גלגל; זיי האבען זיך ניט געקאנט איינשטעלען פאר די אקסען־ און געצען־בילדער און געגען דער בילדלאזער ירושלים. דערצו נאך איז עמוס צו שארף אויפגע־טראטען געגען די במות און היילגטימער פון יצחק און ישראל, בעת געגען דעם בית־המקדש אין ירושלים געפינען מיר לכל הדעות קיין ווארט ניט ביי איהם. אויך הושע האט צו קרעפטיג געשטורמט געגען דעם בעל־ און געצען־דינסט פון אפרים און דעם קאלב פון בית־אל, און פון דער אנדערער זייט ווידער, איז ניט בלויז וואס ער קעמפט ניט מיט קיין ווארט געגען ירושלים, כאר אדרבה, כאטש ער איז א בירגער פון אפרים, קוקט ער מיט בייגקשאפט אין האפענונג אויף ציון*). אלס צוגאב נאך האט ישעיה אזוי אפען אויס־

*) זעה וועגען דעם אויבען ז. 46, 47. אויך הושע קען געווים די שוואכקייטען פון דעם בית־המקדש אין ירושלים און זיין קולט. דאך, כל־זמן זיין אידעאל פון קאפ. ו 6 איז ניט געווען דורכגעפיהרט, האט ער געמוזט אנערקענען די רעלאטיווע

געדריקט דעם גלויבען, אז יהוה וואוינט אין ציון און ירושלים און דערצו איז זייער בית־המקדש געווען דער ארט וואו ער האט פערזענליך פארבראכט דעם דערהויבענסטען מאמענט פון זיין לעבען, ווען ער האט געזעהן דעם הייליגען פון ישראל גופא.

נאך אזוינע אויסדרוקען און איבערלעבונגען, נאך מעהר לויט זייער גאנצער אינערליכער רעליגיעזער שטעלונג און זייער צוזאמענהאנג מיט די רעליגיעז־העבערע קרייזען פון דער געגענווארט און פון דער אינגסטער פאר־גאנגענהייט, האבען די נביאים געמוזט איינזעהן די געפאהרען, וואס זיינען ארויסגעקומען פון די קליינע קולט־פלעצער אינ׳ם לאנד אלס די נעסטען פון דער פאלקס־רעליגיאן, און זיי האבען געמוזט צושטימען צו דער נייער רע־פארם, אפילו אויב זיי האבען פאראויסגעזעהן די צרות און די פלאגען וואס וועלען ארויסקומען פון די נייע צושטענדען. ווען די נייע פלאגען האבען זיך שוין אבער באוויזען, האבען די נביאים געקאנט עפענטליך נעמען א שטעלונג געגען זיי, און מיכה האט אפילו גענומען א שטעלונג געגען דעם בית־המקדש גופא. אט דאס אלצדינג וואלט געווען משונה׳דיג, ווען זיי גופא וואלטען געווען די איניציאטארס פון דער רעפארם, ניט אבער ווען די רעפארם האט געשטאמט פון דעם קעניג און די כהנים, און זיי, די נביאים, זיינען געווען בלויז די רעליגיעז־פאראינטערעסירטע צוקוקער.

וואס חזקיה און די וואס זיינען געשטאנען הינטער איהם האבען גע־וואלט אויפטאן מיט דער באשרענקונג פונ׳ם קולט אויף ירושלים, קאן קיין ספק ניט זיין. שומרון׳ס אונטערגאנג איז געווען א קלארע אזהרה, אז יהוה׳ס צארן פלאקערט געגען זיין פאלק. כהנים און נביאים זיינען געווען אייניג דעריין, אז ישראל׳ס אומגליק איז געווען דאס וואס ער האט זיך אפגעקעהרט פון דעם בילדלאזען יהוה אין ציון. דאסזעלביגע אומגליק איז אויך פאר־געשטאנען יהודה און ירושלים, אויב זיי וועלען ניט גרינטליך תשובה טאן*). ווי די נביאים האבען געדענקט וועגען אט דעם תשובה טאן, ווייסען מיר; ווי די פארטרעטער פון דער אפיציעלער רעליגיאן פון דער מלוכה האבען וועגען דעם געדענקט, קענען מיר זיך אויך גאנץ גוט פארשטעלען. מ׳קאן לייכט באגרייפען, אז דער יונגער קעניג האט זיך צוגעהארכט צו די אפיצי־

חויכקייט פון דעם בילדלאזען בית־המקדש, פארגליכען מיט דעם וואס ער האט טעג־ליך געזעהן ארום זיך (י״ג 2; ד 12; י 5).

*) פארגלייך מיכה ג 12. אויך אייניגע פון ישעיה׳ס סטראשענדע רעדעס קענען געהערען צו דער צייט.

עלע פארטרעטער פון דער רעליגיאן, און זיי האבען איהם אודאי געזאגט, אז אויב מ׳וויל אויסהיטען יהודה פון ישראל׳ס גורל, מוז מען האלטען דעם יהוה־דינסט פריי פון דאס וואס האט געבראכט דעם אונטערגאנג פון ישראל. לויט זייער מיינונג האט מען אבער געקאנט דערגרייכען פולקום דעם דאזיגען ציל נאר ווען ניט בלויז דער בית־המקדש און ירושלים גופא זיינען געריי־ניגט געווארען, נאר ווען עס זיינען אויך אויסער ציון געפאלען אלע אנדערע הייליגטימער. ווארים כאטש מ׳האט אויך אין זיי געדינט צו יהוה, איז אבער פארט געווען צו נאהנט די סכנה, אז מ׳וועט קוקען אויף דעם יהוה פון חברון אדער באר־שבע ווי אויף אן אנדערען איידער דעם יהוה פון ציון, און פיעל־געטעריי און היידענטום וועלען קריגען דערמיט פון דאס ניי אלע זייערע רעכטען. ווען מ׳וואלט געפרעגט די נביאים, וואלטען זיי געוויס בע־סער געהייסען דינען גאט מיט׳ן הארצען איידער צו רעפארמירען און באנייען דעם אויסערליכען קולט; דאך וועט מען מוזען צוגעבען, אז אין יענע רע־פארם־שטרעבונגען איז געלעגען א גרויסער און צוקונפט־רייכער געדאנק. ס׳איז ניט דער לעצטער געדאנק פון א רעליגיאן פון גייסט, און די וועלכע האבען איהם פארטראטען זיינען אין זייערע מאטיווען פיליכט ניט געווען אין גאנצען פריי פון עגאאיסטישע פניות; אבער נאך אלעמען איז עס געווען א וויכטיגער טריט פארווערטס. דאך גראד אין דער גרויסקייט און אין דער וייט־גרייכענדער באדייטונג פון דעם געדאנק ליגט אויך דער גרונט פון זיין שוואכער דורכפיהרונג אונטער חזקיה׳ן. די רעוואלוציע, צו וועלכער מ׳האט אין יענער צייט געשטרעבט איז געווען צו גרויס זיך צו לאזען דורכפיהרען מיט דער ערשטער אטאקע. מ׳האט צוגעלעגט די האק צום ווארצעל פון בוים; די אנטשיידענדע קלעפ, וואס האבען איהם לגמרי אונ־טערגעהאקט זיינען געקומען שפעטער אין יאשיהו׳ס צייט. אבער דאס וואס די ערשטע קלעפ האבען ניט אנידערגעווארפען דעם בוים אויף ד׳ערד, הייסט נאך ניט, אז זיי זיינען אין גאנצען ניט פארגעקומען. —

חזקיה איז ווינציג וואס געווען עהנליך אויף זיין פאטער אחז. גיכער קאן מען זאגען, אז אין פיעל פונקטען האט ער זיך גענומען צוריק צו די פרינציפען פון זיין עלטערזיידען עוזיה. ווי עוזיה אזוי האט אויך חזקיה אנגענומען געוויסע מיטלען פאר דער מיליטערישער זיכערקייט פונ׳ם לאנד און באזונדערס פון דער הויפטשטאדט; ווי אין עוזיה׳ס צייטען, אזוי זיינען אויך איצט יהודה׳ס אוצרות און ארסענאלען פול געווען. צום באדויערען האבען מיר ווינציג ידיעות וועגען דער כראנאלאגישער ארדנונג פון די גע־שעהענישען אין דער צייט פון זיין לאנגער רעגירונג. ניט ווייסען מיר.

ווען ער האט באזיגט די פלשתים (מלכים ב, י"ח 8); ניט אין וועלכער צייט פון זיין רעגירונג ער האט געלאזט מאכען די וואסער־לייטונג, וואס ווערט איהם צוגעשריבען (מלכים ב, כ 20)). עס קאן געמאלט זיין, אז דער קריג מיט די פלשתים איז נאך געווען א ירושה פון זיין פאטער אחז, צוליב דעם וואס יהודה האט זיך אנטזאגט צו נעמען אן אנטייל אין דעם אויפשטאנד אונטער חאנא פון עזה. און אזוי ווי מיר ווייסען, אז חזקיה'ס ווידערשפע־ניגונג געגען אשור איז צוגעגרייט געווארען א גאנצע צייט פריהער, לעגט זיך דעריבער אויפ'ן שכל, אז דער בוי פון זיין וואסערלייטונג איז געפאלען אין דער ערשטער צייט פון זיין רעגירונג.

זיין וואסערלייטונג האט אהן א ספק געהאט דעם צוועק צו פאר־טיידיגען ירושלים אין פאל פון א באלאגערונג. אינוועניג פון שטאדט־מויער פארמאגט ירושלים איבערהויפט קיין פליסיג וואסער ניט. דער איינ־ציגער באדייטענדער קוואל גאר נאהנט צו דער שטאדט איז דער גיחון ביים דרום־מזרח'דיגען שיפוע פונ'ם בארג, וואס האט אמאל געטראגען די דוד־פעסטונג און האט איצט געטראגען דעם קעניגליכען פאלאץ. ס'איז געלעגען נאהנט ביי דער האנט אריינצופיהרען דאס וואסער פונ'ם גיחון אויף דער־זייט פונ'ם שטאדט־מויער, כדי צו זיין באזארגט מיט וואסער אין אלע אומשטענדען, וואס מעגען פארקומען. אויב מ'האט דאס אין אנהויב פילייכט פרובירט דורכפיהרען פון אויבען אויף דער ערד, האט מען אבער באלד איינגעזעהן, אז ס'איז גלייכער צו לעגען די וואסערליי־טונג אונטער דר'ערד. אט אזיי זיינען געשאפען געווארען וואסערלייטונגען, אזוינע ווי דער קאנאל, וואס געהט פון גיחון צום שלח־טייך. פון דער אלט־העברעאישער אויפשריפט, וואס איז געפונען געווארען אין אט דעם קאנאל אין יאהר 1880 דערוויסען מיר זיך עפעס ווי אזוי די ארבייט איז געמאכט געווארען. די אויפשריפט זאגט אונז אבער גאר נישט וועגען דער צייט ווען דער קאנאל איז דורכגעגראבען געווארען. אזוי אבער ווי דער ספר מלכים דערצעהלט פון חזקיה'ן, אז „ער האט געמאכט דעם טייך און דעם קאנאל און ער האט געבראכט דאס וואסער אין דער שטאדט", און דער ספר דברי הימים פארבינדט אט די נאכריכט בפירוש מיט דעם שלח־קאנאל, איז דעריבער קיין ספק ניט, אז חזקיה איז עס דער בויער פון יענעם שלח־קאנאל און פון איינעם פון די שלח־טייכען.

אויב דער יונגער חזקיה האט געזוכט פון אנהויב אן פון זיין רע־גירונג צו פארשטארקען זיינע פארטיידיגונגס־כוחות און צו באפעסטיגען זיין צוגעגרייטקייט פאר מלחמה, מעגען מיר דערפון דרינגען אז פונקט

ווי אין רעליגיעזען, אזוי אויך אין פאָליטישען לעבען פון יהודה, איז איינגעטראָטען א נייער גייסט מיט דעם בייט אויפ'ן טראָן*). די אשור־פיינדליכע פארטיי, וועלכע איז געווען באאיינפלוסט פון עגיפּטען, די פאַר־טיי פון די „פאַטריאָטען", וועלכע האָט געטריבען ווידערצושפעניגען געגען אשור, האָט באַלד געמוזט געווינען דעם יונגען קעניג'ס אויער. ווען עס איז ניט געקומען צו א צערייסונג שוין פריהער איידער דאס איז פאקטיש געווען דער פאַל, קאָן דאָס, ווייזט אויס, צוגעשריבען ווערען נאָר צו ישעיה'ס השפעה.

2.

סנחריב אין פאַלעסטינא. ישעיה.

באַלד ווי סרגון האָט נאָך דער שלאַכט ביי ראַפיא**) נאָר פאַרלאָזען פאַלעסטינא, איז דאָ דער ווידערשטאַנד פון דאָס ניי אָרגאַניזירט געוואָרען. דעם פּלאַץ פון דער צעשלאָגענער עזה פאַרנעמט איצט אשדוד אלס צענטער פון דער באַוועגונג. און עס ווייזט אויס, אז עס האָט זיך איינגעגעבען איהר קעניג אזורי, דורך דער אויסזיכט אויף עגיפּטען'ס הילף, צו באַוועגען די פעלקער און שבטים פון דרום־פּאַלעסטינא, צווישען זיי אויך יהודה, זיך צו שטעלען צוזאַמען אַנטקעגען אשור. לכל הפחות דערצעהלט אזוי סרגון אין זיינע אויפשריפטען; פאַרקעהרט ווידער אין תנ"ך ווערט חזקיה'ס באַטיי־ליגונג אין אשדוד'ס אונטערנעמונג אין גאַנצען פאַרשוויגען אין ספר מלכים אדער עס ווערט אין ישעיה קאַפּ. כ בלויז געגעבען א וואונק אויף דעם. ס'איז וואהרשיינליך, אז ווען סרגון האָט געשיקט זיין אַרמיי קיין פּאַלעסטינא, האָבען די פאַרבינדעטע זיך נאָך אין צייט צוריקגעצויגען פון אזורי, אזוי

*) עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אז אויך נאָכ'ן פאַל פון שומרון און אין דער מהומה, וואָס האָט געהערשט באַלד נאָכדעם, האָט שוין חזקיה געזוכט ארויסצורוקען זיין גרעניץ אביסעל וויטער צו צפון און דאָס האָט זיך איהם אויך איינגעגעבען. אויך די געגענד אין מזרח צווישען בנימין און יריחו האָבען די מלכים פון יהודה אָהן א ספק גאַנץ פריה צוגענומען. דאָס דערקלערט אויך, וואָס עס האָבען גאַנץ פריה זיך געפונען אין יהודה עלעמענטען פון בנימין און מ'האָט מיט דער צייט גערעדט פון דער מלוכה פון יהודה אזוי ווי זי וואָלט באַשטעהן פון יהודה און בנימין.

**) זעה אויבען ז. 74.

אז דער אשורישער קאמאנדיר, וועלכער הייסט ביי ישעיה'ן תרתן, האט פאקטיש נאר געהאט צו טאן מיט אשדוד. די באלאגערונג פון אשדוד האט זיך געענדיגט, ווי ס'איז געווען צו דערווארטען, מיט דער עראבערונג פון דער שטאדט. איהרע איינוואוינער זיינען אוועקגעשלעפט געווארען אין געפאנ־גענשאפט.

אויך דא האט שטארק מיטגעוויקרט דאס לאזען זיך פארפיהרען פון עגיפטען. וואס ישעיה האט וועגען דעם געדענקט, זאגט ער אונז קלאר אין איינער פון זיינע ווייניג רעדעס, פאר וועלכע מיר קענען מיט פולער זיכער־קייט פעסטשטעלען דעם דאטום. ביי דער געלעגענהייט פון דער באלאגערונג פון אשדוד זאגט ער פאראויס, אז אין א משך פון דריי יאהר וועלען עגיפטען און עטיאפיען אונטערגעהן דורך אשור, און פאר יהודה, וואס פארלאזט זיך אויף דעם אומזיכערען פריינד, וועט עגיפטען'ס אונטערגאנג ברייגנען שאנד און שרעק. „אויב דאס איז געשעהן מיט די, אויף וועמען מיר האבען גע־האפט, צו וועמען מיר זיינען אנטלאפען נאך הילף און רעטונג פון דעם קעניג פון אשור — טא ווי קענען מיר אנטרונען ווערען?“ דאס איז בקיצור גע־ווען הפנים די לאזונג פון יהודה און פון דער איבעריגער פאלעסטינא (ישעיה כ).

פונקט אזוי באשטימט ווי ישעיה איז אין אנהויב אויפגעטראטען געגען דער אנשליסונג אן אשור, אזוי ווייניג האט ער איצט געקאנט זיך באפריינדען מיט דעם געדאנק זיך פון איהר אפצוזאגען. די רעדע פון קאפ. כ אנטהאלט לויט דעם א שטארקע אזהרה צו חזקיה'ן און זיינע פאליטיקער. כאטש זיך צו באשיצען אונטער אשור'ס הערשאפט איז געווען א דערנידעריגונג פאר יהודה, און די צאהלונג פון א יעהרליכען טריבוט איז נאך ניט געווען דאס ערגסטע דערביי, האט אבער עגיפטען'ס פריינדשאפט אויסגעזעהן פאר ישעיה'ן ניט ווייניגער אייגעננוציג און אסך אומזיכערער.

אזוי לאנג ווי סרגון האט געלעבט, האט נאך אשדוד'ס פאל קיין אשור־רישע ארמיי מעהר ניט בעטראטען פאלעסטינא. סרגון איז ביז צום ענד פון זיין לעבען געווען כסדר פארנומען אין צפון און אין מזרח. נאך א זיבעצעהן יעהריגער רעגירונג, רייך אין אויפטואונגען און געקרוינט מיט אן אומפאר־גלייכליכער הצלחה, איז סרגון געשטארבען אין יאהר 705, וואהרשיינליך דורך א מערדער־האנט. זיין שטעל פארנעמט זיין זוהן סנחריב (705—681) — דער גרויזאמסטער עראבערער און דער געוואלדיגסטער לענדער־פארכא־פער, וואס די אשורישע אימפעריע האט ווען עס איז ארויסגעבראכט. אין דער לאנגער צייט וואס קיין אשורישער חיל האט זיך ניט געפונען אינ'ם

מערב האט ביי די סיריש־פאלעסטינישע פעלקער פון דאס ניי אויפגעלעבט דער געדאנק צו באקומען ווידער זייער זעלבשטענדיגקייט. די מהומות וואס זיינען אויפגעקומען אין אשור און בבל צוליב סרגון'ס דערמארדונג זיינען, ווייזט אויס, אויסגענוצט געווארען אלס דער פאסענדער מאמענט צו באַ־גייען דעם בונד געגען אשור.

די אומשטענדען האבען אויסגעזעהן איצט צו זיין באזונדערס גינסטיג. אין עגיפטען, וואו די נידערלאגע ביי ראפיא און דער פאל פון אשדוד האבען געמוזט זיך שלעכט אפרופען אויף די אינערליכע צושטענדען, האט ארום דער צייט פון סרגון'ס טויט נאך געהאלטען דעם טראן דער עטיאפישער אוזורפאטאר סאבאקא. ער האט געהאט יעדען גרונט פארטצוזעצען די פאָ־ליטיק פון באקעמפען דעם אשורישען איינפלוס אין סיריען. הן צוליעב דעם שווערען מצב פון זיין מלוכה, הן מיט דער כונה צו באפעסטיגען דורך דעם זיין טראן*). שוין אונטער איהם האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע אויפ־טואונגען דער שפעטערדיגער אוזורפאטאר ת ר ה ק ה, וועלכער האט געהאט מיטגעמאכט סאבאקא'ס פעלד־צוג קיין אונטער־עגיפטען און האט פון דאר־טען זיך מעהר ניט צוריקגעקעהרט קיין עטיאפיען; עס ווייזט גאר אויס, אז ער האט איצט שוין באהערשט די פאליטישע לאגע אין עגיפטען. דעם טראן גופא באשטייגט איינינע יאהר נאכדעם ווי סנחריב האט איבערגענומען די רעגירונג (בערך 689—701) סאבאטאקא. אויך אונטער איהם איז קענ־טיג יענער תרהקה געווען דער גייסט אין דער מלוכה־פיהרונג, ביז ער נעמט אליין איבער אין 690/89 די רעגירונג. פון דער אנדערער זייט איז אויפ־געשטאנען געגען אשור אז ערנסטער געגנער אין בבל אין דעם כאלדעער מ ר ד ך ־ ב ל א ד ן**). שוין סרגון האט געהאט צו קעמפען מיט מרדך־בלאדן. בשעת סרגון האט איבערגענומען די רעגירונג האט מרדך־בלאדן זיך געלאזט אויסרופען צום קעניג אין בבל און עס האט זיך איהם איינגעגעבען זיך צו האלטען נעבען סרגון'ען פולע 12 יאהר. ערשט ביים ענד פון זיין רעגירונג (710 אדער 709) איז סרגון געווען בכוח בייצוקומען מרדך־בלאדן'ען. ער איז אנטלאפען אין עילם. אבער ווי נאר סרגון האט די אויגען צוגעמאכט

*) א דורכאויס זיכערען באוויז פאר דעם האבען מיר אין ישעיה'ס פיעל ווארנונגען געגען א בונד מיט עגיפטען, וועלכע געהערען צו דער דאזיגער צייט.

**) באריכות וועגען די כאלדעער (כשדים) וו"יטער ז. 146—148.

איז קענטיג דער אומדערמידליכער מרדך־בלאדן ווידער ערשינען אויף דער סצענע. און אין 702 גיט זיך איהם איין צו ווערען ווידער איבער געוואלד דער קעניג פון בבל.

מרדך־בלאדן האט, זעהט אויס, פארבראכט זיין לאנגען לעבען קעמפענ־דיג געגען אשור. ווי ערנסט אט דער פארביסענער און אונטערנעמענדער קריגער האט דורכגעפיהרט די אויפגאבע פון זיין לעבען, קאן מען זעהן דערפון, וואס ער זוכט א פארבינדונג מיט די געגנער פון אשור אזש אין וויימען מערב. דער ספר מלכים האט אונז דערהאלטען אן ערינערונג אן דעם אינ׳ם באריכט, אז מורדך־בלאדן האט געשיקט צו חזקיה׳ן ביי דער געלע־גענהייט פון זיין גענעזונג פון א שווערער קראנקהייט געזאנדטע מיט גליק־וואונשען, און אז חזקיהו האט זיי געוויזען זיינע רייכע אוצרות און זיינע פולע ארסענאלען. ס׳איז קיין ספק ניט, אז דער הויפט־צוועק פון דער גע־זאנדטשאפט, וואס ווערט נאטירליך פארשוויגען פון דעם ביבלישען שריפט־שטעלער, איז געווען אויפצומונטערען חזקיה׳ן ער זאל צושטעהן צום בונד געגען אשור, עס מאכט ניט אוים צי יענע שלוחים זיינען שוין פריהער געקומען אדער ערשט איצט*).

פאקטיש איז געווען שווער פאר די פאלעסטינישע מלוכות צו בלייבען רוהיג, ווען עגיפטען אין דרום און בבל אין מזרח האבען געטריבען צו האנד־לען און האבען פארשפראכען זייער הילף. ווער האט געקאנט וויסען צי עס וועט אויך זיי ניט אפגליקען דאס וואס עס האט זיך מרדך־בלאדן׳ען איינ־געגעבען אין בבל צום צווייטען מאל? דער עיקר איז דא געווען זיך צו האלטען צוזאמען אין אחדות און אויסנוצען דעם ריכטיגען מאמענט. אין

*) די דערצעהלונג געפינט זיך אין מלכים ב, כ. פאראוים געהט די דער־צעהלונג פון דעם קעניג׳ס קראנקהייט און גענעזונג. הגם דער ביבלישער דער־צעהלער וויסט שוין מעהר ניט דעם צוזאמענהאנג פון אט די געשעהענישען, דאך זיינען ביידע דערצעהלונגען, לכל הדעות די דערצעהלונג וועגען די שלוחים, באגרינדעט אויף א היסטארישער ערינערונג. נאטירליך איז ניט אויסגעשלאסען, אז שוין ביי חזקיה׳ס טראן־באשטייגונג, וואס פאלט אוים אומגעפעהר ניט ווייט פון דער צייט ווען סרגון האט איבערגענומען די רעגירונג און מרדך־בלאדן איז אויפ־געטראטען צום ערשטען מאל, האט מען פרובירט איהם אריינציהען אין דעם בונד. אז עס זיינען דאמאלסט געקומען שלוחים צו איהם לעגט זיך גאנץ גוט אויפ׳ן שכל (זעה אויבען ז. 74, 75 אין דער באמערקונג). און אין 711 האבען זיי טאקע געהאט אויף א ווילע אויך אן ערפאלג. עס קאן דעריבער זיין, אז אין ישעיה י״ד 32 רעדט זיך פון אט די שלוחים פון מרדך־בלאדן. גיכער אבער איז דארטען געמיינט א געזאנדטשאפט פון די פלשתים אדער פון אן אנדער נאהנטען לאנד.

צפון איז, ווייזט אויס, צידון געשטאנען אין צענטער פון דער באוועגונג; אין דרום זיינען עס, נאכדעם ווי די קראפט פון עזה און אשדוד איז גע־בראכען געווארען, די פלשתים־שטעדט אשקלון און עקרון. אלס באזונדערס וויכטיג האט מען אבער געהאלטען חזקיה'ס מיטווירקונג אין דער אונטערנעמונג. דאס ווייזט די געזאנדטשאפט צו איהם, אין פאל אויב דאס געהערט צו יענער צייט, און אויך די פראמינענטע שטעלונג, וואס ער האט שפעטער פאקטיש פארנומען אין דעם בונד.

מיר קאנען היינט ניט זאגען, ווי ווייט חזקיה איז פון אנהויב אן גענייגט געווען זיך צוצוהערען צו די שטימען, וועלכע האבען געטריבען צו א צע־רייסונג מיט אשור. זיין ביז־איצטיגע אויפפיהרונג מאכט פאר וואהר־שיינליך, אז דאס איז איהם ניט שווער אנגעקומען. דערצו נאך איז די מלחמה־פארטיי געווען אהן א ספק שטארק פארטראטען אין ירושלים און אין הויף. די דאזיגע פארטיי, ווי די פארטייען פון די איבערטריבענע פא־טריאטען אין אלע צייטען, האט ניט געהאט קיין שווערע ארבייט אריינצו־קריגען אויף איהר זייט די בלינדע מאסע. אויף דער אנדערער זייט אבער איז געשטאנען די פארטיי פון די ניכטערע און באזונענע. זי איז, ווי אומע־טום, הפנים געווען אין דער מינדערהייט. אין איהר שפיץ שטעהט ישעיה. אין א צערייסונג מיט אשור קאן ער נאר זעהן די זריעה פון נייע אומגליקען, וואס וועלען קומען אויף יהודה. ניט פון פריינדשאפט פאר אשור האט ישעיה געהאט אזא מיינונג, דאס האט ער שוין געוויזען אונטער אחז'ן, נאר פון א קלארען אריינבליק אין דער לאגע און נאך מעהר דורך רעליגיעזע באטראכטונגען, וואס זיינען געווען באגרינדעט אויף יענער לאגע.

שוין אין יאהר 711, ווען אשדוד איז געווען דער צענטער פון דער מרידה געגען אשור, האט ישעיה אזוי שטארק ווי מעגליך געווארענט יהודה זיך צו היטען פון אן אומבאזונענעם טריט. און איצט, בעת דער פלאן פון דעם אויפ־שטאנד איז אלץ מעהר און מעהר רייף געווארען, שטעלט ער ירושלים פאר מיט די קרעפטיגסטע פארבען, וואס פאר א גורל עס ווארט אויף איהר: — אפשר וועט זיך איהם נאך איינגעבען אפצוהאלטען דעם לעצטען טריט. ס'איז וואהרשיינליך, אז צו אט דער צייט פון ישוב הדעת און פון פלאנעווען גע־הערט א גאנצע רייהע פון ישעיה'ס רעדעס (קאפ. כ"ח—ל"א). זיי שטאמען פון פארשידענע פאזען פון דער פארהאנדלונג און דערגרייכען דירעקט ביז

צו דער קאטאסטראפע*). ער ווענדט אן זיין גאנצע קראפט פון דער רעדע־קונסט, אום צו דערהאלטען דעם קעניג און דאס פאלק אויף דעם וועג פון איבערלעגטקייט און אויסגערעכענטקייט.

„וועה, אריאל, אריאל**),
די שטאדט וואו דוד האט זיין לאגער געהאלטען!
לעגט צו יאהר צו יאהר,
זאלען די ימים־טובים קומען און אוועקגעהן,
דאן וועל איך דריקען אריאל,
און עס וועט זיין א יאמער און א קלאג...
און איך וועל אויפשטעלען א לאגער ארום און ארום,
און איך וועל דיך באלאגערען מיט א באפעסטיגונג,
און איך וועל אויפשטעלען שאנצען געגען דיך"...
(ישעיה כ"ט 1—3).

באזונדערס איז ישעיה שטארק באזארגט וועגען דעם בונד מיט עגיפּטען. טריט נאך טריט פארפאלגט ער מיט זיינע רייד די פארהאנדלונגען. וואס געהען אן אין געהיים. ער רעדט דערביי מיט דער גרעסטער פאראכטונג פון דער מלוכה פון די פרעה'ס. ער דערווארט ניט קיין גוטס פון איהר פאר יהודה און ער שרעקט זיך נאר פאר ווייטערע פארוויקלונגען: די עגיפּטער זיינען פאר איהם מענשען און ניט קיין גאט און זייערע פערד זיינען פלייש און ניט קיין גייסט.

„וועה, איהר ווידערשפעניגע זיהן, זאגט יהוה,
צו מאכען פּלענער ניט פון מיר,
און צו שליסען א בונד ניט מיט מיין ווילען...
וועלכע נידערען אראפ קיין מצרים
און מיין מויל ניט געפרעגט,
זיך צו באשיצען אין פרעה'ס מאכט,

*) כ"ח 1—4 שטאמט פון א פריהעריגער צייט (קורץ פאר 722), ווערט אבער איבער'גע'חזר'ט, כדי אנצוקניפען פון פסוק 7 אן די רעדע געגען ירושלים.

**) א נאמען, מיט וועלכען ישעיה רופט אן ירושלים. די עטימאלאגישע באדייטונג פונ'ם ווארט איז זעהר א באשטריטענע זאך ביי די מבארים. ת. ש.

און זיך צו פאַרבאָרגען אין דעם שאָטען פון מצרים...
דורך א לאַנד פון אנגסט און ענגעניש,
וואו עס האַלטען זיך אויף דער לייב און די לייבין,
דער פיפערנאָטער און די געפליגעלטע שלאַנג,
טראָגען זיי אויפ'ן רוקען פון די אייזלען זייער גוטס,
און אויפ'ן הויקער פון די קעמלען זייערע אוצרות
צו א פאָלק וואָס קאָן זיי ניט נוצען!"...

(ישעיה ל 1, 2, 6, 7).

די דאָזיגע רעדעס פון ישעיה'ן געגען עגיפּטען ווייזען, אז דעם נביא'ס טרחה איז געווען אומזיסט. חזקיה'ס שלוחים זיינען שוין אונטערוועגנס — באַלאָדען נאַטירליך מיט רייכע אוצרות. ישעיה קאָן העכסטענס נאָך האָפען, אז מ'וועט זיי צוריקרופען און דער בונד וועט צו־נישט ווערען. אויך אָט די האָפענונג ווערט ניט ערפילט. די אנטי־אשורישע, עגיפּטען־פריינדליכע פּאַרטיי אין ירושלים האָט קענטיג אַלץ מעהר געוואונען די אויבערהאַנט. חזקיה איז אנטשלאָסען ניט פארבייצולאָזען דעם גינסטיגען מאָמענט, כדי ווידער אויפצושטעלען יהודה'ס זעלבשטענדיגקייט און פיליכט זאָגאר דוד'ס טראָן. זיך ניט צוריקהאַלטענדיג, שליסט ער זיך אָן אָן דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, און פארנעמט, ווייזט אויס, א פּראָמינענטען פּלאַץ אינ'ם קרייז פון די אליאירטע; דער קעניג פּ א ד י פון עקרון, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פעסט אָן אשור, ווערט פון חזקיה'ן באַצוואונגען און גענומען געפאַנגען.

צום צווייטען מאָל ווייזט זיך דאָ ישעיה אין זיין גאַנצער רעליגיעזער גרויסקייט. אויך איצט, כאָטש ער זעהט זיין פאָלק אויף א פארקעהרטען וועג, גיט ער די האָפענונג ניט אויף. טראָץ איהר נאַרישער אויפפיהרונג קאָן יהודה איצט ניט אונטערגעהן. יהוה וועט ניט פארלאָזען דוד'ס הויז און וועט ניט מפקיר זיין זיין הייליגען אָרט. אָבער די רעטונג וועט געוויס ניט קומען אויף דעם וועג, וועלכען יהודה'ס פיהרער זוכען פאַר איהר, לכל הדעות וועט זי ניט קומען פון עגיפּטען. י ה ו ה א ל י י ן וועט זיין איהר הילף. זיינע גרויסע געדאַנקען בנוגע צו יהודה'ס צוקונפט האַלט ישעיה פעסט אויך איצט, אין דער צייט פון דער גרעסטער נויט. די גלענצענדע צוקונפט שטעהט פאַר זיין אויג נאָך נעהנטער במעט איידער פריהער. אָבער ניט פון יהודה'ס פארניכטונג וועט זי ארויסקומען. די נויט און דאָס עלענד פון דער באַלאַגערונג דורך אשור ערשיינט פאַר

איהם אלס א לייטערונגס־משפט, פון וועלכען יהודה וועט ארויסקומען גע־ראטעוועט און געלייטערט אלס א נייער, גאטגעפעליגער שטאם. נאר די זינדיגע וועט דער משפט אומברייגגען, יהוה׳ס שטאדט און בית־המקדש אבער וועלען איבערקומען דעם משפט. ציון איז א פעסטער ווינקעל־שטיין, אן וועלכען יעדע פיינדליכע מאכט וועט צעשלאגען ווערען.

צוויי זאכען שטעהען פאר ישעיה׳ן פעסט אויך אין יענער צייט, ווייל זיי געהערען צו די אומפארענדערליכע יסודות פון זיין וועלט־באטראכטונג: דער גלויבען אין יהוה און, אלס פועל־יוצא דערפון, דאס אפזאגען זיך פון יעדער זעלבסט־הילף. אויף דעם איז באגרינדעט ישעיה׳ס רעליגיעזע און פאליטישע איבערצייגונג אין דער דאזיגער אומרוהיגער צייט. דאס וואס ער האט אמאל צוגערופען אחז׳ן, חזר׳ט ער איצט איבער כמעט מיט דיזעל־ביגע ווערטער: „ווער עס גלויבט, דער וועט ניט צו שאנד ווערען“*). ער האט דעם פעסטען צוטרוי, אז יהוה וועט ריכטיג פיהרען זיין פאלק, ווען דאס פאלק וועט זיך אויף איהם פארלאזען**). אין אט דעם פאל איז נויטיג פאר יהודה צו טאן נאר דאס, וואס ישעיה האט שוין אמאל — נאטירליך אהן ערפאלג — פארלאנגט פון אחז׳ן, נעמליך זיך רוהיג צו פארלאזען אויף גאט: „דורך אומקעהרונג און זיך רוהיג האלטען האט איהר געקאנט זיך ראטעוועןן; אין זיין שטיל און האבען בטחון איז געלעגען אייער גבורה —

*) „המאמין לא יבוש“ איז דער נוסח פון תרגום השבעים אין ישעיה כ״ח 16. מאנכע אנדערע מבארים שלאגען פאר „המאמין לא ימוש“, וואס פאסט זיך בעסער צו דעם בילד פון פעסטען גרונט־שטיין. ח. ש.

**) אויף וואס פאר אן אופן ישעיה שטעלט זיך פאר, אז יהוה וועט פיהרען זיין פאלק, קענען מיר אומגעפעהר ארויסנעמען פון קאפ. כ״ח. איהם שוועבט פאר די אויגען, ווייזט אויס, א באשיידענע קליינע מדינה אונטער דער אשורישער אויבער־ממשלה; אבער אלס באצאהלונג פאר דער פארלארענער פרייהייט דערוואַרט ער עטוואס וואס איז העכער און טייערער ווי דאס אלץ, נעמליך די זאמלונג פון די פרומע און דעם אויפבוי פון דער גאט׳ס־מלוכה אין ירושלים — ביז די וועלט־אימפעריע וועט צעפאלען פון זיך אליין, און דאן וועט די נייע מלוכה (די משיח־מלוכה) זיך גרינדען אויף דעם ווינקעל־שטיין אין ציון און אויף גערעכ־טיגקייט — הגם אויך דורכגעהענדיג דורך א לייטערונגס־משפט. אט דאס אלצדינג קאן אבער גאט אליין מאכען, דעריבער זאל מען איהם לאזען געוועלטיגען. א בונד מיט עגיפטען קאן ניט ברייגגען נעהנטער צו אט דעם ציל; אדרבה, אלע אויגענע פאליטישע מאכענאציעס קענען נאר שאדען טאן: זיי קאנען ברייגגען גאט׳ס משפט און שטראף; פארגלייך פסוק 16—19.

אבער איהר האט ניט געוואָלט!"*) יעדע זעלבסט־הילף **אבער דורך איי־**
געגע פּאָליטישע, און ווער רעדט נאָך דורך קריגערישע, האנדלונגען וועט
ברייגנען אומגליק, מעהר ווי אלץ — דער בונד מיט עגיפּטען.

אט דאָ דערקענען מיר ווידער דעם ישעיה פון אחז'עס צייט. פאר
איהם איז אויך די פּאָליטיק קודם כל א רעליגיעזער **פּראָבלעם. גאָט מאכט**
זי און מיר מענשען קענען נאָר דינען איהרע צוועקען אדער ווערען צו שאנד.
עס איז דיזעלביגע דרייסטקייט און גרויסקייט פון דעם רעליגיעזען אידע־
אליזם, דיזעלביגע הויכקייט און ריינקייט פון דעם רעליגיעזען, גלויבענדען
אופן פון באטראכטונג.

פון אָט דער שטעלונג, וואָס אונזער נביא האט אנגענומען אין מיטען
פון א דרייסטען רעליגיעזען אידעאליזם, דרינגען מאנכע מבארים ארויס פון
זיין בוך, אז בעת יהודה האט געגען ישעיה'ס ווילען באטראטען דעם וועג
פון פּאָליטישער זעלבסט־הילף, האט דער נביא זי איבערגעלאָזען צו איהר
אייגענעם גורל, הפנים מיט דעם גערדאנק, אז דורך דעם דאָזיגען משפּט וועט
יהוה אויסלייטערען זיין פאָלק, אָבער ער וועט די זינדיגע לאָזען אונטער־
געהן. די דאָזיגע מבארים האלטען עס פאר אוממעגליך, אז דערזעלביגער
מאַן, וועלכער פאָדערט אומעטום נאָר גלויבען און מעסט אלצדינג מיט אָז
עטישער מאָס, זאָל אין דער שעה פון געפאהר כלומר'שט זיך גופא ווערען
אומגעטריי און זאָל פאראויסזאָגען ירושלים'ס רעטונג צוליב ציון. אויב אָט
די הנחה פון די מבארים וואָלט געווען ריכטיג, וואָלט מען געמוזט אננעמען
דערפון אלס פועל־יוצא, אז אלע שטעלען אין אונזער היינטיגען ספר ישעיה,
וואָס זייער תוך איז דער אונטערגאנג פון אשור און די רעטונג פון ירושלים,
שטאמען ניט פון אונזער נביא, נאָר זיינען א פּראָדוקט פון א שפּעטערער
צייט.

אזוינע שטעלען געפינען זיך אָבער אין אונזער בוך ישעיה אין א גרוי־
סער צאָהל און ביי די מעהרסטע פון זיי איז ענטוועדער מ'קאָן זעהן, אז זיי
זיינען כאראקטעריסטיש פאר ישעיה'ן אדער עס פאסט זיך לכל הפחות זעהר
גוט אזוי אנצונעמען. מיר קאָנען דעריבער אויף אָט דעם וועג בשום אופן
ניט געהן. עס האָט געמוזט זיין בנמצא א גרעסערע אדער קלענערע צאָהל
רעדעס דירעקט פון ישעיה'ן גופא, וועלכע האָבען געסטראָשעט אשור מיט

---

*) ישעיה ל 15. „זיי האָבען פאָרגעצויגען צו פליהען אויף פערד, צו רייטען
אויף לייכטע לויפערס אויפ'ן שלאַכט־פעלד, דערפאר וועט זייער נארישע פיהרונג
זיי ברייגנען צום ראנד פון אונטערגאנג."

אונטערגאנג און האבען פארשפראכען ירושלים רעטונג. באזייטיגען אט די אלע רעדעס איז אוממעגליך, ווען מ'וויל זיי דערקלערען אהן פאראורטיי־לען*).

מיר זעהען דא בכן, אז ס'איז קיין אנדער ברירה ניטא ווי צו ברייננגען די דאזיגע שטעלען אין א באציהונג מיט דעם ווירקליכען באוואוסטזיין פון אונזער נביא, וואס איז אונז באקאנט פון די אנדערע אומבאשטריטענע רע־דעס זיינע. מיר ווייסען ווי סרגון און פריהער שוין תגלת־פלאסר האבען באהאנדעלט דאס קעניגרייך אפרים. אין יאהר 733 און באזונדערס דער־נאך אין 722 האט ישעיה דאס ערשטע מאל געזעהן ־נאהנט נעבען איהם דעם סיסטעם פון דער אשורישער פאליטיק, וואס איז געווען בארבאריש אפילו פאר די מאראלישע השגות פון אלטערטום, א סיסטעם וואס האט באצוועקט צו מאכען פעלקער בוינזאם און נאכגיביג דורך דעם, וואס זיי וועלען איבער געוואלד ארויסגעריסען ווערען פון זייער היימישען באדען און עס וועלען זיך אויף אזא אופן אפרייסען אין זיי די כוחות פון לעבען. אזוי ווי נאך 722 האבען אשורישע ארמייען זיך אפט באוויזען אין פאלעס־טינא, האט מען בלי ספק געהאט אסך געלעגנהייטען זיך ווייטער צו באקע־נען מיט דער ברוטאליטעט און דער אוממענשליכער אויפפיהרונג פון די אשורים.

אזוי האט זיך אויסגעבילדעט אין ישעיה'ן די געוויסקייט, אז די וועלט־אימפעריע פון אשור איז פאר'משפט צום אונטערגאנג. אויך די דאזיגע געוויסקייט איז לכתחילה ניט קיין פאליטישע, נאר א רעלי־גיעזע און מאראלישע. אויך אט דא איז די פאליטיק א פועל יוצא ביי איהם פון דער רעליגיאן און מאראל. די מאס פון דער מאראלישער וועלט־אורד־נונג, וואס איז ביי איהם א פעסטשטעהענדיגע זאך, ווענדט ער אן אויף אשור'ס אויפפיהרונג. געמאסטען לויט דער דאזיגער מאראלישער וועלט־ארדנונג און לויט יהוה'ס מאראלישען ווילען, וואס דריקט זיך אין איהר אוים קאן אשור קיין תקומה ניט האבען; פון דעם פסק־דין פון דער וועלט־געשיכטע איז זי פאר'משפט צום אונטערגאנג**).

---

*) די שטעלען, וועלכע קומען דא אין פראגע זיינען: י 32—34; י״ד 24—27, 32; י״ז 12—14; כ״ט 5—8; ל״א 8, 9.

**) ישעיה י 5—19 „יהודה האט געמאכט אשור פאר דער בייטש פון זיין צארן צו שטראפען זינדיגע פעלקער. אשור אבער דענקט ניט אזוי, נאר וויל זיי אין

דער גלויבען אין אשור'ס אומבאזיגבארקייט איז דערמיט פאר ישעיה'ן, אויב ער האט אזא גלויבען ווען געטראגען אין זיך, צעטרייסעלט. אז ער גופא זאל פון אט דער נייער געוויסקייט האבען געצויגען פאליטישע שלוסען, קאן בשום אופן ניט געמאלט זיין. אבער די פאליטיקער און איינצעלנע פרומע פון יהודה האבען, קאן זיין, אט אזוי איהם פארשטאנען און האבען געצויגען חיות פון זיינע רייד פאר זייערע באזונדערע פלענער און געדאנ־קען*). פאר איהם גופא שטעהט פעסט זיין פראגראם, אז יהוה און נאר יהוה אליין וועט ברייגנען די מפלה אויף אשור און אז מענשליכע פאליטיק און אליאנצען קאנען גאר ניט אויפטאן דערביי. גענען ישעיה'ס ווילען ווערט יהודה פארפלאנטערט אין די דאזיגע פאליטישע אליאנצען און דער פועל־יוצא דערפון איז וואס יהודה און ציון שטעהען אין סכנה. זאל אט די לאגע פון דער זאך, ווי ווינציג זי איז ניחא געווען ישעיה'ן, איהם האבען באוואויגען אויפצוגעבען זיין איבערצייגונג פון אשור'ס גורל? געוויס זיינען זינדיג די מענשען פון יהודה און ציון און האבען פארדינט א שטראף אלס לייטערונג; אבער אשור האט זיך געמאכט פאר יהוה'ס פיינד דורך איהר סטראשען ירושלים, ווארים ציון איז יהוה'ס הייליגע וואוינונג. ווי נאר אשור ריהרט אן ציון, דעם ארט וואו יהוה האט זיין מזבח און וואו ישעיה גופא האט איהם געזעהן אין דעם העכסטען מאמענט פון זיין לעבען, דאן איז יהודה'ס שולד פארגעסען אויף א רגע — ניט אויף תמיד — און דער פסק־דין איבער אשור טרעט אריין אין קראפט.

ישעיה בלייבט ביי זייןווארט פון גלויבען, און זיך האלטענדיג דערביי

איינענעם נאמען, ניט אלס יהוה'ס ווערקצייג, שטראפען און גלייכצייטיג אויך פאר־ניכטען. „מיט דעם כוח פון מיין האנט האב איך עס אויפגעטאן און מיט מיין קלוגקייט, ווארים איך בין פארשטענדיג. די גרעניצען פון פעלקער שאף איך אפ... ווי מ'זאמעלט צונויף פארלאזענע אייער, אזוי האב איך צוזאמענגענומען די גאנצע ערד.“ ס'איז איינע פון ישעיה'ס גראנדיעזעסטע רעדעס און גלייכצייטיג אויך די ערשטע פראבע פון א געשיכטס־פילאזאפיע אין א גרויסען סטיל, וואס איהר יסוד איז דאס געזעץ פון דער מאראלישער וועלט־ארדנונג אין דער געשיכטע: די וועלט־געשיכטע איז דער וועלט־משפט. די שטיק שטאמט פון דער צייט נאך 717, וואהר־שיינליך ארום 711.

*) שוין חזקיה'ס רעפארם און נאך מעהר מאנכע ווערטער ישעיה'ס האבען געקאנט שאפען דעם טעות, אז מ'האט כלומר'שט ניט באדארפט אריינטאן א פינגער אין קאלט וואסער, אדער אז יהודה'ס פרומקייט איז איבער יעדען ספק און דער בארג ציון איז א באשיצונג פאר אלערליי עולות וואס מ'טוט, מיכה ג 11. אין ג 12 נעמט מיכה א שטארקע שטעלונג געגען דעם.

איז ער געגען זעלבסט־הילף. אדרבה, מיט זיין באציהונג צו ציון וויל ישעיה אהן א ספק ווירקען, אז מ'זאל זיך פארלאזען אויף יהוה און זיך אנטזאגען פון יעדער אייגענער הילף. מען מוז זיך אבער היטען פון וועלען ארויס־ברייגגען א פולקומע איינהייט אין ישעיה'ס רייד און אין זיין באוואוסטזיין, כדי זיך צו שאפען א פאנטאסטיש בילד פון דעם נביא, וואס האט באמת גאר ניט עקסיסטירט. קיינער קאן אונז ניט ערב זיין, אז אויך אין זיין באוואוסטזיין האבען זיך ניט געפונען קווינקלונגען בנוגע פארשידענע פראַ־גען. ס'איז גלייכער צו לאזען אט די פארשידענקייטען אין מאנכע פונקטען צו־רוה איידער זיי צו וועלען אויסגלייכען מיט קליינליכע קונצען אין דעם פירוש פון די פסוקים. קיינער קאן אונז קודם כל ניט ערב זיין, אז אויך אין זיין גייסט, כאטש ער איז געווען פולקום קלאר וועגען יהוה'ס שטעלונג צו קולט און קרבנות, דארטען וואו זיי שטעהען אין וועג דער מאראל, האט נאך וויטער ניט געלעבט די פארשטעלונג, אז אויך יהוה, אזוי לאנג ווי ער האט אנגענומען קרבנות, האלט אין כבוד זיין אפפער־פלאץ אויף דעם ציון. ווי דרייסט און פריי זיין גלויבען איז און ווי מעכטיג ער באקעמפט די פאלקס־רעליגיאן, קאן ער אבער פארט אין אט דעם פונקט — צום טייל פיליכט בלויז דורך דער מאכט פון די פארהעלטענישען און דער אייגענארטיגקייט פון יהודה'ס געגנער — זיך ניט באפרייען פון די השגות, וועלכע ער גופא באקעמפט אומעטום אזוי שטארק. — דאך לאמיר זיך אומקעהרען צו סנחריב'ן.

סנחריב האט געווים קלוג געהאנדעלט, וואס ער האט צוערשט קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען דעם אויפשטאנד אין פאלעסטינא, כאטש הינטער איהם איז געשטאנען עגיפטען. ער נעמט זיך קודם כל צום ווארצעל פונ'ם אויפשטאנד, וועלכער איז געלעגען אין בבל. די ערשטע זאך האט געמוזט באצוואונגען ווערען דער אלטער רעבעל מרדך־בלאדן. אין יאהר 702 האט זיך סנחריב'ן איינגעגעבען איהם צוצושלאגען און אין פריהלינג פון יאהר 701 האט ער מארשירט צום מערב־לאנד. אין ריזיגע מחנות האט זיך באוועגט די אשורישע ארמיי. איבער 185000 מאן האט באטראפען די שטרייט־מאכט פון אשור. קיין חידוש דעריבער ניט, וואס „די מורא פאר דעם גלאנץ פון דער אשורישער הערשאפט" איז דעם חיל פאראויסגעגאנגען און האט געמאכט ציטערען די הערצער. אהן א ספק האט סנחריב מאר־שירט דורך דעם אלטען מיליטערישען וועג: צוערשט דעם פרת ארויף צו, דאן אריבער צום ברעג פון מיטעללענדישען ים און פון דארטען צו דרום. אט אזוי האט פעניקיען די ערשטע דערפיהלט זיין האנט. דארטען איז לולי,

דער קעניג פון צידון, געווען דער פיהרער פון די רעבעלען. אבער ער האט געזוכט זיך צו ראטעווען דורכ'ן אנטלויפען, און אויך די איבעריגע שטעדט ביים ברעג ים, אין צפוך און אין דרום־זייט פון צידון, ביז אראפ צו עכו האבען מעהר ניט ארויסגעוויזען קיין מוט. ניט ארויסציהענדיג דעם שווערד האבען זיי זיך אונטערווארפען אונטער דעם קעניג פון אשור. נאר צור האט קענטיג זיך געשטעלט פעסט. די ערא בערונג פון את דער שטאלצער אינזעל־פעסטונג האט זיך סנחריב'ן ניט איינגעגעבען. ער האט עס וואהרשיינליך גאר ניט פרובירט. יעדענפאלס בלייבט צור לחלוטין ניט דערמאנט אין סנחריב'ס באריכט. אבער אזוי פיעל האט זיך סנחריב'ן פארט איינגעגע־בען: דעם איינפלוס פון צור האט ער פאר דעם מאמענט געהאט געבראכען דורך דעם, וואס ער האט איינגעזעצט אין צידון א נייעם קעניג און האט איהם אלס אשורישען וואסאל איבערגעגעבען די ממשלה איבער אכט פעניקי־שע שטעדט. דערשראקען פון דעם דאזיגען ערשטען ערפאלג סנחריב'ס אין פאלעסטינא, זיינען גלייך געקומען פירשטען פון דעם דרום פון לאנד, אום ארויסצואווייזען דעם אשורישען זיגער זייער אונטערווארפענקייט. פאראו"ס פון אלעמען אשדוד, וועלכע האט נאך ניט געהאט פארגעסען איהר מפלה פון יאהר 711, דאן עמון, מואב און אדום. אבער עס זיינען נאך פארט גע־בליבען איינציגע פירשטען, וועלכע האבען בשום אופן ניט געוואלט ווידער אוועקגעבען אזוי לייכט די פרייהייט, וואס זיי האבען נאר וואס געוואגט צו פארכאפען. זיי האבען געזוכט צו באפעסטיגען זייערע הויפטשטעדט אין פאל אויב עס זאל קומען צו א באלאגערונג. דאס זעהען מיר אין ירושלים. א לעבהאפטע טעטיגקייט קומט דארטען פאר; די וואסער־רעזערוואארען אויסערן שטאדט ווערען צוגעדעקט, כדי די מלכים פון אשור זאלען קיין וואסער ניט געפינען ווען זיי קומען (דברי הימים ב, ל"ב 3, 4); דער אלטער שטאדט־מויער ווערט גוט צורעכטגעמאכט, טורעמס ווערען געבויט און אין איין שטעל ווערט אפילו דער מויער פארשטארקט דורך א צווייטען מויער; אין די ווארשטאטען פון די שמידען און די געוועהר־מאכער ווער געאר־בייט מיט פיבערהאפטער אנשטרענגונג. דער קעניג גופא מושטירט זיינע סאלדאטען, וועמעס צאהל ער האט פארמעהרט דורך אראבישע זעלנער, אויף דעם ברייטען פלאץ ביים טויער פון שטאדט און ער דערמוטיגט אלע־מען זיך צו פארלאזען אויף יהוה (ישעיה כ"ב).

אין פעניקיען האט סנחריב, ווייזט אויס, זיך לאנג ניט אויפגעהאלטען. פון מיליטערישע אויפטואונגען דארט וויסט ער גאר ניט צו באריכטען. ניט ארויסווייזענדיג קיין ווידערשטאנד האבען זיך דא איהם אלע אונטער־

וואַרפֿען. אַט אַזוי האָט ער געקאָנט שנעל ווייטער מאַרשירען. דער וועג פון'ם הויפּט־חיל האָט זיך געצווייגען פאַר לענגס ביים ברעג ים צו אשקלון צו. דאָך ווייזט אויס, אַז סנחריב האָט אין פעניקיען אָפּגעזונדערט קלענערע אָפּ־טיילונגען פון זיין הויפּט־אַרמיי און האָט זיי אַרויסגעשיקט אויסראַבעווען די געגענדען פון יענע פירשטען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט געהאַט אונטער־וואַרפען און צו וועלכע ער האָט ניט געקאָנט צוקומען גלייך מיט דעם הויפּט־חיל. אַזעלכע מיליטערישע טרופּעס, האָבען זיך אויך געמוזט אַריינרייסען אין יהודה און האָבען דאָרטען פאַרניכטעט דעם תבואה־שניט פון'ם פריה־יאָהר 701 (מלכים ב, י"ט 29).

אונטערדעסען האָט די הויפּט־אַרמיי אַלץ ווייטער מאַרשירט ביים ברעג ים צו דרום צו. גאַנץ לאַנגזאַם האָט זי זיך באַוועגט פאָרווערטס, מחמת פאַרשידענע שטעדט, צווישען זיי בני־ברק, יפו און בית־דגון האָבען אַרויס־געוויזען עקשנות און האָבען געלאַזט קומען צו אַ באַלאַגערונג. ערֶאָבערענ־דיג אַט די שטעדט איינע נאָך דער אַנדערער, האָט סנחריב מיט מיה פריי געמאַכט דעם וועג פאַר זיין ווייטעריגען מאַרש און ער האָט נאַטירליך פאַר־לאָרען דערביי אַסך צייט. ענדליך האָט ער דערגרייכט אשקלון. צידקא (צדק), דער קעניג, איז אַראָפּגעזעצט געוואָרען און צוזאַמען „מיט די געטער פון זיין פאָטער'ס הויז, זיין ווייב, זיינע זיהן, טעכטער און ברידער", אויך מיט אַלע קרובים זיינע פון דעם פאָטער'ס צד איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרען אַלס געפאַנגענער קיין אשור. אַנשטאָט איהם, איז אַרויפגעזעצט געוואָרע׳ אויפ'ן טראָן שאַרלודאַרי, דער פריהערדיגער קעניג, וועלכער איז הפנים אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון די רעבעלען צוליב זיין אשור־פריינדליכער שטעל־לונג.

איצט איז מען געגאַנגען פון דעם ים־ברעג אין לאַנד אַריין. עקרון איז געווען דער נעכסטער ציל פון דער אשורישער אַרמיי. אַז אימה איז געפאַלען אויף די איינוואוינער פון עקרון, בשעת זיי האָבען עס דערהערט; „עס האָט זיך געשראָקען זייער האַרץ", און ציטערענדיג האָבען זיי זיך אַרומ־געקוקט, צי די צפון־אַראַבישע פירשטען פון מוצרי און מלוכה, ביי וועמען זיי האָבען געבעטען הילף, קומען ניט אָן. זיי האָבען זיך ניט געגאַרט אין זייער דערוואַרטונג. נאָך איידער סנחריב האָט דערגרייכט עקרון, איז דער אַראַבישער חיל געקומען צו הילף. אָבער ער איז צעשלאָגען געוואָרען פון סנחריב'ן ביי אלתקה*). איצט האָבען עקרון און די שטעדט, וואָס האָבען

*) צווישען תמנה און עקרון; ווערט אויך דערמאָנט אין יהושע י"ט 44.

געהערט צו איהר, זיך שוין מעהר ניט געקאנט ראטעווען פון סנחריב׳ס צארן. אפילו אויב זיי וואלטען זיך איצט אונטערגעגעבען, וואלטען זיי אויך ניט געקאנט דערוואַרטען זיין גנאד. ס׳איז בכן געווען די עקשנות פון פאר־צווייפלונג, ווען זיי האבען אויך איצט נאך ניט געעפענט זייערע טויערן. סנחריב איז צוגעקומען מיט זיין חיל, און נאך א העלדישער פארטיידיגונג איז איין שטאדט געפאלען נאך דער אנדערער; צולעצט אויך עקרון. ווי עס איז געווען צו דערווארטען האט סנחריב זיך נוקם גיווען מיט גרויס אכזריות: די פארשטעהער פון שטאדט זיינען געטויט געווארען און זייערע טויטע קערפערס זיינען אויפגעהאנגען געווארען אלס אן אזהרה אויף די זיילען פון שטאדט־מויער. אלע איבעריגע איינוואוינער, וועלכע זיינען גע־ווען פאר דעם אויפשטאנד נעגען אשור, זיינען געמאכט געווארען פאר קריגס־געפאנגענע.

ערשט איצט איז געקומען די רייה צו יהודה. חדשים פון אנגסט און געדריקטקייט האט מען פארבראכט אין ירושלים זינט מ׳האט דערזעהן די ערשטע אשורישע סאלדאטען־אפטיילונגען אינ׳ם בערגלאנד פון יהודה. איין אומגליק־אנזאגער נאך דעם אנדערען האבען געבראכט די טרויעריגע ידיעה, אז דער זיגרייכער אשורישער חיל מארשירט כסדר אלץ ווייטער. ניט זיינענ־דיג אין ערגיץ פארהאלטען, און אז עס האבען זיך פרייוויליג אדער גע־צוואונגען אונטערווארפען אלע מדינות און שטעדט. וועלכע האבען ערשט מיט איניגע חדשים צוריק, צוזאמען מיט יהודה, זיך אזוי באגייסטערט פאר דעם פרייהייטס־קאמף געגען אשור. אבער מ׳האט ניט פארלארען דעם מוט. א טייל פון דער באפעלקערונג פון ירושלים האט אומגעדולדיג געווארט צו הערען פון הילפס־ארמייען, וואס קומען פון די ברעגען פון טייך נילוס; חזקיה אבער האט זיך פארלאזען אויף זיין גאט. אז ער וועט איהם ראטע־ווען פון אשור׳ס האנט.

אגב האט נאך געדויערט א היבשע צייט ביז מ׳האט געזעהן די אשורים פאר די מויערן פון ירושלים. סנחריב איז הפנים דערגאנגען, אז ירושלים איז צוליב איהר נאטירליכער לאגע כמעט אומבאזיגבאר. ער איז דעריבער ניט געקומען גלייך צו ירושלים, נאר האט פארוויסט מיט זיין חיל דאס לאנד פון יהודה ארום און ארום ירושלים. ער האט געמיינט, אז דערמיט וועט ער צווינגען ירושלים זיך אונטערצוגעבען. „46 פעסטע, ארומגעמויערטע

שטעדט", אזוי דערצעהלט סנחריב אין זיין באריכט*). „און די קליינע שטעדט ארום זיי אהן א צאהל האב איך באלאגערט און איינגענומען דורך ארופרייסענדיגע שטורם־ווידערס און דורך אטאקעס פון שטורם־מאשינען, דורך דעם קאמף פון די פוס־געהער, דורך מינען, איינברעכונגען און... 200.150 איינוואוינער**), גרויס און קליין, מאן און ווייב, פערד, מויל־אייזלען, אייזלען, קעמלען, רינדער און שאף האב איך פון זיי ארויסגעפיהרט און צוגענומען אלס רויב". עס הייסט ניט, אז די גאנצע ארמיי האט זיך אפגעשטעלט ביי יעדער איינצעלנער שטאדט. די הויפט־ארמיי האט הפנים נאר איינגענומען די גרעסערע שטעדט, בעת קלענערע אפטיילונגען האבען פארענדיגט די צעשטערונג אויפ'ן אפענעם לאנד. וואכען זיינען קענטיג פארגאנגען דערמיט. אין ירושלים איז די שטימונג אלץ געווארען דריקענ־דער. הגם די שטאדט איז נאך ניט געווען איינגעשלאסען פון פיינדליכע מחנות, איז אבער פארט איהר לאגע ניט געווען קיין בעסערע ווי פון א באַ־לאגערטער שטאדט. צו ווייט האט מען ניט געטארט וואגען ארויסגעהן, וויל אומעטום האט זיך געפונען דער פיינד. דערצו נאך האט מען ווייט ארום געקאנט געפינען ווינציג וואס פראוויאנט אדער דאסגלייכען. נאר דא און דארטען האט עס אפגעגליקט א שליח אדער איינצעלנע אנטלאפענע זיך דורכצו'גנב'ענען קיין ירושלים אומבאמערקט פון פיינד. אבער אויך אט די וועניגע האבען ניט געבראכט קיין טרייסט. אדרבה, זיי האבען נאר פארמעהרט די גרויסע צאהל אנטלאפענע, וועלכע האבען געזוכט זיך צו באשיצען הינטער די מויערען פון ירושלים און האבען אויף אזא אופן פאר־קלענערט די לעבענסמיטלען פון שטאדט. און אז די אראבישע זעלנער, וועלכע חזקיה האט געקראגען צו פארשטארקען די שטרייט־קרעפטען פון שטאדט, און, וואהרשיינליך איבערגערעדט פון זיי, אויך אידישע סאלדאטען פון דער גארניזאן האבען דעזערטירט***), האבען דאן די איינוואוינער פון ירושלים פארלארען דעם מוט. צי האט חזקיה גופא איצט געראטען צו אונטערהאנדלען מיט סנחריב'ן, אדער זיינע אונטערטאנען האבען איהם דערצו געצוואונגען — דאס ווייסען מיר ניט. יעדענפאלס האט אין יענעם מאמענט זיך געוואקעלט דער צוטרוי צו יהוה. ניט זייער גאט, נאר זייערע

*) איז געפונען געווארען אין די חורבות פון נינוה אין יאהר 1830 און געפינט זיך איצט אין בריטישען מוזעאום. ת. ש.

**) עס האנדעלט זיך דא ניט וועגען אן אוועקפיהרונג אין גלות, נאר וועגען א דעמאנסטראציע פאר דער אנערקענונג פון דער אשורישער הערשאפט.

***) לויט סנחריב'ס אויבען דערמאנטען באריכט.

רייכע אוצרות זיינען איצט געווען די לעצטע האפענונג פון די עלענדע און צעשראקענע.

פון אט דעם פונקט אן האבען מיר שוין ידיעות אין תנ"ך. חזקיה האט געשיקט צום קעניג פון אשור, וועלכער איז דאמאלסט געשטאנען גראד ביי לכיש, אין צפון־מזרח־זייט פון עזה, און האט איהם געלאזט זאגען: „איך האב געזינדיגט, ציה אוועק פון מיר; וואס דו וועסט ארויפלעגען אויף מיר, וועל איך טראגען". סנחריב האט געפאדערט 300 טאלענטען זילבער און 30 טאלענטען גאלד, לויט אונזער געלט ארום 6.200.000 מארק, אלס שטראף־סומע צו באצאהלען גלייך אויפ'ן שטעל און דערצו האט סנחריב לויט זיין באריכט נאך געהעכערט דעם יעהרליכען טריבוט. חזקיה האט געמוזט אנשטרענגען די לעצטע כוחות צוזאמענצונעמען די געוואלדיגע סומע. אפילו דעם אוצר פון בית־המקדש האט מען געמוזט אויסלעדיגען, און די גאלדענע בלעכען, מיט וועלכע די טירען פון בית־המקדש זיינען געווען באצויגען, האבען געמוזט אראפגעריסען ווערען און מ'האט זיי אויפגעלאדען אויף די וואגענס, וואס האבען אוועקגעפיהרט די אוצרות פון ירושלים אין דעם אשורישען לאגער (מלכים ב, י"ח 13—16). אויך דעם קעניג פאדי פון עקרון האט חזקיה דאמאלסט איבערגעגעבען צו סנחריב'ן, וועלכער האט איהם ווידער געמאכט פאר א קעניג איבער עקרון און איהם דערמיט פון דאס נייע איינגעזעצט אין די רעכטען און פליכטען פון א קעניג מיט אשור'ס גנאדען. אבער סנחריב האט געוואלט נאך טיפער דערנידעריגען ירושלים. כדי צו ברעכען דעם איינפלוס פון ירושלים אין דרום, פונקט ווי ער האט געבראכען דעם איינפלוס פון צור אין צפון, האט ער פארטיילט די עראבערטע שטעדט פון יהודה צו די פירשטען ארום, צו די מלכים פון אשדוד, עקרון און עזה.

איצט לכל הפחות האט ירושלים געהאפט אז ס'איז געקומען א סוף צו די צרות. זי איז ביז צום טיפסטען גראד דערנידעריגט געווארען. זי האט ערפילט די אומדערהערטע הויכע פאדערונגען סנחריב'ס און זי האט געגלויבט, אז דערמיט האט זי זיך אויסגעקויפט פון איהם. אבער סנחריב האט ניט געמאכט די מינדסטע הכנות זיך צוריקצוציהען. רוהיג איז ער געבליבען ביי לכיש, וועלכע ער האט נאך ניט געהאט איינגענומען, פונקט ווי לבנה און פיליכט נאך א פאר אנדערע שטעדט, און באלד האבען די ירושלים'ער באמערקט, אז זיי זיינען מיאוס אפגענארט געווארען און אז סנחריב איז אנטשלאסען ניט אוועקצוציהען ביז ער וועט ניט מאכען אן ענד צו זייער שטאדט. זייער פארמעגענס, זייער לעצטע האפענונג האבען זיי

אוועקגעגעבען, כדי מ׳זאָל זיי שאַנעווען, אָבער זייער לאַגע איז דורך דעם נאָך הילפלאָזער און פאַרצווייפעלטער געוואָרען. זיך אונטערוואַרפען אָהן תנאים אָדער א קאַמף פאַר לעבען און טויט, דאָס זיינען געווען די צוויי ברירות, וואָס זיינען פאַר זיי איצט נאָך געבליבען. און זיי האָבען אויסגע־קליבען דעם קאַמף.

סנחריב האָט זעהר גוט געוואוסט, פאַרוואָס ער ציהט זיך ניט צוריק. ער האָט געוואָלט מאַרשירען ווייטער צו דרום, צו עגיפּטען צו. ס׳איז איהם בכן פאַרגעקומען אַלס העכסט ריזיקאַליש צו לאָזען הינטער זיך אַזאַ׳ן אומ־זיכערען וואַסאַל ווי חזקיה אין דער שטאַרקסטער פעסטונג פונ׳ם לאַנד. אַט ווען ער קאָן עראָבערען די שטאָדט און מאַכען אומשעדליך די אשור־פיינדליכע פּאַרטיי מיט דעם קעניג בראש, ווי ער האָט אַשטייגער געטאָן אין אשקלון און עקרון, דאַן וואָלט ער געקאָנט אָהן האגות מאַרשירען ווייטער צו דרום. אָבער איידער דאָס איז געשעהן האָט סנחריב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר צו בלייבען אין פּאַלעסטינא. ער האָט מסתמא באַ־קומען ידיעות, אַז די שטימונג אין ירושלים האָט זיך איבערגעדרעהט, און באַלד האָט ער געשיקט, נאָך פון לכיש אויס, א היבשע אָפּטיילונג פון זיין אַרמיי, אָנגעפיהרט פון זיינע דריי אויבערסטע גענעראַלען: רבשקה, תרתן און רב־סרים קיין ירושלים צו פּועל׳ען, אַז די שטאָדט זאָל זיך אונטערגע־בען. פאַר די מויערן פון ירושלים, אויף דעם פרייען פּלאַץ אין מערב־זייט פון דער שטאָדט, וועלכען די וואַלקערס האָבען באַנוצט פאַר זייער האַנט־ווערק,ביים וועג וואָס פיהרט פאַרביי דעם אויבערסטען טייך קיין יפו, האָ־בען די אשורים אויפגעשטעלט זייער לאַגער, „און זיי האָבען גערופען צו דעם קעניג". הגם חזקיה האָט געזעהן, אַז סנחריב זוכט צוערשט צו דערגרייכען זיין ציל דורך אונטערהאַנדלונגען, איז ער אָבער פאָרט געווען גענוג פאָרזיכ־טיג ניט צו געהן אַליין צום טויער פון שטאָדט. ער האָט געשיקט דריי פון זיינע הויכע באַאַמטע: דעם פּאַלאַץ־מיניסטער אליקים בן חלקיה, דעם מלוכה־שרייבער שבנה און דעם קאַנצלער יואח בן אסף און זיי האָט עם רבשקה מיטגעטיילט די שליחות, וואָס סנחריב האָט איהם געגעבען צו חזקיה׳ן. סנחריב קאָן כלומר׳שט אוממעגליך באַגרייפען, ווי אַזוי חזקיה טראַכט גאָר איצט פון אַרויסווייזען א ווידערשטאַנד, בעת ער קאָן זיך לחלוטין ניט פאַרלאָזען ניט אויף עגיפּטען, ניט אויף זיין גאָט, ניט אויף זיינע אייגענע שוואַכע קריגס־כוחות.

רבשקה׳ס ווערטער האָבען ניט געקאָנט בלייבען אָהן א רושם אויף דעם

פאלק, וואס איז געשטאנען אויפ'ן מויער און זיך צוגעהערט. חזקיה'ס באאמטע האבען דעריבער געבעטען רבשקה'ן, ער זאל ניט ריידען קיין העב־רעאיש נאר אראמעאיש*), כדי די לייט אויפ'ן מויער זאלען ניט אלצדינג פארשטעהן. אבער גראד דאס טאקע האט דער אשורישער גענעראל געוואלט. וואס בעסער עס האט זיך איהם איינגעגעבען צו מאכען דאס פאלק מוטלאז און דערשלאגען, אלץ גיכער האט ער געקאנט זיין ציל דערגרייכען. אפזאַ־גענדיג די בקשה פון די אידישע באאמטע, האט רבשקה, פארקעהרט, זיך געווענדעט דירעקט צום פאלק אויפ'ן מויער. מיט א הויכען קול האט ער זיי געווארענט געגען זייער אייגענעם קעניג. זיי זיינען פארנארט און פאר־פיהרט, ווען זיי לאזען זיך טרייסטען, אז זיי וועלען נאך געהאלפען ווערען. זאלען זיי זיך בעסער אונטערגעבען אונטער דעם קעניג פון אשור. ער וועט זיי באהאנדלען מיט דער גרעסטער מילדקייט. פארלויפיג קאנען זיי נאך יעדערער בלייבען אויף א ווייל רוהיג אין לאנד: „עסט איטליכער זיין ווייגשטאק און איטליכער זיין פייגענבוים און טרינקט איטליכער דאס וואַ־סער פון זיין גרוב, ביז איך וועל קומען און וועל אייך ברייגגען אין א לאנד וואס איז גלייך צו אייער לאנד, אין א לאנד פון קארן און וויין, פון ברויט און וויינגערטנער".

מיט געשפאנטער אויפמערקזאמקייט האט דאס פאלק זיך צוגעהערט צו רבשקה'ס ווערטער. אבער קיינער האט ניט געוואגט צו ענטפערען; ווארים חזקיה, נעמענדיג אין באטראכט, אז די אשורים וואס לאגערען ניט ווייט פון מויער און דער אידישער עולם אויפ'ן מויער קאנען זיך לייכט צעווערטלען און דערביי קאן אז אומפארזיכטיג ווארט ברייגגען גרויס שאדען, האט פאראויס פארבאטען דעם פאלק צו האבען וואסערע ניט איז געשפרעכען איבער'ן מויער. חזקיה'ס באאמטע האבען הפנים ניט געווארט ביז רבשקה האט געענטדיגט זיין רעדע צום פאלק, נאר גלייך ווי ער האט אפגעבראכען מיט זיי די פארהאנדלונגען האבען זיי, ווייזט אויס, זיך צוריקגעקעהרט אין שטאדט. מיט צעריסענע קליידער זיינען זיי צום קעניג געקומען און האבען איהם איבערגעגעבען וואס סנחריב האט איהם געלאזט זאגען (ישעיה ל"ו).

אז סנחריב וועט פאדערען די פולע אונטערוואַרפונג פון ירושלים, האט

*) אראמעאיש איז געווען אין דער פערסישער אימפעריע (עזרא ד 7) און, ווי מ'קאן פון דאנעט זעהן, שוין אויך אין דער אשורישער אימפעריע, די שפראך פון אינטערנאציאנאלען פארקער אין פאדעראציען. ת. ש.

מען געקאָנט זעהן פאַראוים. אָבער ווען חזקיה האָט איצט דערהערט מיט וואָס פאַר א רמאות רבשקה האָט פּרובירט אונטערגראָבען דעם צוטרוי פון פאָלק צו זיין קעניג און צו זיין גאָט, האָט ער זיך געפיהלט אין גאַנצען ני־דערגעדריקט. מעהר פעהלט נאָך ניט ווי נאָר, אַז דאָס אייגענע פאָלק זאָל נאָך גענען איהם רעבעלירען, דאַן איז עס אוים מיט איהם. איצט איז געקור־מען פאַר איהם דער טיפּסטער פּונקט פון דער נויט. פון דרויסען איז קיין הילף ניט געקומען, די צאָהל פון זיינע קריגס־לייט איז אסך פאַרקלענערט געוואָרען, די אוצרות זיינען געווען אויסגעלעדיגט, אַן אשורישע ארמיי איז געשטאַנען פאַר ירושלים׳ס מויערן, די לעבענסמיטלען האָבען זיך געהאַלטען ביים ענדיגען (מלכים ב, י״ח 27) און דערצו נאָך איז ער מיט זיין אייגען פאָלק ניט געווען מעהר זיכער. אויף ווען האָט ער זיך איצט געזאָלט פאַרלאָזען? יהוה איז איהם נאָך געבליבען. אָבער עפּעס א זאַך איז איצט אין וועג געשטאַנען, וואָס האָט איהם ניט געלאָזט זיך ווענדען צו זיין גאָט מיט דעם אַמאָליגען בטחון. אין אָנהויב, בשעת סנחריב האָט מאַרשירט מיט זיין חיל, האָט ער זיך פאַרלאָזען אויף יהוה אליין און האָט אויך זיין פאָלק מעורר געווען דערצו (דברי הימים ב, ל״ב 7, 8). דאָך אַז די נויט איז גרעסער געוואָרען, איז זיין גלויבען שוואַך געוואָרען: זיין גאָלד און זילבער האָט איהם אויסגעזעהן א פעסטערע שטיצע איידער זיין גאָט. איצט אָבער איז יענע שטיצע געווען צוזאַמענגעבראָכען. די נויט האָט איהם געטריבען צוריק צו זיין גאָט. אין אָט דעם טאָג פון דרוק און שטראָף האָט ער ווידער זיך געווענדט צו זיין גאָט נאָך הילף. ער גופא איז מיט צעריי־סענע קליידער אין בית־המקדש געגאַנגען, אָבער גלייכצייטיג האָט ער געשיקט צו ישעיה׳ן „ער זאָל תפלה טאָן פאַר דאָס איבערגעבליבענע וואָס געפינט זיך נאָך״. מיט א צאַרטקייט און דעליקאַטקייט וואָס לאָזט זיך ניט נאָכ־מאַכען קומט בולט ארוים חזקיה׳ס גאַנצע שטימונג, אין די ווערטער: „פיי־לייכט וועט יהוה, זיין גאָט, הערען״ (מלכים ב, י״ט 4).

ישעיה אָבער איז נאָך איצט אויך זיכער מיט זיין זאַך, און ער לאָזט זאָגען חזקיה׳ן אַלס גאָט׳ס־שפּרוך: „איך וועל ארייננעבען אין איהם א גייסט און ער וועט דערהערען א קלאַנג און וועט זיך צוריקקעהרען צו זיין לאַנד און איך וועל איהם מאַכען פאַלען דורכ׳ן שווערד אין זיין לאַנד״*).

---

*) דער גייסט, וואָס יהוה וועט אין איהם ארייננעבען, איז א גייסט פון זאָרג און שרעק. וואָס פאַר א קלאַנג ער וועט דערהערען שטעהט דאָ ניט, קענטיג וויל פסוק 9 גיט תיכף די דערקלערונג. דערפון מעג מען דרינגען, אַז ישעיה

איצט איז שוין קיין ספק ניט געווען, אז יהוה וועט העלפען זיין פאלק און באַשטראָפען דעם קעניג פון אשור; און חזקיה האָט די שטאָדט ניט איבערגעגעבען.

א געוויסע צייט האָט די אשורישע ארמע נאָך געמוזט שטעהן פאר ירושלים. אין אָט דער צייט האָט אָהן א ספק רבשקה פרובירט דורכפיהרען מיט געוואלד דאָס וואָס ער האָט ניט דערגרייכט דורך פארהאַנדלונגען. ווי ער איז זיך דערביי באַגאַנגען, באַשרייבט דער סנחריב־באַריכט: „ווי א פויגעל אין א שטייג האָב איך איהם (חזקיה'ן) איינגעשלאָסען אין זיין קעניג־שטאָדט ירושלים. שאַנצען האָט איך אַנגעוואָרפען געגען איהם, און ווער ס'איז ארויסגעקומען צו זיין שטאָדט־טויער, דעם האָב איך באַשטראָפט".
אָבער רבשקה האָט דערמיט גאָר נישט דערגרייכט, און ווען ער האָט דערהערט, אז די הויפּט־ארמיי האָט פארלאָזען לכיש, האָט ער, מסתמא אויף א פריהערדיגער אָפּריידונג, אויפגעהויבען אויף א ווייל־ע די באַלאַגערונג פון ירושלים, כדי דערנאָך צוריקצוקומען; און ער האָט מיט זיין חיל זיך צוריקגעקעהרט צו דער הויפּט־ארמיי און מיט איהר צוזאַמען באַלאַגערט די שטאָדט לבנה (ישעיה ל"ז 8).

אין דער צייט ווען מ'האָט אין ירושלים געוואַרט מיט שרעק און שפּאַנונג, אז ישעיה'ס נביאות זאָל מקוים ווערען, האָט מען פּלוצלונג דערהערט פון דעם אשורישען לאַגער אין לבנה, אז תרהקה, דער עטיאָפּען־קעניג („מלך כוש"), מאַרשירט מיט א חיל. פּילייכט איז שוין די אויפהייבונג פון דער הויפּט־קוואַרטיר אין לכיש געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קלאַנג, אז תרהקה קומט. לויט איין באַריכט אין ספר מלכים האָט אָט דער קלאַנג באַוואויגען סנחריב'ן ניט בלויז אויפצוגעבען די באַלאַגערונג פון ירושלים, נאָר איבערהויפּט זיך צוריקצוציהען פון פּאַלעסטינא*). עס איז איהם נאָך פּילייכט געלעגען אין זינען דער צווייפעלהאַפטער רעזולטאַט פון דער שלאַכט ביי אלתקה. גלייכצייטיג האָבען דאָ אויך געקאָנט ווירקען באַאומרוהיגענדע ידיעות, וואָס זיינען אַנגעקומען פון מזרח. עס לאָזט זיך לייכט באַגרייפען,

---

האָט דאָ געהאַט אין זינען ניט די אומרוהען אין מזרח, נאָר די ארויסמאַרשירונג פון תרהקה'ן מיט זיין חיל.

*) דער המשך פון „וישמע אל תרהקה מלך כוש לאמר הנה יצא להלחם אתך" אין ישעיה ל"ז פסוק 9 איז פסוק 37 אין זעלביגען קאַפּיטעל. דאָס וואָס שטעהט אין מיטען איז א צווייטער נוסח פון דערזעלביגער געשיכטע, אינגער איידער דער ערשטער נוסח. פון ישעיה'ס קורצע ווערטער אין פסוק 6, 7 איז דאָ געוואָרען א לאַנגע רעדע.

אז דער ביבלישער דערצעהלער האט ניט געוואוסט עפעס באשטימטעס וועגען דעם. א צווייטער באריכט פון ספר מלכים, וועלכער שפיגעלט זיך אויך אפ ביי הערדאט*), ווייסט פון א גרויסער מגפה אין אשורישען לאגער, מיט וועלכער דער מלאך פון יהוה האט געטויט 185.000 אשורים אין איין נאכט. עס קאן גריילעך געמאלט זיין, אז אויך אין דעם באריכט איז עפעס פאראן וואס שטימט מיט דעם גאנג פון די געשעהענישען און אז פאקטיש האבען די מעהרערע אומשטענדען געווירקט צוזאמען.

אט דאס איז בעצם געווען דער גאנג פון די געשעהענישען לויט דעם באריכט פון תנ"ך און לויט די אשורישע באריכטען, וועלכע שטימען און באשטעטיגען זיך געגענזייטיג אויף א מערקווירדיגען אופן. נאטירליך מוז מען אראפרעכענען פון סנחריב'ס באריכט זיינע אפענע גוזמאות בנוגע צו דער צאהל פון די געפאנגענע און צו דעם סכום פון דעם טריבוט. ווען מ'באטראכט נאך אז סנחריב גופא דערמאנט לחלוטין ניט, אז ער האט עראבערט ירושלים, נאר ער רעדט פון א הויכען טריבוט, וואס מ'האט צו איהם געשיקט, דאן קען מען זעהן. אז אין די אשורישע באריכטען קוקט זיך נאך דייטליך דורך דער פאקט, אז סנחריב האט געמוזט זיך צוריקציהען איידער עס האט זיך איהם איינגעגעבען צו ווערען דער האר פון ירושלים. על־כל־פנים שטעהט פעסט דער פאקט וועגען עפעס א קאטאסטראפע.

דעם גלענצענדסטען נצחון האט דא אפגעהאלטען ישעיה און מיט איהם זיין גאט יהוה. קיינמאל איז נאך א נביאות ניט מקוים געווארען אזוי גראנדיעז ווי די נביאות, וועלכע ישעיה האט פאראויסגעזאגט צו זיין פאלק און צו זיין קעניג אין אט דעם שרעקליכען קריזיס פון אידישען לעבען.

*) דער גריכישער היסטאריקער הערדאט (בוך 2 § 141) דערצעהלט פון פעלד־מייז, וואס האבען זיך באוויזען אין סנחריב'ס לאגער. די מויז איז דאס בילד פון דער פעסט, פארגלייך שמואל א, ו.

צווייטע אפטיילונג.

פון סנחריב'ס צוריקצוג ביז יאשיהו

1.

די וועלט־לאגע.

סנחריב'ס לעצטע רעגירונגס־יאהרען און זיין ענד.

דער ספר מלכים דערצעהלט ביים ענד פון די באריכטען וועגען סנחריב'ן, אין צוזאמענהאנג מיט זיין צוריקציהען זיך קיין נינוה, אויך וועגען זיין טויט דורך די הענט פון זיינע זיהן (מלכים ב, י"ט 37).

באמת האט סנחריב אריבערגעלעבט זיין דורכפאל אין פאלעסטינא נאך פולע צוואנציג יאהר. די ערשטע גרעסערע העלפט פון אט דער צייט האט ער פארבראכט אין באקעמפען די באבילאניער, כאלדעער און עילם'ער.

דעם פיהרער פון די כאלדעער מושעזיב־מארדוק, דעם נאכפאלגער פון מרודך־בלאדן, האט זיך אונטערדעסען איינגעגעבען צו פארכאפען דעם טראן פון בבל און זיך צו האלטען אויף איהם פיער יאהר.

עס קאן געמאלט זיין, אז דאס איז איינע פון די סיבות, וואס האבען באוואויגען סנחריב'ן זיך צוריקצוציהען פון פאלעסטינא. ענדליך אבער האט סנחריב באזיגט דעם כאלדעאישען פיהרער, האט צעשטערט די שטאדט בבל און האט אוועקגעפיהרט איהר הויפט־גאט מארדוק קיין אשור פאר א צייכען, אז בבל האט אויפגעהערט צו עקסיסטירען אלס זעלבשטענדיגע

מדינה. די פארוואלטונג פון דער פראווינץ פון באבילאניען האט ער איבער־געגעבען זיין זוהן אסר־חדן.

די צעשטערונג פון בבל האט פאר'חתמ'עט סנחריב'ס גורל. ער איז גע־פאלען אלס קרבן פון א קאנספיראציע, וואס איהרע אנפיהרער זיינען גע־ווען צוויי פון זיינע זיהן אדרמלך און שראצר. איינער פון זיי האט געטויט דעם פאטער, בשעת ער האט געהאלטען אין תפלה טאן אין טעמפעל פון דעם גאט נוסקום*). אז באבילאנישע פלענער האבען געהאט א חלק אין דער דאזיגער קאנספיראציע קאן מען זעהן פון דעם באריכט, אז דער אשורישער קעניג אשורבאניפאל האט געשאכטען באבילאנישע געפאנגענע אויפ'ן זעל־ביגען פלאץ, וואו מ'האט דערמארדעט זיין זיידען סנחריב'ן, אלס קרבן פאר איהם.

דער חורבן פון בבל און די פארניכטונג פון באבילאנישען קעניגטום האבען זיך ארויסגעוויזען אין יעדען פרט אלס אומגליק פאר דער אשורישער אימפעריע. סנחריב'ס זוהן און נאכפאלגער אסר־חדן (668—681) האט דעריבער באטראכט פאר זיין הויפט־אויפגאבע ווידער גוט צו מאכען דאס וואס זיין פאטער האט פארדארבען. נאכדעם ווי ער האט באקעמפט מיט ערפאלג זיינע ברידער, די פאטער־מערדער, וועלכע זיינען אנטלאפען אין לאנד אררט (ארמעניען), און האט באשטיגען דעם טראן, האט ער זיך גלייך גענומען ווידער אויפבויען בבל. אסר־חדן איז אבער געשטארבען איידער די צעשטערטע הייליגטימער פון בבל זיינען אויך אזוי ווייט פארטיג געווא־רען, אז דער גאט בל־מרדך זאל קאנען צוריק געבראכט ווערען פון אשור קיין בבל.

דאס אויסצופיהרען איז געבליבען פאר זיין זוהן שאמאששומוקין, וועל־כען זיין באבילאנישע פרוי האט איהם געבארען. אט דער זוהן, וועמען אסר־חדן האט וואהרשיינליך לכתחילה באשטימט פאר דעם איינציגען יורש פון זיין טראן, האט געזאלט זיך באזעצען אין בבל און פון דארטען באהער־שען דאס פאראייניגטע לאנד פון די צוויי שטראמען. דאס האט נאטירליך געמוזט ארויסרופען די אומצופרידענקייט פון די אשורים, און א נאציאנא־ליסטיש־אשורישע פארטיי האט אויסגע'פועל'ט, אז אסר־חדן זאל באשטימען איינעם פון זיינע זיהן פון אן אנדער — אשורישער פרוי אלס טראן־יורש פון אשור. נאך דעם פאטער'ס טויט, ווי ס'איז גאר אנדערש ניט געווען

*) אזוי איז וואהרשיינליך צו לעזען אין מלכים ב, י"ט 37 אנשטאט „נסרך“ נוסקוכ איז געווען א גאט פון פייער.

צו דערוואַרטען, האָט זיך די לאַגע איבערגעקעהרט: דער זוהן פון אשור האָט געפאָדערט די אויבער־ממשלה איבער דעם ברודער וואָס איז אוועקגעזעצט געוואָרען אין בבל. עס איז אויסגעקומען א געוואַלדיגער ברודער־קריג, וואָס האָט אריינגעצויגען אין זיך גאַנץ פאָדער־אַזיען און וואָס האָט צוגעגרייט דעם אונטערגאַנג פון אשור.

אסר־חדן און דער מערב.

הגם אסר־חדן׳ס באַבילאָנישע פּאָליטיק איז געווען להיפוך פון זיין פאָטער׳ס, האָט ער אָבער אין מערב פאָרטגעזעצט דאָס, וואָס יענער האָט אָנגעהויבען.

סנחריב האָט נאָך דער צעשטערונג פון בבל געקעמפט מיט ערפאָלג געגען די אַראַבער, אָבער געגען עגיפּטען האָט ער מעהר ניט אונטערגענומען קיין מיליטערישע אָפּעראַציעס; ער האָט אויך ניט מעהר באַטראַכטען פּאַ־לעסטינא. ער האָט זיך ניט געפיהלט גענוג שטאַרק געגען תרהקה׳ן, וועל־כער איז זינט 689, דעם יאָהר פון בבל׳ס צעשטערונג, געזעסען אויף דעם טראָן פון כוש אַלס מעכטיגער אויבער־האַר פון עגיפּטען.

ניט האָבענדיג מעהר קיין שטערונגען פון סנחריב׳ס זייט, האָט תרהקה אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען אין פּאַלעסטינא. אַן אויפשטאַנד, וואָס צידון און צוויי פון איהרע פאַרבינדעטע שטעדט האָבען געמאַכט אין אָנהויב פון אסר־חדן׳ס רעגירונג, האָט הפּנים צו פאַרדאַנקען תרהקה׳ס געהיימע העצ־רייען.

צוליב דער האַרטנעקיגקייט פון זיינע געגנער איז דער אין גרונט מילדער אסר־חדן זיך באַגאַנגען שטרענג געגען צידון און איהרע צוויי פאַר־בינדעטע, ווען ער איז זיי סוף־כל־סוף בייגעקומען. ער האָט דערגרייכט זיין צוועק: 22 פירשטען פון מערב: 12 פון פעסטען לאַנד און 10 פון ציפּערן, האָבען זיך געאיילט איהם צו פאַרזיכערען מיט זייער טריישאַפט צו איהם און ארויסצושיקען זייערע געשאַנקען קיין נינוה. פאַראוים פון אַלע־מען קומט צור, דאַן ביבלאָס און ארפד, אשדוד. אויך אשקלון, עקרון, עזה און די העברעאישע ברידער־פעלקער: עמון, מואב, אדום און — יהודה אונ־טער איהר קעניג מנשה („מינאַסי שאַר יאַאודי״).

אסר־חדן געגען עגיפטען.

דער אפענער צוזאמענשטויס צווישען אשור און עגיפטען האט זיך אנ־געהויבען אין יאהר 675. דער דאזיגער פעלד־צוג האט הפנים ניט געבראכט קיין לארבערן פאר אסר־חדן. פינף יאהר שפעטער אבער האט אסר־חדן פאקטיש באצוואונגען עגיפטען און האט באשרענקט תרהקה'ן אויף עטיאָ־פיען.

אלס געגענגעוויכט געגען דער עטיאפישער און אלס שטיצע פאר דער אשורישער איבער־הערשאפט האט אסר־חדן ווידער צוריק אויפגעשטעלט אלע קליינע מלכים, צו וועמעס ממשלה תרהקה האט געמאכט א סוף, אדער ער האט זיי באשטימט אלס אונטערקעניגען פון אשור. דער וויכטיגסטער צווישען די אשורישע אונטער־קעניגען אין עגיפטען איז געווען נכו.

תרהקה האט נאטירליך זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט אזא צושטאנד. אסר־חדן האט דערפאר אונטערגענומען אין יאהר 669 א דריטען פעלד־צוג געגען עגיפטען; און אז ער איז אין מיטען געשטארבען, איז זיין נאכפאל־גער אשורבאניפאל געווען געצוואונגען ארויסצושיקען גלייך זיין הויפט־גע־נעראל געגען עגיפטען.

אשורבאניפאל און עגיפטען.

תרהקה האט דערווייל אויסגענוצט די געלעגענהייט פון אסר־חדן'ס טויט. ער האט פארטריבען די אשורישע וויצע־קעניגען און איז אריינגע־דרונגען ביז אין דער דעלטא. צעשלאגען פון דעם אשורישען חיל, האט ער זיך באלד צוריקגעצויגען קיין אויבער־עגיפטען און האט זיך פארשאנצט אין טעבען.

אשורבאניפאל האט געשיקט א נייע ארמיי אונטער דעם הויפט־קאָ־מאנדיר, וועלכער האט געטראגען דעם טיטעל רבשקה, און איז אונז שוין באקאנט פון חזקיה'ס צייט. צו יענעם פעלד־צוג האבען צוגעשטעלט טרו־פען און קריגס־מאטעריאלען מלכים פון די 22 מדינות, וועלכע האבען אויס־געדריקט זייער טרייהייט צו אסר־חדן'ען, צווישען זיי ווידער מ נ ש ה פ ו ן י ה ו ד ה.

תרהקה האט אונטערדרעסען געהאט צו פארצייכענען דעם ערפאלג. וואס דריי פון די חשוב'סטע עגיפטישע אונטער־קעניגען פון אשור, צווישען זיי דער וויכטיגסטער פון אלעמען נכו, האבען זיך פאראייניגט מיט איהם,

אזוי אז ס'איז פארגעשטאנען פאר אשור די געפאהר צו פארלירען אויך אונטער־עגיפטען אלס שטיצפונקט. דער פלאן איז אבער אנטדעקט געוואָרען, און נכו און איינער פון זיינע חברים זיינען אוועקגעשיקט געוואָרען געשמידט אין קייטען קיין נינוה. תרהקה האט זיך דאן ניט געקאנט האל־טען געגען אשורישע פארשטארקונגען, צווישען וועלכע עס האבען אויך גע־מעגט זיין מנשה'ס טרופען, און ער האט זיך צוריקגעצויגען קיין עטיאָפּיען. אשורבאניפאל האט אבער געהאלטען פאר ראטזאם זיך איינצושאפען דורך נכו'ס באגנאדיגונג א דאנקבארען און געטרייען פארטרעטער פון זיין הער־שאפט. עגיפטען איז ווידער איינגעארדערט געוואָרען ווי אין אסר־חדן'ס צייט, אבער מיט א בעסערער השגחה אויף די עגיפטישע וויצע־קעניגען.

אונטערדעסען איז תרהקה געשטארבען (664), און זיין זוהן, וועלכער האט איבערגענומען דעם טראָן פון עטיאָפּיען, איז מיט ערפאלג אריינגע־דרונגען אין עגיפטען. דאס האט געבראכט א נייעם אשורישען פעלד־צוג און דער עטיאָפּישער קעניג איז ווידער געבליבען באשרענקט אויף זיין היי־מישען קעניגרייך.

אין עגיפטען האט געהערשט פסאמעטיך, א זוהן פון נכו, וועלכער איז געשטארבען אין יאהר 663, צוערשט בלויז אלס אשורישער וואסאל און אלס ערשטער צווישען די אונטער־קעניגען. אבער צוליב דער אפשוואכונג פון אשור'ס מאכט אונטער אשורבאניפאל'ס הערשאפט האט ער באקומען די מעגליכקייט צו פארשטארקען עגיפטען פון דאס ניי אונטער זיין אליין־הערשאפט און זי איבערצולאזען פאר זיינע נאכפאלגער אלס איינהייטליכע, אומאפהענגיג מלוכה, וועלכער עס איז באשערט געווען אריבערצולעבען די אשורישע און די ניי־באבילאנישע אימפעריעס.

אט אזוי האט די אשורישע ערָאבערונג נאר געהאט די ווירקונג צו באפרייען סוף־כל־סוף עגיפטען פון דער עטיאָפּישער אויבער־הערשאפט און זי צו פיהרען צו א נייער פאראייניגונג און פארשטארקונג.

2

די לאגע אין יהודה.

די לעצטע יאהרען פון חזקיה'ס רעגירונג.

וואס עס איז ווייטער געשעהן אונטער חזקיה'ס רעגירונג, ווייסען מיר לחלוטין ניט. אויך ישעיה פארשווינדט פון אונזערע אויגען פון יאהר 701

אָן. די לאַגע פון יהודה נאָך סנחריב׳ס צוריקצוג איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. חזקיה איז און בלייבט דער וואַסאַל פון אשור. אמת איז אַז אין פּאַלעסטינא איז סנחריב טאַקע ניט געקומען מעהר, דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט גרויסע ערפאָלגען אין מזרח. עס גיט זיך איהם אפילו איין צו ערבערען און צו צעשטערען די שטאָדט בבל. און חזקיה׳ס לאַנד האָט נאָך די צרות פון דער מלחמה און פון דער איינשליסונג זיך געמוזט געפינען אין אַ שרעקליכען צושטאַנד*). אָבער דער גאַנצער עלענד און יאָמער פון דער געגענוואַרט האָבען דאָך געפונען זייער געגענגעוויכט אין דעם שטאָלצען, דערהויבענעם געפיהל, אויף וועלכען בלויז יהודה אליין האָט צווישען אַלע מדינות פון דרום־פּאַלעסטינא געהאַט אַ רעכט. דער ריז צווישען די הערשער פון דער וועלט, פאַר וועמען אַלע קעניגרייכען פון דער וועלט האָבען זיך געבויגען, איז צעשמעטערט געוואָרען אַן דעם פעלז פון ציון! אַט דאָס פרעהליכע באַוואוסטזיין פון נצחון האָט געקאָנט העלפען דערצו, אַז יהודה זאָל זיך באַלד ווידער דערהוילען פון איהרע וואונדען. פיליכט געהערט אויך ערשט צו דער צייט די ידיעה פון חזקיה׳ס גליקליכע מלחמות געגען די פלשתים, וואָרים עס קאָן גרייליד געמאָלט זיין, אַז נאָכדעם ווי די אשורים האָבען זיך צוריקגעצויגען האָט עס חזקיה׳ן אָפּגעגליקט אָפּצונעמען צוריק יענע געגענדען, וועלכע סנחריב האָט אַוועקגעגעבען צו איינצעלנע פירשטען פון די פלשתים**). לכל הדעות אָבער האָט די באַריהמטקייט פון יהוה און ציון געמוזט אָהן אַ שיעור געוואַנען דורך דעם וואונדערליכען סוף פון דער מלחמה. ישעיה איז גערעכט געווען ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער באַרג ציון שטעהט העכער איבער אַלע בערג און אַז יהוה וועט באַשיצען זיין געטליכע וואוינונג. עס איז זעהר שטאַרק וואַהרשיינליך, אַז ישעיה האָט נאָך דערלעבט דעם טריאומף צו זעהן ווי עס זיינען פאַרשוואונדען די געצען־בילדער, וואָס זיינען נאָך געווען אַסך ביי דעם פשוט׳ען פאָלק, און ווי חזקיה האָט מיט אַ שטרענגערער ערנסטקייט ווי ביז אהער דורכגעפיהרט די אונטערדריקונג פון די במות***). ווען חזקיה׳ס נאָכפאָלגער וואָלטען גע־

---

*) פיליכט באַציהט זיך אויף דעם ישעיה א 1—9. פיליכט איז דער אויס־דרוק „כעיר נצורה“. ווי א באַלאַגערטע שטאָדט, אַן אָנווייז אויף דעם, אַז עס איז ניט געקומען צו א ווירקליכער באַלאַגערונג, אָבער די רעזולטאַטען פאַר דער שטאָדט זיינען געווען דיזעלביגע ווי פון א באַלאַגערונג.

**) מלכים ב, י״ח 8. פאַרגלייך אויבען ז. 88.

***) אַסך פאָרשער נעמען איצט אָן, אַז חזקיה׳ס גאַנצע רעפאָרם געהערט צו דער שפּעטערער צייט, ניט צום אָנהויב פון זיין רעגירונג.

גאנגען ווייטער אין זיינע וועגן, וואלט די אליין־הערשאפט פון דעם בית־המקדש אין ירושלים זיך גלאזט אויפהאלטן אהן שוועריגקייטן.

מ נ ש ה.

מיט חזקיה'ס טויט באווייזט זיך אבער פלוצלונג א גאנץ אנדער בילד. פון זיין זוהן מנשה'ן (686—641), וועלכער זאל האבען באשטיגען דעם טראן אלס איינגעל פון 12 יאהר, דערצעהלט דער ספר מלכים*), אז ער האט אסך היידנישע מנהגים צוריק איינגעפיהרט און נייע — אריינגעבראכט אין יהודה. ער האט געלאזט ווידער אויפשטעלען די במות, וואס חזקיה האט אפּגעשאפט, האט געבויט מזבחות פאר דעם בעל און האט ווידער איינגעפיהרט די אשרה אין בית־המקדש. ער האט אפגעגעבען א בכבוד'יגען פּלאץ דעם כנעני'שען מנהג פון אפּפערען די קינדער, דערצו אלערליי שווארצע כישוף, וואס איז עפענטליך און לויט'ן געזעץ שוין לאנג געווען פארבאטען אין ישראל און וואס איז פּראקטיצירט געווארען בלויז אין געהיים. אפילו דער אשורישער דינסט פון די שטערן געפינט אין איהם א ווארימען באשיצער.

דער פאפּולערער און האלב־היידנישער יהוה האט איצט געזאלט פאר־נעמען דעם אויבען־אן אין היפוך צו דעם שטרענגען און הייליגען גאט פון די נביאים. סנחריב'ס צוריקציהען זיך פון ירושלים האט אין דער גלענ־צענדער ערפילונג פון ישעיה'ס נביאות על־פּי הכרח געבראכט מיט זיך א פארשטארקונג פון דער נביאים־פּארטיי. די נביאים, בפרט די נביאים פון ישעיה'ס שולע, האבען הפנים אויפגעהאלטען זייער פרעסטיזש כל זמן עס האט געלעבט דער קעניג, וואס האט אלעס געהאט צו פארדאנקען ישעיה'ן. אזוי גיך אבער ווי חזקיה האט די אויגען געשלאסען, האט זיך ווידער אנ־געהויבען צו באוועגען די אלטע, פון די נביאים באקעמפטע פאלקס־רעלי־גיאן, און האט אויפגענומען דעם לעצטען און דעריבער אזוי פארצווייפעלטען קאמף פאר איהר קיום. דאס וואס ווערט דורכגעפיהרט אונטער מנשה'ן איז ניט קיין אנדער זאך ווי די שטארקע, שטורעמדיגע ר ע א ק צ י ע פון דער אלטער, האלב־היידנישער רעליגיאן, וועלכע איז געווען אזוי שטארק איינגעבאקען אין הארצען ביי די מאסען פון פאלק, געגען דער שטרעבונג

---

*) מלכים ב, כ"א. דער קאפּיטעל איז ניט איינהייטליך, אבער די פאקטען וואס ווערען אין איהם אנגעגעבען זיינען ניט צו באשטרייטען.

פון די נביאים צו מאכען פאר'ן הערשער דעם שטרענגען עטישען מאנאטע־איזם, און אויך געגען דעם אופן ווי אזוי די כהנים האבען די דאזיגע שטרע־בונג דורכגעפיהרט אין לעבען. די פאלקס־רעליגיאן האט זיך ניט געוואלט לאזען בארויבען פון איהר פרישען, פרעהליכען נאטור־דינסט מיט זיינע מזבחות אויף די במות און זיינע געצענבילדער לטובה פון יענער שטרענ־גער, ניכטערער השגה פון גאט און זיין ווילען, וועלכע די נביאים האבען פארטראטען. חזקיה האט זיך טאקע צוגעהערט צו די נביאים, אבער זיין נאכפאלגער האט געמעגט ענדערען דעם קורס און האלטען מיט דעם אנדע־רען צד.

עס איז ניט אויסגעשלאסען, ווי מיר האבען שוין אויבען באמערקט, אז חזקיה איז אין זיינע רעפארמען געשטאנען שטארק אונטער דער השפעה פון די שטרעבונגען פון די כהנים אין ירושלים. דאס וואס איז לאנג שוין געווען אן אפענע ערשיינונג אין די גרויסע קולטור־מלוכות, אז גרויסע הייליגטימער און שטאלצע טעמפלען ברייגנגען מיט זיך אויך א קלאס פון פריסטער, זשעד־נע נאך הערשאפט און רייכקייט — דאס האט מיט דער צייט זיך אויך געמוזט אנטוויקלען אין שלמה'ס בית־המקדש. פריהער האט דער קעניג באשטימט דעם כהן. איצט זעהען מיר ביי יואש'ן, אז דער כהן האט בא־שטימט א קעניג. שוין יהוא איז וואהרשיינליך ניט געווארען א קעניג אהן דער הילף פון די כהנים פון יהוה. די באזייטיגונג פון די פארשידענע געבען־קולטען האבען די כהנים פון בית־המקדש געוויס אויסגענוצט פאר זייער אייגענער טובה און האבען דערמיט ארויסגערופען די שנאה פון די נידעריגערע פאלקס־ און ווינקעל־גייסטליכע. פון איין זייט איז דעריבער זיכער געקומען די רעאקציע פונקט אזוי קרעפטיג ווי פון דער אנדערער.

גלייכצייטיג האבען די יועצים פון יונגען קעניג אויך געמעגט האבען פאליטישע מאטיוען, לכל הפחות וואס איז שייך די איינפיהרונג פון אשור־רישע פארמען פון קולט. חזקיה האט געהאט צו פארדאנקען זיין רעטונג צו יהוה, און ער האט נאך דער רעטונג געזוכט אויסצודריקען זיין דאנקבארקייט צו יהוה, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען מעכטיגער ווי אלע אנדערע גע־טער פון די פעלקער. אויב מ'האט געוואלט גלויבען ישעיה'ס נבואות, האט זיך איצט באדארפט אנהייבען באמת די צייט פון גליק און ברכה פאר יהודה. אשור האט געמוזט צונישט ווערען און ירושלים און יהודה האבען באדארפט אויפהייבען שטאלצער דעם קאפ. דערפון איז נאטירליך ווינציג וואס געווען צו זעהן. פאקטיש האט אשור דוקא איצט דערגרייכט דעם העכסטען שפיץ פון איהר מאכט, און הגם יהודה האט ארויסגעוויזען א

גלענצענדען ווידערשטאנד געגען דעם ריז, האט זי אבער פארט ניט געקאנט האפען צו דערגרייכען עפעס מעהר ווי זי האט ביז איצט געהאט. זי איז געוועזען און געבליבען דער וואסאל פון אשור, וואס האט איצט דערגרייכט דעם לעצטען ציל פון איהר לענדער־פארכאפענדער פאליטיק, די ערא‌בערונג פון עגיפטען.

אזעלכע געדאנקען האבען געקאנט אפשוואכען די באגייסטערונג פאר יהוה. מ׳האט פאקטיש געקאנט פרעגען, ווער עס האט באמת אפגע־האלטען דעם נצחון, סנחריב אדער חזקיה, יהוה אדער די געטער פון אשור? אמת, אז יהודה האט טאקע געגאסען נאך דעם יאהר 701 א לאנגע און, ווי עס ווייזט אויס, אומגעשטערטע פרידען־צייט; אבער וואס האט באדייט די רוה אונטער אשור׳ס צעפטער אקעגען דעם צושטאנד, וואס ישעיה האט דערוואַרט? ווי באלד אז יהודה האט פאקטיש געלעבט נאר פון אשור׳ס גנאדען, איז דערפאר געוועזען ניט מעהר ווי רעכט צו דינען אשור׳ס געטער נעבען יהוה. די אשורישע פארטיי, וועלכע איז דורך חזקיה׳ס ערפאלגען לאנג צוריקגעהאלטען און אז א זייט אוועקגעשטופט געווארען, האט ווידער געקאנט פריי אויפהייבען דעם קאפ. לויט דער דאמאלסדיגער לאגע האט מנשה געמעגט רעכענען, אז ס׳איז די קליגסטע זאך אנצוואווענדען אלע מיטלען אבי נאר נושא חן צו זיין אין די אויגען פון דעם גרויסען קעניג. די אשור־פיינדליכע ריכטונג אין דער מלוכה, פריהער אנגעפיהרט פון ישעיה׳ן, וואס איז דורך איהם גלייכצייטיג געווארען די פארטיי פון די יהוה־פריינד מיט די נביאים און די כהנים*) בראש, טרעט איצטער צוריק.

אט אזוי ווערען איינגעפיהרט איינע נאך די אנדערע אין ירושלים און אין בית־המקדש די כנעני׳שע און אשורישע געטהייטען און די פרעמד־ארטיגע אופנים פון גאט־דינסט, די במות און מזבחות ווערען ווידער אויפגע־שטעלט, די אשרות און מצבות ווערען פון דאס ניי א טייל פון אידישען קולט; און אפילו קדשות — דאס הייסט אזוינע, וועלכע גיבען זיך אפ צו דער פראסטיטוציע אינ׳ם דינסט פון דער עשתרת — באזעצען זיך אין דער נאהנטער שכונה פון בית־המקדש (מלכים ב, כ״א 3—5; כ״ג 7). אלס צוגאב ווערט נאך קולטיווירט יענער פרעמדער, פינסטערער שטריך, וועל־כער איז גענוג אפט כאראקטעריסטיש פאר דער נאטור־רעליגיאן, צוזאמען

---

*) דאס וואס אט דיביידע, די נביאים און די כהנים, זיינען זיך שארף פאַ־נאַנדערגעגאַנגען אין איינערליכע עניינים, האט זיי שווערליך געשטערט צו געהן צו־זאמען אין דער גרויסער פראגע: יהוה אדער בעל און אישטאר.

מיט פרעהליכע הולאנקעס און ווילדע ארגיען, און דער אוממענשליכער מנהג צו אפפערען קינדער האט קענטיג שטארק זיך צעבליהט אונטער מנשה'ן. אין דעם טאל בני־הינם, אויף דער מערב'דיגער און דרום־מערב'דיגער זייט פון ירושלים, געפינט זיך דער אפפער־פלאץ, וואו עס ווערען פארברענט די קינדער, וואס מ'שעכט לכבוד דעם גאט מלך (מלכים ב, כ"א 6; כ"ג 10; ירמיה ז 31). דערצו קומט נאך דער אשורישער דינסט פון די שטערן אין זיינע פארשידענע פארמען. מנשה'ן מוז מען זיכער מעהר ווי אנדערע פאררעכענען צווישען די מלכים פון יהודה פאר יאשיהו'ן, וועלכע האבען געהאלטען ביים בית־המקדש זון־וואגענס און זון־פערד (מלכים ב, כ"ג 11). אין דערזעלביגער צייט דינט ער צו דער „הערשאר פון הימעל"; דער זון־גאט איז ארומגערינגעלט פון א גאנצען הויף פון הימעלשע מהות'ן, די שטערן, וואס פאדערען, אז מ'זאל צו זיי באזונדער דינען אלס די אונטער־געטער פון דעם זון־גאט (מלכים ב, כ"א 5). כאטש אחז האט שוין אנגע־הויבען דינען צו די דאזיגע אשורישע גאטהייטען, האט אבער דער דאזיגער דינסט קענטיג ערשט אונטער מנשה'ן דערגרייכט א וויטען קרייז. די צייט ביז צו יאשיהו'ס רעפארם איז באהערשט פון דעם דאזיגען קולט. און אפילו דערנאך איז ער אויך ניט לגמרי אויסגעראט געווארען. נאך ירמיה און יחזקאל האבען זיך ווענען דעם צו באקלאגען (ירמיה מ"ד 3; יחזקאל ח 6; צפניה א 5).

ס'איז קיין ספק ניט, אז די דאזינע ענגע אנשליסונג אן דעם אשורישען קולט, וואס האט אזא טיפען רושם געמאכט אין דעם לעבען פון יהודה, איז בלויז א סימפטאם פון אן אלגעמיינערער ערשיינונג. וויבאלד אז מ'האט נאכגעטאן אויף אזוי וויט די אשורישע רעליגיאן, האט בכלל געמוזט פאר־קומען אין מנשה'ס צייט אן ענגע אנשליסונג אן אשור, הן אויף דעם פאלי־טישען געביט, הן אויף אלע אנדערע געביטען פון לעבען. מ'האט זיך ווי עס איז צוגעוועהנט צו זיין אונטערוווארפען אונטער אשור און מ'האט אנגעהויבען צו באוואונדערען און נאכצומאכען דעם פריהערדיגען שונא. דאס אשורישע לעבען און די אשורישע געדאנקען, אשורישע מנהגים און קולטור. אויך אשורישע מלבושים זיינען געווים, גלייכצייטיג מיט דער אשורישער רעליגיאן, געווארען באקאנט ביי די אידען נאך מעהר ווי פריהער.

צום באדויערען זיינען די ידיעות, וואס מיר האבען ווענען אט די וויכ־טיגע 80 יאהר פון דער אידישער געשיכטע פון 701 ביז 621, — פון סנחריב'ס באפאל אין יהודה ביז יאשיהו'ס רעפארם — אזוי מאגער, אז מיר קאנען ניט וואגען ארויסצוזאגען עטוואס ווענען אשור'ס השפעה אויף דעם

אידישען לעבען אויף אנדערע געביטען אחוץ דעם קולט. מיר קענען בלויז דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אזא השפעה האָט עקסיסטירט. אָנ־צונעמען מעהר ווי דאָס האָט מען ניט קיין ראיות. מאַנכע פאָרשער באַ־הויפּטען, אַז די אשוריש־באַבילאָנישע מיטאָלאָגיע איז גראָד אין אָט יענער צייט אריינגעדרונגען אין יהודה אין א גרעסערער מאָס און איז פארבונדען געוואָרען מיט די אלט־אידישע דערצעהלונגען וועגען דער אורגעשיכטע פון דער וועלט און פון דער מענשהייט. אָבער אזוי ווייט ווי די אידישע אור־געשיכטע שטעהט אונטער דער השפּעה פון אשור, קאָן דאָס אריבערנעמען פון אשורישע עלעמענטען שטאַמען פון א פיעל פריהעריגער צייט. שוין אחז האָט ניט בלויז געדינט צו זון־פערד, נאָר האָט אויך אויפגעשטעלט אין ירושלים אַן אשורישען זון־זייגער (מלכים ב, כ 11). מ׳זעהט דערפון, אַז אשור׳ס השפּעה אויף דעם אידישען לעבען און דענקען — כאָטש זי האָט געמעגט אונטער מנשה׳ן באַזונדערס שטאַרק ארויסטרעטען — גרייכט אָבער צוריק אין א פיעל פריהעריגער צייט. דאָס שליסט נאַטירליך ניט אויס, אַז אין מנשה׳ס צייט איז נאָך עפּעס צוגעקומען. דאָך איז דאָס צו־געקומענע ניט געווען גרויס און ניט פון וויכטיגער באַדייטונג. וויכטיגער אָבער איז געווען דאָס וואָס די מיטלען, וועלכע מנשה האָט אָנגענומען, האָבען באַדייט ניט בלויז די אויפלעבונג פון אַלטע פאָלקס־מנהגים, נאָר אויך א נאָהנטע באַריהרונג מיט די ספּעקולאַציעס פון די אשוריש־באַבילאָנישע פּריסטער. איינפיהרענדיג אין דעם יהוה־טעמפּעל די באַבילאָנישע רעליגיאָן פון די שטערן פון הימעל, מיט א זון־גאָט, א לבנה־געטין און שטערן, האָט מען הפּנים אויך אָנגעווענדט אויף יהוה די באַבילאָנישע פּריסטער־לעהרע און פילאָזאָפיע. די גרויסע לעהרען פון די נביאים וועגען יהוה אַלס דעם וועלט־האַר און דעם באַשעפער פון אַלץ און זייערע מאָראַלישע השגות פון א גערעכטען און הייליגען גאָט זאָלען אריבערגעשטיגען ווערען פון דער באַבילאָנישער פּריסטער־חכמה און פון דעם גלענצענדען און באַרוישענדען אישטאַר־קולט. דעם פּלאַץ פון דער נידעריגער כנעני׳שער נאַטור־רעליגיאָן, וועלכע האָט שוין אנגעהויבען צו ווערען אָפּגעלעבט, זאָל איצט פאַרנעמען די נייע באַבילאָנישע נאַטור־רעליגיאָן, וועלכע האָט א מעהר גייסטיגען אויסזעהן.

נאַטירליך האָט אזא שאַרפע ענדערונג ניט געקאָנט דורכגעפיהרט ווע־רען אָהן געוואַלד. די יהוה־געטרייע עלעמענטען אין יהודה, באַזונדערס די קרייזען, וואָס זיינען געווען נאָהנט צו ישעיה׳ן, האָבען ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרשווייגען מנשה׳ס מעשים, איינע אויס רעליגיעזער קנאות, און די אַנדערע, ווייל זייער פּריסטערליכע פּאָזיציע און הערשאַפט איז געשטאָ־

נעז אין סכנה. עס האט קענטיג אויך ניט געפעהלט קיין פאליטישע אפאָ־זיציע. כאטש מנשה איז געבליבען געטריי צו אסר־חדן און אשורבאניפאל אין זייערע מלחמות געגען תרהקה'ן, איז אבער געוויס ניט פארלאשען גע־ווארען די ערינערונג אז סנחריב'ן און אן דעם פאקט, אז עגיפטען האט אמאל, וואס איז וואהרשיינליך, מיטגעווירקט אין זיין צוריקצוג. עס וואלט דעריבער געווען א חידוש, ווען האנט אין האנט מיט די געטרייע צו יהוה וואלט זיך איצט ניט ווידער באוועגט די עגיפטישע פארטיי אין יהודה. מ'האט געזעהן, אז ביים טייך נילוס איז איצט פארגעקומען די גרויסע, לאנג שוין צוגעגרייטע אפרעכענונג צווישען אשור און עגיפטען. הגם ישעיה גופא האט זיך געמעגט אנדערש פארשטעלען דעם פאל פון אשור, האבען אבער אנדערע פון זיין קרייז מעגליך געזעהן אין דעם, אז עס האלט ביים מקוים ווערען דאס וואס ישעיה האט אמאל געזאגט וועגען דעם אונטערגאנג פון אשור. און אויב ניט זיי גופא האבען על כל פנים עהנליך געטראכט די עגיפטען־פריינדליכע פאליטיקער פון יהודה.

מנשה אבער האט, ווייזט אויס, באשטראפט מיט דעם טויט יעדען ווידערשטאנד געגען זיין פאליטיק. פיליכט האט ער געמוזט אזוי האנדלען, לכל הפחות געגען דער פאליטישער אפאזיציע, כדי צו באווייזען זיין איבער־געבענקייט צו אשור. נאר אזוי קאנען מיר פארשטעהן, וואס דער ספר מלכים, אין צוזאמענהאנג מיט דעם קעניג'ס אפקעהרען זיך פון יהוה, ווארפט איהם פאר, אז ער האט פארגאסען שטראמען אומשולדיג בלוט, אזוי אז ירושלים איז פול געווארען מיט בלוט ביז'ן ברעג (מלכים ב, כ"א 16). די אידישע לעגענדע האט אריינגערעכענט ישעיה'ן צווישען די מארטירער פאר יהוה, וועמעס בלוט ס'איז געפלאסען אונטער מנשה'ן. אויב ישעיה גופא איז צווישען זיי ניט געווען, זיינען אבער אהן א ספק געווען מאנכע פון זיינע תלמידים. אויך ירמיה, ווייזט אויס, ווייסט נאך פון די שרעק־ליכקייטען אונטער מנשה'ן, ווען ער רעדט דערפון, אז דער שווערד האט געפרעסען די נביאים פון יהודה ווי א פארצוקענדער לייב (ירמיה ב 30).

ליטעראטור אונטער מנשה.

די רויהע געוואלד האט נעקאנט צווינגען די נביאים נאר צום שווייגען, אבער ניט זיך אפצוקעהרען פון יהוה. אין דער שטיל זיינען הפנים די נביאים און די געטרייע יהוה־דינער פון די קרייזען פון די כהנים און פון פאלק נאך מעהר געווען טעטיג: די נביאים פאר דעם כבוד פון יהוה, די כהנים־

קרייזען — פאר דעם בית־המקדש און זיין יהוה־קולט. אט דא האבען זיך ביידע שטרעמונגען באגעגנט. דאס אומגליק פון דער צייט איז פאר זיי ביידען געווען דאס אפקעהרען זיך פון יהוה. פון דעם אומגליק האט מען זיך נאר געקאנט העלפען, ווען מ׳זאל ענדליך דורכפיהרען דויערענד דאס, צו וואס חזקיה האט געשטרעבט, ניט האבענדיג דערביי פיעל ערפאלג. די במות מיט זייערע בעל־מזבחות און כל׳ערליי ווינקעל־קולטען, וואס זיינען מיט זיי געווען פארבונדען, זיינען געווען די אמת׳ע נעסטען פון געצענדינסט; דערצו זיינען די אשורישע קולט־מנהגים, וועלכע האבען זיך בסדר אלץ מעהר פארשפרייט, געווען א נייע, תמיד וואקסענדע געפאהר. אויב מ׳זאל זיי אפ־שאפען, וועט דאמאלסט זיין גרינג צו ברייגנען יהוה ווידער צו זיין עהרע און צו מאכען פון ישראל א הייליג פאלק. ארויסגעהענדיג פון אט די געד־דאנקען איז אין די נביאים־קרייזען געשאפען געווארען אונטער מנשה׳ן א בוך, וואס איז אויפגענומען געווארען מיט אפענע ארעמס פון די כהנים פון בית־המקדש און וואס האט געזאלט שפילען די ראלע ערשט אונטער יאשיהו׳ן — דאס איז דער ספר דברים. דאס אלטע געזעץ משה׳ס פון ס פ ר ה ב ר י ת האט געזאלט פון דאס ניי געבראכט ווערען צו יהודה אין א נייער פארם, אין איינקלאנג מיט די באדערפענישען פון דער צייט. די שלעכטע אומשטענדען פון דער צייט, באזונדערס די פארפאלגונג וואס האט אונטער מנשה׳ן שווער געדריקט די מוטיג איבערגעגעבענע צו יהוה, האט ניט ער־לויבט שוין איצט צו פארעפענטליכען דאס בוך. אט אזוי ווערט עס אוועק־געלעגט אין בית־המקדש, פיליכט מיט א כיון אוועקגעלעגט אן א זייט, און בלייבט דארט פארבארגען, ביז עס טרעט ארויס אויף דער ליכט אין 18טען יאהר פון דעם קעניג יאשיהו.

בכלל איז די צייט פון חזקיה און מנשה געווען פראדוקטיוו אויפ׳ן ליטע־ראַרישען פעלד. צו דער צייט פון חזקיה׳ס רעגירונג געהערען העכסט וואהר־שיינליך געוויסע אינגערע שיכטען פון ספר שמואל. אויפ׳ן יסוד פון דער עלטערער טראדיציע האט מען פון דאס ניי באארבייט, טיילווייז פריי וויי־טער אויסגעשפונען, דעם אלטען מאטעריאל וועגען די העלדען פון דער פאר־גאנגענהייט: שמואל, שאול, דוד, כדי זיי פארצושטעלען לעבעדיג פאר דעם יונגען דור. אהן א ספק האבען זיך אן דעם אנגעשלאסען דערציילונגען וועגען דער צייט פון די שפעטערע מלכים, וועלכע זיינען אונז, צוליב דעם איינגעארטיגען כאראקטער פון אונזער ספר מלכים, צום גרעסטען טייל פאר־לארען געגאנגען. צו יענער צייט געהערען אויך מאנכע טיילען פון דעם גרויסען געזעץ־ און געשיכטס־בוך וואס ציהט זיך דורכ׳ן חומש און יהושע

און איז אונז באקאנט אלס די פריסטער־שריפט*). פעסטגעשטעלטע קולט־צערעמאניעס זיינען געווים געווארען א באדערפעניש אויך פאר ירושלים, זינט דער קולט אין בית־המקדש איז געווען אין גאנג און האט כסדר אלץ מעהר געוואונען אין באדייטונג, פונקט אזוי ווי עס האבען דאס געהאט אנדערע גרעסערע הייליגטימער. מיט דער צייט האט מען עס גע־מאכט שריפטליך. וואהרשיינליך זיינען וויכטיגע טיילען פון יענער פריס־טער־שריפט געשאפען געווארען נאך אונטער חזקיה'ן. פון דאנעט אז און ווייטער ווערט פארטגעזעצט די ארבייט פון די פריסטערליכע געזעצגעבער ביז איבער מנשה'ס צייט; אנדערע טיילען ווערען נאך צוגעשטעלט צו דער דאזיגער שריפט אין דער צייט פון גלות און זאגאר נאך דעם גלות. — די ידיעה, אז חזקיה האט געלאזט מאכען א זאמלונג פון שפריכווערטער פון אידישע חכמים (משלי כ"ה 1) איז פונקט אזוי גלויבווירדיג ווי די הנחה, אז מאנכע קעניגס־לידער פון תהלים שטאמען פון אט דער צייט, הגם עס פעהלען אונז די מיטלען צו באווייזען בפירוש דעם אדער יענעם פאקט.

מנשה'ס געפאנגענשאפט.

א שפעטערע דערצעהלונג, וואס האט זיך דערהאלטען אין ספר דברי הימים, באריכטעט פון מנשה'ס געפאנגענשאפט דורך די אשורים. ער איז אוועקגעפיהרט געווארען, ווערט דארטען דערצעהלט, געשמידט אין קייטען קיין בבל, איז אבער דורך זיין תפלה שפעטער באפרייט געווארען און האט צוריק באקומען זיין טראן (דברי הימים ב, ל"ג 10—13). דער ספר מלכים ווייסט לחלוטין ניט דערפון. דאך לעגט זיך ניט אין גאנצען אויפ'ן שכל, אז די דערצעהלונג שטאמט בלויז פון דעם באדערפעניש צו ברייגגען אין איינקלאנג מנשה'ס לאגע און זיין אומגעשטערטע רעגירונג מיט זיין האלטונג אין רעליגיעזע ענינים. פון איין זייט איז טאקע ניט צו לייקענען, אז די דער־צעהלונג האט א מערקווירדיגע עהנליכקייט צו דער געשיכטע פון פרעה נכו דעם ערשטען, וועלכער איז אוועקגעפיהרט געווארען קיין נינוה געשמידט אין קייטען און איז שפעטער באפרייט געווארען, נאכדעם ווי מ'האט זיך פאר־זיכערט, אז ער וועט זיין א טרייער וואסאל**); פון דער אנדערער זייט ווייסען

---

*) זעה אין צווייטען באנד ז. 244 אין דער באמערקונג.
**) זעה אויבען ז. 115.

מיר, אז דוקא אין דער צייט פון מנשה׳ס רעגירונג זיינען מעהר ווי איין מאל פארגעקומען אין פאלעסטינא אומרוהען אדער לכל הפחות אומזיכערע פאליטישע פארהעלטעגישען, און אז דער גרויסער קעניג פון אשור האט געמעגט האלטען פאר ראטזאם זיך צו פארזיכערען מיט מנשה׳ן. עס לעגט זיך אם בעסטען אויפ׳ן שכל, אז אשורבאניפאל האט זיך געוואלט פארזיכערען מיט מנשה׳ן, ער זאל ניט ארייגעצויגען ווערען אין דעם אויפשטאנד פון זיין ברודער שאמאששומוקין. צו אט דער הנחה וואלט זעהר גוט פאסען דאס וואס שטעהט אין דברי הימים, אז מנשה איז געבראכט געווארען קיין בבל, וויל אשורבאניפאל האט אין זיין שפעטערער צייט זעהר אפט געוואוינט אין בבל.

מיט דער אומזיכערקייט פון די פארהעלטעגישען אין פאלעסטינא, און הפנים אויך מיט געוויסע וואקלונגען אין מנשה׳ס פערזענליכער שטעלונג, העגגט אהן א ספק אויך צוזאמען דאס וואס, לויט א דורכאויס גלויבווירדיגער ידיעה פון ספר עזרא, האט אסר־חדן און שפעטער נאך אמאל אשורבאניפאל געהאלטען פאר נויטיג צוצובריינגען אין דער אלטער צפון־מלוכה פון ישראל נייע עלעמענטען פון פרעמדע לענדער (עזרא ד, 2, 10). דער היימישער און שטענדיג צו אומרוהען גענייגטער טייל פון דער באפעלקערונג, וואס איז אלץ נאך געווען גרויס אין צאהל, ווערט דורך דעם איינגעצווימט. די באפעלקערונגס־מישונג, וועלכע האט ארויסגעבראכט די שומרונים, האט ערשט דערמיט געפונען איהר אפשלוס.

אידען אין עגיפטען.

אין די נאר וואס באשריבענע געשעהענישען געפינט זיך העכסט וואהרשיינליך א דערקלערונג אויך פאר נאך אן אנדער פאקט. מיר ווייסען פון די ניט לאנג געפונענע פאפירוסען פון עלעפאנטין*), אז אין 5טען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער ערא) האט זיך דארטען געפונען א אידישע געמיינדע מיט אן אייגענעם בית־המקדש. די גרינדונג פון דער דאזיגער געמיינדע און איהר בית־המקדש דערגרייכט צוריק לויט אט די פאפירוסען ביז אין דער צייט פון די עגיפטישע מלכים**). דער ערשטער

*) אן אינזעל אין נילוס. ביים סאמע דרום־גרעניץ פון אויבער־עגיפטען.
**) דאס הייסט בכן פאר דעם יאהר 525, ווען עגיפטען איז ערשט געווען פון פערסיען.

גערׄאנק איז געלעגעז צו פֿאַרבינדען יענע אידישע געמיינדע מיט דער אויס־וואנדערונג פֿון די אידען קיין עגיפּטען נאָכ'ן ערשטען חורבן פון ירושלים (אין יאהר 586). אבער אלץ ווייזט, אז מיר דארפֿען זוכען יענע אידען אין דער דעלטא, און בכלל לעגט זיך בעסער אויפ'ן שכל, אז נאָכ'ן חורבן פון ירושלים האבען די אידען זיך באזעצט אין אונטער־עגיפּטען איידער ביים ווייטסטען דרום־גרעניץ פון דעם קעניגרייך.

מיר ווייסען אבער פון הערׄאדאט (בוך 2, קאפּ. 30), אז פּסאמעטיך דער ערשטער (610—663), נאָכדעם ווי ער האט ארייגנעקראָגען עגיפּטען אין זיין האנט, האט זיכער געמאכט דעם דרום־גרעניץ געגען די עטיאָפּיער דורך שטארקע גארניזאנען. איינער פון יענע גארניזאנען איז געלעגען אין עלע־פאנטין. די נאָטיץ פון הערׄאדאט ווערט נאָך דערגענצט דורך דעם בריף פון אריסטעאס*). עס קומט אויס, אז פּסאמעטיך האט געהאט ביי זיך אידישע זעלנער אין זיין קאמף מיט די עטיאָפּיער. די אומרוהיגע, קריגע־רישע צייטען אין פאלעסטינא, דערצו דער פאקט, וואס מנשה גופא האט גאר נים לאנג צוריק געשיקט הילפס־טרופען קיין עגיפּטען, מאכען די דאזיגע נאָטיץ דורכאויס גלויבליך.

אויב די אידישע מיליטער־קאָלאָניעס אין אויבער־עגיפּטען זיינען געג־רינדעט געווארען ארום יענער צייט, דאן שיקט זיך זעהר גוט, וואס אין די פּאפּירוסען ווערען דערמאָנט זיילען**) און וואס זיי האלטען זיך תמימות'דיג פעסט אן זייער בית־המקדש, גאר ניט מורא האבענדיג, אז מ'וועט אין ירושלים קוקען קרום אויף זיי. מחמת אין אט דעם פאל האבען זיי געבויט זייער בית־המקדש נאָך פאר דער צייט פון יאשיהו'ס רעפארם, איידער דאס נעזעץ פון ספר דברים איז פּראָקלאמירט געווארען. אז זיי האבען אויך אסך שפעטער, אין דער צייט ווען זיי האבען געשריבען די דערמאָנטע פּאפּי־רוסען, ניט געוואוסט פון ספר דברים, לעגט זיך לחלוטין ניט אויפ'ן שכל. געווים האבען יאשיהו און אלע זיינע נאָכפאָלגער ניט געהאט די מאכט צו פארבאָטען די אויבער־עגיפּטישע געמיינדען צו דינען גאט אויף זייער

---

*) א פּסעוודעפּיגראפיש בוך פארפאסט פון א אידען אין גריכיש (לויט גרעץ אין דער צייט פון קאליגולא) וועגען דעם תרגום השבעים. אין § 13 שטעהט דאר־טען, אז אידען זיינען געשיקט געווארען קיין עגיפּטען צו העלפען פּסאמעטיך'ן געגען דעם קעניג פון די עטיאָפּיער. ת. ש.

**) צו מ'מעג זיי באצייכענען פשוט אלס מצבות, איז ניט זיכער, אבער עס איז וואהרשיינליך. פארגלייך אויך ישעיה י"ט 18—21, וואס באציהט זיך וואהר־שיינליך אויף יענער צייט.

שטייגער, און דערפאר איז געבליבן דער בית־המקדש אין עלעפאנטין. דער איינציגער טאדעל, וואס האט געטראפן די דארטיגע געמיינדע איז געווען, וואס מ׳האט שפעטער ניט געענטפערט פון ירושלים אויף איהר בקשה, און זי האט זיך דעריבער געווענדט קיין שומרון, וואו זי האט מיט א ריכטיגן חוש געזוכט צו געפינען קרובים אין גייסט. ס׳איז אויך גאנץ וואהרשיינליך, אז די אידישע קאלאניעס אין עגיפטען האבן שוין דאמאלסט זיך ניט באשרענקט אויף דעם איין ארט.

אמון.

מנשה׳ס זוהן און נאכפאלגער א מ ו ן (639—641) איז, ווי עס ווייזט אויס, געגאנגען לגמרי אין זיין פאטער׳ס דרכים. ער פארלירט דאס לעבען דורך א פאלאץ־רעוואלוציע נאך א צוויי־יעהריגער רעגירונג*). עס וואלט געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט צו פארשטעהן די פארהעלטעניסען פון יענער צייט, ווען מיר וואלטען געקאנט וויסען, צי עס איז געווען א רעליגיעזער גרונט אין זיין באזייטיגונג, עהנליך ווי אמאל ביי יורם בן אחאב. אויב דאס איז דער פאל, קריגט דאן א נייע באלייכטונג דער פאקט, וואס אמון איז געווען שטארק באליבט ביים פשוט׳ן פאלק. דאס לאנדפאלק („עם הארץ") נעמט א בלוטיגע נקמה פון די אנפיהרער פון דער קאנספיראציע געגען אמון׳ס לעבען. פיליכט שטעהן די געשעהענישען אין צוזאמענהאנג מיט רעפארמען, עהנליך צו די וואס יאשיהו האט דורכגעפיהרט, און פאר וועלכע מ׳האט שוין געוואלט אויסנוצען דעם בייט אויפ׳ן טראן נאך מנשה׳ס טויט? אין אט דעם פאל דארף מען אננעמען, אז אמון האט זיך געשטעלט אנטקעגען, ווען דער הויף, הינטער וועמען עס זיינען געשטאנען לכל הדעות די כהנים פון בית־המקדש, איז צו איהם שטארק צוגעשטאנען מיט פאדערונגען פון רעפארמען. אמון האט הפנים זיך פארלאזען אויף דעם, וואס מנשה׳ס סיסטעם איז געווען באליבט ביים פאלק. פאר זיין ווידערשטאנד האט ער, קאן געמאלט זיין, באצאהלט מיט׳ן טויט, אבער די פארטיי וואס איז הינטער איהם געשטאנען, די פארטיי פון לאנד־

*) מלכים ב, כ״א 19—26. ס׳איז יעדענפאלס כדאי צו באמערקען, אז זינט א געוויסער צייט זעהען מיר דאס פאלק אלץ מעהר ארויסטרעטענדיג אין פאדערגרונט, פארגלייך י״ד 21. דאס הענגט הפנים צוזאמען מיט דער צעפאלונג פון קעניגטום. פיליכט איז דאס אויך א פועל־יוצא פון די סאציאל אנגעהויבטע רייד פון די נביאים וועלכע האבן אויפגעהויבן דעם פשוט׳ן מענשן פון פאלק.

פאָלק (עם הארץ), צוזאמען מיט די לאנד־כהנים האָט זיך בלוטיג נוקם געוועז פאַר וואָס זייערע אינטערעסען זיינען אנגעגריפען געוואָרען. די דאָזיגע פּאַרטיי האָט דערמיט דערגרייכט דאָס, אַז די אויספיהרונג פון יענע רעפאָרם־פּלענער האָט זיך פאַרצויגען אויף כמעט צוויי יאָהרצענדליג — אבער ניט מעהר ווי דאָס. ביי דער מאַגערקייט פון אונזערע ידיעות איז אוממעגליך צו ענטפערען אויף אזוינע פראַגען. אבער ווי די זאך שטעהט, מעג מען לכל הפחות ארויסזאָגען אזוינע השערות.

דריטע אפטיילונג.

יאשיהו און זיין צייט

1.

די וועלט־לאגע. דער נייער אויפטריט פון די נביאים.

אויפ'ן שטעל פון דעם דערמארדעטען אמון ווערט געזעצט אויפ'ן טראן זיין דאמאלסט נאר אכט־יעהריגער זוהן יאשיהו (608—639). מיט איהם טרעט דאס אידישע פאלק ווידער ארויף טעטיג אויף דער ארענא פון די גרויסע וועלט־געשעהענישען. די געוואלדיגע אשורישע אימפעריע, וועלכע האט דערגרייכט אונטער דעם גרויסען און נאבעלען אסר־חדן דעם העכסטען פונקט פון איהר מאכט, האט מיט אשורבאניפאל (668־626) אנגעהויבען זיך דערנעהנטערען צו איהר גורל. אין דער ערשטער צייט פון זיין רעגירונג האט אשור נאך פארמאגט איהר פולע מאכט און גרויסקייט. אבער אלץ שטארקער און שטארקער זיינען געווארען יענע מעכטיגע פעלקער־באוועגונגען, וואס האבען אין דער צווייטער העלפט פון 7טען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער ערא) צעטרייסעלט גאנץ פארדער־אזיען, און וואס אונטער זייער איינפלוס איז צוזאמענגעפאלען יהודה'ס דריקענדער דעספאט, די מלוכה פון אשור. שוין אין מיטען פון יענער צייט, ארום יאהר 645, האט פסאמעטיך פון עגיפטען אראפגעווארפען די אשורישע הערשאפט, וועלכע איז געלעגען ווי א לאסט אויף זיין קעניגרייך. אנדערע האבען נאכגעפאלגט, און דער סוף איז געווען, אז די וועלט־הערשאפט איז צוגענומען געווארען פון די סעמיטען, וועלכע האבען זי געפיהרט א יאהרטויזענד, און איז אריבערגעטראגען געווארען אויף דער ארי־

שער ראסע. דעם ערשטען טויטליכען קלאפ האט אשור באקומען פון די מעדער (מדי). ארום דעם מיטען פון זיבעטען יאהרהונדערט באפרייען זיי זיך פון אשור און הייבען אן גרינדען אן אייגענע מלוכה. זייער קעניג פראארטעס געפינט זיין טויט אין קאמף געגען אשור. דער אנטשיידענדער קאמף ווערט אבער נאך אפגעצויגען אויף א וויילע דורך דעם ארייננטריט פון די סקיטען. פונקט ווי שפעטער די הונען און מאנגאלען אין מערב־לאנד, אזוי האבען דאמאלסט זיך געשאטען מחנות פון א רייטער־פאלק פון מזרח, רויבענדיג און פלינדערענדיג גאנץ פאדער־אזיען. אויך זיי האבען צעטרייסעלט די זיילען פון דער אשורישער אימפעריע. לויט הערָאדאט זיינען זיי ארייננעדרונגען ביז אין סיריען און האבען אנגעשפארט ביז די טויערען פון עגיפטען. אבער ווי נאר דער אנפאל פון די סקיטען איז גע־ווען באזייטיגט, האבען די מעדער זיך פארבונדען מיט די כאלדעער צו דערלאנגען נינוה דעם לעצטען קלאפ.

יהודה ווערט, דירעקט אדער אינדירעקט, ארייננעצויגען אין די אלע באוועגונגען. זינט עגיפטען און מדי האבען זיך באפרייט פון אשור, האט מען געפיהלט, אז דער אל־מעכטיגער קאלאס, פאר וועמען די וועלט האט יאהרהונדערטער לאנג געציטערט, האט אנגעהויבען זיך צו וואקלען. א פרישער הויך פון א נייעם לעבען און א נייער האפענונג האט געמוזט דורכ־געהן דורך די אונטערוואָרפענע מדינות. אויך אין יהודה האט מען אנגע־הויבען צו טראכטען, אז ישעיה איז דאך גערעכט געווען, ווען ער האט פאר־אויסגעזאגט דעם סוף פון דעם העזה'דיגען באריהמער. אשור'ס געטער זיינען געפאלען אין ווערדע. די נבואה האט ווידער באקומען א באדען אונ־טער זיך און האט געקאנט וואגען זיך צו ווייזען אפען. און אז די סקי־טען האבען ענדליך פארפלייצט גאנץ פאדער־אזיען און האבען באריהרט אפילו די גרעניצען פון יהודה — דאס לאנד גופא האבען זיי, ווייזט אוים, געשאנעוועט, — איז די זאך לגמרי קלאר געווארען: יהוה דערהייבט זיך ווידער צו משפט'ן די פעלקער. די ערנסטקייט פון דער צייט און די סכנה וואס איז פארגעשטאנען פאר יהודה גופא פאר אנדערע איז געוועז דער־באדען, פון וועלכען עס איז ארויסגעוואקסען א נייע פאזע פון דער נבואה.

דער ערשטער פון איהרע פארטרעטער איז צ פ נ י ה. צי די באַ־פרייאונג פון עגיפטען אדער דער ארייננפאל פון די סקיטען איז געווען פאר איהם א באזונדערער צייכען פון גאט'ס צארנדיגען משפט, זיין איבערצייי־גונג איז, אז דער „טאג פון יהוה" וועט קומען מיט אלע זיינע שרעק. ער וועט פארטיליגען די פעלקער ארום; באזונדערס אבער וועט פאלען דער

שטרענגער משפט אויף אשור (צפניה ב). אבער גאט'ס טאג וועט געוויס אויך טרעפען יהודה גופא, אויב עס וועט ניט קומען א סוף צו איהר אפ־געטריי (צפניה א). דאס „איבערגעבליבענע פון דעם בעל", אויך געוואלד־טאטען און אויסלענדישע פיהרונגען מוזען צושטערט פאלען. איידער יהודה וועט געשאנעוועט ווערען אין דעם טאג פון יהוה'ס צארן. א קורצע צייט נאך צפניה'ן און, עס ווייזט אויס, נאך פאר יאשיהו'ס רעפארם, איז אויפ־געטראטען נ ח ו ם. אשור מוז פאלען, נינוה וועט צעשטערט ווערען, ווארים פון איהר „איז ארויסגעגאנגען דער וואס האט געפלאנעוועט שלעכטס געגען יהוה און דער שאלקהאפטיגער בעל־עצה. איך וועל איהר יאך צעברעכען און איהרע רימענס צערייסען... פון דיין נאמען וועט ניט מעהר געזעעט ווערען, פון דיין גאט'ס־הויז וועל איך פארטיליגען געשניצ־טע און געגאסענע בילדער; דיין קבר וועל איך צוגרייטען, ווארים דו ביזט פאראכטעט!" (נחום א 11, 13, 14). זיכער מיט נצחון און פול מיט א טיפער פאראכטונג פאר אשור יובעלט יהודה איבער דעם אונטערגאנג פון איהר מעכטיגען פיינד. אט דעם אונטערגאנג שילדערט נחום מיט אזוינע קלארע, גלענצענדע פארבען, אז עס דוכט זיך, ווי ער וואלט מאלען דאס וואס ער זעהט מיט די אייגענע אויגען. אבער עס קאן זיין, אז עס דוכט זיך בלויז אזוי; עס איז געניג, אז נחום זעהט פאר זיך אשור'ס אונטער־גאנג אלס זיכערען פאקט. דאס ווייזט אויף דער צייט, בשעת אשור איז געווען שטארק גערדיקט דורך די מעדער און די סקיטען, ווארים יהודה האט געמוזט בלויז אין נאמען שטעהן אונטער דער אשורישער ממשלה.

דער גייסט פון דער נבואה, ווי נאר ער האט איינמאל אויפגעוואכט פון זיין דרעמעל, האט שוין געמוזט ווייטער ווירקען. און ווען אין אייניגע יאהר נאכדעם ווי נחום איז על־פי השערה אויפגעטראטען איז דער ספר דברים ארויסגעבראכט געווארען אין דער ליכטיגקייט, האט ער געמוזט פאלען אויף א פרוכטבארען באדען. שוין אונטער מנשה'ן, פיליכט שוין אונטער חזקיה'ן, זיינען די טרייע צו יהוה ניט געזעסען מיט פארלעגטע הענט; דאס ווייזט לויט אונזער מיינונג די אנטשטעהונג פון ספר דברים. דערנאך ביי מנשה'ס טויט האט, אין צוזאמענהאנג מיט די וועלט־געשעה־ענישען, די האפנונג פון די פאטריאטען ווידער אויפגעלעבט, אבער אומזיסט. אמון איז געפאלען, יאשיהו איז נאך געווען א בויגזאמער איינ־געל בשעת ער האט באשטיגען דעם טראן. וואס רייפער ער איז געווארען אין יאהרען און וואס מעהר דער גאנג פון די געשעהענישען איז געווען פאר זיין טובה, אלץ מעהר האט ער זיך הפנים צוגעהארכט צו דער נביאים־

פארטיי. ווארים אט דעם מאל איז זי דאך גלייכצייטיג געוועז אויך די פארטיי פון די פאטריאטען, וועלכע האט גערעדט געגען אשור.

זינט אשורבאניפאל׳ס טויט האט יאשיהו, וועלכער איז אונטערדעסען אויסגעוואקסען פון א קינד צו א מאן, לויזער געמאכט זיין בונד אלס אשור׳ס וואסאל. שפעטער לכל הפחות באטראכט ער זיך אלס דער האר און הערשער פון פאלעסטינא; ער פיהרט איין רעפארמען אין צפון און ער אטאקירט פרעה נכו אויף זיין מארש דורך כנען, אזוי ווי ער וואלט פון אלעמאל געהאט די פולע ממשלה איבער׳ן גאנצען לאנד. אין צוזאמענהאנג דערמיט פארשווינדט די חשיבות פון די אשורישע, פיליכט אויך ערהויפט פון די פרעמדע געטער. דער יהוה פון די נביאים קריגט ווידער זיין אלטען, בכבוד׳יגען פלאץ, און צוזאמען מיט איהם — דער בית־המקדש פון ציון. די פראקלאמירונג פון ספר דברים איז נאר איין גליד אין א קייט פון ערשיינונגען. נאך איידער דאס בוך קומט ארויס אין דער ליכטיגקייט האט יאשיהו גענומען צורעכט מאכען דעם בית־המקדש. דא ווערט ער באקאנט מיט אט דעם „בוך פון דער תורה“, וואס גיט א נייעם אינהאלט צו זיינע שטרעבונגען.

2.

דאס געפונענע „בוך פון דער תורה“ און יאשיהו׳ס רעפארם.

מיר לעזען אין מלכים ב, קאפ. כ״ב און כ״ג, אז יאשיהו האט צוליב די נויטיג געווארענע איבערבויאונגען אין בית־המקדש געשיקט אהין זיין מלוכה־שרייבער שפן ארויסצונעמען דאס געלט וואס איז אריינגעלעגט געווארען פון פאלק אין דעם קאסטען און צו באצאהלען דערמיט די בעלי־מלאכות. ביי דער געלעגענהייט גיט דער כהן חלקיה איהם איבער א בוך מיט דער באמערקונג: „איך האב דאס בוך פון דער תורה געפונען אין יהוה׳ס הויז“. שפן לייענט עס, דערצעהלט דעם קעניג וועגען דעם און לעזט עס איהם אויך פאר. דער קעניג צררייסט זיינע קליידער, מחמת ער איז געווען דערשראקען איבער דעם היפוך צווישען די ביז־אהעריגע מנהגים פון דינען גאט און דעם ניי־געפונענעם בוך פון דער תורה. ער שיקט דעריבער חלקיה׳ן מיט שפן׳ען און נאך אנדערע פון זיינע הויבע באאמטע צו א נביאה מיט׳ן נאמען חולדה צו פרעגען ביי איהר אן עצה. אויף איהר ענטפער לאזט ער צוזאמענקומען די פארשטעהער פון יהודה און ירושלים

אין הויף פון בית־המקדש און לעזט פאר זיי פאר „אלע רייד פון דעם בוך וואס איז געפונען געווארען אין יהוה׳ס הויז״. דער קעניג שליסט דאן א בונד פאר יהוה צוזאמען מיט דעם פאלק צו היטען אלץ וואס שטעהט געשריבען אין יענעם בוך. די שבועה ווערט באלד גענומען ערנסט און מ׳שאפט אפ אלע אומווירדיגקייטען און מ׳מאכט א יום־טוב פסח אויף א נייעם שטייגער.

צי פארדינט די דערצעהלונג געגלויבט צו ווערען? און וואס לערענט זי אונז? זי איז עטוואס איבערגעארבייט געווארען, אבער בעצם אנטהאלט זי אין זיך א געשלאסענעם באריכט, וואס שטאמט, ווייזט אויס, פון א פערזאן וואס איז געשטאנען נאהנט צו די פאסירונגען. פארפאסט געווארען איז דער באריכט העכסט וואהרשיינליך נאך פאר יאשיהו׳ס טויט*). דער פארפאסער שטעהט בכן בלויז א 10־12 יאהר דערווייטערט פון די געשעהענישען. און אפילו ווען די דערצעהלונג זאל זיין מיט אייניגע יאהרצעהנדליג אינגער, וואלט אויך ניט געווען וואס אויסצוזעצען געגען איהר גלויבערדיגקייט. נו, איז אבער קיין ספק ניט, אז דאס בוך פון דער תורה, וואס קומט דא אין באטראכט, איז אשטייגער ניט דער גאנצער חומש אדער דעם אזוי־גערופענער „בוך פונ׳ם בונד״ (ספר הברית)**). די באזייטיגונג פון די במות און זייערע כהנים, אויך פון די מצבות און אשרות, א רעפארם וואס דער קעניג פיהרט דורך אויפ׳ן גרונט פון דעם נייעם געזעץ; דעם יום־טוב פסח, וואס ער לאזט פייערען אויף א נייעם שטייגער; די קללות געגען די וואס ווען עובר זיין אויף די געזעצען, וואס מ׳מוז אננעמען, אז ער גופא און חולדה האבען געפונען אין דעם בוך פון דער תורה — אט דאס אלץ לאזט ניט איבער דעם מינדסטען ספק וועגען דעם, אז דאס בוך, וואס חלקיה האט געפונען, איז געווען דער ספר דברים***). די פראגע איז נאר: וויפיעל פון היינטיגען ספר דברים איז שוין דאמאלסט געלעגען פאר יאשיהו׳ן? נאך וויכטיגער איז די אנדערע פראגע: ווען און אויף וואס פאר אן אופן איז יענעם בוך געשאפען געווארען?

בנוגע צו דער ערשטער פראגע שטימען די פארשער איין, אז דאס

*) די נביאות איבער יאשיהו׳ן וואלט געמוזט האבען אן אנדער נוסח, ווען זי וואלט געשטאמט פון נאך זיין דורכאויס ניט נאטירליכען טויט (כ״ב 20).

**) זעה אין ערשטען באנד ז. 289, 290.

***) עס איז גענוג אנצואווייזען אויף דברים י״ב און ט״ז; פארגלייך אחוץ דעם דברים י״ח פון פסוק 1 אן מיט מלכים ב, כ״ג פון פסוק 8 אן.

הײנטיגע פינפטע בוך פון חומש איז ניט אײנהײטליך און אַז פאַרשידענע
הענט האָבּן געאַרבײט אין זײַן צוזאַמענשטעלונג. דערפאַר אָבער הערשן
פאַרשידענע מײנונגען װעגן דעם אינהאַלט פון דעם אַזױ־גערופענעם „אור־
דברים". מיר װעלן זיך דאָ דעריבער מוזן באַגנוגענען פעסטצושטעלן
דעם פאַקט, אַז דער „אור־דברים" איז געװען אַסך קלענער װי דאָס הײנ־
טיגע בוך, אָבער אַז ער האָט לכל הדעות אַנטהאַלטן די הױפּט־געזעצן
אין הײנטיגן ספר דברים, װעלכע זײַנען געװען פונדאַמענטאַל פאַר
יאשיהו׳ס רעפאָרם, און אַז ער האָט שװערליך זיך באַשרענקט אויף די דאָ־
זיגע הױפּט־געזעצן.

פון אַ פיעל גרעסערער װיכטיגקײט איז די אַנדערע פראַגע, בנוגע דער
צײַט און די אומשטענדן װען דער אור־דברים איז פאַרפאַסט געװאָרן.
די דאָזיגע פראַגע פאַלט צום גרעסטן טײל צוזאַמען מיט נאָך אַ פראַגע:
צי האָט דער כהן גדול חלקיה טאַקע באמת געפונען דאָס בוך, אָדער ער
האָט נאָר געמאַכט אַזאַ׳ן אָנשטעל? אין דעם לעצטן פאַל קומט אַרויף
דער חשד, אַז ער גופא איז געװען דער מחבר אָדער איז יעדנפאַלס גע־
שטאַנען זעהר נאָהנט צום מחבר. מ׳װאָלט דאַן דאַרפן אָננעמען אַלס
העכסט װאַהרשײַנליך, אַז דאָס בוך איז נאָר װאָס געשאַפן געװאָרן. אין
פאַל אָבער אויב חלקיה האָט טאַקע געפונען דאָס בוך, דאַן קאָן זײַן, אַז
עס איז געלעגן אויף זײַן אָרט שוין אַ לענגערע צײַט.

קודם כל מוז מען האַלטן אין זינען, אַז דער שרײַבער פון דעם באַ־
ריכט באַטאָנט צװײ מאָל, אַז דאָס בוך איז „געפונען" געװאָרן: אײנמאָל
באַטאָנט ער עס דורכ׳ן מויל פון כהן, דאָס צװײטע מאָל פון זיך אַלײן.
ער מאַכט בכן פאַר דאָס װאָרט פאַראַנטװאָרטליך ניט בלויז חלקיה׳ן,
נאָר ער גופא שטעלט זיך פאַר דעם אײַן. אויב חלקיה גופא אָדער אײנער
פון זײַנע חשוב׳ע חברים אין דער כהונה זאָל זײַן דער דערצעהלער, דאַן
װאָלט דער חשד בלײַבן אויף דעם שרײַבער פון באַריכט. אַזױ אָבער װי
דאָס איז פאַקטיש אויסגעשלאָסן*), איז דער דערצעהלער ענטװעדער

---

*) מלכים ב, כ"ג 8, 9 מאַכט בפירוש אויפמערקזאַם אויף דער סתירה צװישן
דער פאַקטישער האַלטונג פון די כהנים פון ירושלים און דעם װילן פון די געזעצ־
געבער, און עס װערט אפילו גאָר ניט פּרובירט צו דערקלערן אָדער צו אַנטשול־
דיגן די דאָזיגע סתירה (פאַרגלײַך דברים י"ח 6, 8, װאו עס װערט אויסדריקליך
געזאָגט, אַז די כהנים פון די במות מעגן קומען אין ירושלים און נעמען אַ גלײַ־
כען אַנטײל אין קולט מיט די דאָרטיגע כהנים). חלקיה אָדער אײנער פון זײַנע
מקורבים װאָלט געװיס לכל הפּחות אָנגעגעבן אויף װאָס פאַר אַ גרונט די כהנים

אליין איינער פון די אפגענארטע אדער ער גיט איבער א פאקט. צוליב אנדערע טעמים איז אבער ווארשיינליך, אז ער גיט טאקע באמת איבער א פאקט. וואלט חלקיה אדער איינער פון זיינע מקורבים געווען דער פאר־פאסער פון בוך, דאן וואלט אין ספר דברים אין איין וויכטיגען שטעל גע־מוזט שטעהן אנדערש ווי עס שטעהט דארטען היינט. ווארים אז חלקיה איז געווען דער הויפט פון א שטרענגער פריסטער־הערשאפט פון ירושלים, האבען מיר אן אבסאלוט זיכערע עדות אין דער ידיעה וואס דערצעהלט, אז די פריהערדיגע כהנים פון די במות זיינען ניט צוגעלאזען געווארען צום מזבח אין ירושלים, אהן א ספק געגען דעם ווילען פון די געזעצגעבער און פון דעם קעניג און דורך דער ווירקונג פון די כהנים*). דאס איינציגע מיטעל זיך מפרנס צו זיין בכבוד אלס כהנים איז דערמיט צוגענומען גע־ווארען פון זיי מיט געוואלד. וואס מעהר זיי זיינען אראפגעדריקט געווא־רען צו דער מדרגה פון פריסטערליכע פראלעטאריער, אלץ מעהר שנאה האבען געמוזט פיהלען צו זיי די עגאאיסטישע כהנים פון ירושלים. ווי פעהיג מ'זאל בכן ניט האלטען אזוינע הערשזיכטיגע מענער ווי חלקיה אנצוגעבען פאר דער וועלט, אז זיי האבען כלומר'שט געפונען א בוך, איז אבער אוממעגליך צוצושרייבען צו זיי די פסיכאלאגיש דורכאויס אומפאר־שטענדליכע דומהייט, אז זיי זאלען האבען געגעבען דעם בוך די געשטאלט וואס עס האט היינט. דאס וואלט געהייסען פאר זיי, אין אן אומבאגרייפ־ליכער קורצזיכטיגקייט, אפטאן נאר א האלבע ארבייט, אויב דוקא דעם הויפט־פונקט, וואס איז פאר זיי געווען דער סאמע עיקר, זייער באציהונג צו די כהנים פון לאנד, האבען זיי געלאזען דורכצופיהרען מיט דער אייגע־נער האנט, בעת דאס בוך פון דער תורה האט זיי געגעבען די מעגליכקייט דאס צו טאן מיט דער העכערער אויטאריטעט פון יהוה.

דערמיט איז קלאר בפירוש צו זעהן, אז חלקיה אדער איינער פון די

פון ירושלים האבען אנגענומען אזא שטעלונג צו די כהנים פון די במות. אט די פארשוויגונג, נאך פארשטארקט דורך א „נאר“ („אך“) וואס קלינגט ווי א פאר־ווארף, שליסט אומבאדינגט אויס חלקיה'ן און זיינע פריינד פון דער פארפאסער־שאפט.

*) דער קעניג איז לויט ב"ג 3 אנטשלאסען זיך צו האלטען שטרענג ביי דעם ווארט פון דער תורה. וויבאלד אבער אז דער גאנג פון די געשעהענישען האט זיך פארנומען אויף אן אנדער וועג אין יענעם וויכטיגען פונקט, קאנען נאר די כהנים געמאכט ווערען פאראנטווארטליך פאר דעם, און פון די כהנים—זייער הויפט, וועלכער איז לויט ב"ג 4 דער פיהרער פון דער גאנצער באוועגונג אין קעניג'ס נאמען.

וויכטיגע מענער צווישען די כהנים איז ניט געווען דער פארפאסער פון דעם בוך און האט אויך ניט גענומען קיין ערנסטען אנטייל אין זיין פאר־פאסונג. דער היתר צו די כהנים פון די במות צו קומען אין ירושלים מקריב זיין קרבנות האט קיינמאל ניט געקאנט שטאמען פון חלקיה'ס קרייז, ווילכער, ווי מ'זעהט, האט דאס גאר ניט געלאזט דורכפיהרען. אזא שטע־לונג צו די כהנים פון די במות איז נאר פארשטענדליך ביי איינעם פון די נביאים־קרייזען אדער פון די נידעריגערע שיכטען פון די כהנים פון בית־המקדש*).

ווען מ'האלט נאך אין זינען, אז אויך ביי אנדערע פעלקער טרעפען מיר דעם מנהג אוועקצולעגען אין א הייליגען ארט הייליגע ביכער, דאקו־מענטען און געזעץ־שריפטען, דאן איז וואהרשיינליכער ווי אלץ אנצונעמען, אז דא האנדעלט זיך וועגען א בוך, וואס איז אוועקגעלעגט געווארען אין בית־המקדש און וואס חלקיה האט געפונען**). די שטעלען אין דעם דאזי־גען בוך, וואו עס רעדט זיך וועגען צענטראליזירען דעם קולט אין איין איינ־ציגען ארט, זיינען פארפאסט געווארען אונטער מנשה'ן, אויב ניט נאך פריי־

*) דער פארפאסער איז הפנים געווען א מאן פון אזא פאזיציע ווי אשטייגער ירמיה'ס פאמיליע, דאס הייסט פון די נידעריגערע פאמיליען פון די כהנים, שטע־הענדיג גלייכצייטיג נאהנט צו די קרייזען פון די נביאים. אז ער האט דאך גע־קאנט זיין א מאן פון גרויס חשיבות און מיט א גרויסער השפעה, ווייזט דער ביישפיל פון ירמיה'ן.

**) ס'איז כדאי צו באמערקען, אז חלקיה גלויבט, אז ער האט געפונען „דאס" בוך פון דער תורה (כ"ב 8). וואס וויל ער דערמיט זאגען? עס האט דאך שוין עקסיסטירט דער „ספר הברית", פארוואס רעדט ער בכן ניט פון „א" בוך פון דער תורה? הפנים דערפאר, ווייל ער איז זיך משער אז דאס בוך געהערט צום בית־המקדש, אז עס איז דאס הייליגע געזעץ פון ירושלים. אט אזוי האט מען, ווייזט אויס, געקוקט אויף דעם ספר דברים. שילה, בית־אל, שכם און אנדערע אלטע הייליגטימער האבען הפנים שוין לאנג געהאט זייער אייגען געזעץ; מיר זיינען געניגט צו דערקלערען אויף דעם דאזיגען אופן די אנטשטעהונג פון ספר הברית, פון שמות ל"ד 11—26 און אויך פון אנדערע שטיקער געזעצגעבונג. ירושלים אלס דאס אינגסטע הייליגטום באקומט איהר תורה צולעצט. עס קאן זיין, אז מ'האט אוועק־געלעגט די תורה אין אן אפענעם ארט, אדער אויך אז מ'האט זי באהאלטען אין א ליימענעם קאסטען, אדער אריינגעלעגט אין מויער. אזא ליימענעם קאסטען האט מען אויסגעגראבען אין תענך. דער קריסטליכער קירכען־פאטער אריגען (אין 3טען יאהר־הונדערט) האט געפונען אין אזא ליימענעם קאסטען אין יריחו טעקסטען פון דער ביבעל. אין עגיפטען און אין אשור, ווייסען מיר, פלעגט מען אריינלעגען אזוינע געשריבענע דאקומענטען אין פונדאמענט פון א טעמפעל.

הער שוין אונטער חזקיה׳ן, בעת אנדערע שטיקער וואס זיינען אין איהם אריינגעשטעלט געווארען, שטאמען צום טייל פון אסך א פריהעריגער צייט*).

געפונען האט מען דאס בוך אין דעם 18טען יאהר פון דעם קעניג, דאס הייסט בכן אין יאהר 621, קורץ פאר פסח. מ׳זעהט קלאר, אז דאס בוך איז געווען א פרוכט פון דעם גייסט פון די נביאים. דאס וואס די נביאים האבען תמיד געפאדערט: אז מ׳זאל האלטען יהוה׳ס געזעצען און טאן זיין ווילען, איז איצט אויסגעדריקט געווארען אין קאנקרעטע פאדערונגען, וועלכע האבען געוויזען ווי די אידען מוזען זיך אויפפיהרען אין לעבען כדי צו זיין הייליג און צו זיין די קינדער פון דעם „הייליגען פון ישראל“, ווי ישעיה האט איהם אנגערופען. די נבואה איז דערמיט פארוואנדעלט געווארען אין א תורה, אין א געזעץ, און איז אריינגעטראטען אין דער ספערע פון דער כהונה. די איינציגקייט פון יהוה און די פאסיגע אויפפיהרונג אין קולט און אין לעבען איז דער גרונט-געדאנק פון דעם בוך. אבער דער וועג ווי דאס דורכצופיהרען איז אין א גרויסען טייל די באנייטע רייניגונג פון קולט. דער ספר דברים — און פיליכט דער שוין אונטער יאשיהו געפונענער — אנטהאלט אויך אין א גרויסער צאהל מאראלישע און סאציאלע געבאטען, וועלכע באצוועקען צו פארווירקליכען אין לעבען פון פאלק דעם אידעאל פון יושר פון די נביאים. דאס זיינען אבער געווען נאר פאדערונגען, אזעלכע ווי די נביאים האבען לאנג שוין אויפגעשטעלט. מיר ווייסען אויך ניט ווי ווייט זיי האבען געהערט צו דעם דאמאלסט געפונענעם בוך

---

*) עס קאן געמאלט זיין, אז שלמה׳ס בית-המקדש האט שוין אין זעהר א פריהיגער צייט געהאט זיין אייגען טעמפעל-געזעץ. זיין אינהאלט האט געמוזט זיין צום טייל נאהענט פארוואנדט, צום טייל אידענטיש מיט דעם ספר הברית און מיט דער שטיק געזעצגעבונג אין שמות ל״ד 11—26. אבער אין משך פון דער צייט זיינען די דאזיגע געזעצען אלץ איבערגעארבייט און פארברייטערט געווארען, לויט די באדערפעניש׳ען פון דער פראגרעסירענדער צייט. מ׳האט אבער אין מאנכע צייטען אויך געמעגט אויפהערען ארבייטען אויף די דאזיגע געזעצען אדער זיי גאר ביי דער זייט אוועקלעגען, ווען זייער אנטוויקלונג און ממשות׳דיגע דורכפיהרונג האבען זיך אנגעשטויסען אין לעבען אויף גרויסע שווערקייטען. א טעמפעל-ארכיוו האט, ווי אומעטום, אזוי אויך אין ירושלים בלי ספק עקסיסטירט שוין זעהר פריה. פארעלטערטע שטיקער געשריבענע האט מען אודאי איבערגעשריבען. אט אזוי האט מען אויך הפנים אוועקגעלעגט אן א זייט „דאס בוך פון דער תורה“ פון ירושלים, נאכדעם ווי א כהן פון ישעיה׳ס שולע האט עס ניי באארבייט אין דעם גייסט פון די נביאים, ארויסווארפענדיג עלטערע קולט-פארשריפטען.

פון דער תורה. דאס וואס האט געקאנט גלייך דורכגעפיהרט ווערען, וואס איז געווען אין פאלקומען איינקלאנג מיט דעם גייסט פון דער צייט און וואס האט פארשפראכען אומצווענדערען פון גרונט אויס די דאמאלסדיגע רעליגיעזע פארהעלטעניסען — איז געווען די ענערגישע דורכפיהרונג פון דעם איינהייטס־געדאנק, פון דעם געדאנק פון איין גאט און פון איין ארט וואו מ'קאן דינען צו איהם.

ס'איז דערפאר אסך מעהר ווי א צופאל, וואסביידע טיילען, נביאים און כהנים, זיינען געווען גלייך באטייליגט אין דער עפענטליכער אנערקענונג פון דעם בוך און אין דער דורכפיהרונג פון זיין פאדערונג. דער כהן חלקיה ציהט ארויס דאס בוך אין דער עפענטליכקייט, אנערקענענדיג זיין באדייטונג, כאטש עס איז ניט געווען אין פולען איינקלאנג מיט אלע זיינע אידעאלען; און די נביאה חולדה באאיינפלוסט דעם קעניג'ס באשלוסען מיט איהר נביאות. די היידנישע סימבאלען און מזבחות, וועלכע זיינען אויפגעקומען זינט מנשה'ן און צום טייל זינט אחז'ן, ווערען פון דאס ניי באזייטיגט און דער בית־המקדש ווערט גרינטליך גערייניגט. דאס זאל אבער איצט דורכגעפיהרט ווערען ענערגישער און גרינטליכער ווי אונטער חזקיה'ן. די כהנים פון די לאנד־שטעדט ווערען דעריבער געבראכט קיין ירושלים און זייערע הייליגע במות ווערען פארשוועכט. ביי דער אויגענבליקליכער שוואכקייט פון דער אשורישער הערשאפט איז יאשיהו בכוח אויסצושפרייטען זיין טעטיגקייט איבער די גרעניצען פון זיין אייגענטליכען לאנד. זיין רעפארם טרעפט די יהוה־דינער אין דער פריהערדיגער טעריטאריע פון ישראל, וועלכע איז זינט 100 יאהר געווען אן אשורישע פראווינץ; דער מזבח פון בית־אל ווערט צעשטערט*). דערביי איז כאראקטעריסטיש פאר דער באוועגונג, וואס די כהנים פון די אפגעשאפטע במות זיינען באהאנדעלט געווארען ניט לויט דעם ווערטליכען נוסח פון דער נייער תורה און ניט לויט דעם אורשפרינגליכען וואונש פון דעם קעניג. דער געזעצגעבער פון ספר דברים האט געוואלט, אז די כהנים פון די במות זאלען בלייבען אויף זייערע ערטער און זאלען בלויז אויפגעבען דארטען די כהונה; אלס געסט מעגען זיי קומען ווען זיי ווילען קיין ירושלים און זיך באטייליגען אין די קרבנות. יאשיהו האט קענטיג געהאט בדעה גוט צו מאכען דעם שאדען פון די כהנים, וועלכע זיינען איצט געבליבען אהן ברויט, דערמיט וואס זיי וועלען אויפגענומען ווערען צווישען די כהנים פון בית־המקדש.

*) זעה אויבען ז. 76 און 132.

די כהנים פון בית־המקדש אבער האבען זיך געשטעלט אנטקעגען דעם אומ־געוואונשענעם צוזאמענשטויס און האבען זיי ניט צוגעלאזען צום מזבח. די כהנים פון בית־המקדש מאנאפאליזירען איצט פאקטיש די רעכטען פון דער כהונה; די ביז־אהעריגע לויים פון די לאנד־הייליגטימער בלייבען גייסט־ליכע פון א נידעריגערען ראנג. אלס געזעצליך ווערט דער דאזיגער צו־שטאנד אנערקענט דורך יחזקאל.

8.

די באדייטונג פון דער רעפארם.

דורך דער פראקלאמירונג פון דער תורה פון ספר דברים אונטער יאשיהו'ן ווערט ניט בלויז דאס רעליגיעזע, נאר מ'קאן זאגען דאס גאנצע גייסטיגע לעבען פון אידישען פאלק געשטעלט אויף א נייעם יסוד. אבער ניט בלויז די געשטאלטונג און דעם גורל פון יודענטום האט זי באשטימט. דורך איהר זיינען אויך ארויסגערופען געווארען כאראקטעריסטישע שטרי־כען פון יענע רעליגיאנען, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען אויף דעם באדען פון יודענטום; דאס זיינען דאס קריסטענטום און דער איסלאם. די נאכווירקונגען פון יענע געשעהענישען אונטער יאשיהו'ס רעגירונג, וואס די אנפיהרער זייערע האבען ניט געקאנט האבען די מינדסטע אהנונג פון זייער באדייטונג, לאזען זיך פיהלען עד היום.

די אומגעשטאלטונג פון אלע פארהעלטענישען האט געמוזט טרעפען שארף דעם דור, וועלכער האט דורכגעלעבט די איינפיהרונג פון ספר דברים. ווארים דאס האט געבראכט מיט זיך פארענדערונגען, וואס האבען אריינ־געשניטען טיף ביז אין די ענינים פון דעם סאמע טעגליכען לעבען. פאר מאדערנע מענשען איז שווער היינט דאס צו פיהלען. דאס קאן איבער־הויפט נאר געשעהן, ווען מ'שטעלט זיך פאר די באדייטונג פון דעם קולט פאר דאס טעגליכע לעבען אין אלטערטום. אלע אפפער־ערטער אויסער ירושלים פאלען אוועק. דאס באדייט מעהר ווי אז דער איד קאן איצט דינען גאט אין דעם ארט וואו ער וואוינט בלויז מיט תפלות און מיט'ן רו־פען צו גאט; דאס באדייט א טיפען שניט דורך דער גאנצער ארטיגער אויפפיהרונג פון לעבען, ניט בלויז בנוגע צו ימים־טובים, נאר א וויטגע־

הענדיגע ענדערונג אין די טעגליכע געוואוינהייטען פון דעם הויזליכען און בירגערליכען לעבען. ביי די אמאליגע אידען האבען געמעגט עסען פלייש נאר די וואס זיינען געוועזן טהור. שעכטען א בהמה און עסען פלייש איז געוועזן א רעליגיעזע האנדלונג, ווארים יעדע שעכטונג איז געוועזן א קרבן (זבח). דער הויז־פאטער האט געשאכטען, רופענדיג צו יהוה. איצט אבער קאן מען דאך ניט פארלאנגען, אז דער איינצעלנער איד, וועלכער וויל מאַכען א פרעהליכע סעודה, זאל געהן מיט דער בהמה וואס ער וויל שעכטען און מיט אלע איינגעלאדענע געסט קיין ירושלים, — דעם איינציגען אָרט וואו מ'האט געמעגט מקריב זיין קרבנות זינט דער רעפארם. א גאסט קומט. די העפליכקייט פאדערט, אז מ'זאל שעכטען לכבוד איהם א בהמה פון דער סטאדע און מ'זאל מאכען א הולאנקע. דאס קאן מען איצט נאר טאן אין ירושלים. ס'איז דערפאר געוועזן א נויטווענדיגער באדינג פון דער צענטראליזירונג פון קולט אין שלמה'ס בית־המקדש מתיר צו זיין צו שעכטען אויך ניט אפפערענדיג. פון א קולט־האנדלונג ווערט די שעכטונג א האנדלונג, וועלכע שטעהט בלויז אונטער א רעליגיעזער השגחה; מען מוז נאר אכטונג געבען, אז דאס בלוט זאל אויסגעגאסען ווערען אויף דר'ערד און מענשען זאלען דערפון קיין הנאה ניט האבען. דאס פלייש־עסען גופא ווערט דערמיט איצט לגמרי א וואכעדיגע זאך. פריהער האט מען געמוזט מאכען אן אפפער־מאהלצייט, ווען מ'האט געוואלט געניסען פון פלייש; און מ'האט דעריבער געמוזט זיין טהור. איצט אבער הענגט עס בלויז אפ פון איינעם'ס קעשענע, צי ער זאל עסען פלייש אדער ניט. „דו מעגסט שעכטען און עסען פלייש מיט דער גאנצער לוסט פון דיין זעל לויט דער ברכה פון דיין גאט יהוה וואס ער האט דיר געגעבען אין אלע דיינע טויערן. דער טהור'ער און דער טמא'ער קאנען עס עסען ווי דעם הירש און די גאזעל. נאר דאס בלוט טארט איהר ניט עסען, אויף דר'ערד זאלט איהר עס אויסגיסען ווי וואסער" (דברים י"ב 15, 16). פון דאמאלסט אן שעכט מען גאר גלאט אזוי בהמות און מען מאכט וואכעדיגע הולאנקעס, אהן א פארבינדונג מיט דער רעליגיאָן. אט אזוי איז דורכגעבראכען געווארען דורך דער רעפארם אן אוראלטע זיטע.

די צאהל פון די קרבנות איז דורך דער רעפארם אסך געפאלען, וואָרים צו ברייגנען א קרבן האט געהייסען זיך גרייטען אין וועג אריין קיין ירושלים, און דאס האט געפאדערט אי צייט, אי געלד. א פלייסיגער און אויסגערעכענטער הויז־פאטער האט זיך דעריבער פריהער גוט מיישב געווען ביז ער האט באשלאסען צו ברייגנען א קרבן. דאס מקריב זיין א

קרבן ווערט דעריבער איצט לגמרי אפגעזונדערט פון די פארשידענע זיך בייטענדיגע עסקים פון טעגליכען לעבען. אויב מען מוז שוין ברענגען א קרבן, לעגט מען עס אפ אויף די ימים־טובים, ווען מען מוז סיי ווי סיי זיין אין היילינגטום. אט דערפון בילדעט זיך אויס דער שארפער חילוק צווישען דעם וואכעדיגען לעבען און דעם לעבען פון יום־טוב־צייט, צווי־שען דער וואכעדיגער שטימונג און דער יום־טוב׳דיגער שטימונג.

זינט מ׳האט מקריב געווען קרבנות זעלטענער און נאר צו א יום־טוב, איז נאטירליך געוואקסען די באדייטונג פון דעם קרבן. אבער ניט פאר אלע מינים קרבנות איז ארויסגעקומען די זעלביגע טובה דערפון. און דערמיט הייבט זיך אן א נייע אנטוויקלונג אין דעם ענין פון קרבנות, אן אנטוויק־לונג, וועלכע האט געפונען איהר אפשלוס אין תורת כהנים (ויקרא). די באדייטונג פון דעם פרידענס־אפפער (זבח שלמים), דער אפטעסטער קרבן אמאל ביי די אידען, נעמט איצט איבער דער גאנץ־אפפער (עולה), דער אייגענטליכער קרבן פון א יום־טוב. דער „קרבן־שלמים" האט נאר דערהאל־טען זיין באדייטונג ביי נדרים. דער עיקר אבער איז דאס וואס איצט איז גע־לעגט געווארען דער יסוד, אויף וועלכער דער זינד־אפפער האט זיך אנט־וויקעלט צו זיין שפעטערער באדייטונג. באצאהלען א דאנק־אפפער איז מקיים זיין א נדר האט זיך געלאזט מדחה זיין ביז צום קומענדיגען יום־טוב. אנדערש איז אבער ווען עס האנדעלט זיך מכוח באזייטיגען א פאר־שוועכונג, כדי צו ווערען צוריק פעהיג אנטייל צו נעמען אין קולט, אפצוא־ווישען יהוה׳ס צארן. ווער האט געקאנט אזא זאך אפלעגען? דער בא־טראפענער האט זעלבסטפארשטענדליך געמוזט געהן אזוי שנעל ווי מעגליך אין היילינגען ארט צו קריגען די הילף פון דעם כהן. די דאזיגע אנטוויקלונג האט זיך אבער ניט גלייך ארויסגעוויזען. דער ספר דברים הייסט נאך ברענגען א קרבן „פרעהען זיך מיט יהוה". אבער דערמיט וואס מ׳האט באזייטיגט אלע קולט־ערטער אויסער ירושלים, דערמיט וואס מ׳האט אויפ־געשטעלט אלס אידעאל די אויפהאלטונג פון דער אויסערליכער היילינגקייט און אלס ריכטשנור פאר׳ן קולט און זיטע א פעסטשטעהענדיג געזעץ — האט מען ארייגעשניטען אין ווארצעל פון דער אלטער זיטע און דער אלטער שטימונג פון אפפערען און מ׳האט צוגעגרייט די שפעטערע רעליגיעזע שטי־מונג פון יודענטום.

ווייטער באדייט די באזייטיגונג פון די במות און די אריבערפיהרונג פון זייערע כהנים, א צעטרייסלונג פון דער ארטיגער זיטע בכלל. דאס וואס מ׳האט תפלה געטאן און מקריב געווען קרבנות ביים זעלביגען מזבח,

וואס מ'האט פראקטיצירט דיזעלביגע קולטישע מנהגים, וואס מ'האט זיך דערצעהלט מיט גדלות דיזעלביגע לעגענדען וועגען דעם הייליגטום און זיין אנטשטעהונג — דאס אלצדינג איז געווען דער באנד וואס האט פעסט צו־נויפגעבונדען די געמיינדע אדער די גאנצע געגענד. און די גאנצע אויפ־פיהרונג פון דעם דאזיגען קיבוץ איז געשטאנען אונטער דעם שוץ פון דעם שותפות'ען מזבח. זיינע כהנים האבען השגחה געטאן, אז די דאזיגע אויפ־פיהרונג זאל איבערגעהן מיט אלע פרטים פון די פאטערס צו די זיהן. אט די אויטאריטעט פון די לאנד־כהנים איז אפגעשאפט געווארען; אלס איינ־ציגע אויטאריטעט וועגען דעם, וואס עס איז אין איינקלאנג מיט יהוה'ס ווילען און איז דערפאר לויט דער אידישער זיטע, זיינען איצט אויפגעשטעלט געווארען א בוך און די קעניגליכע כהנים. מ'האט מעהר ניט געקאנט אין פארפלאנטערטע ענינים קומען נאך אן עצה צום כהן אין איינענעם ארט. מ'האט זיך דארטען מעהר ניט געקאנט דערקונדיגען יהוה'ס ווילען דורך אן אראקעל, ניט מעהר באקומען דארטען אן אנטשיידונג אין א משפט. די גאט'ס־מענער, וועלכע זיינען שוין געווען די אינטימע און אויספרובירטע יועצים פון די טאטעס און די זיידעס און וועלכע האבען געשעפט זייער ווי־סען פיליכט פון די באריהמטסטע גאט'ס־מענער פון די אלטע צייטען, זיינען איצט דערוויטערט געווארען און זיי זיינען איצט לגמרי אפגעהאנ־גען פון דעם חסד פון די כהנים פון בית־המקדש אין ירושלים. „ווען עס וועט זיין פאר דיר א זאך צו שווער אפצו'פסק'ענען צווישען בלוט און בלוט, צווישען א דין און א דין, צווישען א קלאפ און א קלאפ — שטריי־טינקייטען אין דיינע טויערן, זאלסטו אויפשטעהן און ארויפגעהן צו דעם ארט וואס דיין גאט יהוה וועט זיך אויסקלייבען. און דו זאלסט קומען צו די כהנים, די לויים און צו דעם שופט*) וואס וועט זיין אין יענע טעג און דו זאלסט אנפרעגען און זיי וועלען דיר פסק'ענען" (דברים י"ז 9, 8).

אין משפט'ען האט די איינפיהרונג פון ספר דברים אין איין פונקט אם טיפסטען איינגעשניטען אין אידישען לעבען. יעדערער פון די קולט־ערטער, וועלכע יאשיהו האט אפגעשאפט, איז געווען א „מקום־מקלט" פאר די וואס האבען דערשלאגען א מענשען. דורך דעם איז עס מעגליך געווא־רען צו פארוואנדלען די אלטע זיטע פון בלוט־נקמה אין א געארדנעטען

---

*) דער פארפאסער קאן נאטירליך ניט זאגען „מלך", ווייל ער וויל ארויס־רופען די פארשטעלונג, אז ער שרייבט פאר דער אריינוואנדערונג אין מערב־זייט פון ירדן.

משפט און דער עיקר—דורך דעם איז מעגליך געווארען צו ערציהען דאס פאלק ווי צו אונטערשיידען צווישען מארדען און טויט־שלאגען. ביי דעם מזבח האט געזוכט זיך צו ראטעווען דער וואס האט גע׳הרג׳עט א מענשען, ביז דער פסק־דין פון די זקנים, די פארשטעהער פון די פאמיליען, האט באשלאסען, צי ער האט עס געטאן מיט פליים אדער אומגערן און צי מ׳דארף אויס־ליפערען דעם באשולדיגטען פון דעם הייליגטום צום „גואל הדם". דערי־בער פאדערט דער ספר דברים (קאפ. י"ט), אז אום עס זאלען ניט פארקו־מען קיין אומזיסטיגע בלוט־נקמות זאלען אפגעזונדערט ווערען דריי שטעדט אלס „ערי מקלט". ווארים ווען אט די אומגליקליכע וואלטען געמוזט לויפען ביז ירושלים, וואלט ניט איינער פון זיי געפאלען אויפ׳ן וועג אלס קרבן פון בלוט־נקמה. די דאזיגע דריי שטעדט, הייסט עס, זאלען אנהאל־טען אויף ווייטער די רעכטען פון זייערע מזבחות, נאכדעם ווי די מזבחות גופא זיינען צעשטערט געווארען. דאס איז געווען א מיטעל זיך צו העל־פען אין דער נויט.

מיט די מזבחות זיינען אויך געפאלען די לאקאלע ימים־טובים. ווער עס ווייסט ווי די דאזיגע ימים־טובים זיינען איינגעבאקען ביי די מענשען אין הארצען, דער וועט פארשטעהן ווי טיף דאס האט ארייגעשניטען אין דעם געפיהל פון יענעם דור. דערין איז אבער געלעגען א גרויסער רעלי־גיעזער פראגרעס. אין קיין זאך דערהאלטען זיך ניט אזוי לאנג די נאכוויר־קונגען פון עלטערע רעליגיאנס־שטופעס ווי אין די דאזיגע ימים־טובים. זייער אפשאפונג האט דעריבער גלייכצייטיג באדייט די ענדגילטיגע באזיי־טיגונג פון דער רעליגיעזער וויכטיגקייט פון די לאקאלע העלדען און זייערע קברים, פון די הייליגע ברונימער, שטיינער, קוואלען. עס וואלט נאטירליך געווען א גרויסער טעות זיך פארצושטעלען, אז עס האט גלייך אויפגעהערט יעדער קולט ביי זיי, ווארים אייניצעלנע אזוינע מנהגים האבען זיך דער־האלטען ביז אויף היינטיגען טאג. דאך האבען די דאזיגע הייליגטימער אנגעווארען דורך דער רעפארם זייער שייכות צו דער אפיציעלער רעלי־גיאן; און די מנהגים, וואס מ׳האט ביי זיי פראקטיצירט, זיינען פאררוקט געווארען אויף דעם געביט פון דעם פארבאטענעם, אבערגלויבישען קולט.

דערפאר האבען די דריי גרויסע ימים־טובים: פסח, שבועות, סוכות, באקומען דעם כאראקטער פון נאציאנאלע ימים־טובים: זיי זאלען פאר־איייניגען גאנץ ישראל ביים מזבח פון יהוה אין ירושלים. די אלטע פאדע־רונג, אז יעדער איד זאל ערשיינען דריי מאל אין יאהר פאר יהוה, ווערט אויסגעטייטשט אין ספר דברים אזוי, אז יעדער זאל פייערען די דאזיגע

ימים־טובים אין ירושלים (פארגלייך שמות כ"ג 17; ל"ד 23; דברים ט"ז 2, 5, 6, 11, 15, 16). אם גרינגסטען איז דאס געווען דורכצופיהרען צום הערבסט־יום־טוב (חג האסיף, סוכות). ווארים עס האט זיך פון זיך אליין אויסגעבילדעט דער מנהג עולה־רגל צו זיין צום הערבסט־יום־טוב אין א גרעסערען הייליגטום, און די אידען פון יהודה האבען שוין אין ישעיה'ס צייטען באזוכט ירושלים צו דעם דאזיגען יום־טוב. צו פסח און שבועות איז דאס אבער געווען א שווערע זאך, ספעציעל צו פסח. ווארים ווי קאן מען דאס פארלאנגען פון דעם פויער אוועקצוגעהן פון דער היים אויף מעהרערע טעג ביים אנהויב פון תבואה־שניט? דעריבער באגנוגענט זיך דער ספר דברים מיט דער פאדערונג, אז מ'זאל נאר קאכען און עסען דעם קרבן פסח אין דעם איינציגען ארט וואס גאט האט אויסגעקליבען; ער ערלויבט אבער צו געהן אהיים אויף מארגען פריה און צו פייערען די טעג פון דעם מצות־יום־טוב אין דערהיים (דברים ט"ז 7). די פארבינדונג פון דעם חג־הפסח מיט דעם חג־המצות, האט געמוזט זיין לגמרי א נייעס, לכל הפחות פאר ירושלים*). נאר אזוי דערקלערט זיך די נאטיץ אין מלכים ב, כ"ג 20, אז אזא פסח ווי אין 18טען יאהר פון קעניג יאשיהו איז נאך קיינמאל ניט געמאכט געווארען אין ירושלים.

אין איין פונקט זיינען די פון ספר דברים געשאפענע ימים־טובים נאך עהנליך צו די אלטע און אונטערשיידען זיך פון די שפעטערע אידישע ימים־טובים: זיי פאראייניגען נאך ניט די גאנצע נאציאן אין איין יום־טוב'דיגער געמיינדע, פאר וועלכער עס ווערען געבראכט באשטימטע שותפות'ע קרבנות, זיי פאראייניגען נאר אין ירושלים די אלטע קולט־געזעלשאפטען. אנשטאט וואס דער פויער פון חברון, פון בית־לחם, פון גבעה פלעגט פריהער פראווען זיין יום־טוב'דיגע סעודה אינ'ם קרייז פון

---

*) „חג הפסח" און „חג המצות" זיינען לכתחילה געווען צוויי באזונדערע ימים־טובים, וועלכע זיינען אויסגעפאלען בערך אין דערזעלביגער צייט. „חג הפסח" איז לכתחילה געווען א יום־טוב פון פאסטוכער און „חג המצות" א יום־טוב פון פויערים. אין אן עלטערער שטיק געזעצגעבונג, וועלכע שטאמט נאך פון פאר יאשיהו'ס צייט, שטעהט וועגען דעם קרבן פסח גאר באזונדער, ניט צווישען די „שלש רגלים" (שמות ל"ד 25). ערשט דער ספר דברים האט די דאזיגע צוויי ימים־טובים פארבונדען אין איין יום־טוב. עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז דער „חג הפסח" פלעגט פאר יאשיהו'ס רעפארם געפייערט ווערען בלויז אין פאסטוכער קרייזען, אבער ניט אין אזא גרויסער שטאדט ווי ירושלים.

זיין פאמיליע און זיינע פריינד, טוט ער עס איצט אין זעלביגען קרייז אין ירושלים.

אבער וואס פאר א ווערדע האבען אט די אלע ענדערונגען אין די זייטען פון פאלק לגבי דעם, וואס מיט דער פראקלאמירונג פון ספר דברים אלס געזעץ פון דער מלוכה ווערט געמאכט א פראבע אויפצושטעלען דורך אויסערליכע מיטלען יענע גאט׳ס־מלוכה, וועגען וועלכער די נביאים האבען נביאות געזאגט, וואס עס ווערט דעם אידישען פאלק אנגעוויזען א גאנץ נייע אויפגאבע און עס ווערט געלעגט דער יסוד פאר א פולשטענדיגער אומענדערונג פון זיין קאנסטיטוציע? דאס וויכטיגסטע ביי די געשעהענישען פון יאהר 621 איז, וואס אנשטאט דער אויפגאבע פון דער מלוכה האט דאס אידישע פאלק איצט באקומען א רעליגיעזע און קולט־אויפגאבע; און אלס היטער אויפצופאסען, אז די דאזיגע אויפגאבע זאל ערפילט ווערען בשלמות, ווערט באשטימט א געשריבענער ווילען פון גאט. די אידען ווערען דערמיט יהוה׳ס הייליג פאלק. און דורך דעם וואס א בוך ווערט באשטימט אלס רעגולאטאר פון דער פרומקייט פון גאנצען פאלק, ווערט געשאפען דער באגריף פון הייליגע שריפטען.

אט די אלע אומענדערונגען און אומגעשטאלטונגען, וואס זיינען געקומען אלס פועל־יוצא פון דעם ספר דברים, זיינען אבער געווען פאר דאס אידישע פאלק א היסטארישע נויטווענדיגקייט. ווארים יאשיהו׳ס רעפארם האט איהם געגעבען אין דער הייליגער תורה אן אנהאלט, דורך וועלכען עס איז פאר איהם מעגליך געווען איבערצולעבען דעם צוזאמענפאל פון דער מלוכה און גלייכצייטיג האט די רעפארם אויך צוגעגרייט יענע ענדערונגען אין דער ארגאניזאציע פון פאלק, וועלכע זיינען דערצו נויטיג געווען. אין אלטען ישראל האט די רעליגיאן זיך אנטוויקעלט מיט׳ן קעניגטום און דורך איהם, נאכהער דורך דער נבואה, בעת די כהנים זיינען מעהר געווען א קאנסערוואטיווער עלעמענט. אבער ניט קעניגטום און ניט נבואה, נאר די כהונה און די תורה זיינען שפעטער די פיהרער פון יודענטום. פונקט ווי דער פארשטענדיגער גערטנער, נאך איידער ער טראכט גאר וועגען אויסהאקען בוימער, וועלכע זיינען אומבאדינגט נויטיג פאר דעם קיום פון גאנצען גארטען, פלאנצט שוין איין נייע אויפ׳ן ריכטיגען פלאץ, כדי זיי זאלען אמאל זיין א „ממלא מקום“, אזוי הייבט שוין אן איצט, בעת דאס קעניגטום עקסיסטירט נאך און די נבואה ווירקט נאך, זיך ארויסצוהייבען דער קלאס פון די כהנים, אונטער וועמעס פיהרערשאפט דאס יודענטום איז געשטאנען הונדערטער יאהרען.

4

די כשדים, מדי און דער אונטערגאנג פון נינוה.

מיר שטעהען איצט ביי די לעצטע יאהרען פון אשור'ס הערשאפט. די אונטערוואָרפענע לענדער האָבען זיך באפרייט פון דעם דעספאָטישען יאָך פון נינוה, און יאשיהו האָט אויסגענוצט די ניי־געוואונענע פרייהייט דורכצופיהרען זיין עפּאָכע־מאַכענדע רעפאָרם. אָבער ניט אויף לאַנג איז די אידען באַשערט געווען צו האַלטען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט. די אשורישע אימפּעריע, וועלכע האָט געמאַכט א סוף צו דער צפון־מלוכה פון ישראל, איז אונטערגעגאַנגען, אָבער איהר פּלאַץ האָט פאַרנומען א נייע סעמיטישע אימפּעריע, וועלכע האָט צעשטערט אויך די געבליבענע דרום־מלוכה פון יהודה; דאָס איז געווען די וועלט־מלוכה פון די כאַלדעער אָדער, ווי זיי ווערען אָנגערופען אין תנ"ך, די כשדים.

ווענען די כאַלדעער איז אויבען דערמאָנט געוואָרען דורך־אַגב, אַז די מעדער האָבען זיך מיט זיי פאַרבונדען צו דערלאַנגען נינוה דעם לעצטען טויט־קלאַפּ. אריינטערעטענדיג איצט אין דער כאַלדעאישער פּעריאָדע פון דער אידישער געשיכטע, איז עס נויטיג זיך צו באַקאַנען א ביסעל נעהנטער מיט דער דאָזיגער ניי־באַבילאָנישער מלוכה, וועלכע האָט געמאַכט אַזא טיי־פען שניט אין גורל פון אידישען פאָלק.

די אָפּשטאַמונג פון די כאַלדעער איז טונקעל, דאָך ווייסען מיר מאַנכע פאַקטען ווענען זיי. זיי האָבען איינגעוואַנדערט אין באַבילאָניען פון דרום, קומענדיג פון דער געגענד פון פּערסישען גאָלף. זייער אור־היים איז גע־ווען אַראַביען, דאָס אַלטע היים־לאַנד פון די סעמיטען, פון וואַנעט אויך די אַקאַדער זיינען געקומען קיין באַבילאָניען. די כאַלדעער זיינען געווען סעמיטען, דאָס איז זיכער. פון דער עלטסטער צייט אַן וואָס מיר ווייסען פון זיי, טראָגען זיי סעמיטישע נעמען און פיהרען זיך אויף סעמיטיש הן אין רעליגיעזען, הן אי בירגערליכען לעבען. אין באַבילאָניען זיינען זיי אויפגעטראָטען נאָך דער אַלט־באַבילאָנישער פּעריאָדע. דאָס קאָן מען זעהן צום טייל דערפון, וואָס זייער ראַסע איז געבליבען ריין סעמיטיש, להיפוך צו די צפון־באַבילאָניער, וועלכע האָבען זיך דורכגעמישט מיט די ניט־סע־

מימישע איינגעוואנדערטע קאסיטען*), צום טייל דערפון וואס זיי האבען ביז זעהר שפעט דערהאלטען זייער ארגאניזאציע אין שבטים. וואס ווייטער האבען די כאלדעער כסדר זיך אלץ מעהר אויסגעשפרייט איבער א באדייטענדען טייל פון באבילאניען. אין דעם פרט זיינען זיי א נאהנטער פאראלעל צו די אראמעער, וועלכע האבען פאקטיש געהערט צו דערזעלביגער אלגעמיינער וואנדערונג-כוואליע ווי זיי גופא און זיינען שוין גאנץ פריה געווארען געפעהרליכע שכנים פאר אשור.

די עלטסטע היסטאריע פון די כאלדעער איז פון א האלב נאמאדישען, האלב אגריקולטורעלען פאלק, וואס האט כסדר געזוכט צו קריגען די רייכע שטיקער לאנד און די רייכע שטעדט פון זייערע גליקליכערע שכנים, די באבילאניער. אונטער זייער נאמען „קאלדי" טרעפען מיר זיי צוערשט אין 9טען יאהרהונדערט (פאר דער קריסטליכער ערא). איז א משך פון ארום הונדערט יאהר אונטערווארפען זיי זיך מיט ווייניג ווידערשטאנד אונטער די מלכים פון אשור. דערנאך זעהען מיר זייערע שבטים ארויסווייזענדיג א שותפות'דיגען ווידערשטאנד געגען דער ערובערונג-לוסט פון אשור און מיר זעהן אויך א מערקווירדיגע לוסט צו מלחמה פון זייער זייט גופא. דאן טרעפען מיר זיי אין דער צייט פון סרגון און סנחריב אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם גרויסען מרדך-בלאדן, וועלכער האט געשטרעבט אריינצוקריגען בבל גופא אונטער זיין רשות. מיט הפסקות האט ער טאקע געהערשט איבער איהר, מאכענדיג יד־אחת מיט דער פאטריאטישער פארטיי פון באבילאניען. מרדך-בלאדן'ס הערשאפט איז צעשמעטערט געווארען דורך אשור, די כאלדעער זיינען געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציהען אין זייער היים-לאנד ביים פערסישען גאלף, אבער אלץ זיינען זיי געבליבען אומבאזיגבארע שונאים פון אשור. זיי האבען זיך נאך אלץ געפונען אין גרויסע צאהלען אין באבילאניען און האבען נאר געווארט אויף דעם טאג, ווען זיי וועלען זיין בכוח ארויסצובריינגען א שטארקען מאן ווי מרדך-בלאדן, וועלכער זאל אויסנוצען אדער זאל שאפען א גינסטיגע געלעגענהייט צו באקומען די הערשאפט.

וואס שנעלער אשור'ס מאכט איז געגאנגען אויף אראפ, אלץ שנעלער איז דערפאר געשטיגען די מאכט פון די כאלדעער. גלייך נאך אשורבאניפאל'ס טויט געפינען מיר דעריבער דעם כאלדעאישען פירשט נבו-פלאסר („נאבו־אפיל־אוצור", „נבו, באשיץ דעם זוהן") אלס קעניג אדער וויצע-

*) זעה אין ערשטען באנד ז. 81.

קעניג פון בבל. מ׳קאן באטראכטען אט די נייע מאנארכיע אלס א צוריק־אויפשטעלונג פון דער אלט־באבילאנישער אימפעריע; עס איז אבער מעהר אין איינקלאנג מיט די פאקטען זי צו באטראכטען אלס א נייע כאלדעאישע מלוכה, וואס האט גע׳ירש׳עט די גראנדיעזע אינסטיטוציעס און די רייכע טראדיציע פון דער אלטער בבל.

נבו־פלאסר איז געווען גענוג קלוג ניט צו מאכען מעהר ווי איין טריט אויף אמאל; און אזוי ווי דער נעכסטער טריט האט איהם געזאלט מאכען פאר׳ן יורש פון נינוה גופא, האט ער געמוזט פריהער זיך גוט ארומקוקען. ער האט זיך ניט געטארט איילען און האט געמוזט זיין פארזיכטיג, ווארים ער האט געהאט א שטארקען קאנקורענט אין קיאקסארעס, דעם קעניג פון מדי, וועלכער איז געשטאנען בראש פון א יונגען און א קרעפטיגען פאלק. שוין דער פאטער פון קיאקסארעס, פראארטעס, האט, ווי ס׳איז אויבען דער־מאנט געווארען, געפונען זיין טויט אין קאמף געגען אשור, און זיין זוהן האט איצט געסטראשעט צו ווערען דער יורש פון נינוה און דערמיט דער הערשער פון דער גאנצער סעמיטישער וועלט. מיט איהם איז נבו־פלאסר אריינגע־טראטען אין פארהאנדלונגען און זיי זיינען געקומען צו א פארשטענדיגונג ווי זיך צו טיילען מיט דער אשורישער אימפעריע. פאר דעם גורל פון דער סעמיטישער וועלט, אריינרעכענענדיג דעם גורל און די האפענונגען פון ישראל, איז פיליייכט ניט געווען קיין קריטישערער מאמענט ווי בשעת נבו־פלאסר האט באשלאסען צו ציהען זיין שווערד אין דינסט פון מדי אין דער לעצטער אטאקע אויף דער פארהאסטער אשור.

די פרטים פון דער באלאגערונג און דער עראבערונג פון נינוה ווייסען מיר ניט. מיר זיינען אפילו ניט זיכער אין וועלכען יאהר די עראבערונג איז פארגעקומען. אשור איז נאך געווען א מאכט אין יאהר 608, ווען פרעה נכו דער צווייטער האט אונטערנענומען געגען נינוה זיין מארש, וועלכער האט זיך אזוי משונה׳דיג און טראגיש געענדיגט (מלכים ב, כ״ג, 29). אין יאהר 605, דער דאטום פון דער שלאכט ביי כרכמיש (ירמיה מ״ו 2), איז נינוה שוין מעהר ניט געווען, און די יורשים האבען זיך שוין געהאט צעטיילט די ירושה. מיר מוזען שטעלען דעם דאטום פון דער עראבערונג פון נינוה אין יאהר 607 אדער 606. די שטאדט איז אזוי צעשטערט געווארען ביז׳ן גרונט, אז די וועלט האט אזוינס נאך ניט געזעהן, ניט ביז דעמאלט און ניט זינט דעמאלט. די אנגעזאמעלטע שנאה פון די אזוי לאנג געדריקטע פעלקער האט ענדליך געפונען אן אויסדרוק. הגם די מעדער און די כאלדעער זיינען געווען די פיהרער, האבען זיך אבער געפונען אין די רייהען פון די באלא־

גערער קריגס־לייט פון ווייט און פון נאהנט, פאר וועמען די נקמה אן אשור איז געווען א היילינע זאך. די פארוויסטונג פון הונדערטער שטעדט דורך דעם גרויזאמען חיל פון נינוה איז איצט פינקטליך צוריקגעצאהלט געווארען דעם אונטערדריקער. נאכדעם ווי דער שווערד און דאס פייער האבען דאס זייעריגע געטאן, איז די שטאדט באגראבען געווארען אונטער חורבות און ערד, אזוי אז איהר געדעכעניש זאל אפגעווישט ווערען פון צווישען מענ־שען.

און דאס איז דער לעצטער גורל פון נינוה, איהר פולשטענדיגע צעשטע־רונג, מערקווירדיגער ווי איהר ערשטער גורל, ווי איהר הערשאפט איבער דער וועלט. דיזעלביגע מיטלען, וועלכע מ'האט אנגעווענדט אפצוואווישען דעם זכר פון דער שטאדט, האבען דוקא געווירקט איהר צו פארזיכערען א נייע אומשטערבליכקייט. קיין נייע מויערען און טעמפלען זיינען ניט אויפגע־בויט געווארען פון איהרע ריזיגע שיריים. קיין וואנדערענדיגע הארדען הא־בען ניט אויפגעשטעלט זייער לאגער צווישען איהרע חורבות. אפילו די לאנגזאם־צעשטערענדע עלעמענטען פון דער נאטור האבען דא קיין ווירקונג ניט געקאנט האבען. אויף אזא אופן איז איהר צעשטערונג געווארען איהר אויפהאלטונג. און אט אזוי שטעהט זי היינט, אויסגעגראבען און זעלבסט־אנטפלעקט, דערצעהלענדיג צו פרעמדע פעלקער, צו די אלע איינוואהנער פון דער ערד, דורך איהרע אייגענע געשריבענע מאנומענטען, דעם געוואלדיגען מוסר־השכל פון איהר געשיכטע, וועלכע ברעכט דורך די שטילקייט פון די דורות ווי די שטים פון א וועלט־משפט.

נבו־פלאסר האט געלעבט בלויז צוויי יאהר נאך דעם פאל פון נינוה, און עס איז געבליבען פאר זיין גרויסען זוהן נבוכדראצר („נאבו־קודור־אוצור". „נבו, האלט אויף דעם גרעניץ", 562-604 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) צו געבען דער כאלדעאישער אימפעריע איהר דויערהאפטען כאראקטער.

5.

ירמיה — דער נביא, דער דיכטער און דער מענש.

(א כאראקטער־בילד).

אין דער פינסטערער נאכט, אין וועלכער יהודה פארזינקט אין דער פעריאדע פון דער כאלדעאישער וועלט־הערשאפט, איז די געשטאלט פון

דעם נביא די לייכטענדע אווענט־זון, וועלכע פארשפרייט ארום און ארום איהרע גאלדענע שטראהלען.

ירמיה איז איינער פון די אינטערעסאנטסטע און אנציהענדסטע געשטאל־טען פון תנ"ך; אינטערעסאנט צוליב די פארשידענארטיגע שטריכען וואס מיר באגעגענען אין זיין כאראקטער; אנציהענד, ווייל אין אסך פרטים איז ער אונז מענשליך נעהענטער ווי אלע אנדערע נביאים, פאר וועמעס געוואלדיגער גרויסקייט מיר שטעהען שטיל אין א צוריקגעהאלטענער באוואונדערונג.

ווייכקייט און פעסטקייט, געבארענע נייגונג און שווער אויסגעקעמפ־טע שטארקייט פון ווילען, נאכקלערונג און אינטואיציע — אזוינע היפוכים פאראייניגען זיך אויף א העכסט אייגענארטיגען אופן אין ירמיה'ס כאראק־טער. פון נאטור איז ער געווען א מאן מיט א ווייכען, צארט־פיהלענדען געמיט, לייכט צוגענגליך פאר אלע איינדרוקען, פיהלענדיג טיף אלצדינג, דעם וועהטאג אזוי גוט ווי די פרייד. קיין זאך איז ניט אזוי ווייט פון איהם ווי פאנאטיזם און הארטקייט; קיין זאך איז איהם ניט שרעקליכער ווי צו לעבען מיט מענשען אין פיינדשאפט. ער האט שטארק ליב אומשול־דיגע פרעהליכקייט; ער וואלט גערן געזעסען אזוי ווי אנדערע אין פרעהליכע קרייזען און זיך משמח געווען. באזונדערס טיף איז געווען זיין ליבע צו זיין פאלק. קיין איד האט נאך נים געליבט זיין פאלק און זיין לאנד מיט א ברענענדיגערע, הייסערער ליבע ווי ירמיה. אבער דורך דעם דאזיגען לע־בען, וואס איז דורכאויס געווען געשאפען פאר הארמאניע און פרידען, געהט דורך א שרעקליכער ריס. צוליב זיין שליחות אלס נביא מוז ירמיה ווערען א מאן פון שטרייט און קריגערייי פאר דער גאנצער וועלט. ער האט גע־מוזט אויסשטעהן פיינדשאפט ווי קיין אנדער נביא, האט געמוזט מיט אן אומבויגזאמער פעסטקייט זיך שטעלען אנטקעגען זיין גאנצען פאלק, האט געמוזט בלייבען אליין און ווערען איינזאם אינמיטען פון זיין סביבה. ס'איז וואונדערליך ווי גאט מאכט פאר זיין געצייג דוקא יענע, וואס עס דוכט זיך, אז זיי זיינען פון נאטור אם וועניגסטען מסוגל דערצו. ירמיה זאגט ניט ווי ישעיה בעת ער ווערט גערופען צו זיין א נביא: אט דא בין איך, שיק מיך! צוריקגעהאלטען און ציטערדיג זוכט ער זיך ארויסצומאכען פון דער שווערער אחריות פון אזא שליחות: אה, מיין האר, איך קאן ניט ריידען, איך בין נאך צו יונג! און אויך שפעטער נאך זעהן מיר ווי ער ליידט אונטער דער לאסט, וואס זיין שליחות אלס נביא האט אויף איהם ארויפגעלעגט; ער האט אם טיפסטען געפיהלט דעם שפאט און די שאנד, וואס מ'האט איהם אנגעטאן. ער באקלאגט זיך אפטמאל געגען גאט און געהט ארום מיט

דעם געדאַנק אויפצוגעבען איבערהויפּט זיין באַרוף אַלס נביא. אָבער ער ווייסט אויך, אַז אַזעלכע געדאַנקען זיינען ניט רעכט; ער ווייסט ווי גע־פעהרליך עס איז נאַכצוטראַכטען וועגען די כוחות און די מיטלען וואָס מ׳פאַרמאַגט, ווען גאָט האָט געשטעלט אַ באַשטימטע אויפגאַבע. ער שטראָפט זיך אַליין פאַר וואָס ער באַקלאָגט זיך, און גיט זיך גופא דעם געטליכען ענט־פער אויף אַזעלכע קלאַגען: קעהר זיך צוריק צו מיר, ווען דו ווילסט ווייטער דינען פאַר מיר אַלס מויל! דאָס הייסט, ווען דו ווילסט ווייטער זיין אַ נביא, ווען דו ווילסט, אַז איך זאָל דיך שיצען און העלפען. דו מוזט ווערען דאָס, צו וואָס איך האָב דיך אויסגעקליבען.

אָבער עס דוכט זיך בלויז פון אויבען אויף, אַז ירמיה איז ניט געווען דער פּאַסענדער מאַן פאַר דער שליחות, וואָס גאָט האָט איהם איבערגעגע־בען. ער איז געווען איינער פון די נאַטורען, וועלכע פאַרמאָגען נעבען זייער וויכקייט און זייער געפיהל פאַר שמערצען אויך אַן אינערליכע שטאַרקייט, וואָס מאַכט זיי אין אַן אַנטשיידענדען מאָמענט שטאַרקער ווי אַלע, לפנים קרעפטיגע, נאַטורען. ירמיה האָט געהאַט אַ געוויסען, וואָס איז געווען צאַרט, אָבער וואָס האָט אומעטום געלאָזט פיהלען אַ פעסטען ווילען צו דאָס, וואָס האָט זיך ארויפגעצוואונגען אויף איהם אַלס אמת און רעכט. פּונקט ווי ער איז לויטער און אמת געגען זיך גופא און זאָגט ארויס אָהן צוריקהאַל־טונג זיינע אייגענע שוואַכקייטען און פעהלערן, אַזוי איז אויך געווען פאַר איהם אַן אינערליכע נויטווענדיגקייט זיך איינצושטעלען אומעטום פאַר דאָס, וואָס ער האָט אָנערקענט אַלס רעכט און אמת און צו קעמפען ביז אין בלוט געגען אומרעכט און שקר. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגען דעם ליגען פון פאַלשע באַציהונגען. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אָננעמען פאַר ממשות׳־דיג אַ באַגייסטערונג פון יוצא וועגען; זיין דורכדריגענדע וואָרהאַפטקייט האָט צעשטערט יעדע זעלבסט־נאַרעריי און איינגעבילדיגטע גערעכטיגקייט ביי זיך ווי ביי אַנדערע. ער האָט דעריבער ניט געקאָנט פאַרטראָגען וואָס דאָס פאָלק האָט זיך איינגערעדט נאָך יאשיהו׳ס רעפאָרם, אַז עס האָט שוין געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך געווען: אַ פּאָר געצענבילדער דערוויטערט, אַ פּאָר מזבחות אַראָפּגעריסען, און דאָס זאָל הייסען תשובה געטאָן! שקר און חניפה! ווען איהר ווערט ניט אַנדערש אינווענינג אין האַר־צען, וואָס קאָנען אַט די אויסערליכקייטען העלפען? וואָס פאַר אַ מין פאָל־קשע, שקר׳דיגע געזעלשאַפט דאָס איז אין ירושלים! קרבנות ברייגגען זיי אַסך, אָבער דערביי טרעטען זיי יהוה׳ס הייליגען ווילען מיט די פיס! קיין זאַך קימערט זיי ניט, אויסער געווינס, פאַרמעגענס, געלט. דאָס רעכט ווערט

געבויגען, וואו עס לאָזט זיך נאָר, די שוואַכע און אונטערדריקטע זייגען קיינעם'ס דאגה ניט. קאָן דאָס אַזוי ווייטער אָנגעהן? ניין! א שטראָף מוז קומען, אַזוי וואהר ווי יהוה איז א גערעכטער און לעבעדיגער גאָט. האָט דאָס דאָזיגע פאָלק א רעכט צו קעמפען פאַר זיין פרייהייט? ניין! יהוה גופא מוז דאָ קעמפען פאַר זיינע פיינד!

פון וואַנעט האָט ירמיה, פון וואַנעט האָבען אָט די אַלע נביאים, די אַבסאָלוטע געוויסהייט, אַז יהוה וועט שטראָפען מיט זיין שטרענגען משפט פאַר דאָס אומרעכט און פאַלשקייט? אין תוך גענומען איז עס זייער אייגענער מאָראַלישער כאַראַקטער, וועלכער דערקלערט אָט די פעסטקייט און באַשטימטקייט פון זייער וועלט־באַטראַכטונג. נאָר דער וואָס פיהרט זיך אויף אין זיין אייגענעם לעבען לויט די פאָרשריפטען פון א מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג, איז ביכולת צו האַלטען פעסט דעם גלויבען אין אַזאַ וועלט־אָרדנונג. דער מאָראַלישער כאַראַקטער איז אויך ביי ירמיה'ן דער פאָרבאַדינג פון זיין נביא'ישער ווירקונג און לעהרע. מיר קאָנען זעהן פון ירמיה'ס רייד, אַז ער איז געוועזן דורכגעדרונגען מיט דעם אמת פון זיין איבערצייגונג. ער איז געוועזן ניט בלויז דער יאָמערענדיגער, וועלכער באַוויינט אין ווייכע טענער זיך און זיין פאָלק'ס אומגליק, ווי עס איז אָנגענומען איהם פאָרצושטעלען; מיר מוזען זיך איהם פאָרשטעלען שוין אין זיין יוגענד אַלס א פייערי־גע נשמה, וועלכע איז פעהיג געוועזן אויף א הייליגען צאָרן און אַן איידעלער ליידענשאַפט, פונקט ווי אויף ווייכע געפיהלען און צאַרטע ריהרונגען. ווי שטאַרק ער איז ניט געוועזן געשטערט אין זיין עפענטליכען אויפטרעטען דורך זיין נאַטירליכער צוריקגעהאַלטענקייט און זיין ווייכען געמיט, ווי טיף און דריקענדיג ער האָט ניט געפיהלט די אומפאַרמיידליכע פיינדשאַפט פון אַלעמען ארום — דאָך, ווען זיין געוויסען האָט עס געפאָדערט, איז ער אויפגעטראָטען מיט דער שטאַרקסטער מאַכט און האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר קיין סכנה און פאַר קיין געגנערשאַפט. אָט דער פעסטער ווילען צו האַנדלען אונטער אַלע אומשטענדען, ווי די אינערליכע שטים האָט איהם געטריבען, איז דער סוד פון זיין קראַפט. מיט דער קראַפט איז ער ניט בלויז געוואָרען פעסט ווי א פעלז, נאָר ער איז אויך אין איינזאַמער גרויסקייט אריבערגעשטיגען זיין פאָלק און זיין גאַנצע צייט.

צוגלייך מיט דעם נביא איז אין ירמיה'ן אויך בולט דער דיכטער. דער גרעסטער טייל פון זיינע נביאי'שע רייד ווייזען דייטליך ארויס

א פּאָעטישע פאָרם; נאָך מעהר אָבער איז דער אינהאַלט פון די רייד א פּראָדוקט פון א פּאָעטיש־באַגאַבטען פאַרפאַסער. דער צושטאַנד פון דער נשמה, וואָס שטייגט אַלץ העכער און העכער, פיהרט ממילא ביי די נביאים צו א פּאָעטישער פאָרם; ביי ירמיה'ן קאָן מען אָבער אויך דערקענען די מיטגעבאָרענע פעהיגקייט און דאָס מיטגעבאָרענע באַדערפעניש צו לאָזען ארויסשטראָמען אין א פּאָעטישער פאָרם דעם איבער־מעכטיגען אינערליכען תוך פון דער נשמה. שוין דער מערקווירדיגער נאַטור־זין פון דעם נביא ווייזט אויף א פּאָעטישער באַגאַבונג. ווי ער לעבט דאָס מיט דער נאַטור, און ווי ער זעהט אַלצדינג אין איהר! ווי רייך אין צאָהל און ווי לעבעדיג זיינען די בילדער, וואָס ער לייהט פון דעם לעבען אין דער נאַטור. דער ברויזענדיגער ים און דער הייסער גלוט־ווינט פון מדבר, דאָס פליהען פון די פויגלען און די פּאַסטקע פון דעם לאַנדמאַן אין פעלד און די זאָרג פון דעם פּאַסטוך פאַר זיין סטאַדע; די כלה וואָס פּוצט זיך מיט דעם פּראַכט־גורט; די יונגפרוי וואָס נעמט אין איהר האַנט דעם פּויק צום טאַנץ; דאָס שפּיל פון די קינדער אויף די גאַסען; דער לויערענדער בעדואין אין מדבר; דער לייב אין געדיכטען וועלדעל און דער געפלעקטער לעמפּערט; די הירש־קוה (אילה) וואָס געבערט אויפ'ן פעלד און דער ווילדער אייזעל וואָס טרייבט זיך ארום אין דער סטעפּע — אַלץ, אַלץ ווערט פון איהם באַמערקט און אויסגענוצט. אָבער נאָך מעהר איז עס דער אייגענער נשמה־צושטאַנד אין ירמיה'ן, וואָס זוכט זיך אויסצודריקען אין א פּאָעטישער פאָרם. נאַטירליך הערען מיר זעלטען ווערטער פון יובעל און אריבערשטראָמענדער פריידע; דערפאַר אָבער הערען מיר אַזוי אָפט דאָס קלאָג־ליד און דעם טרויער־געזאַנג. ווי האָט עס געקאָנט אַנדערש זיין ביי א מאַן, וועלכער האָט געמוזט ארומגעהן אין מיטען פון אַן אויסגעלאַסענעם און נאַריש־זיכערען פאָלק, געפייניגט פון פינסטערע פאָראויסזעהונגען און פון א שרעקליכער געוויסהייט אין דעם נאָהנטען משפּט? ווען ער האָט געזעהן ווי די קינדער האָבען זיך געשפּילט אויף דעם מאַרק, ווי די אַלטע לייט האָבען זיך געפרעהט בשעת די יוגענד האָט געטאַנצט, איז פלוצלונג דאָס פרעהליכע בילד פאַרשוואונדען פון זיינע אויגען, און ער האָט קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן ווי דערשלאָגענע, ליגענדיג אויף דער ערד, טויטע קערפּערס ווייט און ברייט ארום, אומגעקומען דורך מגפה און הונגער. נעם דיר ניט קיין ווייב אין דעם דאָזיגען אָרט, זאָגט גאָט צו איהם, וואָרים אונטער שרעקליכע יסורים וועלען ווייבער און קינדער שטאַרבען אין דעם דאָזיגען אָרט! אָט אַזוי ווערט עס פאַר איהם אַן אינערליך באַדערפניש צוצוגעבען צו זיינע וואָר־

גונגעו וועגעו דעם גאהנטען משפט די קלאג און דעם יאמער איבער דעם אונטערגאנג פון זיין פאלק! אט די אלע שטימונגען און געפיהלען האבען געפאדערט א פאעטישען אויסדרוק. און ועל כולם האט ער דען געקאנט אויסדריקען אנדערש ווי אין א פאעטישער פארם דאס וואס האט איהם איי נערליך באוועגט, וועו ער האט זיך געטרייסט מיט דער גלענצענדער צוקונפט פון דעם נייעם ישראל? דאס וואס ירמיה האט ארויסגעזאגט אין דעם פרט געהערט, אויך עסטעטיש באטראכט, צו דאס שענסטע וואס מיר פארמאגען פון העברעאישער פאעזיע.

נעבען דעם נביא ציהט דערפאר ירמיה אונזער אויפמערקזאמקייט אויך אלס פאעט. נעהנטער אבער וויביידע שטעהט אונז ירמיה אלס מענש.

6.

ירמיה׳ס אויפטריט.

ירמיה׳ס ערשטער אויפטריט אלס נביא קומט פאר אין 18טען יאהר פון יאשיהו׳ס רעגירונג. דאס הייסט בכן אין דער צייט פון דער אפגעטעריי, פאר דעם קעניג׳ס רעפארם. עס איז אויך די צייט ווען פאר יהודה איז פאר־ געשטאנען די געפאהר פון א באפאל פון די סקיטען. פאקטיש ווערען ביידע זאכען, די אפגעטעריי פון יהודה און די סכנה מצד פון די סקיטען, געבראכט אין א צוזאמענהאנג, ווען ירמיה רופט אויס אין יענער צייט:

„...פארזאמעלט זיך, כדי מיר זאלען קומען אין די פעסטע שטעדט,\
הייבט אויף א פאהן קיין ציון!\
אנטלויפט, בלייבט ניט שטעהן!\
ווארים אן אומגליק ברייננ איך פון צפון\
און א גרויסען בראך.\
דער לייב האט זיך אויפגעהויבען פון זיין געדיכטען וועלדל,\
א פעלקער־צעשטערער איז ארויסגעצויגען,\
איז ארויסגעגאנגען פון זיין ארט,\
צו מאכען דיין לאנד פאר א וויסטעניש,\
דיינע שטעדט וועלען פארברענט ווערען\
און בלייבען אהן מענשען...\
א פאלק קומט פון צפון־לאנד,

א גרויסע גאַציאָן ערוואַכט פון די ענדען פון דער ערד;
בויגענס און שפּיזען טראָגען זיי,
אומדערבאַרימלעך זיינען זיי,
זיי ווייסען ניט פון רחמנות"...

ירמיה ד, 5—7; י 22, 23).

באַלד נאָכדעם איז געקומען יאשיהו׳ס רעפאָרם. מיר ווייסען ניט צי אין און ווי אזוי איז ירמיה דערביי טעטיג געווען. אז ער האָט גענומען אין איהר דעם לעבעדיגסטען אינטערעס, איז קיין שום ספק ניט. אָבער ביי דער ריכטונג, וועלכע די זאַך האָט אַנגענומען, דערקלערט זיך אויך זעהר לייכט, וואָס ירמיה האָט, ווי פריהער אזוי אויך ווייטער, זיך באַקלאַגט אויף יהודה. ער וויל לחלוטין ניט הערען פון אויסערליכע געזעצען און אויסגע־לערענטע געבאָטען; ער פאַרלאַנגט, אז אנשטאַט דאָס פלייש זאָל דאָס הארץ באשניטען ווערען. באשניטענע הערצער קאָן ער אָבער אויך איצט ניט געפינען (ירמיה ט, 25).

7.

יאשיהו׳ס טויט. פרעה נכו.

וועגען יאשיהו׳ס רעגירונג נאָך דער רעפאָרם האָבען מיר צום באַדויערען קיין גענויערע ידיעות ניט. עס ווייזט אָבער אויס, אז זי איז געווען פרידליך און גליקליך. איגוועניג אין לאַנד האָט געהערשט רוה און פון דרויסען איז זינט אשור׳ס אָפּשוואַכונג ניט געווען מעהר צו שפּירען דעם דרוק פון דער פרעמד־הערשאַפט. זינט אשורבאניפאַל׳ס לעצטען פעלד־צוג אין יאָהר 645 צו נעמען נקמה פון איניגע פעניקישע שטעדט, ווען ער איז אזוי אכזריות׳דיג זיך באַגאַנגען געגען די אויפשטענדישע איינוואוינער פון עכו, הערען מיר ניט, אז אשור זאָל פּרובירען לאָזען פיהלען איהר הערשאַפט אין מערב. די פעלקער אין מערב האָבען לגמרי געהאַט רוה און האָבען געקאָנט זיך אַנטוויקלען אין פרידען. און נאָכדעם ווי נבופּלאַסר האָט זיך באפרייט פון אשור, איז די אשורישע ממשלה איבער סיריען איבערהויפּט געווען בלויז נאָמינעל. די וואַסאַלען, צווישען זיי אויך יאשיהו, זיינען געווען זייערע אייגענע הארען. זינט פּסאַמעטיך איז געוואָרען זעלבשטענדיג, האָט ער אפילו, אין איינקלאַנג מיט די טראַדיציעס פון דער מלוכה פון די פרעה׳ס, געשטרעבט צו געווינען אונטער די איצטיגע גינסטיגע אומשטענדען

אזוי פיעל ווי מעגליך פון דער אלטער הערשאפט פון עגיפטען איבער סיריען און פאלעסטינא. דערפון איז על־כל־פנים צו דערקלערען זיין אטאקע אויף די פלשתים, וועלכע האט זיך אויסגעלאזען מיט דער לאנגער באלאגערונג פון אשדוד. אבער פון אן אריינפאל אין דער טעריטאריע פון יהודה הערען מיר ניט; דאס לעגט זיך אויך ניט אויפ׳ן שכל, מחמת דער שטורם פון די סקיטען, וועלכער האט על־פי השערה זיך איצט אנגעהויבען (ארום יאהר 625), האט גענוג אורזאך געגעבען פסאמעטיד׳ן זיך צופרידענצושטעלען וואס ער קאן זיך האלטען אין עגיפטען. אבער אויך יענער שטורם האט, ווי עס ווייזט אויס, גיך זיך איבערגעקאכט, און לויט אלע סימנים איז דער שרעק פאר איהם געווען גרעסער פון דעם שאדען, וואס ער האט באמת אנ־געמאכט אין יהודה. עס קאן גרייליך זיין, אז דער סקיטען־שטורם, צי עס איז נאך פארגעשטאנען א סכנה פון איהם, צי ער איז שוין געווען אריבער, האט מיטגעווירקט צו מאכען יאשיהו׳ן געניינגט צו דער רעפארם. יעדענפאלס אבער האט איהם די אפשוואכונג פון אשור׳ס מאכט געגעבען די סיבה און דעם מוט אפצושאפען אויך די אשורישע פארמען פון קולט.

ערשט דרייצעהן יאהר נאך זיין רעפארם הערען מיר ווידער עפעס פון יאשיהו׳ן. די אטאקעס אויף דער אשורישער וועלט־מלוכה זיינען איצט אריינגעטראטען אין א נייער פעריאדע דורך דעם בונד פון מדי מיט בבל. אין יאהר 608 געפינען מיר דעם קעניג פון מדי קיאקסארעס, צוזאמען מיט דעם כאלדעאישען קעניג נבו־פלאסר פון בבל אין דעם לעצטען פארניכטענ־דען קאמף געגען אשור. אשור געהט צו איהר ענד. עגיפטען נאטירליך רע־כענט אויך, אז זי טאר איצט ניט פארביילאזען די געלעגענהייט צו באקור־מען צוריק איהרע אלטע רעכטען אויף סיריען. פסאמעטיד׳ס זוהן, פרעה נכו דער צווייטער, וועלכער האט נאר וואס אין יאהר 610 דעם טראן בא־שטיגען, קומט ארויס, ווי דער ספר מלכים דערצעהלט, מיט דער כונה צו מארשירען צום פרת געגען דעם מלך פון אשור. עס האט זיך אויסגעדוכט, אז נאך קיינמאל איז ניט געווען אזא געלעגענהייט צו פארכאפען די ממשלה פון די אשורים איבער סיריען און צו באקומען פאר דער מלוכה פון די פרעה׳ס איהרע אלטע רעכטען.

וואס פאר א שטעלונג די איינצעלנע קליינע מדינות פון סיריען האבען גענומען צו דער דאזיגער אונטערנעמונג נכו׳ס, ווייסען מיר ניט, מחמת אין תנ״ך איז דער באריכט צו קורץ און קיין אויפשריפט פון נכו וועגען זיין פעלד־צוג האבען מיר ניט. עס לאזט זיך אבער אננעמען, אז היות ווי פון אשור איז איצט ניט געווען מעהר צו דערווארטען קיין הילף, האבען

די דאָזיגע קליינע מדינות פּרובירט פּאַרטיידיגען מיט אייגענע כוחות די זעלבשטענדיגקייט, וואָס זיי האָבען נאָר וואָס געוואונען נאָך אַ קאַמף פון הונדערטער יאָהרען. יאשיהו׳ס ביישפּיל און די פריהערדיגע פּראָבעס זיך אָפּצואָוועהרען פון אשור ברייננען אַרויף די השערה, אַז יאשיהו איז ניט געווען דער איינציגער וואָס האָט זיך געשטעלט געגען נכו מיט געוועהר אין האַנט. דער עיקר אָבער וואָס יאשיהו׳ס האַנדלונג ווייזט אונז איז, אַז פּונקט ווי שוין אָפט פריהער ביי די קליינע מדינות פון סיריען, אַזוי איז אויך אין דער קריטישער לאַגע ניט געקומען צו קיין גרעסערער פאַרבינדונג, און דורך דעם איז דער גורל פון די איינצעלנע מדינות, אַזוי ווייט ווי זיי האָבען אַרויסגעוויזען ווידערשטאַנד, שוין ממילא געווען פאַר׳חתמ׳עט. אַט אַזוי שטעלט זיך אויך יאשיהו מיט אייגענע כוחות געגען נכו, ניט וועלענדיג אָפּפּערען זיין ערשט געוואונענע זעלבשטענדיגקייט צו אַ נייעם אונטערדריקער. ביי מגידו אין דעם טאָל פון קישון, ביים צפון־ראַנד פון דער געגענד וואָס יאשיהו האָט באַזעצט, קומט עס צו אַ שלאַכט. יאשיהו פאַלט; זיינע לייט ברייננען זיין טויטען קערפּער קיין ירושלים.

ווי אַזוי איז יאשיהו געקומען אין מגידו? מיר האָבען אויבען געהערט, אַז יאשיהו האָט זיך לאַנג שוין געפיהלט אַזוי גוט ווי זעלבשטענדיג. ווייטער ווייסען מיר, אַז שוין זינט דעם חורבן פון שומרון האָבען די מלכים פון יהודה זיך ערלויבט אויסצוברייטערען זייער גרעניץ. עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, וואָס יאשיהו האָט אויסגענוצט די גינסטיגע לאַגע צו פאַרגרעסערען זיין טעריטאָריע. אַט אַזוי האָט ער שוין אין יאָהר 621 געמוזט האָבען אונטער זיין רשות די דרום־געגענדען פון באַרג אפרים. נאָר אין אַט דעם פאַל האָט ער זיך געקאָנט ערלויבען איינצופיהרען זיין רעפאָרם אויך אין בית־אל. ווען ער האָט זיך אָבער אוועקגערוקט ביז מגידו, האָט ער געמוזט באַהערשען אויך דעם איבעריגען טייל פון באַרג אפרים, די צפון־מלוכה איבערהויפּט ביז צום טאָל יזרעאל. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז גלויבענדיג אין הושע׳ס נביאות האָט ער געהאַלטען, אַז ער גופא איז דערצו גערופען ווידער צו פאַראייניגען אפרים מיט יהודה. אויב ער האָט דערין געגלויבט, ערשיינט פּיליכט אויך זיין רעפאָרם אין נאָך עפּעס אַן אַנדער ליכט: די רעליגיעזע איינהייט האָט אין דעם פאַל געקאָנט העלפען ברייננען די פּאָליטישע ווידערפאַראייניגונג.

אין ירושלים איז געווען גרויס ביי אַלעמען דער טרויער נאָך דעם באַליבטען קעניג. אָבער ערשט ווען מ׳האָט אויפגעהערט טרויערען, האָט מען געקאָנט איינזעהן די גרויס פון דעם נאַציאָנאַלען אומגליק. עס איז שווער

געווען פאר דעם פאלק זיך פאנאנדערצוקלייבן אין איהם, ווייל עס האט על־פי הכרח געבראכט מיט זיך א צעטרייסלונג פון דער רעליגיעזער איבער־ציינונג. ווארים יאשיהו האט זיך פארלאזען אויף דער הילף פון יהוה, וועמעס געבאטען ער האט אנגענומען דורך דער רעפארם. יהוה האט דער־פאר איהם איצט געמוזטביישטעהן אין זיין אונטערנעמונג. די נידערלאגע, וואס ער האט ניט קוקענדיג אויף דעם געליטען, איז דערום געווען א שמערצ־ליכע סתירה צו די יסודות, אויף וועלכע מ'האט געבויט די רעפארם. מ'האט געמאכט א פרובע צו פארוואנדלען די מלוכה, וועלכע איז לויט די נביאים געווען שווער באלעסטעט מיט זינד, אין א מלוכה פון יהוה; און גראד איצט, ווען מ'האט, זיך פארלאזענדיג אויף דעם, צום ערשטען מאל געוואגט צו אונטערנעמען עפעס א גרעסערע זאך, איז מען אזוי שרעקליך צעשלאגען געווארען.

אזא מין אומגליק האט קיינמאל ניט געטראפען דאס פאלק אונטער מנשה, און אין די ערשטע יאהרען פון יאשיהו, בשעת מ'האט געדינט צו אלערליי פרעמדע געטער — א צייט וואס מ'האט איצט זיך אויסגעלערענט זי צו באטראכטען אלס פול מיט זינד. ווי איז עס מעגליך געווען זיך פאנ־אנדערצוקלייבן דעריז, וואס יענע זינדיגע אורעלטערן האבען געלעבט אין נחת און אין פרידען, בעת מען איז איצט, ניט קוקענדיג אויף אלע אנשטרענ־גונגען צו היטען גאט'ס תורה, אזוי הארט געשטראפט געווארען? האט מען דען ניט געמוזט דרינגען דערפון, אז יהוה איז ניט בכוח צו העלפען נעגען די געטער פון עגיפטען, אדער אז ער האט געגען אלע פאדערונגען פון יושר פארלאזען זיין פאלק? אויב מ'האט געדרונגען דערפון, אז יהוה איז שוואך געגען די געטער פון עגיפטען, דאן האט מען געהאט יעדען גרונד אויפצונעמען צוריק די פרעמדע קולטען, וואס זיינען דורך דער רעפארם באזייטיגט געווארען. פון די רייד פון די נביאים טראגט מען ארוים דעם איינדרוק, אז נאך דער שלאכט ביי מגידו האבען די פרעמדע קולטען גע־וואונען נייע אנהענגער און זיינען ווידער ארויסגעטראטען פון די ווינקע־לעך, וואו זיי האבען זיך געהאלטען פארבארגען טראץ יאשיהו'ס רעפארם. אויף דער ליכטיגער וועלט. צום באדויערען ווערען אט די צושטענדען דער־מאנט נאר דרך אגב. קיין זיכערע היסטארישע ידיעות האבען מיר ווענען דעם ניט. אבער דער וואס האט זיך געהאלטען ביים געדאנק, אז יהוה איז טאקע מעכטיג גענוג צו באשיצען זיין פאלק, נאר ער האט עס ניט געוואלט, האט געמוזט לייכט פארלירען זיין בטחון אין גאט. דעמאלט איז קענטיג אויפגעקומען פון לייכטזיניגען יאוש דאס שפריכווארט, וואס מיר לעזען אין

ירמיה (ל"א 28) און אויך אין יחזקאל (י"ח 2): „די פאטערס האבן געגע־סען זויערע וויינטרויבן און די צייהנער פון די זיהן זיינען האיליג געוואָ־רען".

פון דער אנדערער זייט ווידער האט מען געקאנט קומען צו שלוסען, וואס זיינען גראד איצט געווען נאך געפעהרליכער. מ'האט געקאנט פאר־שליסען די אויגען נעגען דעם מוסר־השכל פון דער געשיכטע און נעמען דאס נאציאנאלע אומגליק אלס א נסיון פון גאט, וואס נאך איהם וועט זיכער קומען דער טריאומף פון יהוה און זיין פאלק. נאך האט יהוה געוואוינט אויפ'ן בארג ציון, נאך איז ירושלים ניט געווען עראבערט. איז עס ניט געווען צו דערווארטען, אז נאך מעכטיגער ווי אין יאהר 701 וועט זיך יהוה דערהייבען געגען זיינע פיינד, ווען זיי זאלען נאר פרובירען אויסשטרעקען זייער האנט נאך זיין שטאדט, איצט ווען זיין נאמען איז מעהר ניט פאר־אומרייניגט געווארען אין זיין הייליגטום? ביי אזא בליק אויף דער סיטו־אציע, וואס האט געמעגט זיך אויסדוכטען זאגאר פאר פרימער, האבען זיך פאקטיש געהאלטען די כהנים פון בית־המקדש און די מאסען פון די נביאים. דער צענטראלער געדאנק פון דער נבואה זינט עמוס'ן אז, אז יהוה איז א גערעכטער גאט, טרעט ביי די דאזיגע נביאים אין צוזאמענהאנג דער־מיט אלץ מעהר און מעהר צוריק. פארוואונדעט אין זייערע רעליגיעזע געפיהלען זיינען זיי ניט ביכולת זיך פאנאנדערצוקלייבען אין די נאציאנאלע אומגליקען. באטראכטענדיג יעדעס אומגליק וואס טרעפט די אידען אלס א באליידיגונג פאר יהוה, האט זיך פון דאס ניי איינגעשארפט ביי זיי דער געדאנק, אז יהוה'ס נקמה אן זייער פיינד, דער נצחון פון זיין פאלק, איז גאר נאהנט. אז די דאזיגע ענדערונג קאן נאר קומען דורך אן אינערליכער אומקעהרונג פון ישראל צו יהוה, דאס האבען יענע נביאים נאטירליך פאר־זעהן. דער רוף תשובה צו טאן האט זיי אויסגעפעהלט, פונקט אזוי ווי דאס ריכטיגע פארשטענדניש פאר יהוה'ס מהות און זיין משפט. די מאסע פון די נביאים, פאר וועמען יהוה און ישראל פאלען אלץ מעהר און מעהר צו־זאמען, זינקט אויף אזא אופן צוריק צו דעם רעליגיעזען שטאנדפונקט פון דער פאלקס־רעליגיאן פון דער צייט פאר די שריפטליכע נביאים. די דאזיגע נביאים געווינען ביסלעכוויין פאר אט דער באטראכטונג זייערער די הער־צער פון פאלק און אויך א צאהלרייכע פארטיי אין הויף; ווארים זיי פאר־טרעטען דאך דעם נאציאנאלען געדאנק. און דערצו נאך באפרידיגט זייער באטראכטונג די שלעכטע אינסטינקטען, דערמיט וואס זי הייבט ניט אויף קיין רוף צו תשובה און חרטה און איז קיינעם ניט מטריח מיט מאראלישע

פאדערונגען. אט די באטראכטונג איז עס, וועלכע לאזט ניט צו, אז מ׳זאל זיך נעמען צום הארצען די אומגליקען, וואס קומען איינס נאך דעם אנדע־רען. און וואס מעהר מ׳זעהט בחוש ווי די נביאות פון אט די נביאים לאזט זיך אוים מיט גארנישט, אלץ פאנאטישער און שטורעמדיגער טרעטען זיי אויף און די מלוכה ווערט דורך זיי סוף כל סוף געבראכט צום אונטערגאנג.

אין מיטען פון אט דעם דור, וועלכער האט צום טייל פארלארען יעדע האפענונג אויף יהוה, צום טייל אין ליידענשאפטליכער פארבלענדונג נאכ־געיאגט אן אילוזיע, דערהייבט די נבואה צום לעצטען מאל איהר ווארנונג דורך ירמיה׳ן, זיינע תלמידים און זיינע אנהענגער. ירמיה ווייסט ווי צו דערקלערען די סימנים פון דער צייט און ארויסצולערנען פון די געשעהעני־שען די ריכטיגע לעהרע פאר דער צוקונפט. ער שטעלט ווידער אנטקעגען דעם פאלשען בטחון אין גאט די אלטע פאדערונגען פון די נביאים, וואס כל זמן זיי ווערען נים ערפילט, קאן מען ניט קריגען יהוה׳ס שוץ. שארפער ווי אלעמאל קלינגט דער רוף פון דעם נביא, תשובה צו טאן, אויב מ׳וויל פארמיידען דעם אונטערגאנג פון דער מלוכה. בשעת דאס צעשראקענע פאלק האט נאך יאשיהו׳ס נידערלאגע צוזאמענגעשטראמט צו א תענית אין בית־המקדש, רופט ירמיה צו זיי: „גנב׳ענען, מארדען, מזנה זיין, שווערען פאלש און רויכערען צו פרעמדע געטער — און דאן קומט איהר און שטעלט זיך פאר מיר אין אט דעם הויז, וואס מיין נאמען ווערט גערופען אויף איהם, און איהר זאגט: אט דא זיינען מיר זיכער! כדי איהר זאלט קאנען טאן אט די אלע אומווירדיגקייטען?" אדרבה, פונקט ווי דאס הייליגטום אין שילה איז געווארען א רויב פאר די פיינד, אזוי קאן עס אויך ווערען דער בית־המקדש פון ירושלים (ירמיה ז).

ירמיה׳ס באדייטונג באשטעהט דעריז, וואס ער צערייסט די הארמא־ניע, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אין יאשיהו׳ס רעפארם, צווישען דער נבואה און דעם נאציאנאלען געפיהל. אין דעם קאמף וואס ירמיה פיהרט מיט זיינע געגנער צווישען די נביאים, מיט מלכים, כהנים און פאלק, טרעט ווידער קלאר ארוים דער אלטער קאנפליקט צווישען ביידען אויפ׳ן שארפסטען אופן. זיי אלעמען האט ער געגען זיך. א געוויסע צייט קומט ער גאר ניט מעהר צום ווארט. דאס איז קיין חידוש ניט, ווארים ער ראט דאך זיין פאלק, כדי אויסצומיידען דעם זיכערען אונטערגאנג, זיך צו בייגען מיט׳ן גונען ווילען אונטער דער פרעמדער הערשאפט און זיך מייאש צו זיין פון נאציאנאלער זעלבשטענדיגקייט; און ער שטעלט דאך יעדען יחיד די פאר־דערונג צו דינען גאט לויט דער מאראל און די שטרענגע פאדערונגען פון

די פריהעריגע נביאים. דערום הערט און פארשטעהט איהם ניט דאס פאלק; כהנים און נביאים האסען און רודפ'ען איהם, און פון די קעניגליכע באאמטע זיינען נאר מאנכע פריינדליך צו איהם.

אט אזוי אנטוויקלען זיך די געשעהענישען זעהר גיך. א מערקווירדיג רייכער קוואל פאר דער געשיכטע פון יענער צייט איז דער ספר ירמיה; גע־בען איהם קומט נאך דער ספר יחזקאל, וואס זועט שפעטער נאך ארומגע־רעדט ווערען, בעת דער ספר מלכים האט פאר אונז דערהאלטען בלויז זעהר מאגערע און דערצו טיילווייז אומגענויע נאטיצען.

דער שרעק נאך דער שלאכט ביי מגידו, אז נכו זאל באלד ניט שטעהן פאר די טויערן פון ירושלים איז געווען אן אומזיסטיגער. פרעה האט זיך נעאיילט צום פרת. אונטערדעסען האט די לאנד־באפעלקערונג אויסגערופען צום קעניג יאשיהו'ס אינגערען זוהן יהואחז*) (שלום). וואהרשיינליך איז דער עלטערער אליקים געווענט געווען זיך צו אונטערווארפען אונטער נכו און מ'האט איהם דריבער אן א זייט געלאזען. מ'האט אין ירושלים נאך אלץ געהאט האפענונג, און מ'האט דערפאר געוואלט האבען א קעניג ווי יאשיהו — א באווייז אז יאשיהו'ס האנדלונג איז בשום אופן ניט געווען א רעזולטאט פון זיין פערזענליכען ווילען. אויך נאך זיין טויט האט מען נאך געהאפט, אז מ'וועט זיין בכוח אויסצוקעמפען די אומאפהענגיגקייט. פי־לייכט האט מען פון בבל צוגערעדט דערצו. יעדענפאלס האט מען אנגענו־מען, אז נכו וועט באלד צעשלאגען ווערען אין צפון. אבער יהואחז רעגירט נאר דריי חדשים. פרעה איז, ווי מ'קאן פארשטעהן, ניט צופרידען מיט דער וואהל; פון ריבלה אויס, אין דרום־סיריען**), וואו ער האט זיך דעמאלט געפונען, באשטראפט ער יהודה מיט א קאנטריבוציע און זעצט אראפ יהואחז'ן, אויף יהואחז'עס שטעל ווערט פון נכו'ען איינגעזעצט אליקים, וועלכער באשטייגט דעם טראן פון זיינע פאטערס אונטער דעם נאמען יהויקים (597—608***). יהואחז ווערט אפגעפיהרט אלס געפאנגענער קיין

---

*) יהואחז באשטייגט דעם טראן לויט מלכים ב, כ"ג 31 צו 23 יאהר, דריי חדשים שפעטער אליקים, לויט פסוק 36, צו 25 יאהר. אגב האט יאשיהו, נאכדעם ווי ער האט צו אכט יאהר דעם טראן באקומען, רעגירט 31 יאהר. ער האט בכן צו 13 יאהר שוין געהאט דעם עלטערען זוהן אליקים.

**) דארטען האבען זיך געקרייצט די גרויסע מיליטערישע וועגען צו עגיפטען. און צום פרת.

***) דאס וואס פרעה גופא לעגט איבער זיין נאמען ווייזט בפירוש, אז ניט דער אינהאלט פון דעם נאמען איז עפעס וויכטיג אין אזעלכע פאלען, נאר דער פאקט

עגיפטען און איז דארטען שפעטער געשטארבען; אויף יהויקים'ען ווערט ארויפגעלעגט א שווערער טריבוט. די דאזיגע סומע מוזען שאפען לויט אן אפשאצונג די פארמעגליכע לאנד־אייגענטימער און זיי מאנען עס דערנאך צוזאמען פון די קלענערע פויערים („עם הארץ", מלכים ב, כ"ג 35).

יהויקים איז, ווי עס ווייזט אויס, געגאנגען אין אלע פרטים אין מנשה'ס דרכים. דערצו האט ער ליב געהאט צו בויען פרעכטיגע בנינים, און ירמיה באשולדיגט איהם, אז ער האט באשווערט דאס פאלק צוליב דעם מיט הויכע אפצאהלונגען און האט דורך געוואלדטאטען און עולות זיך פארשאפט די מיטלען צו באפרידיגען די דאזיגע ליידענשאפט זיינע (ירמיה כ"ב 13—19). אט אזוי האט דער שיקזאל געוואלט, אז אין א צייט ווען עס האט זיך גע־האנדעלט וועגען איהר קיום, זאל די מלוכה פון יהודה קריגען אלס הערשער אן אריענטאלישען דעספאט, אהן א מאראלישער ערנסטקייט און אהן א ווייטערען בליק.

ווי ווייניג יהויקים איז געווען דערוואקסען פאר דער סיטואציע, ווייזט זיך גלייך ארויס דערין, וואס ער האט געזוכט צו אונטערדריקען אויף א ברו־טאלען אופן די נייע ריכטונג אין דער נבואה, וואס האט אונטער זיין רע־גירונג זיך מעכטיג דערהויבען. און דאך איז זי אליין געווען די איינציגע וואס האט ריכטיג געאורטיילט סיי וועגען דעם רעליגיעזען און סיי וועגען דעם פאליטישען מצב. פאר אונז איז די דאזיגע נייע ריכטונג אין דער נבואה פארבונדען מיט ירמיה'ס פערזאן, ווייל שריפטען פון אנדע־רע נביאים פון דער דאזיגער צייט האבען זיך ניט דערהאלטען. ירמיה'ס רעדעס גיבען אונז דורכאויס א לעבעדיג בילד פון די צושטענדען וואס הא־בען דעמאלט געהערשט אין יהודה.

נאכדעם ווי יהויקים האט באצאהלט די קאנטריבוציע, איז אריינגעטרא־טען רוה אין לאנד. מ'שפירט קוים, אז מען איז אפהענגיג פון די עגיפ־טער. זייער ארמיי האט זיך פארקירעוועט קיין מזרח צום פרת. עס האט זיך געדוכט אויף א ווייליע, אז עגיפטען האט באקומען די פולע הערשאפט איבער די אשורישע פראווינצען אין מערב־זייט פון פרת. אין יהודה הא־בען זיך ווידער איינגעשטעלט געארדנעטע צושטענדען, און אין ירושלים איז מען ווידער געווען זיכער, אז יהוה וועט באשיצען זיין שטאדט פון אלע

וואס דער און דער האט עס געטאן. די איבערלעגונג פון נאמען ווייזט אויף א ניי פארהעלטעניש, דער פאקט ווער דאס האט געטאן ווייזט אויף אן אפהענגיגקייט פון נאמען־געבער.

סכנות. דער שטורם איז אויך דעם מאָל געווען אריבער, ניט האָבענדיג אָנ־ געמאַכט קיין גרויסען שאָדען. אסך נביאים האָבען נביאות געזאָגט, אַז איצט וועט דאָס פאָלק וואוינען זיכער אויף שטענדיג אונטער יהוה׳ס שוץ.

להיפּוך דערצו האָבען ירמיה און אוריה פון קרית־יערים פאָראויסגע־ זאָגט דעם פאָלק אומגליק און יהוה׳ס שטאָדט — חורבן. ירמיה קריגט דעם באַפעהל פון גאָט אין איינעם פון די גרויסע ימים־טובים צו געהן אין הויף פון בית־המקדש און דאָרטען מודיע צו זיין די פאַרזאַמעלטע אידען פון יהודה, אַז יהוה וועט זיי נאָר דאַן לאָזען בלייבען וואוינען דאָרטען, אויב זייער הנהגה וועט זיך בעסערען. זיי זאָלען זיך אָבער ניט פאַרלאָזען אויף די פאַלשע רייד: „דער טעמפּעל פון יהוה, דער טעמפּעל פון יהוה, דער טעמפּעל פון יהוה איז עס“. אויב זיי וועלען ניט אויפהערען צו משפּט׳ן מיט עולות, צו דריקען די אָרימע און צו פאַרגיסען אומשולדיג בלוט, וועט יהוה פאַר־ וויסטען ירושלים און דעם בית־המקדש, פּונקט ווי ער האָט אַמאָל פאַרוויסט שילה. אָט די סטראַשענדיגע ווערטער האָבען ארויסגערופען אַ שטורם פון אויפרעגונג געגען ירמיה׳ן ביים פאָלק, וואָס איז געווען אַנוועזענד אין הויף פון בית־המקדש, באַזונדערס ביי די כהנים און נביאים. מ׳רינגעלט ארום דעם נביא און מ׳שרייט, אַז ער מוז שטאַרבען. דער לאַרעם ווערט דערהערט אין פּאַלאַץ און די קעניגליכע באַאמטע, וואָס זיינען דאָרטען אַנ־ וועזענד, געהען גלייך ארויף אין בית־המקדש מאַכען אָרדנונג. אזוי גיך ווי זיי דערוויסען זיך וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, דערקלערען זיי זיך פאַר אַ גע־ ריכטס־הויף אום ארויסצוגעבען אַ פּסק־דין וועגען דער זאַך. די כהנים און נביאים הייבען אויף די קלאָגע געגען ירמיה׳ן, אַז ער פאַרדינט טויט־שטראָף פאַר זיין נביאות געגען יהוה׳ס שטאָדט און בית־המקדש. ירמיה אָבער פאַר־ טיידיגט זיך: „יהוה האָט מיך געשיקט נביאות זאָגען אויף דעם בית־ המקדש און דער שטאָדט די אלע ווערטער וואָס איהר האָט דאָ געהערט. פאַרבעסערט דעריבער אייערע וועגען און אייערע מעשים און פאָלגט דער שטים פון יהוה אייער גאָט. דאַן וועט יהוה זיך באַדענקען וועגען דאָס שלעכטס וואָס ער האָט גערעדט געגען אייך. איך אָבער, אָט בין איך אין אייער האַנט. טוט מיט מיר וואָס איז גוט און געפעליג אין אייערע אויגען. אָבער וויסען זאָלט איהר, אַז אויב איהר טויט מיך, ברייגגט איהר אומ־ שולדיג בלוט אויף אייך און אויף דער דאָזיגער שטאָדט און אויף איהרע איינוואוינער, ווארים יהוה האָט טאַקע אין אמת׳ן מיך געשיקט צו אייך צו ריידען אין אייערע אויערן די דאָזיגע אלע רייד“. די קעניגליכע באַאמטע האָבען אָנגענומען ירמיה׳ס פאַרטיידיגונג, אַז ער גיט בלויז איבער יהוה׳ס

שליחות און האבען איהם באפרייט. דאס מאכט א רושם אויך אויף דאס פאלק, וואס האט נאר וואס געסטראשעט ירמיה'ן מיט'ן טויט. איינינע פון די אלטע אין פאלק טרעטען אויף און, ציטירענדיג דעם פסוק פון מיכה ג 12, דערמאנען זיי די פארזאמלונג, אז מיכה האט שוין עהנליך נביאות געזאגט און איז פונדעסטוועגען ניט באשטראפט געווארען פון חזקיה'ן דער־פאר. דעריבער ווילען זיי אויך ניט באגעהן א זינד צו לעגען א האנט אויף דעם נביא (ירמיה כ"ו).

פון ספר ירמיה דערוויסען מיר זיך, אז ירמיה האט געהאט צו פארדאנ־קען דעם גליקליכען סוף פון דער זאך נאר דעם פריינדליכען איינפלוס פון אחיקם בן שפן, און דערביי ווערט דערצעהלט דער טרויעריגער גורל פון יענעם אויבענדערמאנטען נביא אוריה פון קרית־יערים. ער איז פארמשפט געווארען פון יהויקים צום טויט פאר'ן אויסדריקען זיך עהנליך ווי ירמיה. אוריה איז אפילו אנטלאפען קיין מצרים; אבער יהויקים האט אויסגע'פועל'ט אז ער זאל אויסגעליפערט ווערען, האט געלאזט איהם הינריכטען און זיין טויטען קערפער אריינווארפען אין דעם אלגעמיינעם קבר*).

אונטערדעסען האט די אלגעמיינע לאגע אין דער וועלט זיך אין גאנ־צען געענדערט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז פרעה האט געהאט צו כאר־דאנקען זיין פאזיציע אין סיריען אסך ווייניגער זיין אייגענער קראפט ווי גיכער דער אהנמאכט פון אשור. אשור'ס גורל איז אבער באלד געווען אפ־געשלאסען, און נכו האט דאן געהאט אויסצושטעהן די פראבע נגען די נייע יורשים פון אשור. נינוה איז געפאלען פאר דעם חיל פון מדי און בבל, און נבו־פלאסר און קיאקסארעס האבען צעטיילט צווישען זיך די געוואלדיגע אימפעריע, אזוי אז מדי האט געקראגען אשור גופא און דאס לאנד אין צפון־און אין מערב־זייט ביז צום גרעניץ פון דער מלוכה פון לידיען; מעסאפא־טאמיען און סיריען אבער זיינען אריבער נעגאנגען צו בבל. באלד ווי נינוה איז נאר געפאלען האט עס דעריבער געמוזט קומען צו אן אנטשיידענדער שלאכט צווישען עגיפטען און דעם נייעם האר פון סיריען. נבו־פלאסר איז אונטערדעסען געשטארבען און דעם טראן פון דער נייער כאלדעאישער מלוכה פון בבל האט באשטיגען זיין זוהן נבו־כדראצר (נבוכדנאצר), וועל־כער האט מארשירט מיט זיין ארמיי נעגען פרעה נכו. נכו האט געהאט זיך א דרעה געטאן צו מזרח צו און האט, ווייזט אויס, אריינגעקראגען אין

---

*) דאס איז קענטיג געווען א מאסען־קבר, אין וועלכען ס'האט באגראבען ארימע און פרעמדע. פארגלייך מלכים ב, כ"ג 6.

זיין רשות דאָס גאַנצע לאַנד ביז צום פּרת. ביי כרכמיש האָט ער געמוזט אריבערגעהן דעם פּרת אָדער וואַרטען אויף דעם פיינד. דאָס איז די היינ־טיגע ד י ש ע ר א ב י ס. אין יאָהר 605 איז עס טאַקע געקומען צו א שלאַכט. נכו איז אין גאַנצען צעשלאָגען געוואָרען. סיריען איז געפאַלען אין די הענט פון דעם כאַלדעער, און עגיפּטען האָט געמוזט אויפגעבען איהר זכות צו זיין א מיט־יורש'טע אין סיריען. דער ספר מלכים באַמערקט קורץ, אבער מיט פיעל באַדייטונג: „און דער מלך פון מצרים איז מעהר ניט ארויסגעגאַנגען פון זיין לאַנד, וואָרים דער מלך פון בבל האָט צוגענומען פון דעם טייך פון מצרים ביז דעם טייך פּרת, אלץ וואָס האָט געהערט צום מלך פון מצרים" (מלכים ב, כ"ד 7). נאָך איינינע יאָהר פון אומזיסטיגע האָפענונגען אויף א פולער פרייהייט האָט יהויקים, פונקט ווי די אנדערע סירישע הערשער, זיך אונטערוואָרפען אונטער דעם נייעם זיגער (ארום יאָהר 601). דריי יאָהר האָט ער געצאָהלט טריבוט. דאַן אבער האָט ער באַקומען א חשק צו רעוואָלטירען געגען נבוכדראצר'ן*). ירמיה האָט איצט געהאַט שלעכטע טעג. שוין ביי נכו'ס נידערלאָגע האָט ער קלאָר פאָראויסגעזעהן דעם גורל פון עגיפּטען:

„געה קיין גלעד און ברייננ דיר באַלזאַם,
יונגפרוי, טאָכטער פון מצרים!
אומזיסט האָסטו געמאַכט אסך רפואות,
ניטאָ פאר דיר קיין היילונג.
די פעלקער הערען פון דיין שאַנד,
מיט דיין געשריי איז פול די וועלט;
העלד אויף העלד ווערען געשטרויכעלט,
ביידע פאַלען זיי צוזאַמען".

(ירמיה מ"ו 11, 12).

ירמיה האָט שוין דאַמאָלסט מורא געהאַט אז ירושלים זאָל ניט אונטער־געהן דורך נבוכדראצר'ן. אויך אין ירושלים גופא האָט מען, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט עהנליכע שרעק. מ'רופט דעריבער אויס א תענית צו פאַרהיטען דאָס אומגליק. ווי שוין פריהער ביי אַן עהנליכער געלעגענהייט, קאָן ירמיה אויך איצט ניט שווייגען; ער מוז ווייזען זיין פאָלק דעם ריכטיגען וועג ווי זיך

*) וואָס עס האָט איהם פאַראורזאַכט דערצו, ווייסען מיר ניט. דאָך דאַרף מען אָננעמען, אז עגיפּטען האָט געהעצט, כאָטש נכו איז ניט געווען בכוח צו טאָן עפּעס ממשות'דיגעס.

צו העלפען. עפענטליך אויפצוטרעטען איז איהם פארבאטען, דעריבער דיק־טירט ער זיינע ווערטער אויף א מגילה צו זיין שרייבער ברוך בן־נריה און לאזט זיי דורך איהם פארלעזען. אין יענעם פארגעלעזענעם בוך האבען זיך געמוזט געפינען ווארנונגען, אזעלכע ווי מיר טרעפען דא און דארטען אין ספר ירמיה: פעלקער פון צפון, און דער קעניג פון בבל גופא וועלען זיך אריינרייסען אין ירושלים און אין יהודה, וועלען זיי פארוויסטען און פאר־טיליגען פון זיי „די שטים פון חתן כלה, דעם קלאנג פון די זארנעם און דעם שיין פון לאמפ" (ירמיה כ"ה 9, 10 און אויך קאפ. ל"ו). אינפארמירט ווע־גען דעם דורך זיינע מיניסטארען, צעשניידט יהויקים ירמיה'ס בוך אין שטיקער אוןווארפט זיי אריין אין קויהלען־בעקען, ניט אכטענדיג אויף די באאמטע, וועלכע האבען זיך געבעטען ביי איהם, ניט צו פארברענגען די בא־שריבענע מגילה, און באפעהלט צו ארעסטירען ברוך בן־נריה און ירמיה'ן, אבער „גאט האט זיי פארבארגען". ירמיה לאזט דאן אויפשרייבען די פאר־ברענטע נבואות אין א פארגערעסערטער אויפלאגע אויף א צווייטער מגילה (ירמיה ל"ו). כל זמן יהויקים האט געלעבט איז ירמיה, ווי עס ווייזט אויס, עפענטליך מעהר ניט אויפגעטראטען. וועניגסטענס ווייזט דער ספר ירמיה קיין זיכערע שפור ניט פון א טעטיגקייט אין יענער צייט.

יהויקים האט פארט רעוואלטירט, און נבוכדראצר האט קודם כל אנ־גערעדט די שכנים פון ארום צו באפאלען אויף יהודה אין פארבינדונג מיט באבילאנישע באנדעס. באלד נאכדעם אבער (אין יאהר 597) קומט ער אליין מיט זיין חיל אין פאלעסטינא (מלכים ב, כ"ד 1, 2). יהויקים שטארבט פלוצלונג און ווערט דורך דעם גראטעוועט פון א שווערער דערנידעריגונג. זיין 18 יעהריגער זוהן יהויכין (ווערט אויך אנגערופען יכניה) נעמט איבער זיין ווניג אנציהענדע ירושה. דער יונגער בחור, וועלכער האט פלוצלונג דעם טראן באקומען, גלויבט הפנים, אז ער מוז פארטזעצען דעם אומבאזונענעם ווידערשטאנד פון זיין פאטער. נבוכדראצר נעמט זיך צו דער באלאגערונג פון ירושלים. כדי צו פארמיידען דאס ערגסטע, גיט זיך יהויכין איבער איידער די שטאדט ווערט געשטורעמט. ער מוז געהן אלס נבוכדראצר'ס געפאנגענער אין דער הויפטקווארטיר פון פיינד, באגלייט פון זיין מוטער און זיין גאנצען הויף און שטאב.

גלות יהויכין.

נאך די דאזיגע מרידות האט נבוכדראצר באשלאסען צו ברעכען די קראפט פון פאלק. ניט בלויז דער קעניג און זיין הויף און די באאמטע

זיינע, נאר אויך 7000 וואפען־פעהיגע, דאס הייסט לאנד־אייגענטימער, דער קלאס, אויף וועלכען עס האט זיך געהאלטען די גאנצע מיליטערישע מאכט פון דער מלוכה, און 1000 האנטווערקער זיינען אוועקגעפיהרט געווארען אין באבילאניען — נאטירליך מיט זייערע פאמיליען*). נבוכדראצר האט גע־לאזען אויפ'ן היימישען באדען נאר דעם ארימערען טייל פון פאלק, וועלכער האט איצט פארנומען די שטעלען און די נחלאות פון די פארטריבענע. אויך א טייל פון די הייליגע כלים פון בית־המקדש איז אוועקגעשלעפט געווארען אלס קעניגליכער רויב קיין בבל (ירמיה כ"ז 18—20 ; כ"ח 3). צווישען די פארטריבענע מיט יהויכין'ען האט זיך אויך געפונען דער נביא יחזקאל, וועגען וועמען עס וועט שפעטער גערעדט ווערען מיט מעהר אריכות. דער יונגער יכניה גופא האט 37 יאהר געשמאכט אין באבילאנישע געפענגני־שען ; ירמיה רופט איהם נאך : „א, לאנד, לאנד, לאנד ! הארך יהוה'ס ווארט ! אזוי האט געזאגט יהוה : פארשרייבט דעם דאזיגען מאן אלס קינדערלאז, א מאן וואס וועט קיינמאל אין זיין לעבען ניט מעהר מצליח זיין ; ווארים קיינעם פון זיין זאמען וועט ניט אפגליקען צו זיצען אויף דוד'ס טראן און צו הערשען איבער יהודה !" (ירמיה כ"ב 29, 30).

די ליטעראטור פון דער צייט.

פונקט אזוי וועניג ווי די נבואה איז אויך אין אט דער צייט דער ליטערארישער איינפלוס געווען אפגעשטארבען אין יהודה. עפעס ווי זיי מענער מיט א נביא'ישען גייסט וואלטען פאראויסגעזעהן דעם סוף, און דערפאר האבען זיי געזוכט צו מאכען אן ארדנונג אין דער ליטערארי־שער ירושה פון פאלק. אין די טעג פון יהויקים אדער יכניה איז די היס־טאריע פון די מלכים צוזאמענגעשטעלט געווארען אין א פארם, וואס אונ־טערשיידט זיך זעהר ווינציג פון אונזער ספר מלכים אין זיין היינטיגער גע־שטאלט. עס איז ניט קיין פולקום ווערק, אבער ניט האבענדיג קיין בע־סערס, איז עס פאר אונז א מאנומענט פון אן אומשאצבארען ווערט. דער ווירקליכער פארפאסער פון ספר מלכים, וועלכער איז באשיינפערליך א קינד פון דעם גייסט, וואס ווערט אויסגעדריקט אין ספר דברים, געפינט דאן חברים פון זיינע שטרעבונגען ביי מענער, וועלכע האבען צוזאמענגעשטעלט און

---

*) וועגען איינצעלנע אויסנאמען, וואו מ'האט געלאזען קינדער אין דערהיים, זעה יחזקאל כ"ד 21.

איבערגעארבייט די געשיכטען פון די שופטים און די ערשטע קעניגס־גע־שיכטען. אויך זיי געהערען צו דער לעצטער צייט פון דער מלוכה פון יהודה. די דאזיגע ליטעראַרישע שולע האט אויסגעשפּרייט איהר טעטיגקייט אויך אויף דעם געביט פון געזעץ. מאנכע טיילען פון היינטיגען ספר דברים, וועל־כע האבען ניט געהערט צו יאשיהו'ס בוך פון דער תורה, זיינען איצט שוין אויפגעקומען.

אט די שטיקער אטעמען מיט דעמזעלביגען גייסט ; זיי זיינען א שטאר־קער באווייז פאר דעם, אז אין יענע אויפגערודערטע צייטען, ווען מ'האט זיך אזוי שטארק אפגעקעהרט פון יהוה און מען איז צוריק פארזונקען געווא־רען אין דער פאלקס־רעליגיאָן, האט פארט נאך געלעבט אין מאנכע קריי־זען א גייסט פון אן ערנסטער באזינונג. מ'הייבט אן צו פארשטעהן די פאר־גאנגענהייט פון דער נאציאָן אין ליכט פון דער געגענווארט און איהרע ער־פאהרונגען, און מ'זוכט ארויסצונעמען דערפון א מוסר־השכל, וואס מ'ווייסט ניט איינצוקליידען אין קיין אנדער פאָרם ווי אין היסטאָריע. אט אזוי קומט אויף א נייער אופן פון היסטאָרישער באטראכטונג, אן אייגענאַרטיגער רעליגיעז־מאראלישער פּראגמאטיזם, וואו דער עיקר איז ניט דער היסטאָרי־שער פאקט גופא, נאָר די ריכטיגע באלייכטונג, אין וועלכער די געשעהע־נישען ווערען געשטעלט. אין אונזער וויסענשאפטליכען אינטערעס מעגען מיר באדויערען דעם אופן פון געשיכטסשרייבונג, וועלכער איז אפטמאל גע־ווארען א פּשוט'ע איבעראנדערשונג פון דער געשיכטע. אבער מיר מוזען געדענקען, אז זי האט אסך געהאָלפען צו פארברייטערען און פארטיפען די רעליגיעזע באגריפען פון פאלק, אהן וועלכע די אידישע נאציאָן וואלט איבערהויפּט מעהר ניט געהאט קיין קיום.

גלייכצייטיג ערשיינט איצט די נבואה אין אן ענגערען זין נעבען ירמיה'ן אין ח ב ק ו ק. ער רעדט פון די כשדים (כאלדעער) ווי פון א פיינד, וואס האט שוין אסך צרות אנגעטאן יהודה. ווי קאן דער הייליגער פון ישראל דאס דולדען? עס איז יהוה'ס שטראפענדע האנט ; „אבער אמאל וועט דער רויבער אויסגערויבט ווערען צוליב דעם בלוט פון מענשען און דער געוואלד וואס ער איז באגאנגען געגען לענדער, שטעדט און אלע זייערע איינוואוינער" (חבקוק ב 8).

פערטע אפטיילונג.

חורבן ירושלים

1.

צדקיה און דאָס ענד.

אויף דוד'ס טראָן ווערט געזעצט אלס באבילאָנישער וואסאַל מתניה, א אינגערער זוהן יאשיהו'ס און א פולער ברודער פון דעם אומגליקליכען יהואחז (מלכים ב. כ"ג 31; כ"ד 18). אלס קעניג טראָגט ער דעם נאָמען צדקיה*) (פון יאָהר 597 ביז 586).

די דאָזיגע וואהל איז געווען זעהר אַן אומגליקליכע. די שווערקייטען פון דער לאַגע האָבען געפאָדערט א העלשער מיט באַזונדערער באַגאַבונג. די קראַפט פון פאָלק איז נאָך באמת ניט געווען געבראָכען, בעת דער נאַציאָנאַלער געפיהל איז געווען שטאַרק פאַרוואונדעט דורך דעם גלות פון קעניג און דורך דער אוועקשלעפונג פון די הייליגע כלים. די עמטער פון דער מלוכה זיינען איצט אריינגעפאַלען צו נייע אויפגעקומענע תקיפים, וועלכע האָבען נאָך וויגציגער ווי זייערע פאָרגעגנער געוואָלט אויפגעבען דאָס רעכט פון יהודה צו שפּילען א זעלבשטענדיגע ראָלע. נאָר אַן ענערגישער פירשט מיט דער קראַפט צו טאָן אויך דאָס וואָס איז להיפוך פון נאַציאָנאַלען געפיהל, ווען דער פּאָליטישער חשבון פאָדערט עס — האָט געקאָנט ארויסהייבען די מלוכה פון איהר שווערער לאַגע. וואָלט מען געזאָרגט איינצופיהרען אַן אינערליכע אָרדנונג אין לאַנד, דאַן וואָלט די צוקונפט פון פאָלק ניט געווען אָהן אויסזיכטען. מ'וואָלט געפיהרט אונטער דער אויבער־

*) מלכים ב, כ"ד 18—כ"ה 21; דערצו ירמיה נ"ב. די ענדערונג פון נאָמען דערקלערט זיך ווי אויבען ביי יהויקים. פון יחזקאל י"ז 13 דערווייסען מיר זיך נאָך, אז צדקיה האָט געמוזט שווערען צו נבוכדראצר'ן טריוהייט.

הערשאפט פון בבל א פרידליך לעבען אהן פאליטישער גדלות; די קליינע מלוכה וואלט זיך דערהוילט און נייע כוחות געזאמעלט. זי האט געקאנט אין דער געשטאלט פון א וואסאל־מדינה אריבערלעבען די באבילאנישע עפאכע, פונקט ווי זי האט אריבערגעלעבט די אשורישע. די אויפגאבע פון א פאַ־ ליטיש קלוגען הערשער איז דערפאר געווען איינצוגעוועהנען דאס פאלק צו זיין געהארכזאם צום אויבער־האר און צו זאמלען פון דאס ניי די כוחות פיי דער מלוכה. צדקיה איז אבער בשום אופן ניט געווען דערוואקסען פאר אזא אויפגאבע. ער ווייסט ניט צו ווי צו האלטען אין צאם די נייע באאמטע, וועלכע ווייזען באלד ארוים אין נאך א העכערער מאס אלע חסרונות פון די אלטע (יחזקאל כ״ב 25 ,27; כ״ד 6) און לאזען זיך געווינען פאר דעם געדאנק אראפצוווארפען מיט עגיפטישער הילף דעם באבילאנישען יאך. מיט גוטע כונות, אבער לאנגזאם אין זיינע באשלוסען און שוואך אין ענערגיע, וואקעלט ער זיך צווישען די פארטייען ווי א ראהר אין ווינט. ער הערט זיך צו צו ירמיה׳ס עצה, אבער ער פארמאגט ניט דעם כוח איהם צו פאלגען. ענדליך איז ער געווארען בלויז א ווערקצייג אין דער האנט פון יענער מלחמה־פאר־ טיי, וועלכע האט, זיך פארלאזענדיג אויף יהוה׳ס שוץ און עגיפטען׳ס הילף, איהם מיטגעריסען ווידערצושפעניגען געגען זיין האר. ער איז ניט געווען בכוח זיך צו שטעלען געגען דעם פאנאטיזם פון יענער פארטיי. נאך מעהר, ער קוקט צו ווי די פארטיי דערשטיקט אין בלוט יעדען ווידערשפרוך גע־ גען איהרע פלענער (יחזקאל ז 23; ח 17; ט 9; י״א 6). דער ספר מלכים דערקלערט עס דערמיט, וואס יהוה׳ס צארן איז געווען געגען ירושלים און יהודה ביז ער האט זיי פארשטויסען פון זיין פנים (מלכים ב, כ״ד 20).

נאך אן ערגערע צרה פאר דעם גורל פון דער אידישער מלוכה איידער צדקיה׳ס אומפעהיגקייט און שוואכקייט איז געווען דאס וואס יהוה׳ס שטים האט וואס ווייטער אלץ מעהר זיך צעטיילט און איז געווארען אומפאר־ שטענדליך פאר דעם פשוט׳ען אידען. דער קאמף, אין וועלכען ירמיה איז שוין ביז איצט געשטאנען מיט דער מאסע פון די נביאים, האט זיך בסדר אלץ מעהר פארשארפט. און א דאנק דעם קאמף זיינען מיר לפי־ערך גוט אינפארמירט וועגען צדקיה׳ס רעגירונג. ירמיה׳ס נבואות פון יענער צייט, וועלכע האבען זיך אונז דערהאלטען, זיינען פאר איהר א רייכער קוואל פון ערשטען ראנג. און נאך א באזונדער גליק איז עס, וואס מיר זיינען גענוי אינפארמירט אויך מכוח די צושטענדען צווישען די פארטריבענע אין בא־ בילאניען, ווארים צווישען זיי איז אויפגעטראטען אלס נביא אין ירמיה׳ס גייסט דער כהן יחזקאל, וועלכער האט אונז געלאזען אין א פלאנמעסיג אויס־

געשטעלטע בוך זיינע זעהונגען און זיינע רעדעס, וואס ער האט געהאלטען פאר יחידים ווי אויך פאר'ן פאלק, און זיינע פלענער פאר דער צוקונפט פון פאלק. אט דאס בוך יחזקאל'ס גיט אונז בעסער ווי וועלכעס עס איז אן אנדער בוך דעם שליסעל צו פארשטעהן די נבואה און די תורה און דערמיט בכלל צו פארשטעהן די געשיכטע פון אידישען פאלק און פון יודענטום.

מיט יחזקאל באווייזט זיך אויף אונזער האריזאנט די פיגור, וואס האט געהאט אזא רייכע השפעה אויף דער צוקונפט. באגאבט ווי די אנדערע נביאים מיט זעהונגען, און געבענדיג נביאות צום פאלק, איז ער אבער פארט לויט זיין פריסטערליכער אפשטאמונג דורכגעדרונגען מיט פריסטערליכע אינסטינקטען. כאראקטעריסטיש פאר איהם איז, וואס קריגענדיג דעם באפעהל פון גאט צו עסען ברויט געבאקען אויף מענשליכע מיסט, ווערט ער זיך מיט די ווערטער: „וועה, מיין האר יהוה! זעה, מיין זעל האט זיך ניט פאראומרייניגט און נבלה און טרפה האט איך ניט געגעסען פון מיין יוגענד אן ביז איצט און געצענפלייש איז אין מיין מויל ניט געקומען" (יחזקאל ד 14, 13). איינע פון די ערשטע עובדות פון א ריכטיגען כהן איז פאר איהם צו לערנען דאס פאלק ווי צו אונטערשיידען צווישען „קדש" און „חול", צווישען טהור און טמא (כ"ב 26; מ"ד 23). ווי א כהן ווענדט ער זיך צו די איינצעלנע פארטריבענע זיי צו פארהיטען מיט זיינע רייד געגען זינד און שלעכטס. ער האט באטראכט פאר זיין שליחות מפרסם צו זיין, אז די אידישע מלוכה מוז אונטערגעהן אלס שטראף פון יהוה פאר די גרויסע זינד פון דער פארגאנגענהייט אין קולט און פאר דער מאראלישער און רעליגיעזער פארדארבענקייט פון איצטיגען דור. דערמיט שליסט ער אפ איינע פון די הויפט־אויפגאבען פון דער נבואה. ער פארטרעט דעם ברוך מיט דער פארגאנגענהייט, דאס אויפגעבען פון די פריהערדיגע אידעאלען און די אננעמונג פון דער נביא'ישער באטראכטונג פון ישראל'ס געשיכטע, פון זיינע אויפגאבען און האפענונגען. אזוי אבער ווי אנקניפענדיג אן דעם ספר דברים פארוואנדעלט ער די פאדערונג פון דער נבואה אין תקנות און געזעצען און צייכענט פאר דעם פלאן פאר זיין פאלק ווי צו געפינען גאט'ס ליטזעליגקייט אונטערוואַרפענדיג זיך אונטער די דאזיגע געזעצען — בילדעט ער דעם בריק פון דער נבואה צו דער געזעץ־שריפטשטעלעריי פון גלות און צום יודענטום פון נאכ'ן גלות. מאנכע באצייכענען איהם אלס דעם פאטער פון יודענטום נאכ'ן גלות. די באצייכענונג איז ריכטיג, ווען מ'פארגעסט ניט צוליב דעם זיין אנקניפונג אן דעם ספר דברים און זיין אפהענגיגקייט פון די געדאנקען פון די נביאים. אויך ביי איהם באמערקען מיר די ערשיינונג,

אז די איינפלוסרייכסטע פערזאָנען אין דער געשיכטע זיינען די, וועלכע ווייסען ווי צו פאָרמולירען און ווי אָנצואווענדען אויף דאָס טעגליכע לע־בען די געדאַנקען, וואָס אַנדערע האָבען אַרויסגעזאָגט. ווענען יחזקאל׳ס באַדייטונג אַלס פאָרגעהער פון דעם יודענטום פון נאָכ׳ן גלות וועט נאָך שפּעטער גערעדט ווערען באַריכות.

יחזקאל׳ס טעטיגקייט אַלס נביא האָט זיך אָנגעהויבען 6 יאָהר פאַר דעם חורבן פון ירושלים. זיינע נבואות פון יענע 6 יאָהר גיבען אונז זעהר אַ לעבעדיג בילד פון ישראל׳ס שיקזאַלען אין דער דאָזיגער צייט. ניט בלויז פיהרען זיי אונז אַריין אין די שטימונגען און געדאַנקען, וואָס האָבען באַ־וועגט די פאַרטריבענע אין באַבילאָניען; ניט נאָר שילדערען זיי אונז די צוריקווירקונג פון די געשעהענישען אין ירושלים אויף די מעשים און גע־דאַנקען פון יענע גלות־אידען, נאָר זיי גיבען אונז גוטע ידיעות אויך איבער צושטענדען און פערזאָנען אין ירושלים, מחמת עס איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטער פאַרקעהר דורך בריף און רייזענדע צווישען ירושלים און די אידען פון גלות, און די פאַרטריבענע, ווי עס לאָזט זיך לייכט פאַרשטעהן, האָבען נאָכגעפאָלגט מיט דעם לעבעדיגסטען אינטערעס די פּאַסירונגען אין ירושלים. אָבער מ׳מוז נאַטירליך האַלטען דערביי אין זינען, אַז דעם נוסח, אין וועלכען די נבואות ליגען איצט פאַר אונז, האָבען זיי ערשט באַקומען נאָכ׳ן חורבן פון ירושלים און זיינען מעגליך באַאיינפלוסט געוואָרען פון יענער גרויסער פּאַסירונג אויך אין זייער אינהאַלט.

פון ירמיה׳ן זיינען אונז געבליבען נבואות אויך פון צדקיה׳ס ערשטער צייט. דאָך זיינען מיר מעהר אינפאָרמירט דורך זיי ווענען צדקיה׳ס מרידה, ווענען דער באַלאַגערונג און צעשטערונג פון ירושלים.

לויט די ידיעות זיינען די 11 יאָהר פון צדקיה׳ס רעגירונג געווען אַ גרויסע אינערליכע אויפרודערונג. סאַי די וואָס זיינען געבליבען אין ירושלים, סאַי די וואָס זיינען פאַרטריבען געוואָרען אין באַבילאָניען ווייסען ניט ווי זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין דער סיטואַציע, און מיט דער אַלטער נאַציאָנאַ־לער עקשנות קעמפען זיי נעגען דעם גורל וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלעגט געוואָרען. אין ירושלים הערשט די נייגונג אויסצוטייטשען די נאַציאָנאַלע דערנידעריגונג פון יאָהר 597 אַזוי אַז דורך דער פאַרטרייבונג זיינען די שול־דיגע באַשטראָפט געוואָרען און די געבליבענע אין ירושלים זיינען איצט זי־כער. נעגען דער פאַרבלענדונג ווענדט זיך ירמיה אין זיינע זעהונגען אין קאַפּ. כ״ד. ער וואַרפט פאַר די פאַרבליבענע אין לאַנד, אַז זיי זיינען אַסך פאַרדאָרבענער און נידריגער ווי די, וועלכע נבוכדראצר האָט פאַרטריבען

אין גלות, און ער זאגט זיי פאראויס, אז א נייע שטראף קומט זיי אנטקעגען, אז זיי וועלען פארלירען זייער לאנד, בעת פון יענע פארטריבענע אידען אין באבילאניען וועט גאט זיך שאפען א פאלק. אז צום גלות וועט באלד נעמען א סוף, אז יהויכין און אלע, וואס האבען מיט איהם דעמזעלביגען שיקזאל געליטען, וועלען זיך באלד צוריקקעהרען אהיים, דאס איז געוועזען די איבערצייגונג אויך פון די וואס זיינען אין לאנד געבליבען, און אויך פאר זיי איז עס געוועזען א פועל־יוצא פון זייער רעליגיעזען גלויבען, ווארים אויב גאט'ס צארן איז איינגעשטילט געווארען, דאן האט די אונטערווארפונג פון יהודה אונטער'ן יאך פון די כשדים ניט געקאנט לאנג דויערען. דערצו נאך האט דאך נבוכדראצר געלעגט זיין האנט אויף דעם געזאלבטען פון יהוה און האט דורך זיין אויסראבירען יהוה'ס טעמפעל ארויסגערופען זיין צארן. אין ירושלים האט מען דעריבער דערווארט, אז די כאלדעאישע הערשאפט זאל באלד צוזאמענברעכען און די באפרייאונג זאל קומען. די נביאים אין ירושלים און אויך אין באבילאניען, וועלכע האבען זיך געפיהלט טיף פארוואונדערט דורך די געשעהענישען פון יאהר 597, ווערען דעריבער ניט מיד נביאות זאגענדיג וועגען נבוכדראצר'ס באלדיגער מפלה.

די דאזיגע בשורה האט געפונען אפענע אויערן צווישען די פארטריבענע אידען. זיי האבען ניט געקאנט זיך איינלעבען מיט דעם געדאנק צו בלייבען אויף תמיד אין א טמא'ן לאנד. מ'האט געהאפט גאר אין קורצען זיך צוריקצוקערען און ווידער צו קריגען די אלטע שטעלעס און די פארלארענע נחלאות. אויף די נייע תקיפים אין ירושלים און זייער מלוכה האט מען געקוקט פון אויבען אראפ. דאס איז באמת גאר ניט געוועזען די אלטע מלוכה פון אמאל. וויבאלד אז ירושלים האט זיך איבערגעגעבען צו נבוכדראצר'ן, הייסט עס, אז יהוה איז ניט געוועזען אין בית־המקדש; און דער וואסאל צדקיה איז ניט געוועזען אין זייערע אויגען קיין קעניג פון דוד'ס הויז מיט דעמזעלביגען ווערט ווי זיינע פארגעהער. פארלאזענדיג ירושלים האבען די פארטריבענע, ווי עס ווייזט אויס, געמוזט פארקויפען זייערע נחלאות פאר יעדען פרייז. דאס האט ארויסגערופען ביי זיי דעם געפיהל, אז די קויפער האבען געצויגען א נוצען פון זייערע ברידער'ס אומגליק. אלס צוגאב נאך האט וואהרשיינליך א גרויסער טייל פון דעם קויף־פרייז געמוזט אפגעגעבען ווערען אויף קרעדיט צו די אומבאמיטעלטע קויפער. עס זעהט זאגאר אויס, אז מ'האט אפילו ניט ערפילט עהרליך וואס מ'האט זיך מתחייב געווען; מ'האט אויסגענוצט די געצוואונגענע לאגע פון די פארטריבענע און, מיט דעם הויכמוטיגען געפיהל, אז מען איז פון יהוה געלאזען געווארען אין לאנד, האט

מען אראפּגעקוקט אויף די פארטריבענע. דאס האט ארויסגעבראכט האס און פאראכטונג. די דאזיגע שטימונג פון די פארטריבענע טיילט אויך יחזקאל. אויך ער האלט זיי פאר בעסער ווי די אין ירושלים פארבליבענע. ער סטראשעט מיט א חורבן פאר די זינד פון די אידען וואס ריידען פון זייערע פארטריבענע ברידער (י"א 15): „זיי האבען זיך דערווייטערט פון יהוה און אונז איז עס (יהוה'ס לאנד) געגעבען געווארען פאר אן ארב". אבער די אידען פון באבילאניען, מיט וועמען ער האט געטיילט דעמזעלביגען גורל, טרייסט ער, אז זיי וועלען זיך אמאל צוריקקעהרען אין לאנד פון זייערע פאטערס. אויך ער האלט, אז דאס קעניגטום איז מיט יהויכין'ס אראפּפירונג אפּגעשאפט געווארען (קאפּ. י"ז). דער שפּיץ פון לבנון־צעדער (יהויכין) איז פון דעם גרויסען אדלער (נבוכדראצר) אויסגעבראכען און איז באבילאניען געבראכט געווארען; אויף זיין שטעל איז געפלאנצט געווארען א וויינשטאק (צדקיה'ס מלוכה), וואס זאל אויסשפּרייטען זיינע צווייגען צו בבל צו. אויך לויט יחזקאל'ס איבערצייגונג האט יהוה די שטאדט פארלאזען.

ביי דער שרעקליכער אומארדנונג, וואס איז איינגעטראטען אין ירושלים אונטער דעם רעזשים פון דעם נייעם ניט געניטען און געוואלדטעטיגען הערשער, איז פאקטיש ביי די אידען פון גלות אויפגעקומען דער געפיהל, אז זיי זיינען בעסער איידער די אידען פון ירושלים און אז זיי זיינען דערום ניט פארדינטערהייט באשטראפט געווארען. פאר יחזקאל'ן איז ירושלים א שטאדט פול מיט שפיכות־דמים. עס ווייזט אויס, אז די פארטיי, וואס האט באקומען די הערשאפט און האט צוגעגרייט די מרידה געגען בבל, האט אונטערדריקט מיט געוואלד־מיטלען די געגנערשאפט צו איהר און אז אויך בכלל האבען די שרים אפּגעטאן אלערליי עולות, איבער וועלכע די נביאים פון עמוס'ען אן זיינען ניט מיד געווארען צו קלאגען. אויך דער בייט אין דעם לאנד־אייגענטום פון יאהר 597 איז הפּנים ניט אפּגעגאנגען אהן געוואלד־מיטלען און האט געבראכט מיט זיך ווייטערדיגע געוואלד־מיטלען. צו דער זינד קומט נאך צו, וואס די פרעמדע קולטען האבען צוליב אויבען דערמאנטע סיבות ווידער אנגעהויבען זיך צו פארשפּרייטען. אפילו אין בית־המקדש גופא פון ירושלים ווערט ווידער אריינגעפיהרט דער פרעמדער קולט פון אשור־בבל. דארטען דינען די פרויען צום תמוז*) און אין הויף פון בית־המקדש בוקט מען זיך מיט'ן רוקען צו יהוה'ס מזבח צו דער אויפגעהענדער

*) נעה וועגען דעם אין ערשטען באנד ז. 281, 282 אין דער באמערקונג.

זון (יחזקאל ח). אויך דאָס איז געווען אַ נאַטירליכער פּועל־יוצא פון די געשעהענישען פון יאָהר 597. די באַזיגונג פון יהויכין'ען און זיין פּאַרטריי־בונג אין גלות זיינען נאָך אין אַסך אַ גרעסערער מאָס ווי די פּאַראויסגע־העגדע פּאַר־ירונגען געווען מסוגל צו צעטרייסלען דעם בטחון אין יהוה ביי די אַלע, וואָס זיינען ניט ביכולת געווען צו זעהן אין די נאַציאָנאַלע אומ־גליקען, ווי ירמיה און יחזקאל און זייערע אַנהענגער, אַ ווערק פון דעם גע־רעכטען יהוה. און האָבען אויך ניט געוואָגט צו האָפען, צוזאַמען מיט די פאַלשע נביאים און מיט דעם רוב פון פאָלק, אויף יהוה'ס באַלדיגער הילף. ווייבאַלד אַז יהוה האָט ניט בלויז צוגעלאָזען, אַז יאשיהו זאָל פאַלען אין שלאַכט און די מלוכה זאָל ווערען אַפּהענגיג פון פרעמדע, נאָר ער האָט אפילו רוהיג צוגעקוקט ווי זיין געזאַלבטער האָט זיך אונטערוואָרפען אונטער נבוכדראצר'ן, און ווי זיין בית־המקדש איז אויסגעבויט געוואָרען, הייסט עס, אַז ער איז אַהנמעכטיג געגען די געטער פון די זיגער, אָדער אַז ער האָט פאַרלאָזען זיין פאָלק און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די כשדים. אַז יהוה האָט דאָס לאַנד פאַרלאָזען איז די איבערצייגונג פון די, וואָס געהען איבער צום דינסט פון אַנדערע געטער, און דער איבערגאַנג ווערט דערמיט אויך פאַרשטענדליך (יחזקאל ח 12; ט 9). אָבער די צעטרייסלונג פון פאַ־טערליכען גלויבען בריינגט מיט זיך אַן אָפּשוואַכונג פון די אַלטע מידות. אויב מ'קאָן זיך פאַרלאָזען אויף יחזקאל'ס שילדערונג (קאַפּ. כ"ב), וועלכע נעמט נאַטירליך אויך אריין אין חשבון די זינד פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָבען דעמאָלט זינד און אויסגעלאַסענקייט פון ערגסטען זאָרט געשענדעט אַלע קלאַסען. די אין זיך צעשפּאַלטענע נבואה איז ניט געווען בכוח צו ווירקען מאָראַליש אויף דאָס פאָלק. אדרבה, עס זעהט אויס, אַז יענע געג־נער ירמיה'ס האָבען אין אַסך פאַלען געגעבען די ערגסטע ביישפּילען (ירמיה כ"ט 21—23). דאָס איז קיין חידוש ניט ביי זייער השגה פון גאָט. יענע ווי־דער, וועלכע האָבען, צוזאַמען מיט דער מאַסע פון די נביאים, דערוואַרט, אַז יהוה וועט אָט גאָר באַלד נעמען נקמה, זיינען געווען אין דער סכנה פאַר־פיהרט צו ווערען פון דעם דינסט פון אַנדערע געטער, מחמת עס האָט זיי געפעהלט די נביא'ישע דערקענונג פון דעם מהות פון יהוה, און אָט די דער־וואַרטונג זייערע האָט זיי כסדר אָפּגענאַרט. מאַנכע האָבען הפנים זיך גע־וואַקעלט צווישעןביידע באַטראַכטונגען, פּרובירענדיג אַ ווײַלע מיט דעם בטחון אין יהוה, אַ ווײַלע מיט דעם דינסט פון פרעמדע געטער.

זעהענדיג ווי עס ווייזען זיך אין אַ פאַרשטאַרקטער מאָס די אַלטע איבלען פון אידישען לעבען, ציהט יחזקאל נאַטירליך אַ גאַנץ אַנדערען שלום

איידער זיינע פאַרטריבענע ברידער פון באַבילאָניען. יחזקאל׳ס ווערטער, אַז עס וועט באַלד מקוים ווערען די נביאות פון די פריהערדיגע נביאים וועגען דעם אונטערגאַנג פון דער מלוכה און אַז יהוה וועט באַלד ברייגגען דעם חורבן אַלס שטראָף פאַר די זינד פון זיין פאָלק, רופט אַרויס זייער צאָרן. זיינע רעדעס, אַז יהוה וועט זיך צוריקקעהרען קיין ירושלים כדי צו פאַרברענען די שטאָדט און צו פאַרניכטען איהרע איינוואוינער, דערוועקט נאָר זייער צאָרן געגען איהם. יחזקאל׳ס לאַגע ווערט אַזאַ, אַז ער איז באַלד געצוואונגען אויפצוגעבען יעדע עפענטליכע טעטיגקייט און, צו זיין זיכער, אַז מ׳פאַרפאָלגט איהם ניט, זיך איינצושליסען שטיל אין זיין הויז. דאָרטען, אין תל־אביב, ביים טייך כבר, זוכען איהם נאָך אָפטמאָל אויף די פאַמיליען־פאַרשטעהער אום צו הערען אַ וואָרט פון יהוה. זיין השפעה איז אָבער קענטיג געווען זעהר אַ שוואַכע, יעדענפאַלס אסך שוואַכער איידער די השפעה פון זיינע געגנער, וועלכע האָבען צווישען די פאַרטריבענע נביאות געזאָגט אויף דעם באַלדיגען צוזאַמענברוך פון דער כאַלדעאישער הערשאַפט. יענע נביאים האָבען, ווי עס ווייזט אויס, אָנגעפיהרט זייער טעטיגקייט אַזוי אָפען, אַז די באַבילאָנישע רעגירונג האָט זיך גענומען צו זיי. ירמיה סטראַשעט אין דעם אויבען דערמאָנטען שטעל (כ״ט 21) צוויי אין באַבילאָניען טעטיגע נביאים, אהאב און צדקיה, אַז נבוכדראצר וועט זיי לאָזען פאַרברענען אין פייער צוליב זייער אוממאָראַלישער אויפפיהרונג און זייערע העצערישע רעדעס. יחזקאל קלאָגט (י״ב פון פסוק 21), אַז די נבואה געפינט מעהר קיין גלויבען ניט און ער מאַכט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם די פאַלשע נביאים, וואָס האָבען איינגעוויגט דאָס פאָלק דורך זייערע נבואות וועגען גליס אין אַ פאַרנאָרטער זיכערקייט. ער פאַרגלייכט זיי מיט שאַקאַלען, וואָס גראָבען זייערע לעכער אין חורבות (י״ג 4) און ער זאָגט אויף זייער העלפען צו פאַרשטאַרקען די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, אַז זיי באַוואַרפען מיט טינק די פון פאָלק אויפגעשטעלטע ליים־מויערן (י״ג 10). עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות זיך פאָרצושטעלען, אַז ירמיה׳ס און יחזקאל׳ס געגנער האָבען ניט נביאות געזאָגט מיט דעמזעלביגען גוטען גלויבען אין דעם אמת און אין דעם געטליכען מקור פון זייערע נבואות פונקט ווי אָט זיי ביידע. וואָס עס האָט אויסגעפעהלט יענע גליק־נביאים, איז געווען די מאָראַלישע וועלט־באַטראַכטונג און דער פּרינציפּ, אַז יהוה איז אַ גערעכטער גאָט. אָט דערפאַר האָבען ירמיה און יחזקאל און זייערע חברים באַהויפּטעט מיט פולען רעכט, אַז יענע נביאים זיינען ניט פון יהוה און האָבען זיי באַ־

האַנדעלט אלס פאַלשע נביאים. — דאָך לאָמיר זיך צוריקקעהרען צו דעם גאַנג פון געשעהענישען אין ירושלים.

דעם באַלדיגען אונטערגאַנג פון דער מלוכה פון די כשדים האָט מען דערוואַרט ניט בלויז אין יהודה אליין. פונקט ווי אין חזקיה'ס טעג, אזוי קומען אויך איצט, אין צדקיה'ס ערשטע רעגירונגס־יאָהרען — אין יאָהר 595 אָדער 594 — פרעמדע געזאַנדטע קיין ירושלים און זוכען א בונד מיט יהודה. אדום, עמון, מואב, צור און צידון נעמען אנטייל אין דעם בונד. ווי אַמאָל ישעיה, אזוי שטרענגט איצט ירמיה אָן אלע כוחות צו האַלטען זיין קעניג אויפ'ן וועג פון פאַרזיכטיגקייט. אָבער אומזיסט. די האָפענונג אויף דעם באַלדיגען צוזאַמענברוך פון בבל רייסט מיט די מאַסען מיט זיך*). ירמיה איז דער איינציגער, וועלכער זעהט — ווי אַמאָל ישעיה — ווי ניט באַ־רעכענט און געפעהרליך עס איז צו וואַגען אזוינע זאַכען. אָבער זיין שטים בלייבט ניט געהערט.

פאַר א מאָמענט האָט דעם נביא'ס אזהרה דאָך געמאַכט, ווי עס ווייזט אויס, עפּעס א רושם. פיליכט האָט זיך אויך עגיפּטען ווידער צוריקגעצוי־גען**). על־כל־פנים איז די זאַך באַקאַנט געוואָרען אין הויף פון דעם גרוי־

*) אין קאַפּ. כ״ז — כ״ט שילדערט ירמיה די צושטענדען זעהר לעבעדיג. עס האַנדעלט זיך יעדענפאַלס וועגען דער ערשטער צייט פון צדקיהו. אָנגעהעצט פון עגיפּטען איז סיריען, ווייזט אויס, געווען דאַמאָלסט ווידער אויפגערודערט. ירמיה לעגט אַרויף שטריק און יאָך־העלצער אויף זיין האַלז און זאָגט צום קעניג און צו די געזאַנדטע: „איך האָב די ערד באַשאַפען דורך מיין גרויסען כוח... און איצט גיב איך זי אין דער האַנט פון דעם קעניג פון בבל... דאָס פאָלק און קעניגרייך וואָס וועט ניט אַריינלעגען זיין האַלז אין דעם יאָך פון דעם קעניג פון בבל — מיט שווערד און הונגער און פעסט וועל איך עס באַשטראָפען, האָט געזאָגט יהוה; דאָס פאָלק אָבער וואָס וועט אַריינלעגען זיין האַלז אין דעם יאָך פון דעם קעניג פון בבל און וועט זיך אונטערוואַרפען אונטער איהם, וועל איך עס לאָזען רוהיג אויף זיין לאַנד, עס זאָל עס באַאַרבייטען און באַוואוינען.״ — איינער א נביא חנניה בן־עזור ווידערשפּרעכט איהם און נעמט אַראָפּ די יאָך־העלצער פון איהם און צעברעכט זיי: „אָט אזוי וועל איך צעברעכען דעם יאָך פון דעם קעניג פון בבל פון האַלז פון אַלע פעלקער״. ירמיה זאָגט איהם פאָראויס דעם טויט: „אין דעם יאָהר נאָך וועסטו שטאַרבען... און ער איז געשטאָרבען אין זיבעטען חודש״ (ירמיה כ״ח).

**) מ'קאָן זיך משער זיין, אז נכו האָט נאָך דער נידערלאַגע ביי כרכמיש איבערהויפּט ניט געהאַט מעהר קיין מוט אויפצונעמען ערנסט דעם קאַמף געגען בבל. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 594. זיין נאָכפאָלגער פּסאַמעטיך דער צווייטער (588—594) האָט, ווי עס זעהט אויס, געהאַט דיזעלביגע האַלטונג; דערצו איז ער דורך אַלערליי פאַרפלאָנטערונגען אין עגיפּטען גופא גאַר ניט געווען ביכולת זיך

סען קעניג פון בבל. צדקיה שיקט דעריבער א דעלעגאציע קיין בבל, אהן א ספק כדי צו געבען בארוהיגענדע פארשפרעכונגען. די דעלעגאטען פיהרען מיט זיך, הפנים מיט דעם קעניג'ס וויסען און גלייכצייטיג באשטימט פאר נבוכדראצר'ן, א בריף פון ירמיה'ן צו די באבילאנישע אידען, אין וועלכען ער ווארענט זיי זיך צו האלטען רוהיג און טריי און ניט צו מאכען קיין אומבאזונענעם טריט. „זוכט דאס גליק פון דער שטאדט, וואוהין איך האב אייך פארטריבען, און זייט מתפלל פאר איהר צו יהוה, ווארים איהר גליק איז אייער גליק!" (ירמיה כ"ט). עס ווייזט אבער אויס, אז עס האט זיך דער דעלעגאציע ניט איינגעגעבען צו איבערצייגען דעם גרויסען קעניג אין צדקיה'ס טריישאפט אלס וואסאל, און צדקיה מוז דערפאר אליין מאכען דעם וועג צו נבוכדראצר'ס הויף*). דא ערשט גליקט עס איהם אפ צו געווינען ווידער דעם צוטרוי פון דעם גרויסען קעניג, וועלכער איז בכלל געוועז לויט זיין צייט א ברייט־דענקענדער און מילדער הערשער.

דאס איז געוועזן אין צדקיה'ס פערטען יאהר, בכן אין יאהר 594. צדקיה האט זיך איצט נעהאלטען רוהיג, אזוי לאנג ווי פסאמעטיך דער צווייטער האט געלעבט. די קריגס־פארטיי אין ירושלים האט זיך לייכט איבערצייגט, אז ס'איז ניטא וואס צו האפען אויף איהם. די לאגע האט אבער, ווי עס ווייזט אויס, זיך גלייך געענדערט, ווי נאר פרעה חפרע האט באשטיגען דעם טראן אין יאהר 588. ער האט געדענקט די אלטע צייטען פון עגיפטען, און די קריגס־פארטיי אין ירושלים, וועלכע איז אהן א ספק קיינמאל לגמרי ניט געבליבען רוהיג, האט ווידער באקומען די אויבער־האנט. אויך צדקיה האט זיך ניט געקאנט שטעלען אנטקעגען, אפילו ווען ער וואלט געוואלט, סיידען ווען ער וואלט געהאט ירמיה'ס אייזערנעם, אומבויגזאמען מוט פון אמת און די מאראלישע קראפט, ווען נויטיג, צו פאלען דורך די

צו פארנעמען מיט אנדערע זאכען. פיליכט איז די גאנצע זאך, צוליב וועלכער די שלוחים זיינען געקומען צו צדקיה'ן, צעשלאגען געווארען צוליב דעם בייט אויפ'ן עגיפטישען טראן. ערשט פסאמעטיך'ס נאכפאלגער, פרעה חפרע (זינט דעם יאה־ 588) וואגט ווידער אויפצונעמען די אלטע פאליטיק. אויך העראדאט ווייסט דערפון. ער דערצעהלט פון אן אטאקע אויף צידון און א ים־שלאכט געגען צור. עס ווייזט אויס, אז חפרע האט געצוואונגען די פעניקיער זיך אנצושליסען אן איהם.

*) די רייזע, וואס ווערט דערמאנט אין ירמיה נ"א 59, איז ניט אין גאנצען זיכער, מחמת די קאפיטלען נ און נ"א זיינען שפעטערע הוספות. דאך איז זי יעדענפאלס רעכט וואהרשיינליך. און אין דעם זין האבען מיר זי אויבען אנגענומען אלס פאקט.

פארבלענדעטע אין אייגענעם פאלק פאר'ן גליק פון זיין לאנד. פון אזא האלץ איז אבער, ווי עס ווייזט אויס, ניט געווען דער לעצטער צווייג פון דוד'ס אלטען שטאם.

אט אזוי ווידערהוילט זיך דא די ערשיינונג, מיט וועלכער מיר האבען זיך שוין באגעגענט אין דער צייט פון דער אשורישער אונטערדריקונג. נאך די העכערע נבואה אליין האט א פארשטענדניש פאר דער פאליטישער לאגע. נאר זי האט באגריפען, אז זייענדיג אפהענגיג פון באבילאניען קאן מען נאך ווי עס איז האבען א תקומה, אבער אז א נייע מרידה וועט ברייני-גען מיט זיך דעם פולשטענדיגען אונטערגאנג פון דער מלוכה. זי אליין האט איינגעזעהן, אז עגיפטען וועט ניט זיין בכוח צו האלטען איהר פארשפרע-כען. זי אליין האט אויך געהאט דעם געפיהל, אז צדקיה האנדעלט מיאוס מיט זיין מרידה געגען זיין אויבער-הער, וועלכער האט ביז-אהער באהאנדעלט איהם און זיין פאלק מיט גרוים מילדקייט.

ווי פיעל עס האבען גענומען אנטייל אין דער באוועגונג, ווייסען מיר ניט; אחוץ יהודה יעדענפאלס צור און עמון. וויבאלד עגיפטען האט געהאט א האנט דערין, האט נבוכדראצר נאטירליך ניט געקאנט רוהיג צוזעהן. ער קומט מיט א חיל און, ווי אמאל פרעה נכו, מאכט ער זיין הויפט-קווארטיר אין ריבלה. אן אפטיילונג פון זיין ארמיי פארנעמט זיך געגען צור, און מיט דער הויפט-מאכט ערשיינט ער אין ווינטער פון יאהר 588-7 פאר ירושלים. ער נעמט זיך גלייך צו דער באלאגערונג. אין שטאדט ברעכט אויס א פאניק. דער געדאנק, אז מ'האט ארויסגערופען יהוה'ס צארן געגען זיך שלאגט טיפע ווארצלען אין אלע קרייזען פון פאלק. דאך איז מען נאך גאנץ ווייט דערפון צו באטראכטען די זאך אויף ירמיה'ס און יחזקאל'ס אופן. מ'האפט, אז עס וועט זיך איינגעבען איבערצובעטען יהוה, אזוי אז ער זאל זיך איינשטעל-לען פאר זיין שטאדט און בית-המקדש. מ'האט הפנים דעמאלט אסך נאכ-געקלערט וועגען דעם דורך וואסערע מעשים מ'האט פארדינט יהוה'ס צארן און מ'האט געזוכט מפייס צו זיין יהוה מיט אלערליי קרבנות און נדרים.

פון דעסטוועגען דערוויסען מיר זיך ניט פיעל וועגען דעם. נאר דורך-אגב דערצעהלט אונז ירמיה (ל"ד), אז מ'האט זיך דעמאלט דערמאנט, אז דאס אלטע טראדיציאנעלע רעכט פארבאט צו האלטען אין קנעכטשאפט א אידישען מאן אדער פרוי דעם גאנצען לעבען, נאר מ'מוז זיי פריי לא-זען נאך זיבען יאהר. דער קעניג און זיין פאלק זיינען זיך מתחייב דורך א געשווארענעם בונד פאר יהוה אין בית-המקדש גלייך אוועקצולאזען פריי אלע

אידישע שקלאפֿען און שקלאפינס און זיי פיהרען דאס אויך דורך*). בכלל אבער פארטיידיגט מען זיך העלדיש און מען איז אנטשלאסען אויסצוהאל־טען אונטער אלע אומשטענדען. פאקטיש ווייזען זיך די מויערן פון ירושלים און איהר גארניזאן ארויס פאר גענוג שטארק זיך צו שטעלען אנטקעגען דעם גרויסען קעניג. און אז די לאנג שוין דערווארטע הילף פון עגיפטען איז סוף־כל־סוף געקומען און פרעה חפרע האט אריינגעמארשירט מיט זיין ארמיי אין פאלעסטינא, איז נבוכדראצר געצוואונגען געווען לגמרי אויפצוגעבען די באלאגערונג. א שמחה און א יובעל האט ארומגענומען די גאנצע שטאדט. עס האט זיך געדוכט, אז עס האט זיך ווידערהוילט דער וואונדער פון חזקיה'ס צייט. אבער ווי ווייניג טיף עס איז געווען די אנערקענונג פון דער אייגענער שולד און ווי ווינציג מ'האט משיג געווען די רייד פון די נביאים וועגען יהוה'ס מהות און זיינע מעשים, האט זיך גלייך ארויסגעוויזען ווען מ'האט די נאר וואס פרייגעלאזענע קנעכט מיט געוואלד באלד ווידער איינגעשפאנט אין אלטען יאך. ירמיה סטראשעט די איינוואוינער פון ירושלים אז אלס שטראף דערפאר וועט יהוה פריי לאזען געגען זיי שווערד, פעסט און הונגער, וועט זיי מאכען צו שפאט ביי אלע פעלקער, וועט זיי איבערגעבען אין דער האנט פון זייערע פיינד און זייערע טויטע קערפערס וועט ער געבען אלס שפייז צו די פויגלען און די ווילדע חיות. נבוכדראצר'ס חיל וועט זיך צו־ריקקעהרען, די שטאדט ערֿאבערען און פארברענגען (קאפ. ל"ד).

געלאסענער ווי זיין פאלק האט, ווי עס ווייזט אויס, צדקיה באטראכט די לאגע. ער שיקט, ווי אמאל לויט דער נביאים־לעגענדע חזקיה אין א גלייכער לאגע צו ישעיה'ן, א פייערליכע דעפוטאציע צו ירמיה'ן מיט דער בקשה: „פרעג פאר אונז יהוה, ווארים דער קעניג פון בבל האלט מלחמה געגען אונז. פילייכט וועט יהוה מיט אונז טאן לויט אלע זיינע וואונדער, און יענער וועט אפציהען פון ירושלים." ירמיה לאזט וויסען צדקיה'ן דורך דער דעפוטאציע אלס יהוה'ס ענטפער, אז די עגיפטישע ארמיי וועט זיך צוריקציהען קיין עגיפטען און די ארמיי פון די כשדים וועט ווידער ערשיינען פאר ירושלים. נאך מעהר, אפילו ווען עס זאל אפגליקען צדקיה'ן צו באַ־זיגען די כשדים, אזוי אז נאר עטליכע פארוואונדעטע זאלען איבעריג בליי־בען פון זיי אין זייערע געצעלטען, אפילו דאן וועלען אט די אויפשטעהן און

*) דערמיט וואס מ'לאזט איצט אלעמען אוועק, אויך די, וואס זייער דינסט־צייט איז נאך ניט געווען אפגעלאפען, וויל מען א כפרה פאר דער עבֿרה, וואס מען איז ביז איצט באגאנגען אין דעם פרט.

פארברענען די שטאָדט אין פייער. ירמיה פאָדערט דעריבער אויף די דע־פּוטאַציע, צו זאָגען דעם פאָלק פון יהודה, אַז יהוה גיט זיי צוויי וועגען: דעם וועג פון לעבען און דעם וועג פון טויט. ווער עס בלייבט אין שטאָדט, וועט געפינען דעם טויט, און ווער עס וועט אריבערגעהן צו די כשדים, וועט ראַטעווען זיין לעבען (ירמיה כ״א, ל״ד, ל״ז).

די דאָזיגע נביאות האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די קעניגליכע באַאַמטע, און ווען ירמיה וויל אויסנוצען די אויפהייבונג פון דער באַלאַגערונג צו געהן אין זיין היים, אין לאַנד בנימין, ווערט ער ארעסטירט ביים טויער פון בנימין פון דעם באַאַמטען פון דער טויער־וואַך מיט דער באַשולדיגונג, אַז ער וויל אריבערגעהן צו די כשדים און ווערט אוועקגעזעצט אַלס געפאַנגענער אין הויז פון דעם קאַנצלער יונתן. דאָרטען בלייט ער פיעל טעג ביז צדקיה פאַר־לאַנגט איינמאָל א נביאות פון איהם און לאָזט איהם ברייינגען צו זיך. ירמיה זאָגט איהם נבואות, ווי פריהער, אַז ער וועט פאַלען אין דער האַנט פון די כשדים; אַנווייזענדיג דערביי אויף זיינע נבואות, וואָס זיינען ביז איצט מקוים געוואָרען, בעת זיינע געגנער זייען געוואָרען צו שאַנד, באַקלאָגט ער זיך פאַר דעם קעניג איבער דער שלעכטער באַהאַנדלונג וואָס ער קריגט. צדקיה וואַגט טאַקע ניט איהם ארויסצורייסען פון די הענט פון זיינע באַ־אַמטע; ער באַפעהלט אָבער, אַז ירמיה זאָל ניט געהן צוריק אין הויז פון דעם קאַנצלער יונתן, נאָר זאָל בלייבען אַלס געפאַנגענער אין וואַך־הויף פון דעם פּאַלאַץ און עס זאָל איהם געבראַכט ווערען טעגליך ברויט אויפצוהאַל־טען זיין לעבען (ל״ז).

אָבער כאָטש ירמיה זעהט אין געפענגעניש ווי אַזוי דער פון איהם לאַנג שוין פאָראויסגעזאָגטער חורבן קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער, גיט ער דאָך ניט אויף די האָפנונג אויף א בעסערער צוקונפט פון זיין פאָלק. גראָד איצט ווען ער האָט געהאַט פאַר די אויגען דעם זיכערען חורבן פון זיין פאָלק, האַלט ער זיך ביי דער דאָזיגער האָפענונג מיט א פעלזען־פעסטען גלויבען און דריקט זי אויס מיט א גרעסערער פרייד ווי ווען ניט איז פרי־הער. אין ערגיץ ווייזט זיך ניט בולט׳ער ארויס ווי אומצושיידבאַר עס זייי־נען אין דער נבואה די פאָראויסזאָגונג פון דעם קומענדען אונטערגאַנג פון דער מלוכה און די האָפענונג אויף דעם צוקינפטיגען גליק פון פאָלק אין דער משיח־צייט.

אין יענע טעג פון געפאַנגענשאַפט קריגט ירמיה א וויזיט אין וואַך־הויף פון זיין שוועסטערקינד חנמאל, וועלכער באַט איהם אָן אָפּצוקויפען די נחלה פון זייער פאַמיליע אין ענתות. ירמיה זעהט דערין גאָט׳ס האַנט

און א צייכען, אז אמאל וועט ווידער אויפגעשטעלט ווערען די שטאדט און דער בית־המקדש. ער קויפט דערפאר די נחלה פאר 17 שקל זילבער. דער פרייז ווערט פאר עדות אפגעוואוינען; א פארמעלער קויף־בריף ווערט אויפגעשריבען, גע'חתמ'עט און איבערגעגעבען צו ירמיה'ס שרייבער ברוך'ן, ער זאל עס אריינלעגען אין א ליימענעם טאפ, כדי עס זאל זיך האלטען א לאנגע צייט. ס'איז א צייכען פון גאט, אז אין אט דעם לאנד וועלען נאך אמאל געקויפט ווערען הייזער און פעלדער און וויינגערטנער. די שאנצען פון די באלאגערער דערנעהנטערען זיך אפילו אלץ מעהר צו דער שטאדט, וועלכע וועט פאלען אין זייערע הענט און וועט פארברענט ווערען אלס שטראף פאר די זינד פון איהרע איינוואוינער. אבער אמאל וועט יהוה זיי צוריקברייננגען און זיי געבען א הארץ און א וועג ווי איהם צו געהארכען. ער וועט שליסען מיט זיי א נייעם בונד, וועט טאן גוטס מיט זיי, וועט אריינטאן גאט'ס פורכט אין זייער הארצען, אזוי אז זיי וועלען זיך מעהר ניט אפקעהרען פון איהם און ער וועט זיי אויף תמיד איינפלאנצען אין לאנד (ל"ב).

אבער דאס וואס ער לאזט ניט אפ אויך אין וואך־הויף ארויסצוזאגען יהוה'ס ווילען, ברייננגט אויף איהם נייע פארגוואלדיגונגען. די קעניגליכע באאמטע באשולדיגען איהם, אז מיט זיינע נבואות וועגען דעם באלדיגען חורבן פון ירושלים נעמט ער אוועק דעם מוט ביי דער באפעלקערונג און זיי צווינגען דעם קעניג איבערצוגעבען ירמיה'ן אין זייערע הענט. מ'ווארפט איהם אריין אין א גרוב, וואס געפינט זיך אין וואך־הויף, כדי ער זאל אין איהר אומקומען. אבער דעם קעניג'ס א יעוונוך, דער עטיאפיער עבד־מלך נעמט זיך אן פאר'ן נביא. ער איילט זיך צום קעניג און קריגט פון איהם די ערלויבעניש ארויסצוציהען דעם נביא פון גרוב. אט אזוי בלייבט ירמיה אין וואך־הויף ביז דער ערָאבערונג פון שטאדט. פאר'גנב'עטערהייד קומט נאך דער קעניג איהם פרעגען, אבער ער געפינט ניט דעם מוט צו פאלגען דעם נביא'ס עצה, וואס ער גיט איהם איצט ווידער, זיך אונטערצוגעבען. נאך מעהר, ער דערנידעריגט זיך אזוי ווייט, צו בעטען ירמיה'ן ניט מיטצוטיילען צו די שרים דעם אינהאלט פון זייער געשפרעך; נאר טאמער פרעגען זיי ביי איהם, זאל ער זיי זאגען, אז ער האט געבעטען דעם קעניג איהם ניט צו שיקען צוריק אין דעם געפענגעניש פון דעם קאנצלער יונתן'ס הויז. און ירמיה טוט דעם אומגליקליכען קעניג די טובה (ל"ח).

באלד האבען אלע געזעהן בחוש ווי עס ווערען מקוים ירמיה'ס ווערטער. די באלאגערער האבען זיך צוריקגעקעהרט. דאס ברויט האט אנגעהויבען אויסצוגעהן אין דער באלאגערטער שטאדט. דער הונגער פיהרט צו מאוים־

דיגע מעשים פון פארצווייפלונג און ברעכט סוף־כל־סוף די קראפט פון דער פארטיידיגונג. אין 9טען טאג פון 4טען חודש פון צדקיה'ס 11טען רעגי־רונגס־יאהר (יולי 586), דאס הייסט בכן נאך א באלאגערונג פון א יאהר, 5 חדשים און 27 טעג גיט זיך די באלאגערער איין איינצוברעכען דעם מויער. איצט ווייזט ארויס דער אומגליקליכער צדקיה צום ערשטען מאל א מוט און אן ענערגיע וואס פאסען זיך פאר דעם שטאם, פון וועלכען ער קומט ארויס. אין דער נאכט נאכ'ן איינברעכען פון מויער רייסט ער זיך דורך מיט זיין חיל דורך דער באלאגערנדער ארמיי אין דרום פון דער שטאדט. נאכדעם ווי דער ארויספאל האט איהם אפגעגליקט, זוכט ער צו אנטלויפען צום עבר הירדן. אבער עס געלינגט די באבילאנער איהם צו כאפען ביי יריחו און איהם צו נעמען געפאנגען. זיין חיל צעפליהט פון איהם אין אלע זייטען און פארטיילט זיך אין קליינע באנדעס איבער דאס לאנד. צדקיה ווערט אפגעפיהרט אין נבוכדראצר'ס הויפטקווארטיר קיין ריבלה, צו באקומען דארטען זיין פסק פאר'ן ברעכען די שבועה פון טריי־הייט. נבוכדראצר לאזט איהם מאכען בלינד, נאכדעם ווי זיינע זיהן זיינען געטויט געווארען פאר זיינע אויגען. געשמידט אין קייטען ווערט ער אפגע־פיהרט קיין בבל אין געפענגעניש.

איבערגעגעבען אלס הפקר אין די הענט פון דער כאלדעאישער ארמיי, לעבט איצט די עראבערטע שטאדט איבער א שרעקליכען חודש, ביז זי קריגט די שטראף פאר איהר אויפשטאנד. דעם 7טען טאג פון 5טען חודש (אב) קומט אין ירושלים נבוזראדן, דער הויפט פון נבוכדראצר'ס לייב־גווארדיע, און פארברענט די גאנצע שטאדט צוזאמען מיט דער פעסטונג און דעם בית־המקדש. די מויערן פון דער שטאדט ווערען ארונטערגעריסען, די בראנזענע זיילען און בעקען־טרעגער, דער בראנזענער באסיין פון בית־המקדש ווערען צעבראכען און אוועקגעשלעפט קיין בבל. עס ווערען אויך אוועקגעפיהרט אהין די נאך געבליבענע הייליגע כלים פון בית־המקדש.

אלס שטראף פאר דעם אויפשטאנד און כדי אנצוווארפען א שרעק, ארעסטירען די באבילאניער די איינוואוינער פון ירושלים, וועלכע האבען גענומען א פראמינענטען אנטייל אין דעם אויפשטאנד, און זיינען אבער, אנשטאט צו וואגען דעם ארויספאל מיט צדקיה'ן, געבליבען אין שטאדט אדער אין דער פעסטונג. אלס ערשטע קומען דער אויבער־כהן שריה, זיין שטעלפערטרעטער צפניה און די דריי שוועלען־היטער. אין דער שטאדט ארעסטירען זיי א יעוונוך (סרים), וועלכער האט געהאט צו זאגען איבער אלע קריגס־לייט, דעם באאמטען, וועלכער האט געפיהרט די

רשימה פון דעם מאביליזירטען לאנד־פאלק, פינף פון דעם קעניג'ס ראטגע־בער און פופציג קריגסלייט, קענטיג די פארטרעטער פון געמיינעם פאלק. נבוזראדן שיקט זיי אוועק קיין ריבלה, וואו נבוכדראצר לאזט זיי הינריכטען. די באפעלקערונג וואס איז נאך געבליבען אין שטאדט ווערט אוועקגעפיהרט אין באבילאניען צוזאמען מיט די, וועלכע זיינען פריהער אריבערגעלאפען צו די כשדים. נאר די פראלעטאריער בלייבען און זיי באקומען נחלאות אלס וויינפלאנצער און פעלד־ארבייטער, כדי דאס לאנד זאל ניט פארוויסט ווע־רען. ווי גרויס עס איז געווען די צאהל פון די אידען, וועלכע זיינען אוועק־געפיהרט געווארען אין גלות, האבען מיר ניט קיין זיכערע ידיעות.

2.

די לעצטע קאנוואולסיעס. גדלית.

דורך אט דער נייער פארטרייבונג, דורך דער אפשאפונג פון קעניגטום און מעהר ווי אלץ דורך דער צעשטערונג פון דער שטאדט, פון דער פעסטונג און פון דעם בית־המקדש איז די קראפט פון דער אידישער נאציאן לגמרי געבראכען געווארען. דאך איז נאך אלץ געווען א מעגליכקייט צו פארמי־רען א נייעם אידישען קיבוץ אין דעם לאנד פון די פאטערס פון די ארימע קלאסען, וואס זיינען נאך איבערגעבליבען. ווארים די באבילאניער האבען געוואנט נאך אמאל צו פרובירען ארגאניזירען פון אט די געבליבענע א קליינע נאציאנאלע מדינה. נבוכדראצר זעצט אריין ג ד ל י ה ב ן ־ א ח י ק ם ב ן ־ ש פ ן אלס גובערנאטאר איבער די שטעדט פון יהודה און ווייזט איהם אן אלס רעזידענץ מ צ פ ה, עטליכע מייל אין צפון־זייט פון ירושלים. עס בלייבען אויך ביי איהם די אלטע לייט, די פרויען און קינדער פון די פאמיליען, וועמעס מענער עס זיינען צעשפרייט געווארען ביי יריחו אין אלע עקען פון לאנד. פונקט אזוי בלייבען די קעניגס־טעכטער, וועמעס מענער און זיהן זיינען הינגעריכטעט געווארען פון נבוכדראצר'ן אין ריבלה. די וואהל פון גדליה'ן איז כאראקטעריסטיש. ער איז אן אייניקעל פון יענעם קאנצלער יאשיהו'ס, וועלכער האט צו איהם געבראכט דעם ספר דברים, און א זוהן פון יענעם אחיקם, וועלכער האט זיך אנגענומען פאר ירמיה'ן אין זיין משפט (ירמיה כ"ו 24); ער האט בכן געהערט צו דער פארטיי, וואס האט אפגע־רעדט פון אן אויפשטאנד געגען די כשדים. דעריבער האט ער געהאט דעם

פולען צוטרוי פון דער באבילאנישער רעגירונג.

גדליה האט קענטיג אויך גע׳פועל׳ט, אז מ׳זאל באפרייען ירמיה׳ן. בשעת ירושלים איז געפאלען איז ירמיה געזעסען אין וואך־הויף פון קעניג׳ס פאלאץ. דארטען האבען איהם די כשדים געפונען און האבען איהם אוועק־געשיקט מיט די אידען אום פארטריבען צו ווערען קיין בבל. ער איז שוין געווען אנגעקומען צוזאמען מיט זיינע „אחים לצרה“ אין רמה, וואו ער האט באקומען פון נבוזראדן׳ען די פרייהייט ענטוועדער צו געהן אלס פרייער מאן קיין בבל, אדער צו בלייבען ביי גדליה׳ן אין מצפה*).

פון מצפה זוכט גדליה צו ארגאניזירען א באבילאנישע וואסאל־מדינה פון די איבערגעבליבענע אידען. זיין ערשטע עובדא איז געווען צו באוועגען די צעשפרייטע שיריים פון צדקיה׳ס ארמיי זיך צו אונטערוואַרפען אונטער דער באבילאנישער ממשלה, כדי דאס לאנד זאל אויף אזויפיעל בארוהיגט ווערען, אז עס זאל מעגליך זיין פאר די באבילאנישע מיליטערישע אפטיילונגען זיך צוריקצוציהען פון לאנד.

צווישען די אידישע טרופען, וואס האבען זיך געהאלטען געגען די באבילאניער, האט, ווי עס ווייזט אויס, נאך ווייטער געהערשט דערזעלביגער פאנאטיזם, וואס האט אמאל אזוי פארשטארקט די עקשנות פון די איינוואוינער פון ירושלים און האט זיי כסדר געפיהרט אלץ צו נייע מרידות געגען דער פרעמדער אויבערהערשאפט. אפילו דער חורבן פון דער שטאדט האט

*)די ידיעה וואס מיר געפינען אין ירמיה ל״ט 11—14, אז נבוזראדן האט באקומען א באפעהל פון נבוכדראצר׳ן אכטונג צו געבען אויף ירמיה׳ן, אז עס זאל איהם קיין שלעכטס ניט געשעהן און אז ירמיה איז דאן געשיקט געווארען צו גדליה׳ן — איז ווענינ וואהרשיינליך. נבוכדראצר אין ריבלה און נבוזראדן אין ירושלים האבען געהאט וויכטיגערע זאכען צו טאן. אז זיי זאלען האבען געוואוסט פון ירמיה׳ס טעטיגקייט, לעגט זיך אויך ווענינ אויפ׳ן שכל. דערצו איז ניט צו פארשטעהן, ווי אזוי דאס זאל האבען צוגעגאנגען, אז ירמיה, וועלכער האט לויט ל״ט 14 זיך שוין געפונען ביי גדליה׳ן אין מצפה, געפינט זיך פלוצלונג אין מ 1 צווישען די דעפארטירטע אידען אין רמה. אלע קשיות ווערען אבער פארענטפערט, ווען מ׳באמערקט, אז קאפ. ל״ט איז אריינגעשריבען געווארען פון א שפעטערדיגער האנט, אז דער המשך פון קאפ. ל״ח איז פסוק 2 פון קאפ. מ און אז צווישען די בײדע קאפיטלען איז ארויסגעפאלען א שטיק, וואו עס איז געווען באשריבען דאס וואס עס האט פאסירט מיט ירמיה׳ן אין דער צייט צווישען דער ערָאבערונג פון דער שטאדט און זיין באפרייאונג אין רמה. פון אט דעם ארויסגעפאלענעם שטיק האט עס דער צושרייבער פון קאפ. מ פסוק 1 געשעפט זיין ידיעה, אז נבוזראדן האט באפרייט ירמיה׳ן אין רמה.

ניט געבראכען זייער בלינדען צוטרוי און האט זיי ניט געהאָלפען צו אַנערקע־נען די אייגענע שולד. זיי האבען געגלויבט, אז זיי קעמפען פאר גאט, וועלכער האט אמאָל אוועקגעגעבען דאס גאנצע לאנד צו דעם איין מאן אברהם. ווי אזוי זשע זאָלען זיי, וואס זיינען אלץ נאך א גרויסע צאָהל, ניט זיין בכוח עס צוריק צו ערֹאבערען מיט'ן שווערד? דעם ענטפער אויף דער דאָזיגער פאַרבלענדונג גיט זיי יחזקאל אין דער נבואה, וואס איז געצילעוועט געגען די אַנפיהרער פון אַט דעם ווידערשטאַנד. פון איהר קריגען מיר גלייכצייטיג אויך אַן אריינבליק אין דער מאָראַלישער צעלאָזענקייט פון די דאָזיגע פאַ־נאַטיקער. „מענשען־זוהן, די איינוואוינער פון די דאָזיגע חורבות אין דעם לאנד פון ישראל זאָגען: איינער איז געווען אברהם און ער האט גע'ירש'עט דאס לאַנד. מיר אבער זיינען פיעל. אונז איז דאס לאנד געגעבען געוואָרען א ירושה! דערום זאג צו זיי: אזוי האט געזאגט דער האר יהוה, מיט דעם בלוט עסט איהר און צו אייערע געצען הייבט איהר אייערע אויגען און בלוט פאַרגיסט איהר, און דאס לאנד ווילט איהר ירש'ענען? איהר שטעלט זיך אויף אייער שווערד, איהר טוט אומווירדיגקייטען און איינער איז מטמא די פרוי פון דעם אנדערען, און דאס לאנד ווילט איהר ירש'ענען? דו זאָלסט זאָגען צו זיי: אזוי האט געזאגט דער האר יהוה, אזוי וואהר ווי איך לעב, די וואס וואוינען אין די צעשטערטע שטעדט וועלען דורכ'ן שווערד פאַלען, און די וואס זיינען אויפ'ן פרייען פעלד האב איך צו די חיות אוועקגעגעבען צו פרעסען, און די וואס זיינען אין די בערג־פעסטונגען און אין די הייהלען וועלען דורך פעסט שטאַרבען. און איך וועל מאכען דאס לאנד פוסט און וויסט און אויפהערען וועט זיין שטאָלצע מאכט, וויסט וועלען ווערען די בערג פון ישראל, אזוי אז קיינער וועט ניט געהן איבער זיי. דעמאָלט וועלען זיי אַנערקענען, אז איך בין יהוה, ווען איך וועל מאכען דאס לאנד פאר א ווילדער וויסטעניש איבער אלע זייערע אומווירדיגקייטען וואס זיי האבען געטאָן" (יחזקאל ל"ג 24—29).

אין אַנהויב האט זיך געדוכט, אז אלץ געהט ווי געוואונשען. די פיהר־רער פון די אידישע באנדעס איבער'ן לאנד זיינען געווען פריינדליך צו גדליה'ס פלענער. דערהערענדיג, אז ער איז אריינגעזעצט געוואָרען אלס גובערנאַטאָר, זוכען איהם אויף אין מצפה ישמעאל בן נתניה, א פרינץ פון דוד'ס הויז, יוחנן בן קרח און נאך אנדערע פיהרער צוזאמען מיט זייערע לייט, זיך צו האלטען אַן עצה מיט איהם. גדליה רעדט זיי צו זיך צו אונ־טערוואַרפען אונטער בבל, שווערט זיי, אז ער וועט זיי אלעמען פאַרטרעטען ביי די כשדים און פאָדערט זיי אויף צו בלייבען וואוינען אין די שטעדט.

וועלכע זיי האלטען איצט באזעצט און איינצוזאמלען די פרוכט. וואס איז געבליבען אויף די פעלדער, מחמת די באפעלקערונג איז אנטלאפען. און די קריגס־לייט לאזען זיך איבעררייידען און נעמען זיך צו די פרידליכע ארבייטען.

דער מצב ווערט וואס ווייטער אלץ בעסער, ווארים אז די אידען, וואס זיינען געווען אנטלאפען אין לאנד פון די אדומים, עמונים און מואבים האבען דערהערט, אז די באבילאניער האבען זיך באנוגענט בלויז צו צעשטערען ירושלים אלס שטראף פאר איהר אומגעהארכזאמקייט, אבער גאנץ יהודה ווילען זיי ניט פארניכטען — זיינען זיי געקומען צוריק און האבען זיך געשטעלט אונטער גדליה'ס שוץ.

אבער די האפענונג, וואס איז דורך דעם אויפגעוועקט געווארען, אז עס וועט זיך איינגעבען ווידער אויפצושטעלען א אידישע מדינה, האט געזאלט באלד צעשטערט ווערען.

אז עס זאלען זיך ווידער איינשטעלען געארדנעטע צושטענדען אין דעם פארוויסטען לאנד, איז ניט לויט דעם וואונש פון בעלים, דעם קעניג פון עמון, ווארים דערמיט איז איהם פארלארען געגאנגען א געלעגענהייט זיך אויסצושפרייטען צו מערב צו און ארייצוקריגען מעהר ישוב־לאנד. דער קעניג פון עמון געפינט א געצייג פאר זיינע פלענער אין יענעם פרינץ פון דוד'ס הויז ישמעאל בן־נתניה. צי האט אט דער פרינץ געזוכט צו נעמען נקמה פאר די מענער פון זיין פאמיליע, וואס זיינען געטויט געווארען, אדער ער איז געטריבען געווארען פון שנאה און אייפערזוכט געגען גדליה'ן, וועלכער האט פארנומען איצט א שטעלע וואס האט געהערט צו דוד'ס הויז, איז ניט איינצוזעהן פון דעם באריכט אין ירמיה. פילייכט האבען ביידע זאכען געווירקט צוזאמען.

גדליה'ן האט מען געווארענט אין צייט, אז ער זאל זיך היטען. די הארען פון חיל, וועלכע האבען דאמאלסט צוזאמען פארהאנדעלט מיט ישמעאל'ן און גדליה'ן און וועלכע ישמעאל האט פילייכט פרובירט געווינען פאר זיינע פלענער, האבען עס מיטגעטיילט גדליה'ן, אבער ער האט זיי ניט געגלויבט. יוחנן בן קרח באט זיך אפילו אז אפצוראמען אין געהיים ישמעאל'ן פון וועג. גדליה אבער פארבאט עס איהם און גיט איהם צו פארשטעהן, אז ער טרייבט בלויז רכילות אויף ישמעאל'ן.

אט אזוי קומט דאס אומגליק. אין 7טען חודש (תשרי), 3 חדשים נאך דער ערא‏בערונג פון ירושלים און בלויז 2 חדשים נאך איהר צעשטערונג, קומט ישמעאל מיט 10 באגלייטער צו גדליה'ן אין מצפה. ער ווערט פון

איהם פריינדליך אויפגענומען און אונטערהאלטען. אבער אין מיטען פון מאהלצייטווארפט ער זיך ארויף אויף גדליה'ן און טויט איהם אויפ'ן שטעל. דערזעלביגער גורל טרעפט אויך די אידישע און באבילאנישע קריגס־לייט, וואס האבען זיך געפונען אין גדליה'ס סביבה. ישמעאל פארנעמט דאן מצפה און לאזט קיינעם ניט ארויסגעהן פון שטאדט.

אבער זיין דורשט נאך נקמה איז נאך אלץ ניט געווען געשטילט. אויף מארגען נאך דעם מארד געהען פארביי מצפה פארביי 70 מענער פון שילה, שכם און שומרון, וועלכע ווילען מקריב זיין א שפייז־אפפער צו יהוה אויף די חורבות פון צעשטערטען בית־המקדש. עס איז די צייט פון דעם הערבסט־יום־טוב (חג האסיף), און דאס הייליגטום אויפ'ן בארג ציון האט פאר זיי ניט קור־קענדיג אויפ'ן חורבן ניט פארלארען זיין הייליגען כאראקטער. אזוי ווי זייער שמחה מיט'ן איינזאמלען די פרוכט פון די פעלדער איז פארוואנדעלט געווארען אין טרויער דורך דעם גורל פון דער הייליגער שטאדט, געהען זיי דעריבער אין א טרויער־פראצעסיע, מיט צעריסענע קליידער, געשארענע בערד און צעשניטענע פנים'ער און הענט. ישמעאל געהט זיי אנטקעגען און מיט גלאטע, פאלשע רייד לאדט ער זיי איין צו קומען צו גדליה'ן אין שטאדט. ניט האבענדיג קיין חשד, נעמען זיי די איינלאדונג אן, ווערען אבער אויפ'ן שטעל, נאכדעם ווי זיי האבען נאר די שטאדט באטראטען, באפאלען פון ישמעאל'ן און זיינע לייט. זיי זיינען דאך אונטערטאנען פון באבילאנישען קעניג און דערום ישמעאל'ס פיינד. נאר צעהן פון זיי שאנע־וועט דער רשע, ווייל זיי פארשפרעכען איהם זייערע שפייכלערס מיט ווייץ, גערשטען, אויל און האניג, וואס זיי האבען אין פארגראבענע באהעלטעני־שען אויפ'ן פעלד. די טויטע קערפערס פון די 70 דערמארדעטע לאזט ישמעאל ארייננווארפען אין דער גרויסער גרוב, וואס דער קעניג אסא האט אמאל געלאזט מאכען בעת זיין מלחמה מיט בעשא פון ישראל. דאס פאלק פון מצפה אבער, אויך די קעניגליכע פרינצעסינס דערקלערט ער אלס גע־פאנגענע, און ער גרייט זיך זיי אלעמען אוועקצושלעפען אין דאס לאנד פון די עמונים.

אבער עס האט ישמעאל'ן ניט אפגעגליקט צו אנטלויפען מיט זיין רויב. יוחנן בן קרח און זיינע חברים האבען אונטערדעסען דערהערט וואס דא איז געשעהן. כדי מ'זאל זיי ניט האלטען פאר מיטשולדיגע און זיי זאלען ניט באשטראפט ווערען פון די באבילאניער פאר ישמעאל'ס מעשים, זוכען זיי איהם צו כאפען. ביי יענעם גרויסען טייך ביי גבעון, אן וועלכען ס'איז אנגעקניפט די לעגענדע פון דעם קאמף צווישען די 12 לייט פון בנימין

און די 12 פון יהודה (שמואל ב, ב), שטויסען זיי זיך צוזאמען מיט ישמעאל'ן און זיינע געפאנגענע. וויבאלד נאר די געפאנגענע האבען דערזעהן זייערע באפרייער, זיינען זיי גלייך אריבערגעגאנגען צו זיי. צווישען זיי איז אויך געווען ירמיה, וועלכער איז מיט זיין שרייבער ברוך בן־נריה אריינגעפאלען אין מצפה אין ישמעאל'ס הענט און איז איצט צום צווייטען מאל אנטרונען פון געפאנגענשאפט.

אבער דער הויפט־צוועק פון די אפיצירען, צו כאפען ישמעאל'ן, האט זיך ניט איינגעגעבען, ווארים עס האט איהם אפגעגליקט צו אנטלויפען מיט אכט פון זיינע באגלייטער צו די עמונים. דערמיט איז צעשטערט די האפענונג פון די אפיצירען איינצושטילען דעם צארן פון די באבילאניער איבער דער געוואלד־טאט אין מצפה דורכ'ן אויסליפערען די שולדיגע, און זיי האבען דערום איצט מורא, אז זיי וועלען מוזען ליידען די שטראף פאר יענע. זיי מארשירען דעריבער מיט זייער חיל און מיט די וואס זיינען באפרייט געווארען פון ישמעאל'ס האנט צו דרום צו אין דער געגענד פון בית־לחם, כדי אויסצוּוואנדערען פון דארטען קיין עגיפטען.

אבער איידער זיי פארלאזען דאס לאנד פון זייערע פאטערס, ווילען זיי נאך אנפרעגען יהוה, דעם האר פונ'ם לאנד, צי ער איז צופרידען „מיט דעם וועג אויף וועלכען זיי געהן און מיט דער זאך וואס זיי טוען". ירמיה פארשפרעכט זיי צו פרעגען יהוה און ניט צו פארבארגען פון זיי קיין זאך, וואס גאט וועט איהם אנטפלעקען, בעת די שלוחים פון פאלק שווערען צו טאן אלצדינג וואס יהוה וועט זיי לאזען וויסען דורך ירמיה'ן. פון דעם געשפרעך פון די שלוחים מיט ירמיה'ן זעהט זיך שוין אבער דייטליך, אז דאס פאלק איז באשטימט אנטשלאסען אויסצוּוואנדערען, פונקט ווי ירמיה איז געגען דעם דאזיגען באשלוס, און אז די אפיצירען זוכען נאר צו קריגען די געטליכע צושטימונג פאר אט דעם באשלוס זייערען.

אין צעהן טעג ארום באקומט ירמיה דעם באפעהל פון יהוה צו לאזען וויסען דעם פאלק, אז יהוה וועט זיך פאר זיי אננעמען און וועט זיי געבען הצלחה, ווען זיי וועלען בלייבען אין דעם לאנד פון זייערע פאטערס. ער וועט דערוועקען רחמנות פאר זיי ביים קעניג פון בבל, אזוי אז ער וועט זיי רוהיג לאזען וואוינען אין דעם לאנד. ווען זיי וועלען אבער ניט פאלגען דעם באפעהל פון יהוה און וועלען אוים מורא פאר דעם קעניג פון בבל אויסוואנדערען קיין עגיפטען, וועט דער קעניג פון בבל אויך דארטען זיי דערגרייכען און זיי וועלען אומקומען דורך שרעק, הונגער און פעסט.

אונטערדעסען איז, ווי עס ווייזט אויס, ביי די אידען פון יהודה נאך

שטארקער געווארען דער באשלוס אויסצוואנדערען. די אפיצירען לאזען גארניט קומען דערצו, אז ירמיה'ס נביאות זאל ווירקען אויף דאס פאלק. זיי באשולדיגען איהם אין שארפע ווערטער, אז ער האט געזאגט ליגען. ברוך בן־נריה, זאגען זיי, האט איהם אנגערעדט צו אזא'ן ענטפער, כדי זיי זאלען ארייגפאלען אין די הענט פון די באבילאניער. אונטער דער אנפיהרונג פון יענעם יוחנן בן־קרח וואנדערט איצט די גאנצע מחנה קיין עגיפטען. אויך די באפרייטע פון ישמעאל'ס האנט און די, וועלכע האבען אונטערדעסען זיך צוריקגעקעהרט פון די שכנות'ע לענדער, ווערען מיטגענומען. פאר די רעליגיעזע השגות פון די אויסוואנדערער איז אבער כאראקטעריסטיש, וואס אויך ירמיה, וועמעס אראקעל איז נאר וואס גראב פארווארפען געווארען, ווערט מיטגעשלעפט. ער איז פארט גאט'ס־מאן און קאן נאך אנדערשוואו צוניץ קומען.

אין דער גרעניץ־שטאדט תחפנחס, וואו די אידען פון יהודה האבען, ווי עס ווייזט אויס, זיך לענגער אויפגעהאלטען, ווארטענדיג אויף אן ערלויבעניש איינצוואנדערען, דערהייבט ירמיה נאכאמאל זיין שטים קלאר צו מאכען פאר די אידען ווי נאריש זייער אונטערנעמונג איז. אויך עגיפטען וועט צעשלאגען ווערען פון דעם וועלט־עראבערער נבוכדראצר. ער וועט זיין טראן אויפשטעלען פאר פרעה'ס פאלאץ אין תחפנחס און א משפט האלטען. דארטען וועט ער זיך נוקם זיין אן די אידען פון יהודה, וואס זיינען פון איהם אנטלאפען*).

*) די דאזיגע נביאות פון ירמיה'ן (מ"ד) און אויך פון יחזקאל'ען (כ"ט) איז ניט מקוים געווארען. נבוכדראצר האט טאקע אטאקירט עגיפטען, אבער האט זי ניט אונטערווארפען.

די תקופה פון גלות בבל

1.

די צעשפרייטונג.

מ'טאָר ניט מיינען, אַז דאָס אידישע לאַנד האָט פאַרלאָרען אַלע זיינע איינוואוינער. די גרויסע צאָהל אידען, וואָס האָבען זיך שנעל צוזאַמענגעקליבען ארום גדליה'ס פאָהן, ווייזט אונז, אַז אַ גרויסער טייל, אויב ניט די מעהרהייט פון אידישען פאָלק, איז געבליבען אין און ארום יהודה. „מיר זיינען פיעל", האָבען געזאָגט די אידען, וועלכע האָבען באַוואוינט די וויסטע פעלצער אין דעם לאַנד פון ישראל אין יענער צייט (יחזקאל ל"ג 24). די הייהלען אין דרום און אין מזרח פון יהודה, וועלכע האָבען זיך ארויסגעוויזען אַלס זיכערע באַהעלטעני׳שען ביי קלענערע קריזיסען אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, האָבען בלי ספק באַשיצט ניט ווייניג אַנטלאָפענע ביז די באַבילאָנישע סאָלדאַטען האָבען זיך צוריקגעצויגען. פון ירמיה מ 11 זעהט עס אויס, אַז מאַנכע אידען האָבען געפונען אַ מקום־מקלט אויף דערווייל אין מואב, עמון, אדום און די אַנדערע לענדער ארום כנען, פון וואַנעט זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אַזוי גיך ווי עס האָט זיך געמאַכט די גינסטיגע געלעגענהייט. דער פאַקט וואָס די באַבילאָניער האָבען ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צו ברייגנען אַהין קאָלאָניסטען פון אַנדערע טיילען פון זייער אימפעריע איז אַ בפירוש'ע ראיה, אַז אַסך אידען פון יהודה האָבען ווייטער באַארבייט און אַנטוויקעלט זייער היים־לאַנד.

צוליב די ענגע פּאָליטישע און קאָמערציעלע באַציהונגען, וועלכע האָבען שוין עקסיסטירט צווישען עגיפּטען און יהודה, איז עס געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז די מעהרסטע פון די, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון די באַבילאָניער, זאָלען זוכען אַ מקום־מקלט אין דעם לאַנד פון טייך נילוס. שוין הושע דערמאַנט עגיפּטען אַלס איינס פון די גלות־לענדער (ט 6; י"א 11). דאָס ווייזט, אַז מיט אַ יאָהרהונדערט און אַ האַלב צוריק, האָבען די קינדער פון צפון־ישראל, בשעת זייער מלוכה איז צעשטערט געוואָרען דורך אשור, געגעבען אַ ביישפּיל, וועלכען זייערע ברידער אין דרום האָבען שפּעטער נאָכגעטאָן

אין זעהר עהנליכע אומשטענדען. אפילו נאך דעם גלות־יהויכין האט ירמיה אדרעסירט זיין נבואה צו די „וואס זיינען געבליבען אין דעם דאזיגען לאנד (יהודה) און צו די וואס וואוינען אין דעם לאנד מצרים" (כ"ד 8). אויב שוין אין יאהר 597, האבען, לויט ווי עס זעהט אויס פון אט דעם פסוק, אסך אידען, ווי אויך פיעל וואס האבען געשטאמט פון צפון ישראל, זיך שוין גע־פונען אין עגיפטען, האט זייער צאהל שפעטער געמוזט שטארק וואקסען. ווען עס איז קלאר געווארען, אז די מלוכה פון יהודה איז פאר'משפט אונ־טערצוגעהן, האבען פאטריאטען, וואס האבען געגלויבט אין די רייד פון די אמת'ע נביאים, איינגעזעהן, אז זיי קאנען אויפטאן מעהר פאר זייער לאנד, אוועקגעהענדיג אויף א צייט פרייוויליג אין גלות אין עגיפטען איידער אריינ־צופאלען אין די הענט פון די באבילאניער. ווי שטארק עס איז געווען אט די נייגונג צו זוכען א באהעלטעניש אין עגיפטען האט זיך ארויסגעוויזען איצט, נאך דער דערמארדונג פון גדליה'ן, ווען זיינע אנהענגער האבען אויס־געוואנדערט מאסענווייז אין לאנד פון דעם נילוס. אנדערע צענטערם פון אי־דישער קאלאניזאציע אין עגיפטען, אחוץ די אויבען דערמאנטע ת ח פ נ ח ס, זיינען געווען מ ג ד ו ל, אויך א גרעניץ־שטאדט (ווי איהר נאמען „וואך־טורם" ווייזט), ארום צוועלף מייל פון פעלוזיום, נ ו ף, וועלכע ווערט אידענטיפיצירט מיט דער אלטער שטאדט מעמפיס (פארגלייך יחזקאל ל 13) און דאס לאנד פ ת ר ו ס, וואס איז וואהרשיינליך א באצייכענונג פאר דרום־עגיפטען (ירמיה מ"ד 1; יחזקאל ל 13—18). בשעת מאנכע אידען זיינען געבליבען אויף די גרעניצען פון יהודה, האבען אנדערע אויף אזא'ן אופן געפונען היימען אין דעם ווייטסטען דרום פון דעם נייעם לאנד וואס זיי האבען אנגענומען. פון די ניט לאנג געפונענע עלעפאנטין־פאפירוסען ווייסען מיר טאקע, אז אויפ'ן סאמע דרום־גרעניץ פון עגיפטען האט דעמאלט זיך שוין געפונען א אידישע מיליטערישע קאלאניע*). אויך אין יחזקאל זיינען פאראן אנדייטונגען, אז די אידען האבען זיך געפונען אזוי ווייט אין דרום ווי ביז „סונה", די היינטיגע אסואן, א שטאדט אויף דעם מזרח־ברעג פון נילוס אנטקעגען דעם אינזעל פון עלעפאנטין, וועלכע ווערט אזוי אפט דערמאנט אין די דארטען געפונענע פאפירוסען**).

---

*) פארגלייך אויבען ז. 125—127.

**) זעה יחזקאל כ"ט 10; ל 6, 15, 16 (סין־סונה). עס איז א סברא, אז אויך מיט „סבא" (ישעיה מ"ג 3) און מיט „ארץ סינים" (ישעיה מ"ט 12) איז געמיינט „סונה".

מיר האָבען צום באַדויערען ניט קיין פאַקטען צו באַשטימען וויפיעל אידען עס האָבען זיך געפונען אין עגיפּטען אין אָנהויב פון גלות. ירמיה אין קאַפּ. מ"ד רעדט פון זיי אַלס פון „אַ גרויסער פאַרזאַמלונג" („קהל גדול"). ווען מיר באַטראַכטען נאָך ווי לייכט עס איז געווען צו קומען פון ירושלים קיין עגיפּטען, און אַז עגיפּטען אַליין האָט אַנגעבאָטען די אַנטלאָ־פענע אידען אַ פריינדליכע באַהאַלטעניש אויסער דעם גרעניץ פון באַבילאָ־נישען איינפלוס — ווערט נאָך שטאַרקער די איבערצייגונג, אַז אַרום יאָהר 580 האָט אַ גרויסער טייל פון די פריהערדיגע איינוואוינער פון יהודה זיך געפונען אין עגיפּטען. מעהר ווי אַ יאָהרצעהנדליג איז דער שטראָם פון דער אידישער באַפעלקערונג געגאַנגען אין יענער ריכטונג, און איז נאָך אַלץ שטאַרקער געוואָרען, וואָס מעהר יהודה איז צעפאַלען אונטער די קלעפּ וואָס זי האָט באַקומען פון בבל. וואָלט ירמיה ניט געהאַלטען פאַר וויכטיגער צו טיילען דעם גורל פון די אידען, וואָס זיינען געבליבען אין יהודה איידער פון דעם העכערען טיפּ אידען, וואָס זיינען פאַרטריבען געוואָרען קיין באַבילאָ־ניען — וואָלטען מיר דאָן ניט געוואוסט פון דער גאַנצער אויסוואַנדערונג קיין עגיפּטען, און עס וואָלט אונז אויסגעפעהלט איינער פון די וויכטיגסטע קאַפּיטלען אין דער אידישער געשיכטע. עס איז טאַקע אמת, אַז נאָך ירמיה'ס טויט האָבען די אידען אין עגיפּטען ניט געהאַט קיין יחזקאל אָדער אַזאַ נביא ווי דער באַבילאָנישער ישעיה (ישעיה פון קאַפּ. מ און). מיר קאָנען דערפאַר ניט מעהר ווי אומגעפעהר אַרויסדרינגען דעם וואָהרשיינליכען גאַנג פון די דאָרטיגע געשעהענישען. אָבער עס איז קלאָר, אַז די גלות־אידען פון עגיפּטען זיינען געווען אַ פאַקטאָר, וואָס קאָן מעהר ניט איגנאָרירט ווע־רען, ווען מיר שטודירען די געשיכטע פון אידישען פאָלק אין דער צייט פון גלות בבל, און באַזונדערס דערנאָך אין דער פּעריאָדע פון „שיבת ציון".

די אַלטע סעמיטישע געשיכטע גיט אונז אַסך ביישפּילען פון גרושים פון נאַציאָנען, אָבער מיר וויסען ניט פון נאָך אַזאַ פולשטענדיגער און וויי־טער צעשפּרייטונג, פון נאָך אַזאַ טרויעריגען גורל ווי עס איז באַפאַלען דאָס פאָלק פון די פאַסטוכער און ערד־אַרבייטער, וואָס האָט באַוואוינט דאָס לאַנד כנען. יחזקאל און אַלע אַנדערע שרייבער פון דער פּעריאָדע זאָגען, אַז „זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרען אויף'ן גאַנצען פלאַך פון דער ערד" (יחזקאל ל"ד 6; ל"ו 19). פון דער וויסטע סאַהאַראַ ביז די הויכלענדער אין מזרח־זייט פון טיגרים (חידקל) האָבען זיך געפונען אידישע קאָלאָניעס. דאָך קע־נען אָנגעצייכענט ווערען דריי אידישע צענטערס: דער ערשטער איז געווען פּאַלעסטינא גופא, דער צווייטער איז געווען עגיפּטען און דער דריטער באַ־

כילאניען. דער כאראקטער פון די קאלאניסטען אין די דריי צענטערם און די באדינגונגען, אונטער וועלכע זיי האבען געלעבט, זיינען געווען אזוי גרונט־פארשידען, אז יעדער צענטער מוז שטודירט ווערען באזונדער.

2.

די אידען אין פאלעסטינא און אין עגיפטען.

פונקט ווי די רוימער זעקס און א האלב הונדערט יאהר שפעטער, אזוי האבען אויך די באבילאניער אויסגעלאזען זייער גאנצען גרימצארן אויף ירושלים, דעם פאליטישען און רעליגיעזען צענטער פון אידישען פאלק. די שטאדט איז דעריבער געווארען א וויסטעניש, וואו שאקאלען זיינען ארומגעגאנגען (איכה ה 18). מיר האבען גיט קיין באווייזען, אז די קלענערע שטעדט פון יהודה זיינען אויך אזוי שטרענג באהאנדעלט געווארען. אין דער ערשטער און גרעסטער פארטרייבונג זיינען אלע אוועקגעפיהרטע אידען געווען מען געווארען פון ירושלים. ניט בלויז האט די לפי־ערך אומוויכטיגקייט פון די שטעדט זיי באשיצט, נאר זיי האבען זיך אויך געראטעוועט דערמיט וואס זיי האבען זיך אונטערגעגעבען אונטער די זיגער א צייט פריהער. די אנדייטונגען אין ירמיה קאפ. מ ווייזען, אז מאנכע שטעדט, ווי מצפה און נטפת, האבען אריבערגעלעבט דעם חורבן פון ירושלים, הגם זייער באפעלקערונג איז נאטירליך אסך פארקלענערט געווארען דורך דער מלחמה און פארטרייבונג. צו לאזען פון הינטען א טייל פון דער היימישער באפעלקערונג איז געווען אין פולען איינקלאנג מיט נבוכדראצר׳ס קלוגער, קאנסטרוקטיווער הערשאפט און מיט זיין הומאניטארישען גייסט. זיינע אמביציעס, וועלכע זיינען געגאנגען ביז דער עראבערונג פון עגיפטען, האבען איהם באוואויגען צו אנטוויקלען די נאטור־רייכטימער פון פאלעסטינא, כדי זיין ארמיי זאל האבען די נויטיגע פראוויאנט אין פאל פון א מלחמה געגען מערב. אט דער פאקט דערקלערט אויך זיין פרואוו אויפצושטעלען א אידישע מדינה אונטער גדליה׳ן, אפילו נאכדעם ווי ירושלים איז שוין חרוב געווארען. די שריפט־שטיקער פון יענער צייט, ווי אויך די פאקטען פון דער שפעטערער היסטאריע, ווייזען אונז, אז בלויז די ארימערע און אומוויסענדערע האט מען איבערגעלאזען אין פאלעסטינא. אין מזרח זיינען די פויערים תמיד די, וואס לעבען אריבער די פארשידענע כוואליעס פון עראבערונגען. זיי זיינען אויך די לעצטע צו רע־

וואלטירען. זיי האבען דעריבער אם בעסטען געקאנט דינען די אינטערעסען פון בבל. נאך גדליה'ס דערמארדונג האבען די באבילאניער אכטונג געגע־בען, אז עס זאלען ניט זיין קיין פיהרער צווישען די געבליבענע אין לאנד. ביסלעכווייז אבער, אין משך פון די יאהרען, האבען פראמינענטע אידען פון גלות בלי ספק זיך צוריקגעקעהרט צוריק אין יהודה פון די נאהנטע לענדער ארום, ווי אדום, עמון, מואב און פון עגיפטען, וואו זיי האבען געהאפט צו גע־פינען א מקום־מקלט אויף דערוויילע, פונקט ווי זיי האבען פריהער זיך צו־נויפגעקליבען ארום גדליה'ן (ירמיה מ 7—12).

דער מצב פון די, וואס זיינען געבליבען אויף זייערע באליבטע בערג פון יהודה, איז ניט געווען קיין פרעהליכער. די הערשאפט גופא פון די באבי־לאניער אין פאלעסטינא איז געווען גענוג ביטער. דער פאעט פון די גע־בליבענע אידען קלאגט, אז:

„קנעכט הערשען איבער אונז,
ניטא ווער עס זאל אונז באפרייען פון זייער האנט".

(איכה ה 7).

עס האבען אויך ניט אויסגעפעהלט קיין עולות און נגישות, וועלכע זיי־נען א געוועהנליכע זאך ביי פראווינציעלע רעגירונגען אין מזרח־לאנד (איכה ה 4). דערצו זיינען די ארץ־ישראל'דיגע אידען געווארען נאכ'ן חורבן א רויב פאר די פעלקער ארום. פונקט ווי בינען באפאלען א בינשטאק, וואס איז אויפגעבראכען געווארען אין זייער שכונה, אזוי האבען זיך איצט גע־שטופט די שכנים פון יהודה רייך צו ווערען פון דעם געבליבענעם האב־און־גוטס פון די אידען. פלשתים, מואבים, אדומים, אפילו די עמונים, וועלכע האבען אין אנהויב געמאכט יד־אחת מיט יהודה, האבען געראבעוועט די באַ־זיגטע. מיט שפאט האבען זיי באמערקט, אז עס איז איצט אויס מיט יהודה'ס רעליגיעזע פרעטענזיעס. יהודה האט געוואלט זיין עפעס בעסערס ווי די פארוואנדטע פעלקער ארום און האט זיי אויסגעשלאסען פון איהר קולט. „זעה, ווי אלע פעלקער איז געווארען דאס הויז פון יהודה", איז לויט יחזקאל (כ"ה 8) דאס שפאט־ווארט פון מואב. און דער דיכטער פון איכה קלאגט:

„עס האבען אויפגעשפארט זייער מויל אויף דיר
אלע דיינע פיינד,
זיי האבען געפייפט און געקריצט מיט די ציינער,

האָבען געזאָגט: מיר האָבען צעשטערט!
דאָס איז דער טאָג וואָס מיר האָבען געוואָרט אויף איהם,
איצט האָבען מיר געפונען און געזעהן".
(איכה ב 16).

דער דאָזיגער מצב, וואָס האָט זיך געצויגען דורות נאָכאַנאַנד, דערקלערט אונז די ביטערע שנאה, מיט וועלכער עס זיינען אָנגעזאָפּט די נבואות און די פּאָעמען פון דער פּעריאָדע. יחזקאל גיט אוועק ניט ווייניג צייט און ענער־גיע צו פאַרדאַמען און פאַראויסצוזאָגען א חורבן אויף די פעלקער, וועלכע האָבען זיך באַנוצט מיט דער דערנידעריגונג און שוואַכקייט פון יהודה (יחזקאל כ"ה—כ"ח). מכות א שנאה צווישען די אידען פון יהודה און די שומרונים איז ניטאָ קיין אָנדייטונג אין די נבואות פון דער גלות־צייט. אין די נאָך וואָס ציטירטע שטעלען פון יחזקאל ווערען די אינטערעסען פון די קינדער פון די אַמאָליגע בני ישראל און פון יהודה באַטראַכט אלס איין און דיזעלבּיגע. און עס ווערט אָפט אויסגעדריקט די האָפענונג אויף א פאַראייניגונג פון ביידע צווייגען פון דער אידישער ראַסע, וואָס זיינען דעמאָלט גע־ווען פאַראייניגט אין שותפות'ע ליידען.

אלס די ביטערסטע פון אַלע אידישע שונאים ווערען פאַררעכענט די אדומים (יחזקאל כ"ה 13). זייער פאַררראַט אין די טעג פון אידישען חורבן, זייערע רויבערייען און זייער „אוועקגעבען אין שקלאַפעריי די איבערגעבלי־בענע אין דעם טאָג פון צרות" זיינען די פאַרברעכען, פאַר וועלכע עס וועט קומען אויף זיי א שטרענגער משפט (עובדיה 11—14). פון יחזקאל'ס ווערטער (אין קאפּ. ל"ה 10) ווייזט אויס, אז גלייך נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה האָט זיך אָנגעהויבען יענע באַוועגונג פון די אדומים צו צפון, אויף וועלכער עס באַציהען זיך די לעצטע פסוקים פון עובדיה, און וועלכע האָט זיך געענדיגט דערמיט וואָס די אדומים זיינען ארויסגעשטופּט געוואָרען פון זייער אורשפּרינגליכער היים דורך די אראַבער און האָבען פאַר־כאַפּט די טעריטאָריע פון דרום־יהודה (מלאכי א 1—5). ביים ענד פון גלות בבל האָבען זיי, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט פאַרנומען דעם „נגב", אריינ־רעכענענדיג חברון און די „שפלה" צו מערב צו (זכריה ז 7). הונדערטער יאָהרען האָבען זיי געהאַלטען די אידישע טעריטאָריע, וואָס זיי האָבען פאַר־כאַפּט, ביז זיי גופא זיינען ערָאָבערט געוואָרען דורך יוחנן הורקנוס ארום יאהר 130 (פאַר דער קריסטליכער צייט). עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אדום איז אויף תמיד געבליבען אין דעם אידישען געדאַנק אלס

דער טיפ פון א אידישען שונא*). אט די באוועגונג פון די אדומים קיין צפון האט ארויסגעשטופט די קלאנס פון כלב און ירחמאל, וועלכע האבען שוין אין דער סאמע עלטסטער צייט זיך פאראייניגט מיט'ן שבט יהודה**). ארויסגעטריבען פון חברון און דעם נגב, האבען זיי מיט דער צייט געפונען א היים אין און ארום בית־לחם און קרית־יערים (פארגלייך דברי הימים א, ב 42—49 מיט ב 50—55). פונקט ווי פאר'ן גלות, אזוי זיינען זיי אויך איצט געווען נאהנט פארבונדען מיט די אידען, און אין פארלויף פון דער פערסישער פעריאדע האבען זיי אויסגעמאכט א באדייטענדען טייל פון דער נייער אויפגעקומענער געמיינדע (נחמיה ג 9). מיט דער צייט האט מען זיי קלאסיפיצירט אלס רעגעלמעסיגע קלאנס פון שבט יהודה (דברי הימים א, ב; ד; שמות ל"א 2; ל"ה 30).

אין ליכט פון דעם כאראקטער און די צושטענדען פון די אידען, וואס זיינען געבליבען אין פאלעסטינא, איז קלאר, אז זייער רעליגיעזעם לעבען איז ניט געשטאנען הויך. יחזקאל באשולדיגט זיי אין תאוה און אין בלוט־פארגיסונג, און אין צוריקקעהרען זיך צו יענעם געצענדיסט, וואס האט תמיד געהאט אזא'ן אנציהונג פאר די אומוויסענדע מאסען פון יהודה (ל"ה 23-26). פון א צופעליגער באמערקונג אין ירמיה (מ"א 5), איז צו זעהן, אז מאנכע טיילען פון קולט פון יהוה זיינען נאך אויפגעהאלטען געווארען אויף דעם ארט פון דעם חרוב'ען בית־המקדש אין ירושלים. ניט בלויז פון יהודה, נאר אויך פון די אלטע שטעדט פון ישראל: שכם, שילו און שומרון זיינען געקומען גרופעס פון פרומע עולי־רגל'ניקעס צו קלאגען אויף דעם צעשטערטען בית־המקדש און מקריב צו זיין מעהל־אפפער און ווייהרויך אויף דעם פראסטען מזבח, וואס זיי האבען דארטען אויפגעשטעלט. אויב דאס איז געווען ערלויבט באלד נאכ'ן חורבן פון בית־המקדש, מעגען מיר אננעמען, אז דער הייליגער פלאץ איז אין די קומענדיגע יאהרען אלץ מעהר און מעהר געווארען דער צענטער פון רעליגיעזען לעבען פון די ארץ־ישראל'דיגע אידען. די פראמינענטסטע כהנים פון בית־המקדש זיינען אוועקגעפיהרט געווארען אין גלות, אבער מאנכע זיינען בלי־ספק געבליבען; און פון די פאמיליען פון די כהנים, וואס האבען געפראוועט די עבודה אין די אלטע הייליגטימער וועל־

---

*) אין תלמוד איז „אדום" א באצייכענונג פאר דער רוימישער אימפעריע און ביי די פייטנים פון מיטעלאלטער איז עס אויך א באצייכענונג פאר די קריסטליכע פעלקער.

**) זעה אין באנד 1, ז. 254, 255.

כע יאשיהו האט אפגעשאפט, האבען געמוזט זיין נאך מעהר. דאס רוב פון זיי זיינען געווען אומוויסענד, ניט ארגאניזירט און אהן פיהרער, מאנכע האבען זאגאר געלעבט אלס רויבער און באנדיטען אין לאנד פון זייערע פא־טערס, שטענדיג אטאקירט פון אומדערבארימליכע שונאים. עס איז דערפאר ניט וואהרשיינליך, אז די אידען אין פאלעסטינא זאלען האבען אסך פרא־גרעסירט אין זייער אנערקענען יהוה און זיין ווילען; פארקעהרט, עס האבען זיי שטענדיג געדריקט די ספקות און די פארצווייפלונג, וועלכע איינער פון זייערע פאעטען האט אויסגעדריקט (איכה ה 19—22).

די ריכטיגע אנטוויקלונג פון אידישען לעבען אין אט דער פעריאדע מוז געזוכט ווערען ניט ביי די אידען פון פאלעסטינא, נאר ביי זייערע פאר־טריבענע ברידער אין ווייטען גלות. פון דארטען זיינען געקומען די רע־ליגיעזע שטרעמונגען, וואס האבען באשטימט דעם ווייטערדיגען גורל פון דער אידישער געשיכטע. די אידען אין יהודה אבער זיינען געווען א וויכ־טיגער עלעמענט אין דעם צוקונפט־פראבלעם פון אידישען פאלק; ווארים זיי האבען געהאט צוצושטעלען אין א גרויסער מאס די איינוואוינער פון יענער געמיינדע, וואס האט ווידער געזאלט ווערען דער צענטער פון יודענ־טום.

אינטעלעקטועל זיינען די אנטלאפענע אידען פון מצרים געשטאנען הע־כער ווי די, וואס זיינען געבליבען אין יהודה. אין אסך פרטים איז אויך זייער סביבה געווען א בעסערע. הגם די מאטיווען, וואס האבען באוואויגען די עגיפטישע מלכים אין זייערע באציהונגען צו די אידען פון יהודה, זיינען געווען דורכאויס עגאאיסטישע, זיינען זיי פארט געווען די פארבינדעטע און די באשיצער פון דעם געפאלענעם פאלק און האבען דעריבער געהאט אויף זיך די התחייבות צו געבען די אידען א פריינדליכע אויפנאמע און געוויסע רעכטען. די עגיפטער, פונקט ווי די אידען, האבען געציטערט פאר דעם מורא־דיגען שונא, נבוכדראצר. און פאר די הערשענדע פרעה׳ס, וועלכע זיינען געווען אפהענגיג אין דער באשיצונג פון זייער מלוכה מעהר פון פרעמדע נעדונגענע איידער פון היימישע סאלדאטען, האבען געמוזט זיין גאנץ אנגע־לעגטע געסט די אנטלאפענע אידען, וואס האבען געזוכט א היים אויף זייער מזרח־גרעניץ. די מעהרסטע פון די אידען האבען פארגעצויגען צו בלייבען דא אויפ׳ן גרעניץ, ניט קוקענדיג אויף די געפאהרען, ווייל זיי זיינען דא געווען אם נעהנטסטען צו זייער היים־לאנד און ווייל זיי האבען באטראכט זייער אויפהאלטונג אין עגיפטען נאר פאר צייטווייליג (ירמיה מ״ד 28). צוליב די טעמים האבען זיי זיך באזעצט אין די גרעניץ־שטעדט מגדול,

תחפנחס, און אין מעמפיס, וואס זיינען ניט געווען שטארק ווייט פון דעם גרעניץ פון יהודה. אזוי ווי יענע פלעצער זיינען געלעגען אויף דעם דירעקטען קאראוואנען־וועג צו פאלעסטינא און דעם מזרח, האבען זיי געקאנט זיין אין א שטענדיגען פארקעהר מיט זייערע ברידער און זיינען געווען ביכולת זיך צוריקצוקעהרען, ווען עס וועלען זיך נאר מאכען גינסטיגע אומשטענדען.

די אויסגראבונגען אין דעפנעה, דעם פלאץ פון הערא‌דאט׳ס דאפנע און פון תחפנחס, וואו די אנטלאפענע מיט ירמיה׳ן האבען זיך באזעצט, האבען אסך באלויכטען די סביבה פון די אידען אין עגיפטען. די שטאדט איז געלעגען אויף א זאמדיגען מדבר אין דרום־זייט פון א זומפיגער אזערע, אייניגע מייל פון דער קולטיווירטער דעלטא צו מערב־זייט און פון דעם סועץ־קאנאל צו מזרח־זייט. פארביי דער שטאדט האט זיך געצויגען דער הויפט־וועג קיין סיריען, וועלכען זי האט געדארפט באשיצען. עס שטעהען נאך די חורבות פון א פעסטונג, געבויט דורך פסאמעטיך דעם ערשטען, דעם גרינדער פון דער שטאדט. הערא‌דאט באריכטעט, אז דער דאזיגער קעניג האט דארטען אריינגעשטעלט א גארניזאן, און אז ביז שפעט אין דער פערסישער תקופה איז געווען איהר עובדא צוריקצושטויסען אראבישע אנפאלען. דער כאראקטער פון די איבערגעבליבענע שפורען באשטעטיגט הערא‌דאט׳ס באהויפטונג, אז פון אנהויב אן איז די מעהרהייט פון דער באפעלקערונג באשטאנען פון גריכען. אין דער דאזיגער גרעניץ־געגענד האט פסאמעטיך דער ערשטער, ארום יאהר 664, אנגעוויזען היימען צו די יאנישע און קארישע געדונגענע זעלנער, וואס האבען איהם געהאלפען קומען צום טראן. ירמיה ב 16 דייטעט אן, אז אין דער צייט פון נכו זיינען תחפנחס און נוף געווען וויכטיגע מיליטערישע צענטערס פון די עגיפטער, און מיר קאנען זיך פון דעם אנשטויסען, אז יאשיהו איז צעשלאגען געווארען אין טאל פון מגידו דורך גריכישע זעלנער אין נכו׳ס דינסט. הערא‌דאט זאגט, אז דאפנע איז געווארען אין א פריהיגער צייט א צענטער פון פארקעהר צווישען עגיפטען און דער גריכישער וועלט. צוליב איהר לאגע איז זי אויך געווען דער פלאץ וואו די ציוויליזאציעס פון מזרח און פון מערב האבען זיך צוזאמענגעטראפען. פעניקיער, גריכען, אידען און עגיפטער האבען זיך דא באגעגענט אויף א שותפות׳ען באדען. ווי פארט־סאאיד היינטיגען טאג, איז איהר לעבען געווען אין העכסטען גראד קאסמאפאליטיש. איהר אטמאספערע איז דערפאר געווען זעהר א גינסטיגע פאר די אידישע קאלאניסטען.

מ׳האט ניט געפונען קיין ארכעאלאגישע איבערבלייבונגען, וואס זאלען געבען אן אנצוהערעניש אויף א אידישען ישוב אין תחפנחס; אבער דאס

וואס עס זיינען ניט געבליבען קיין שפורען פון קונסט־ווערק פון דער צייט פון פסאמעטיך דעם צווייטען און חפרע (564—594) איז אין זיך גופא אן אינדירעקטע ראיה, אז די אידישע באפעלקערונג האט אין א גרויסער מאס פארנומען דעם ארט פון דער גריכישער; מחמת די אידישע ציוויליזאציע פון יענער פעריאדע איז ניט געווען אזא, וואס זאל לאזען הינטער זיך בלייבענדע מאנומענטען. עס איז אבער מערקווירדיג וואס די טראדיציע פון מזרח האט דערהאלטען א וויטע ערינערונג אן א אידישען ישוב אין יענעם ארט אין דעם נאמען קאסר על בינט על יעהודי, „דער פאלאץ פון דעם אידען'ס טאכטער" — א נאמען וועלכען די חורבות פון דער פעסטונג טראגען נאך עד היום. די אויסגראבונגען, ווי אויך דער באריכט פון הערארט, דערקלערען די באדייטונג פון דער אומגעוועהנליכער באצייכענונג „פאלאץ", ווארים די פעסטונג איז אויך געברויכט געווארען ביי זעלטענע געלעגענהייטען אלס א קעניגליכע רעזידענץ. אסך וויין־קריג זיינען דארטען געפונען געווארען מיט די זיגלען פון פסאמעטיך דעם צווייטען, חפרע און אמאסים. אם מעהרסטעןווארפט זיך אין די אויגען צווישען די חורבות, אין צפון־מערב פון דער דאזיגער מיליטערישער רעזידענץ פון די פרעה'ס, די גרויסע פלאטפארם פון ציגעל אונטער'ן פרייען הימעל, אויף וועלכער ירמיה מ"ג 9 באציהט זיך. דאס איז געווען דער אלגעמיינער פלאץ פאר געזעלשאפטליכע פארזאמלונגען און דערהוילונג.

חפרע'ס נאכפאלגער, אמאסים, האט פארטראטען די עגיפטישע פארטיי, וועלכע איז געווען פיינדליך צו דער פרעמדער ציוויליזאציע. די גריכישע קאלאניסטען און דער גריכישער האנדעל זיינען באגרעניצט געווארען, און די גריכישע גארניזאן איז דעפארטירט געווארען פון דאפנע. פאקטיש האט יענע שטאדט אם מעהרסטען געליטען פון דער רעאקציאנערער פאליטיק. זי איז געבליבען וויסט, לויט ווי הערארט דערצעהלט, און די פעסטונג איז באזעצט געווארען מיט אן עגיפטישער גארניזאן. עס קומט לויט דעם אויס, אז אם ווייניגסטען ארום יאהר 560 (פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) האבען די אידישע קאלאניסטען, אויב זיי האבען זיך נאך ניט געהאט צוריקגעקעהרט קיין יהודה, געמוזט זוכען הייםען אנדערשוואו. פאר די קאלאניסטען, ניט בלויז אין תחפנחס, נאר אויך אין אנדערע שטעדט, האט די נייע געענדערטע שטעלונג פון עגיפטישען הויף געמוזט זיין אן אנטרייב זיך צוריקצוקעהרען אין זייער היים־לאנד.

כאטש ירמיה האט אנערקענט די טרייהייט פון די אידע, אין עגיפטען צו זייער אלטען לאנד, האט ער אבער געפונען ווינציג וואס צו לויבען און

אסך צו אטאקירען אין זייער רעליגיעזען לעבען. מיר האבען ניט קיין ראיות, אז זיי זאלען האבען געדינט צו די עגיפטישע געטער, אדער אז זיי זאלען האבען לגמרי אויפגעהערט צו דינען יהוה; אבער אונטער דער השפעה פון דער פאליטעאיסטישער אטמאספערע, אין וועלכער זיי האבען זיך גע־פונען, האבען פיעל פון זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דער אמאליגער אפגעטע־ריי פון זייער אורעלטערן. פונקט ווי אין מנשה'ס טעג, האט מען אויך איצט אויף אסך אידישע מזבחות געריכערט ווייהרויך צו פרעמדע געטער. ביי די פרויען איז באזונדערס געווען באליבט דער דינסט פון דער מלכה פון הימעל, די אלטע סעמיטישע געטין אישטאר*), צו וועלכער מ'האט געדינט אין ירושלים נאך פאר דעם חורבן (ירמיה ז 18). די רעאקציע פון די אידען נעגען יאשיהו'ס רעפארם און געגען יהוה'ס תורה, לטובה פון אן אלטער סע־מיטישער געטין, איז געקומען דערפון, וואס זיי האבען נאאיוו אויסגעטייטשט זייערע אומגליקען אלס א באוויז, אז יהוה שטעהט נידעריגער ווי די אלטע געטער פון כנען. ענטפערענדיג אויף ירמיה'ס ליידענשאפטליכע מוסר־רייד צו זיי, האבען זיי באהויפטעט מיט עקשנות, אז זייערע עלטערן אין יהודה איז געגאנגען גוט כל זמן זיי האבען געדינט צו דער געטין פון הי־מעל, און ווי נאר זיי האבען עס אויפגעהערט, זיינען געקומען אלע אומגלי־קען אויף זיי. ירמיה האט זיי געקאנט אפענטפערען נאר מיט א געגען־באהויפטונג: „אייער אפגעטעריי און אייערע אומווירדיגקייטען האבען גע־בראכט אויף אייך די נאציאנאלע קאטאסטראפע. אויב איהר וועט ווייטער אזוי פארלאזען יהוה, וועלען זעהר ווייניג פון אייך דערלעבען זיך צוריק־צוקעהרען קיין יהודה. די צייט וועט באווייזען דעם אמת פון מיינע רייד. ווען איהר וועט זעהן פרעה חפרע אריינפאלענדיג אין דער האנט פון זיין פיינד, נבוכדראצר, זאל דאס זיין א צייכען, אז עס וועלען מקוים ווערען מיינע שלעכטע נבואות אויף אייך" (ירמיה מ"ד).

צי ירמיה האט אין זיינע לעצטע יאהרען דערלעבט צו זעהן ווי עס פאר־מעהרען זיך די רייהען פון די, וואס האבען זיך צוגעהערט צו איהם, שטעהט אין ערגיץ ניט. יחזקאל אין זיין לעצטער נבואה, וועלכע טראגט דעם דא־טום פון 570 (פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג), רעדט ניט וועגען די אידען ארום איהם, נאר וועגען די אידען פון מצרים. אויך ער, פונקט ווי ירמיה, זאגט פאראויס, אז פרעה חפרע וועט באלד פאלען פאר נבוכדראצר'ן; אבער ער האט מעהר האפענונג פאר דער צוקונפט פון די אידען אין עגיפ־

*) זעה אין באנד 1, ז. 119.

טען: עגיפטען׳ס מפלה וועט זיין דער פארשפיל צו דער דערהייבונג פון די אידען (יחזקאל כ״ט 17—21). גאר אין גאנצען האט אויך ירמיה ניט אויפ־געגעבען די האפענונג וועגען די עגיפטישע אידען; אייניגע וועלען אויך פון זיי קומען צוריק אין יהודה און נעמען א חלק אין דער באנייאונג פון אידי־שען נאציאנאלען לעבען (ירמיה מ״ד 14, 28).

3.

די סאציאל־עקאנאמישע צושטענדען פון די אידען אין באבילאניען.

דער גלות בבל אלס עפאכע.

דער גלות־בבל מוז באטראכט ווערען, אפילו קוקענדיג פון אויבען אויף, אלס די אויסערגעוועהנליכסטע פאסירונג אין דער וועלט־געשיכטע. אין אלטען מזרח, נאך מעהר ווי אנדערשוואו, האט דאס פארלירען פון פאליטישער אויטאנאמיע באדייט די פארניכטונג פון א פאלק. יהודה און ירושלים האבען אין דעם זין פון א מלוכה לגמרי אויפגעהערט צו עקסיסטי־רען, און דאך זיינען די אידען געבליבען לעבען אלס פאלק. פארטרייבונגען אין אלטען מזרח האבען אלעמאל געפיהרט צו דעם ציל, צוליב וועלכען זיי זיי־נען אונטערנומען געווארען, ד. ה. צו דער פולער אויסלעשונג פון דעם נאציאנאלען גייסט; דא אבער האט דער גלות דוקא פארשטארקט דעם פאט־טריאטיזם פון די אידען. אין אלע צייטען און אין אלע געגענדען פון דער וועלט איז דער גניום פון א געמיינדע אם מעהרסטען טעטיג און פרוכטבאר אויף דעם באדען פון דעם היים־לאנד און אונטער זיינע הימלען. אבער דער גניום פון ישראל, וועלכער איז דערשטיקט געווארען אין פאלעסטינא, האט אויפגעפלאמט אין באבילאניען מיט א גלאנץ ווי נאך קיינמאל ניט פריי־הער.

ישראל איז געווארען א גאנץ אנדערער אין גלות: דאס איז א קלארער פאקט פון דער געשיכטע. ישראל האט ניט אראפגעווארפען פון זיך די פאר־גאנגענהייט, נאר ער איז פון איהר אוועקגעריסען געווארען. מ׳האט איהם אנגעכאפט און אריבערגעשליידערט ווייט אוועק אויף יענער זייט מדבר. ער איז אוועקגעריסען געווארען פון זיין לאנד, זיין היים, זיין וויינשטאק און

פייגענבוים, זיין מארק־פלאץ, זיינע קברים און זיין היילינגטום. ער האט געמוזט אנהייבען א לעבען פון דאס ניי. כדי צו פארשטעהן דאס נייע לעבען, מוזען מיר נעמען אין באטראכט די עלעמענטארע סאציאלע, פאליטישע און מאראלישע כוחות. די וויכטיגסטע פראגען זיינען דא די אריבערפיהרונג פון די אידען אין דאס נייע לאנד און די נייע סביבה; און זייער וויכטיגקייט ווערט נאך פארשטארקט, ווען מיר באטראכטען ניט בלויז די פרעמדקייט פון באבילאניען, נאר איהר קולטור, איהר רייכקייט, איהר אלטקייט, איהר ארגאניזאציע, איהר הערשאפט איבער דער מענשהייט אין זאכען, וואס האבען אפעלירט צום שכל אדער צו דער פאנטאזיע; און אט דאס אלצדינג אין היפוך צו דער פארלארענקייט און הילפלאזינקייט פון די צעטומעלטע גולים.

די פארטרייבונגען.

קודם כל מוזען מיר גענוי זעהן וואס עס ווערט פארשטאנען אונטער גלות בבל. דער שרייבער פון ירמיה נ"ב 28—30 באריכטעט פון דריי באזונדערע פארטרייבונגען. די ערשטע, אין נבוכדראצר'ס זיבעטען יאהר, איז באשטאנען פון 3023 נפשות. די צווייטע, אין דעם אכצעהנטען יאהר פון דעם קעניג, האט ארומגענומען בלויז 832; בעת אין דער דריטער, אין דעם קעניג'ס דריי־און־צוואנציגסטען יאהר, זיינען אוועקגעפיהרט געווארען 745. דער שרייבער שעפט קענטיג פון א באבילאנישער קוועלע, א גאנץ אנדערע ווי די קוועלען, וואס ווערען געברויכט אין מלכים ב. ווען מיר באטראכטען די סיטואציע, זעהען מיר, אז די אינפארמאציע וואס ער גיט איז א זיכערע און באציהט זיך קענטיג נאר אויף לייט, וועמעס נעמען זיינען פארצייכענט געווארען. אזוינע זיינען אין יאהר 586 געווען וועניגער ווי אין יאהר 597. צדקיה'ן האט מען געלאזען נאר די „שיריים" פון די פרייע לאנדאייגענטימער, און די מלוכה איז שוין אויך ניט געווען דיזעלביגע וואס אונטער זיינע פארגעהער*).

---

*) די פראגע וועגען דער צאהל נפשות און די מעהרערע פארטרייבונגען, ווי אויך די פונדאמענטאלערע פראגע וויפיעל פארטרייבונגען עס זיינען באמת פארגעקומען, ווערען שטארק באשטריטען. מאנכע פארשער נעמען אן, אז דאס ווארט „זיבעטע" אין ירמיה נ"ב 28 איז א טעות פון אן איבערשרייבער פאר זיבעצעהנטע, אנבעמענדיג, אז דאס איז געווען א גלות פון לייט אויפ'ן אפענעם לאנד אין דער

דער סך־הכל פון די דריי פארטרייבונגען איז בכן 6400 ; צורעכענענדיג צו דעם נאָך די פרויען, די קינדער און די קנעכט, קען מען לייכט באַקומען די צאָהל פון צוואַנציג טויזענד נפשות ; פון זיי האָט די ערשטע פאַרטרייבונג בייגעטראָגען צווישען ניין און צעהן טויזענד ; זי איז בכן געווען גרויס ווי די ביידע ווייטערדיגע פאַרטרייבונגען צוזאַמען. ניט בלויז איז זי געווען די גרעסטע בנוגע דער צאָהל נפשות, נאָר עס איז דעמאָלט מיטגעגאַנגען, לויט דעם בפירוש'ען באַריכט אין מלכים ב. כ"ד 14־16, די בליהונג פון דער שטאָדט און פון דער נאַציאָן. אחוץ יהויכין און זיין קרייז פון מיוחסים האָבען זיך דאָרטען געפונען אזעלכע איינפלוסרייכע מענער ווי יחזקאל און די נביאים וואָס האָבען אָנגעפיהרט א קאַמף געגען איהם און ירמיה'ן (ירמיה כ"ט). פון דער אנדערער זייט ווידער זיינען די מעהרסטע אָנפיהרער פון דעם לעצטען אויפשטאַנד היגגעריכטעט געוואָרען אין ריבלה, און די אנדערע פיהרער פון פאָלק, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען

ערשטער צייט פון דער באַלאַגערונג (אין יאָהר 587). דאָס איז אָבער ניט וואהרשיינליך. ערשטענס טרעפט צוזאַמען דאָס דערמאָנטע יאָהר מיט'ן גלות יהויכין ; צווייטענס האָט דער הויפט־גלות אין אָט דעם זיבעטען יאָהר ניט געקאָנט פאָרקומען איידער ירושלים איז גענומען געוואָרען. די הויפט־טענה פון די פאָרשער געגען די באַהויפּטונגען אין ירמיה נ"ב איז, אַז דער גלות פון יאָהר 597 האָט ניט געקאָנט זיין גרעסער ווי פון יאָהר 586. די דאָזיגע פאָרשער אָבער זעהען ניט איין, אַז בלויז אומאָפּהענגיגע פערזאָנען זיינען געצעהלט געוואָרען און אַז קנעכט און אויך פרויען און קינדער זיינען ניט אריינגערעכענט געוואָרען. פון אָט די זיינען אסך ווייניגער אוועקגעפיהרט געוואָרען אין יאָהר 597 איידער אין יאָהר 586, ווייל אין דעם ערשטען גלות, דעם גלות יהויכין, איז די פּאָליטיק געווען אוועקצופיהרען די איינפלוסרייכסטע לייט, לויט דער בפירוש'ער באַהויפּטונג אין מלכים ב, כ"ד 14—16. ווען דער שרייבער אין מלכים ב גיט אָן „צעהן טויזענד" אלס די צאָהל פון די פאַרטריבענע אין יאָהר 597, גיט ער דאָ בלויז אָן א רונדע צאָהל (דער עטוואָס גענויערער חשבון אין פסוק 16 שטאַמט פון אן אנדער מקור) און רעכענט אריין די פרויען, די קינדער און די קנעכט. אין די ליסטען פון נחמיה ז (עזרא ב) ווערען די קנעכט געשטעלט באַזונדער, ניט דערמאָנענדיג די הייזער, צו וועלכע זיי האָבען געהערט. בנוגע צו ירמיה נ"ב האַלטען זיך שטאַדע און עדוארד מייער ביי דער אומוואהרשיינליכער סברא, אַז די ערשטע צאָהל, וואָס ווערט דאָרטען אָנגעגעבען, באַציהט זיך אויף א גלות וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 598 פון די לאַנד־שטעדט איידער ירושלים איז עראָבערט געוואָרען ; די צווייטע צאָהל אַנטהאַלט די אריבערגעלאָפענע אין משך פון דער באַלאַגערונג און איידער די שטאָדט איז געפאלען, דאָס הייסט אין יאָהר 587 ; און די דריטע צאָהל איז פּוליצט דער לעצטער גלות, וואָס די כשדים האָבען אונטערנומען נאָך גדליה'ס דערמאָרדונג.

אַזעלכע פיגורען ווי ירמיה און גדליה, זיינען איבערהויפּט ניט אַוועקגעגאַנגען קיין באַבילאָניען.

פון די אַלע פאַקטען קען מען מאַכען געוויסע שלוסען. ערשטענס, אַז די אידען פון גלות, אין דעם ברייטען זין פון דעם אויסדרוק, האָבען געלעגט אין באַבילאָניען דעם יסוד פון זייער סאָציאַלען און בירגערליכען לעבען נאָך פאַר דעם חורבן פון ירושלים. צווייטענס, געפינען מיר צווישען יחזקאל'ען און זיינע חברים די מענער, וועלכע האָבען באַשטימט דעם רעליגיעזען כאַראַקטער און די רעליגיעזע טענדענצען פון דער ערשטער העלפט פון דער גלות־פּעריאָדע. דריטענס, אַז דער חורבן פון ירושלים איז געווען אַ געוואַלדיגער פאַקטאָר אין רעליגיעזען און פּאָליטישען לעבען פון דער נאַציאָן, דערהויפּט צוליב זיין באַדייטונג פאַר די אידען וואָס זיינען שוין געווען אין גלות און וואָס האָבען פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם טייל פון פאָלק, וועלכער איז געווען אַזוי וויכטיג פאַר דער צוקונפט פון ישראל.

לאָמיר באַטראַכטען ווי אַזוי די פאַרטרייבונגען זיינען צוגעגאַנגען. די צווייטע פאַרטרייבונג האָט זיך אונטערשידען פון דער ערשטער דערהויפּט מיט דער שטרענגקייט, מיט וועלכער מ'האָט באַהאַנדעלט די אָנפיהרער פון לעצטען אויפשטאַנד. אויפ'ן וועג קיין באַבילאָניען איז אין אַלע דריי פאַרטרייבונגען אָנגעווענדט געוואָרען דערזעלביגער אַלגעמיינער פּלאַן. לויט דעם וואָס מיר ווייסען בכלל פון פאַרטרייבונגען פון באַפעלקערונגען אין אַלטען מזרח, האָט מען גלייך אין אָנהויב קלאַסיפיצירט די געפאַנגענע. די, וועלכע מ'האָט פאַרצייכענט אַלס רעבעלען, האָט מען געהאַלטען באַזונדער אונטער אַ ספּעציעלער וואַך; די, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרען פאַר שטראַף־אַרבייט, זיינען אויך געשטעלט געוואָרען באַזונדער. וויפיעל אידען עס זיינען געווען פון אָט דעם לעצטען קלאַס, קענען מיר מיט זיכערקייט ניט זאָגען. אורטיילענדיג פון דעם וואָס די ביבלישע דאָקומענטען שווייגען דערפון און פון דעם וואָס די אידען פון יהודה האָבען געבליהט אין באַבילאָניען, זעהט עס אויס, אַז דער קלאַס איז ניט געווען גרויס אין צאָהל. די, אויף וועמען עס איז ניט געווען קיין טאַדעל און וועלכע זיינען ניט פאַראורטיילט געווען צו שווערער אַרבייט זיינען אַ באַזונדערע אָפּטיילונג. צו דעם דאָזיגען קלאַס האָבען געהערט די, וואָס זיינען מיט דער אייגענער ברירה געגאַנגען אין גלות, ענטוועדער פון פּאַטריאָטישע מאָטיווען אָדער כדי זיך ניט צו שיידען פון זייערע פאַמיליען און פריינד. בעת די גאַנצע באַפעלקערונג פון לענדער און שטעדט, וועלכע האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד, האָט פאַרשפּילט איהר לעבען און איהר פרייהייט, זיינען די, וועמען מ'האָט באַהאַנ־

דעלט מילד, בלויז געווארען געפאנגענע פון דער מלוכה. אט אזוי האט מען געגעבען די ברירה צו ירמיה'ן און צו ברוך בן־נריה צו געהן וואוהין זיי האבען געוואלט.

אויף אשורישע אפמאלונגען זעהט מען ווי מענער, פרויען און קינדער ווערען אוועקגעפיהרט פון עראבערטע שטעדט, ווי זיי מארשירען מיט אראפגעבויגענע קעפ און מיט הענט אנגעבונדען אויף זייערע רוקענס פון הינטען, און ווערען געשלאגען פון זייער וואך מיט די שטעקענס. אזעלכע בילדער זיינען אפילו עקסטרעם, דאך איז דאס מארשירען צו־פוס, די קייטען און די טרייבער — פאקטען פון דעם אשורישען רעזשים, וואס זיינען בלי ספק אפט פארלייכטערט געווארען פון די כשדים און דאך דערהאלטען געווארען דורך זיי אין די הויפט־שטריכען. מיר טארען זיך פון דעסטוועגען ניט פארשטעלען דעם מארש פון די אידישע גולים לויט אט די גוזמא'דיגע אפמאלונגען. מיר מוזען האלטען אין זינען די מעטאדען פון דער כאלדעאישער אדמיניסטראציע. איהר הערשענדער פרינציפ איז געווען אויסנוצונג און אויפהאלטונג. ביי דער קלאסיפיצירונג פון די געפאנגענע, וואס מיר האבען פריהער דערמאנט, זיינען געמאכט געווארען ליסטען פון זיי דורך „דעם מאן מיט דעם שרייבער'ס טינט־הארן אויף זיין זייט" (יחזקאל ט 2). די נומעראציעס און באשרייבונגען זיינען אוועקגעשיקט געווארען אין דער הויפטשטאדט, און די באאמטע, וועלכע האבען געהאט צו זאגען אויף דער עקספעדיציע, זיינען געווען פאראנטווארטליך, אז די פארטריבענע זאלען אנקומען זיכער אויפ'ן ארט. צו־גרויסע אכזריות אדער נאכלעסיגקייט זיינען דעריבער געווען אויסגעשלאסען. מיר דארפען אויך ניט אננעמען, אז אלע גולים פון יעדען גלות האבען געבילדעט איין גרויסע מחנה אדער קאראוואן. זיי זיינען צעטיילט געווארען לויט באקוועמליכקייט: — לויט די סאלדאטען וואס מ'האט געקאנט קריגען אלס מיליטערישע וואך, לויט די מיטלען פון טראנספארט, לויט דעם סעזאן פון יאהר, לויט דעם כאראקטער פון די פארשידענע קלאסען פון די פארטריבענע. דער קיצור איז, אז מיר קענען נאר קריגען א קלארע השגה פון דעם כאראקטער פון יענע פארטרייבונגען, ווען מיר האלטען אין זינען, אז זיי זיינען געווען ווייניגער א פערזענליכע ווי א נאציאנאלע שטראף, וואס איז באשטאנען אין פארלירען דאס היים־לאנד.

דער אידישער ישוב אין באבילאניען.

אבער וואס איז געשעהן מיט די גולים נאכדעם ווי זיי זיינען אנגעקומען אין באבילאניען? און, קודם כל, אין וועלכע ערטער האט מען זיי באזעצט? אין דעם פרט האבען מיר גענויע אויסקונפט בנוגע צו א גרויסען טייל פון גרעסטען. אדער ערשטען, גלות. פון ספר יחזקאל ווייסען מיר, אז ביי דעם טייך „כבר“ האט זיך געפונען א גרויסע קאלאניע פון יחזקאל׳ס לאנדסלייט. דער כבר איז געווען א וויכטיגער קאנאל פון צענטראל־באבילאניען. אין צוויי מסחר־דאקומענטען פון דער צייט פון ארטאקסערקסעס דעם ערשטען (424־464) ווערט דערמאנט דער טייך קאבאר, וואס איז געווען, ווי הילפרעכט זאגט*), א גרויסער, שיפבארער קאנאל נאהנט צו דער שטאדט ניפור. הגם מיר ווייסען נאך ניט גענוי, וואו ער איז געלעגען, מעגען מיר אבער אננעמען כמעט פאר געווים, אז ער איז געווען א צווייג פון דעם גרעסערען קאנאל, דעם ניל. אזוי ווי די אידישע קאלאניסטען האבען ניט געקענט באזעצט ווערען אין א געגענד מיט א געדיכטער באפעלקערונג, איז עס דעריבער וואהרשיינליך, אז דער כבר איז געלעגען אין מזרח־זייט פון גרויסען קאנאל.

וואו מ׳האט באזעצט די איבעריגע גרופעס פון די גולים, איז איצט אומזיסט צו מאכען השערות. מ׳קען נאר זאגען, אז א חוץ די קעניגליכע געפאנגענע און זייערע הויז־לייט, זיינען אויך נאך מאנכע אנדערע בלי ספק געבראכט געווארען אין דער הויפט־שטאדט בבל. דער גרויסער קעניג, וואס איז געווען שטארק פאראינטערעסירט אין דער אנטוויקלונג פון זיין לאנד בכלל, איז נאך ספעציעל געווען פאראינטערעסירט אין זיין הויפטשטאדט; און פאר זיינע גרויסע עפענטליכע און פריוואטע ארבייטען האט ער הפנים גענומען א געוויסע צאהל פון יעדער באדייטענדער, ניי־געקומענער גרופע פון מלחמה־געפאנגענע. אז מ׳זאל האבען באזעצט אסך אידען אין אנדערע גרויסע שטעדט פון דער אימפעריע, איז ניט וואהרשיינליך. נאטירליך זיינען אסך אידען סוף־כל־סוף געקומען אין איין צענטער פון אינדוסטריע אדער אין אן אנדערען, און מעהר ווי אומעטום אין בבל. אבער לכתחילה איז זייער וואוינארט קענטיג באשטימט געווארען דורך דעם קעניג׳ס פאליטיק; און דאס איז געווען ניט צו לאזען אויפבויען קיין מעגליכע

---

*) Babylonian Expedition of the University of Pennsylvania, 9, p. 28.
דאס ווארט גופא באדייט „גרויס“.

קאנקורענטען צו זיין געליבטער בבל. פון די באדינגונגען פון א האלבען יאהרהונדערט שפעטער ווייזט עס אויס, אז די גולים זיינען סוף־כל־סוף פארטיילט געווארען גאנץ ווייט איבער'ן לאנד. צווישען די ליסטען פון די צוריקגעקעהרטע פון גלות געפינט זיך א גרופע נעמען פון פלעצער, פון וועלכע געוויסע פערזאנען, 652 אין צאהל, זיינען געקומען זיך אנשליסען אן דער הויפט־קאמפאניע פון די צוריקקעהרער קיין ציון: ת ל ־ מ ל ח, ת ל ־ ח ר ש א, כ ר ו ב, א ד ן און א מ ר (עזרא ב 59; נחמיה ז 61). עס ווערט דארטען געזאגט פון די דאזיגע לייט, אז זיי האבען ניט געקאנט ווייזען זייער יחוס, אז זיי זיינען פון ישראל. מיר זעהען דערפון, אז אין די לעצטע צוויי דורות זיינען זיי געווען אפגעריסען פון זייערע ברידער. אויף יעדען פאל האבען די באאמטע פון דער מלוכה ניט דערמוטיגט די פארטריבענע אידען זיך צו צענטראליזירען, כדי אויסצומיידען די מעגליכקייט פון א פאראייניגטער מרידה. מיר מעגען בכן ארויסנעמען דערפון אלס אונטערסטע שורה, אז מעהרערע קליינע גרופעס פון די פארטריבענע אידען האבען זיך פארמירט אין באזונדערע דיסטריקטען.

אויף א זיכערערען גרונט שטעהען מיר ווען מיר קומען צו דער פראגע וועגען דער באשעפטיגונג פון די אידען אין גלות. די באשטימענדע פאקטארען דערביי זיינען געווען: 1) די פריהערדיגע באשעפטיגונגען פון די אידען; 2) די אינדוסטריעלע באדערפענישען פון דעם לאנד; 3) די פאדערונגען פון דעם קעניג'ס פאליטיק און די מיטלען וואס ער האט געזוכט אנצונעמען פאר דער אינערליכער אדמיניסטראציע; 4) די הערשענדע סאציאלע און יורידישע באדינגונגען פאר באשעפטיגונגען ארבייטער. יעדערער פון די דאזיגע פאקטארען מוז קורץ באריקזיכטיגט ווערען, ווייל נאר ווען מיר קענען א פאלק אין זיינע טעגליכע באשעפטיגונגען, קאנען מיר פארשטעהן זיין געשיכטע.

פון די פארטריבענע אידען פון די דריי גלות'ן זיינען די מעהרסטע געווען בעסער צוגעפאסט צו אגריקולטורעלע באשעפטיגונגען איידער צו עפעס אנדערש. די דאזיגע מעהרהייט האט אומגעפעהר פארגעשטעלט מיט זיך די באפעלקערונג פון יהודה, וואס האט זיך ניט געקאנט צופאסען צו די פאדערונגען פון קונסט און פאבריקאציע אין א העכערער ציוויליזירטער געמיינדע. די מעהרסטע איינוואנדערער פון יהודה, אחוץ פון די שטעדט, זיינען געווען פאסטוכער*) אדער געצעלט־פערמערס, ארבייטער אויף פער־

*) אז דער פאסטוכער־קלאס, אפילו אין זיין האלב־נאמאדישער פארם, האט זיך דערהאלטען, איז אילוסטרירט דורך דעם פאל פון די רכבים. אט די לעצטע

מעס, פלאנצערס פון וויינשטאקען און אייל‑בערטבוימער. אין די גרויסע שטעדט און אין דער הויפשטאדט גופא זיינען אסך געווען באשעפטיגט אר־ בייטענדיג ביי די לאנד־אייגענטימער אויף זייערע נחלאות. פון דער אנ־ דערער זייט זיינען די מיטגלידער פון די צעכען פון בעלי־מלכות, אזעלכע ווי די „שניצער און די שליסער"*) (מלכים ב, כ"ד 14, 16; ירמיה כ"ד 1; כ"ט 2), וועבער, פארבער, טעפער, גארבער און הויז־בויער ניט געווען קיין באדייטענדע צאהל.

וואס די אידען אין באבילאניען זיינען סוף־כל־סוף געווארען איז בעיקר אפגעהאנגען פון זיי גופא. אין אנהויב זיינען זייערע אומשטענדען אפ־ געהאנגען פון דעם קעניג'ס פאליטיק און פון די באדערפענישען פון לאנד. ווען מיר באטראכטען צוערשט די באדערפענישען פון לאנד, זעהען מיר, אז עס זיינען געווען געוויסע שטענדיגע פאדערונגען אויף ארבייט, פאדערונגען וואס זיינען קיינמאל ניט פארמינדערט געווארען אין צייטען פון נאציא־ נאלער פראספעריטעט און שטארקייט. דאס וואוילזיין פון באבילאניען איז געווען פארבונדען מיט'ן וואסער־רעזערוו און מיט דער ריכטיגער אויס־ נוצונג פון דעם וואסער. ארבייטען פון קאלאניזאציע און באוואסערונג האבען געקאנט פארפילפאכט ווערען; און אז זיי זיינען שוין געווען פארטיג, האט מען כסדר באדארפט גוט אויפפאסען אויף זיי. די קולטיווירונג פון דעם באדען און די פארשידענע פראצעסען פון אגריקולטור, וואס זיינען דורך דעם געמאכט געווארען לייכטער און אלגעמיינער, האבען געפאדערט מעהר ארבייטס־כוחות. טיילווייז אומאפהענגיג פון אגריקולטור איז געווען די באזארגונג פון די בהמות דורך דעם פאסטוכער־קלאס. צו אט די מוז מען נאך צולעגען די פארשידענע בעלי־מלכות, וועלכע האבען צוגעשטעלט

האבען א באזונדערען אינטערעס פאר אונז, ווייל לכל הפחות מאנכע פון זיי זיינען אוועקגעפיהרט געווארען קיין באבילאניען צווישען די איינוואוינער פון ירושלים, וואו זיי האבען געפונען א מקום־מקלט בעת דער ערשטער באלאגערונג (ירמיה ל"ה 11). אז זיי האבען אריבערגעלעבט דעם גלות און עס איז מקוים געווארען ירמיה'ס נביאות (ירמיה ל"ה 19), ערפאהרען מיר פון דברי הימים א, ב 55 און אויך ד 12 לויט דעם תרגום השבעים („רכב" אנשטאט „רכה").

*) „החרש והמסגר" ווערט מעהרסטענס איבערזעצט „מייסטערס און שלאסערס". „חרש" אבער באדויט די, וואס האבען געארבייט מיט שנייד־אינסטרומענטען. זעה אין באנד 2, ז. 293. דאס ווארט „מסגר" קאן ניט באדייטען פשוט א „שמיד", אויך ניט קיין „שלאסער". וואהרשיינליך באציהט זיך „חרש" אויפ'ן שניידען און פאר־ מירען דעם מאטעריאל און „מסגר" — אויפ'ן אויסמאכען דעם פאבריצירטען אר־ טיקעל (ווערטליך, „איינער וואס שליסט אפ").

געצייג פאר דער ערד ארבייט. די מלאכות. וואס זיינען פראקטיצירט גע־
ווארען אין פאלעסטינא נאר אויף אזוי ווייט ווי דאס איז מעגליך געווען
פאר א קליינער און אפגעזונדערטער געמיינדע, זיינען דערפאר אנטוויקעלט
געווארען אין באבילאניען צו אזא הויכער מדרגה, וואס איז אנדערשוואו אין
מערב־אזיע אין ערגיץ ניט באקאנט געווען. אזוינע זיינען געווען די קונסט
פון וועבען, גארבען, מעטאל־מאכעריי, ציגעל־מאכעריי, און דאס בויען און
אויסמעבלירען וואוינונגען. צו דעם קרייז פון תענוגים און לוקסוס האט
געהערט דאס מאכען צירונג, סטאטועס און סטאטועלער, דעקארירטע טע־
פעריי, מוזיק־אינסטרומענטען און אנדערע מלאכות, וועלכע האבען גע־
דינט די קונסטען פון פארגעניגען. די העכסטע פון אלע איז געווען די קונסט
פון דעם שרייבער, מיט דעם קריץ־אינסטרומענט אדער דעם שרייב־ראהר.
דערצו איז אויף דעמזעלביגען אגריקולטורעלען יסוד אויסגעבויט געווען א
ברייטער סיסטעם פון מסחר, רעגולירט דורך יעדען מיטעל, וואס די ערפאה־
רונג פון דעם הענדלער און די קלוגקייט פון דעם האנדעלס־געפיהל האבען
געקאנט אויסטראכטען.

דאס זיינען געווען אינדוסטריען און באשעפטיגונגען, וואס מיר מע־
גען רופען באשטענדיגע. אבער די אידען זיינען געקומען קיין באבילאניען
אין א צייט פון באזונדערע געלעגענהייטען. נבוכדנאצר, דער גרויסער בא־
פייער פון באבילאניען, האט באהאנדעלט זיינע מלחמה־געפאנגענע מעהר
אלס אונטערווארפענע, וואס שטעהען אונטער זיין רשות, ווי אלס לעבענס־
לענגליכע פארברעכער. נאך מעהר, זיין אדמיניסטראציע איז געווען גאסט־
פריינדליך צו פרעמדע, מחמת די פארבעסערונג און אנטוויקלונג פון זיין
לאנד האט געפאדערט זייער דינסט. זיין היימישע פאליטיק האט געהאט
א צווייפאכען ציל. פון איין זייט האט די רייכקייט און מאכט פון באבילא־
ניען געמוזט פארגרעסערט ווערען דורך אינערליכע פארבעסערונג, ספעציעל
דורכ'ן פארברייטערען דעם שטח פון דעם פרוכטבארען באדען און דורך
פארגרעסערען זיין יעהרליכע פרוכט. פון דער אנדערער זייט האט די אר־
בייט פון האלטען אין ארדנונג די באוואסערונגס־ווערק געפאדערט א שטאר־
קען אדמיניסטראטיווען און פינאנציעלען צענטער, אזוי אז די הויפטשטאדט
האט געמוזט וואקסען אויפ'ן חשבון פון אנדערע וויכטיגע שטעדט. די
אידען האבען געשפילט זייער הויפט־ראלע ביים דורכפיהרען דעם ערשטען
פון אט די צילען. ווען זיי וואלטען געקומען קיין באבילאניען און וואלטען
פארבראכט זייערע יאהרען פון אונטערווארפענקייט אונטער א גרויזאמען
רעזשים אדער אין א צייט פון צעפאלונג, דעמאלט וואלט פיליכט זייער

לעבען אלס א נאציאן צעדריקט געווארען דורך טיראניי אדער זיי וואלטען געווארען אויסגעמאטערט דורך האפנונגסלאזע אנשטרענגונגען.

דאס וויכטיגסטע פון אלץ אין זייער נייער סביבה זיינען געווען די באדינגונגען, אונטער וועלכע זיי האבען זיך מפרנס געווען און האבען געטאן זייער ארבייט. די ערשטע פראגע וואס שטעלט זיך אונז איז וועגען דעם מצב פון קנעכט אין באבילאניען, ווייל מיר מוזען אננעמען פאר אומבאשטריטען, אז די מעהרסטע אידען זיינען אין אנהויב באשטימט געווארען אלס קנעכט. וואס מיר ווייסען וועגען שקלאפעריי ביי אידען קאן אונז דינען אלס אלגעמיינער וועג-ווייזער, ווייל אין דער ציוויליזירטער געזעלשאפט פון אלטערטום האבען דער מנהג און די געזעצגעבונג פארגעשריבען כמעט אומעטום דיזעלביגע געזעצען וועגען דער באהאנדלונג פון שקלאפען. דער הויפט-חילוק אין שקלאפעריי צווישען דעם אלטערטום און דער מאדערנער צייט ליגט ניט אזוי פיעל אין דער באהאנדלונג פון שקלאפען ווי אין זייער געזעלשאפטליכער פאזיציע און אין זייערע אויסזיכטען. ביי די באבילאניער, פונקט אזוי ווי ביי די עגיפטער און ביי די אידען, זיינען שקלאפען, באזונדערס מלחמה געפאנגענע, אפטמאל באהאנדעלט געווארען מיט דער גרעסטער אכזריות. מיר האבען דערפון גענוג ראיות פון אפמאלונגען אויף די אויסגעגראבענע מאנומענטען, וועלכע שטעלען פאר קנעכט געטריבען צו זייער ארבייט אונטער דעם בייטש פון צינז-הארען. מיר טארען דאס אבער ניט נעמען אלס כאראקטעריסטיש פאר דעם אלגעמיינעם סיסטעם. אחוץ אין בירגערליכע רעכטען זיינען קנעכט אפט געווען גלייך צו פרייע לייט. אסך פון זיי זיינען געווען אין א בעסערען מצב אלס קנעכט ווי זיי וואלטען געקאנט זיין אלס אייגענע הארען; און אט דער גוטער גורל איז, ווי עס זעהט אויס, געפאלען אויף דעם גרעסטען טייל פון די פארטריבענע אידען אין באבילאניען.

די רעכטען און פליכטען פון דעם אונטעריאכטען קלאס אין באבילאניען קענען מיר ארויסלערנען פון פאקטען, וועלכע מיר האבען פון די אויסגעגראבענע מאנומענטען. קנעכט זיינען געווען פון פארשידענע קלאסען. ערשטענס זיינען געווען קנעכט פון דער מלוכה. דאס זיינען מעהרסטענס געווען מלחמה-געפאנגענע, וואס זיינען גענומען געווארען אין שלאכט אדער ווען א פעסטונג איז עראבערט געווארען, אדער ווען א שטאדט האט זיך אונטערגעגעבען. לכתחילה, אין צייטען פון ווילדקייט, איז פון אזוינע געפאנגענע באשטאנען די מאסע פון דער אונטעריאכטער באפעלקערונג. זייער באהאנדלונג איז, מיט דעם פראגרעס פון ציוויליזאציע, פארבעסערט געווא-

רעו. אבער אפילו אונטער דער מילדסטער אדמיניסטראציע האט מען ארויסגעוויזען בארבארישע שטרענגקייט צו אנהעצער אדער אנפיהרער פון אן אויפשטאנד. אין די שפעטערע אשורישע און כאלדעאישע צייטען האט מען פארזיכטיג קלאסיפיצירט די געפאנגענע, און לויט דער קלאסיפיקאציע האט מען זיי באהאנדעלט שטרענגער אדער מילדער. זיי האבען לחלוטין ניט געמוזט בלייבען דאס אייגענטום פון דער קרוין, ווארים די געפאנגענע, צו וועלכע מ'האט ארויסגעוויזען א באזונדערע מילדקייט, האבען אין יעדער צייט געקאנט איבערגעגעבען ווערען צו פריוואטע לייט, וואס האבען באשעפטיגט ארבייטער. א צווייטער קלאס זיינען געווען די טעמפעל־שקלאפען. זייער צאהל און באדייטונג איז נאטירליך אפגעהאנגען פון דער רייכקייט פון די טעמפלען, און דאס איז געווען אן אומבאשטענדיגע זאך. דאך איז קיינמאל אין באבילאניען ניט געווען אזא צייט, ווען די טעמפלען זיינען ניט געווען רייך אין צאהל און האבען ניט געהאט פארשידענע אונטערנעמונגען; און אזוי ווי זייערע עסקים האבען ארייגענומען אין זיך דעם גאנצען קרייז פון די דעמאלט באקאנטע האנט־ארבייט, פאבריקאציע און סוחר'ישע באשעפטיגונגען, האט די צענטראלע רעגירונג ניט געקאנט מאכען קיין ברייטערען געברויך פון שקלאפען־ארבייט ווי אין אט די פלעצער פון די געטער. אין דער עפאכע, ביי וועלכער מיר שטעהען איצט, האבען אבער די פראווינציעלע טעמפלען פארלארען אסך פון זייער באדייטונג צוליב דער ספעציעלער גונסט וואס נבוכדראצר האט ארויסגעוויזען צו בבל און איהר פארשטאדט בארסיפא. נאך איין קלאס פון שקלאפען האבען געהערט צו פריוואט־בירגער פון פארשידענע קלאסען און שיכטען. די הויפט־ראלע אלס אייגענטימער פון שקלאפען האבען געשפילט די פאבריקאנטען, די סוחרים און די לאנד־אייגענטימער. שקלאפען האט מען דאס רוב זיך איינגעשאפט דורכ'ן קויפען; אבער ביידע: סאי די טעמפלען און סאי די יחידים האבען געקאנט באקומען שקלאפען אלס מתנה פון דער מלוכה פאר א דינסט, וואס מ'האט אויפגעטאן, אדער פאר אן אלטער פרעטענזיע. אין די שפעטערע צייטען אין באבילאניען, ווען די דינאסטיעס האבען זיך אפט געביטען, האט יעדע אדמיניסטראציע געזוכט נושא־חן צו זיין ביי די מעכטיגע פריסטער דורך גרויסע מתנות, און דערביי זיינען קאנפיסקירטע שטיקער לאנד און זייערע באארבייטער געווען די ערשטע זאך ביי דער האנט; און צו די פאמיליען פון טרייע אונטערשטיצער האט מען ארויסגעוויזען עהנליכע וואוילטאטען. צו האבען שקלאפען אלס אייגענטום איז אבער ניט געווען דער מאנאפאל פון די רייכערע קלאסען. די מעהרסטע לייט, וואס האבען פאר־

מאגט עפעס אביסעל געלד אדער א נחלה, האבען אויך געהאט זייערע קנעכט.

עס איז וויכטיג צו באמערקען, אז אין באבילאניען האבען שקלאפען בכלל, אפילו די, וועלכע זיינען לכתחילה געווען מלוכה־ארעסטאנטען, געהאט די געלעגענהייט צו שטייגען העכער דורך די פארשידענע מדרגות פון קנעכטשאפט און צו פארבעסערען זייער לאגע דורך פארקויף, מתנה און ירושה. זיי האבען אויך געקאנט ווערען פריי דורכ׳ן אויסקויפען זיך, אדער ווערען אויסגעלייזט פון אנדערע, אדער א דאנק דער גרויסמוטיגקייט פון זייערע הארען. זיי האבען אויך געקאנט אדאפטירט ווערען אין דער פאמיליע פון אן איינענטימער און ווערען סוף־כל־סוף די באלעבאטים פון גרויסע נחלאות. דורך דער געוועהנליכער פארם פון א געשעפט־קאנטראקט זיינען זיי באַרעכטיגט געווען, ווען זייערע הארען האבען זיי פארדונגען צו אנדערע, ניט בלויז צו קריגען אן אנטשעדיגונג פאר א קראנקהייט אדער א וואונד, נאר אויך צו קריגען באצאהלט פאר זייער ארבייט. אזוי אז עס איז געווען מעגליך פאר זיי אנצוזאמלען א קליינעם קאפיטאל און זיך איינצושאפען זייערע אייגענע שקלאפען. נאך מעהר, זיי האבען געקאנט זיך לערנען א מלאכה און ווערען געניטע בעלי־מלאכות.

אט פון די חילוקים צווישען אמאליגער און מאדערנער שקלאפעריי, קומט פאר אונז ארויס אזוי בולט דער פאקט, וואס איז אזוי וויכטיג פאר דער געשיכטע פון גלות בבל, נעמליך: אז די סאציאלע באדינגונגען זיינען געווען גינסטיג פאר די פארטריבענע אידען. עס מוז אויך באמערקט ווערען, אז בעת דער סיסטעם פון אונטעריאכונג, וואס האט געהערשט אין באבילאניען איז אין עיקר געווען עהנליך צו דעם סיסטעם, מיט וועלכען זיי זיינען געווען באקאנט אין פאלעסטינא, איז ער אבער גלייכצייטיג געווען בעסער רעגולירט דורך געזעץ און מנהג. דערצו איז די פאזיציע פון באפרייטע געווען זיכערער אונטער די פעסטערע געזעצליכע און געשעפטליכע באדינגונגען פון דער כאלדעאישער אימפעריע. מיר מעגען זאגען אלס אונטערסטע שורה, אז פאר די מעהרסטע פון די פארטריבענע אידען, אפילו פאר פיעל פון אזוינע וואס האבען געהאט אין דערהיים זייערע אייגענע קנעכט, איז שקלאפעריי געווען אין די ערשטע עטליכע יאהר בעסער ווי פרייהייט. דערצו קומט דער פאקט וואס אלס קנעכט זיינען זיי געווען פארזארגט אין קראנקהייט און אויף די עלטערע יאהרען — א זאך פון גרויס וויכטיגקייט פאר מענשען וואס האבען געמוזט אנהייבען פון דאס ניי דעם קאמף פאר׳ן לעבען אין א פרעמדען לאנד, ניט האבענדיג עטוואס, וואס זיי זאלען קאַנען אנרופען זייער אייגענס.

די הנחה, וואָס מיר האָבן אויבן אויפגעשטעלט, אַז די מערהסטע פאַרטריבענע אידען זיינען געווען קנעכט אין באַבילאָניען, גאַנץ גלייך צו זיינען געווען פריי אין זייער אייגענעם לאַנד אָדער ניט, קאָן זיך אויסדרוקטען ניט צו זיין אין איינקלאַנג מיט דעם איינדרוק וואָס מיר טראָגען אַרויס פון זייער לעבען אין יענעם לאַנד ווען מיר לייענען דעם ספר יחזקאל און די אזהרה וואָס ירמיה שיקט זיי, אַז זיי זאָלען זיך מאַכען היימען און נעמען אַן אַנטייל אין דעם לעבען און אין דער אַרבייט פון׳ם לאַנד (ירמיה כ״ט 4-7). אָבער אַזאַ פרייהייט פון באַוועגונג און האַנדלונג, וואָס איז דערצו נויטיג, איז געווען גאַנץ מעגליך פאַר באַבילאָנישע שקלאַפען; די איינציגע באַשרענקונג זייערע איז געווען, וואָס די אַרבייט פון זייערע הענט האָט געהערט צו אַנדערע און וואָס זיי האָבען ניט פאַרמאָגט קיין בירגערליכע רעכטען. אין דערזעלביגער צייט איז גאַנץ מעגליך, אַז אַסך פאַרמעגליכע לייט, וואָס האָבען ניט אונטערשטיצט די מרידה, דערצו נאָך די, וועמען מ׳האָט ערלויבט צו באַגלייטען זייערע אָוועקגעפיהרטע ברידער, האָבען באַקומען לאַנד זיך צו דערנעהרען און זיינען געוואָרען באַלעבאַטים פון הייזער און פון אייגענע פאַרמעגענס ביים סאַמע אָנהויב פון גלות. אָבער זייער צאָהל האָט ניט געקאָנט זיין גרויס אפילו אין דעם וויכטיגסטען אַגריקולטורעלען ישוב. פּאָליטישע טעמים אַליין האָבען געמוזט פאָדערען אַ באַגרעניצונג, און דערצו איז נאָך געווען דער ברייטער עקאָנאָמישער פאַקט, וואָס אין אַלע אָפּטיילונגען פון אינדוסטריע איז די מערהסטע אַרבייט געטאָן געוואָרען פון די שקלאַפען.

מיר קענען מאַכען דעם פאָלגענדען סדר־הכל: די אָוועקגעפיהרטע אידען קאָנען, פון שטאַנדפּונקט פון זייער שייכות צו דער מלוכה און צו דער געזעלשאַפט, איינגעטיילט ווערען אין פיער קלאַסען. צוערשט קומען די וואָס זיינען געווען פּאָליטישע געפאַנגענע, אַזעלכע ווי די קעניגליכע אַרעסטאַנטען און זייערע מקורבים צווישען די שרים און מיוחסים, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין דער מרידה. זיי זיינען פאַר׳משפּט געוואָרען צו געפענגעניש. דאָך איז דערמיט ניט געזאָגט, אַז זיי זיינען געבליבען אויף תמיד איינגעשפּאַרט. עס איז אויך ניט געזאָגט, אַז די אַרעסטירטע זיינען אין אַלע פאַלען געזעסען אין אַ טורמע. עקסטרעמע אכזריות אין אָריענטאַלישע געפענגענישען מאַכט גיך אַ סוף צו דעם לעבען פון אַן אַרעסטאַנט. מיר געפינען אָבער אַסך קעניגליכע קינדער און קינדער פון אָדעליגע פאַמיליען, וואָס האָבען אַריבערגעלעבט דעם גלות. אַלס צווייטע קומען די, וועלכע האָבען געהאַט זייערע אייגענע פאַרמעגענס, און אַזוי ווי מ׳האָט זיי

געשטעמפעלט פאר רעבעלען, האט מען זיי ערלויבט אדער דערמוטיגט זיך אנצושליסען אן די אוועקגעפיהרטע אידען. די דאזיגע אידען האט מען וואהרשיינליך ערלויבט צו קויפען נחלאות פאר זיך און צו ווערען די געסט פון לאנד אהן בירגערליכע רעכטען. דריטענס זיינען געווען די טעטיגע רעבעלען. זיי האט מען בלי ספק באשעפטיגט, לכל הפחות אין אנהויב, אלס מלוכה־ארבייטער ביי די שווערסטע ארבייטען אונטער דעם שטרענגסטען צוואנג. און ועל כולם קומט נאך די מאסע דעפארטירטע, וועלכע מ'האט ניט באזונדערס שטארק שטראפירט. זיי האט מען אנגעשטעלט צו ארבייטען אלס קנעכט אין פארשידענע פאכען פון ארבייט.

אז אגריקולטור האט פארנומען דעם ערשטען פלאץ, איז גענוג באוויזען דורך די געבליבענע מסחר־דאקומענטען, דאס איז אויך קלאר אילוסטרירט דורך די צופעליגע ראיות אויף די מאנומענטען, אין די סקולפטארישע אפמאלונגען פון באוואסערונגס־מאשינען און אויך אין די ליסטען פון יענע לאנד־פראדוקטען, וואס זיינען געבראכט געווארען אלס מתנה צו די טעמפלען און זיינען קלאסיפיצירט לויט די געצייג, וועלכע ווערען געברויכט ביים באארבייטען די ערד. יעדע חקירה־ודרישה אין דעם אינדוסטריעלען, קאמערציעלען און סאציאלען לעבען פון באבילאניען מוז זיך אנהייבען מיט א שטודיום פון איהר אגריקולטור און די פארבאדינגונגען דערצו לויט קלימאט, באדען און וואסער־פארזארגונג. נאך מעהר, די הויפט־קאלאניע פון די פארטריבענע אידען איז פארפלאנצט געווארען אין א געגענד, וואס האט געפאדערט דוקא די באשעפטיגונג און ניט קיין אנדערע. ווען מיר דערוויסען זיך אונטער וועלכע באדינגונגען זיי האבען געארבייט, גיט דאס אונז די מעגליכקייט ניט בלויז נאכצושפירען זייער אויסערליכען לעבען, נאר אויך צו פארשטעהן ווי אזוי זייער כאראקטער האט זיך פארמירט אין זייער נייער סביבה.

מיר מוזען זיך פארשטעלען א ברייטע, פלאכע געגענד, ועמעס שטח פון אויבען איז וואריאירט נאר דורך די בערגלעך פון שטעדט און דערפער, חרוב'ע אדער באוואוינטע, אדער וואו ניט וואו דורך פעסטונגען אדער מיליטערישע סטאנציעס, אדער דורך דעם לויף פון וואסער־שטראמען. די הויפט־קאלאניע פון די אידען איז געווען אין סאמען געאגראפישען הארץ פון באבילאניען; אבער דער אם געדיכטסטען באפעלקערטער שטח איז געווען אין מערב און צפון, וואו עס זיינען געלעגען בבל, איהרע פארשטעדט און נאך עלטערע שטעדט. ניפור, די גרויסע אלטע שטאדט נאהנט צו דער אידישער הויפט־קאלאניע, איז אמאל געווען די הויפט־היים פון די באבילאנישע

סעמיטען. די לעצטע אויסגראבונגען האבען אנטפלעקט איהר געשיכטע. ווי די איבעריגע פון די עלטסטע שטעדט אין דער געגענד פון אונטערסטען לויף פון פרת, און ווי די אלטע שטעדט בבל, איז איהר באדייטונג אפגע־האנגען פון דער אויבער־הערשאפט פון איהר טעמפעל. ניפור איז געווען דער ארט פון דעם עלטסטען קולט פון דעם גאט ב ל.

דעם גרעסטען שאדען האט ניפור געליטען דורך דער אויפבליהונג פון דער שטאדט בבל. דער גרויסער אמוראבי, וועמעס ציל איז געווען צו מאכען בבל פאר דעם צענטער פון א ברייטער מלוכה, האט פארבונדען דעם קולט פון איהר לאקאלען גאט מ אר ד ו ד (מרודך) מיט דעם מעהר פארשפרייטען קולט פון דעם עלטערען גאט ב ל. פון דעמאלט אן טראגט מארדוך דעם צוזאמענגעזעצטען נאמען „ב ע ל ־ מ א ר ד ו ד" (בל־מרודך). פאר דעם פרעסטיזש פון ניפור האט דאס געבראכט זעהר טרויעריגע רעזול־טאטען. לויט די לעצטע אויסגראבונגען אין די חורבות פון ניפור איז איהר טעמפעל אויסגערויבט געווארען און זיינע סטאטועז און טייערע חפצים זיינען בייזוויליג צעשטערט געווארען. אזוי האט זיך דאס געצויגען הונדער־טער יאהרען. די מלכים פון דער דינאסטיע פון די קאסיטען*), וועלכע האבען ניט געהאט קיין לאקאלע פאראורטיילען, האבען צוריק אויפגעשטעלט דעם אלטען גלאנץ פון דעם טעמפעל פון בל, און דורך דעם האט ווידער אויפגעבליהט די שטאדט און די געגענד ארום.

נבוכדראצר דער ערשטער (ארום 12טען יאהרהונדערט פאר דער קריסט־ליכער ערא), וועלכער האט ארונטערגעווארפען די פרעמדע דינאסטיע פון די קאסיטען, האט ווידער געמאכט א חורבן אין ניפור און האט אראפגע־ריסען דעם טעמפעל ביז'ן גרונט. ערשט ביים ענד פון דער אשורישער אויי־בערהערשאפט איז ער ווידער אויפגעשטעלט געווארען. אסר־חדון און זיין זוהן אשורבאניפאל האבען אונטערשטיצט ניפור. אבער אונטער דער נייער מלוכה איז זי ווידער צעשטערט געווארען פון נבוכדראצר דעם גרויסען אין זיין קנאות פאר דער דערהייבונג פון בל־מרודך אין דער הויפט־שטאדט בבל.

די צעשטערונג פון דעם טעמפעל און דער אונטערגאנג פון זיין קולט האט געבראכט גרויס שאדען צו דעם פרעסטיזש און די געשעפטען פון דער שטאדט. מיר האבען שוין אויבען באמערקט ווי ברייט עס איז געווען דער קרייז פון די עסקים, וואס א גרויסער באבילאנישער טעמפעל האט ארומ־

*) זעה אין באנד 1, ז. 81.

גענומען. צום טייל לאזט זיך דאס דערקלערען דערמיט וואס די רעליגיאן איז געווען דער צענטער פון באבילאנישען לעבען בכלל. פראקטיש האט דאס באדייט, אז די פריסטער און אנדערע דינער פון די הערשענדע קולטען האבען געוואונען עשירות פאר זיך און זייערע היילינגטימער דורך די קרבנות און נדרים, דורך דעם געצאהלט פאר'ן געבען אראקעלס און דורך די מתנות פון שרים און פירשטען. דאס האט אבער באדייט נאך מעהר; די פריסטער, כאטש געוועהנליך אהן בירגערליכע אמביציעס, זיינען דורך זייערע פאר־דינסטען און זייער טעטיגקייט געווארען בכלל א גרויסע מאכט אין לעבען פון דעם לאנד און דעם פאלק.

באזונדערש כאראקטעריסטיש פאר די באבילאנישע פריסטער איז געווען זייער קולטור און וויסענשאפט, אזוי אז זייער פרעסטיזש איז ניט געווען באגרינדעט בלויז אויף דעם נאאיווען גלויבען פון די אבערגלויבישע מאסען. זיי האבען פארמאגט די מאכט פון וויסען. זיי זיינען געווען די לעהרער און ערציהער פון פאלק, און זיי זיינען געווען גענוג ליבעראל צו לערנען אין זייערע שולען ניט בלויז די סודות פון זייער אייגענער ספעצי־עלער פראפעסיע, נאר אויך די גאנצע געלערזאמקייט פון דער צייט. דאס איז געווען דער סוד פון זייער ערפאלג ביים אונטערנעמען פארשידענע עסקים. זיי זיינען געווען ביכולת צו קריגען און אויפצוהאלטען גרויסע נחלאות, צו מאכען גרויסע הלואות, צו האבען אסך שקלאפען, צו באשעפ־טיגען אסך ארבייטער, צו קולטיווירען אסך לאנד, אויפצובויען פערמעס און בנינים און וואסער־וועגען, און אויפצוהאדעווען גרויסע סטאדעס שאף און רינדער. נאטירליך איז געווען פאר זייער טובה די פאפולערע השגה, אז דאס גאנצע לאנד איז דאס אייגענטום פון דעם גאט אדער פון די געטער, וועמעס דינער זיי זיינען געווען. דערפאר האבען זיי אדער זייערע טעמפלען גע־קראגען מעשר און נדבות, און דערפאר איז לאנד־אייגענטום אין זייער ראיאן לייכט אריינגעפאלען אין זייערע הענט. דער געדאנק, אז דער ערד־באדען איז א געטליך אייגענטום איז געווען א שותפות'ער גלויבען ביי די אלטע פעלקער; אבער אין ערגיץ זיינען די פריסטער ניט געווען אזוי קולטורעל אנטוויקעלט, אזוי קלוג, אזוי רייך, אזוי אונטערנעמעריש און אזוי דויערהאפט ווי אין באבילאניען.

אט דער איבערבליק וועט אונז העלפען פארשטעהן די באדינגונגען פון דער געגענד, וואו די הויפט־גרופע פון די פארטריבענע אידען האט זיך געפונען. מ'מוז באמערקען, אז פון איין זייט איז ניפור נאך די עלטסטע צייטען קיינמאל ניט געווען קיין גרויסער פאליטישער צענטער, און פון דער

אנדערער זייט ווייזען איהרע אויסגעגראבענע דאקומענטען, אז ווען זי איז ניט פארנאכלעסיגט און געשעדיגט געווארען דורך אן אומפריינדליכען קעניג האבען איהרע געשעפטליכע אינטערעסען שטארק געבליהט. די געגענד ארום האט אומפארמיידליך געמוזט האבען א חלק אין דער אויפבליהונג און אראפזינקונג פון ניפור. וואס קאנען מיר דערפון ארויסדרינגען בנוגע צו דער פראגע, וועלכע באשעפטיגט אונז דא? עס איז ניט מעהר ווי רעכט אנצונעמען, אז דער גרויסער נבוכדראצר, וועמעס פאליטיק איז געווען ניט לטובה פון ניפור און איהרע אינסטיטוציעס, אבער וועלכער האט געהאט נאהענט צו זיין הארץ די אינערליכע אנטוויקלונג פון זיין קעניגרייך, האט איבערגענומען יענע שטאדט אונטער זיין רשות, און אז די פארפלאנצונג פון דער אידישער קאלאניע אין יענער שכונה איז געווען אן אויפטו פון זיין אדמיניסטראציע פון דער געגענד. עס איז אויך ריכטיג אנצונעמען, אז יענע אידישע געמיינדע, ווי פיעל אנדערע, איז געשטאנען אונטער דער ספעציעלער השגחה פון מלוכה-באאמטע, צו וועמען די באאמטע פון די פראווינצען זיינען געווען פאראנטווארטליך פאר דער גוטער אויפפיהרונג און דער ווירקזאמקייט פון די קאלאניסטען.

די הויפט־באשעפטיגונגען פון די פארטריבענע אידען אין באבילאניען.

וואס איז שייך די דירעקטע סביבה און באשעפטיגונג פון דער אידישער הויפט־קאלאניע, מוז מען באמערקען פאלגענדעס: גאנץ באבילאניען איז אין א נארמאלען און נאטירליכען זין אומפראדוקטיוו; לויט די סעזאנען פון יאהר און לויט די ענדערונגען און דעם צושטאנד פון פרת איז איהר זאמדיג אדער זומפיג לאנד ענטוועדער פארפלייצט מיט וואסער אדער דורכגעבראטען פון טריקעניש. אפטמאל איז עס אם לייכטסטען און בעסטען צו פאהרען איבער א גרויסען טייל פון איהר אויבערפלאך מיט שיפלעך אדער פליטען, בעת אין אנדערע צייטען איז ניטא קיין וואסער אין פרת גופא אויף מיילען און מיילען, און זעהר ווינציג וואסער אין קיינעם פון זיינע צאהלרייכע נעבען־טייכען: דער קאנאל כבר איז געלעגען ביי אדער נאהענט צום מזרח־גרעניץ פון א נעץ פון וואסער־לויפען איינגעשלאסען צווישען די צוויי גרויסע שטראמען, דעם פרת און דעם שאט־ען־ניל. די ערשטע און די לעצטע זארג פון דעם טיפישען באבילאניער איז געווען צו

רעגולירען, אויפצוהאַלטען און אויסצונוצען דאָס וואַסער פון טייך. ער האָט זיין לעבען פאַרבראַכט אין מאַכען פרוכטבאַר וואָס מעהר באָדען, זוכען אַפּצוציהען דאָס איבעריגע וואַסער פון די קאַנאַלען און די רעזערוואָר־ארען און אריבערפיהרען אין געגענדען וואָס נויטיגען זיך אין דעם. אָט דאָס האָט געמאַכט דעם כאַראַקטער פון באַבילאָניען, אָבער נאָך מעהר — פון די באַבילאָניער. די שווערקייטען אין דעם פּרט זיינען דאָ געווען גרע־סער ווי אין עגיפּטען, און די ענערגיע, וואַכזאַמקייט און די קלוגע איינ־פאַלען וואָס מ'האָט דערצו באַדאַרפט, האָבען געמאַכט דאָס פאָלק פון פּרת גרעסער ווי דאָס פאָלק פון נילוס. נאַטירליך איז דערצו געווען נויטיג קאָ־לעקטיווע אָדער מלוכה־הילף.

די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען קיין באַבילאָניען אין דער בליה־ענדסטער און פּראָדוקטיווסטער צייט פון איהר גאַנצער לאַנגער געשיכטע. ס'איז געווען אין אַכטען יאָהר פון קעניג נבוכדראַצאַר ווען דער אידישער ישוב איז דאָרטען געגרינדעט געוואָרען. נבוכדראַצאַר איז דאַן געווען פריי פון זיינע פלענטערנישען אין מזרח און אין מערב, וועלכע האָבען איהם גע־האַלטען באַשעפטיגט אין אָנהויב פון זיין רעגירונג. מיט זיין גאַנצער ענער־גיע האָט ער זיך געקאָנט אָפּגעבען מיט דער אַנטוויקלונג און באַרייכערונג פון זיין אימפּעריע. ער האָט אונטערנומען פאַרשידענע גרעסערע און קלע־נערע עפענטליכע ארבייטען. די מלחמה־געפאַנגענע האָבען געמוזט ווערען אריינגעפּאַסט אין זיין פּלאַן. די אידען זיינען דעריבער אוועקגעזעצט גע־וואָרען אין דער געגענד פון כבר. דער נאָמען אליין פון זייער הויפּט־אָרט, טעל־אַבוב*), גיט אונז אַן אָנצוהערעניש וועגען דער ארבייט, וואָס זיי האָ־בען געזאָלט טאָן. עס באַדייט „דאָס וויסטע בערגיל פון דער פאַרפליי־צונג." עס איז פיליכט געווען א „פאַרוויסטונג פון דור־דורות"**). ווי

*) יחזקאל א 1, ג 15, ווערט געוועהנליך געשריבען, לויט א קליינעם גריוז אין דעם העברעאישען טעקסט, „תל־אָביב", און ווערט דערקלערט אלס „דאָס בערגיל פון די גרינע זאַנגען". דאָס וואָרט אָבער קומט זעהר אָפט פאָר אין דער אשורישער ליטעראַטור, פונקט ווי די דערשיינונג, וועלכע עס שטעלט פאָר, איז געווען א גע־וועהנליכע זאַך. די באַבילאָניער האָבען זיכער ניט גערעדט קיין העברעאיש.

**) דאָס אויפבויען פון וויסטע פלעצער, וועלכע זיינען צוגעטיילט געוואָרען צו די אידען אין באַבילאָניען, האָט קאָן זיין דעם נביא פון גלות געגעבען דעם אנשטויס זיך צו באַציהען אָפט אויף אַזאַ'ן ארבייט; פאַרגלייך, למשל, ישעיה מ"ט 19; נ"ח 12; ס"א 4. באַמערק אויך זיינע אָנדייטונגען אויף דער צעשטע־רענדער פאַרפלייצונג (נ"ט 19), אויף דעם פולען שטראָם מיט זיינע באַפרוכטענדע

צוגעפאסט איז געווען דער גורל פון די אידען אין גלות. וועמעס לעבענס־ארבייט איז באשטאנען אין אויפבויען א פארוויסטען ישוב, בעת זייער אייגענע היים גופא איז געלעגען אין חורבות.

עס איז נאך דא אן אנדער ראיה, אז די אידען האבען פארנומען א פוסטען דיסטריקט. אויב דאס שטיק לאנד וואלט געווען קולטיווירט פון פריהער, וואלט עס דאך געהאט א באפעלקערונג, וועלכע מ׳וואלט געווים ניט ארויסגעטריבען צוליב די פרעמדע אנגעקומענע. דערצו, אויב מאנכע פון די אוועקגעפיהרטע אידען זיינען געווען פארמעגליכע, זיינען דאן די אייגיציגע פרייע נחלאות, וואס זיי האבען זיך געקאנט איינשאפען, געווען די וויסטע שטיקער לאנד, פונקט ווי אין דער היינטיגער צייט, ווען מ׳האט געגעבען לאנד אויף לייכטע באדינגונגען אין די פאראייניגטע שטאאטען און אין קאנאדא. די גאנצע סיטואציע פאסט זיך אויף אזא אופן זעהר גוט אריין אין נבוכדראצר׳ס פאליטיק. אלע עקאנאמישע און פאליטישע חשבונות האבען איהם געמוזט באוועגען צו באשעפטיגען די איינגעוואנדערטע אויף אזא וועג, אז זיי זאלען זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנען צום לעבען פון דעם לאנד, ניט שטערענדיג קיין אנדערע.

בקיצור קאנען מיר זאגען, אז די הויפט־געמיינדע פון די פארטריבענע אידען איז באזעצט געווארען אלס א קרוין־קאלאניע אין צענטער פון באַבילאניען, אין א פארלאזענער געגענד, נאהנט צו א בערגיל פון א באקאנטער חורבה, ביים ברעג פון א באדייטענדען קאנאל ניט ווייט פון דער באריהמטער אלטער שטאדט ניפור. נאטירליך איז עס געווען אינערהאלב פון איהר איינפלוס־קרייז, אבער דאך ניט אונטער איהר יורידיקציע; די וויכטיגסטע באדינגונג פאר דער פראספעריטעט פון דער קאלאניע איז געווען צו זארגען פאר א גוטען וואסער־רעזערוו.

ווען די קאלאניע איז איינקווארטירט געווארען אין דער דאזיגער געגענד, האבען זיי די ערשטע זאך אנגעהויבען צו בויען וואוינונגען. קיין ציגעל האבען זיי ניט באדארפט מאכען. די הויפט־מאטעריאלען האבען זיי באקומען פון בערגלעך פון וויסטע שטעדט אין דער שכונה; אדער מ׳האט געבראכט אסך ציגעל, געטריקענטע אויף דער זון, פון דער נעהנטסטער ציגעל־פאבריק. די מעהרסטע פון זיי אבער האבען זיך געמוזט באגנוגענען מיט פשוט׳ע הייזלאך פון ראהרען מיט זומפ־גראזען, באלעגט מיט ערד־פעד.

וואסערן (מ״ח 18; ס״ו 12) און אויף דעם „וואסער־זאטען גארטען״ אין פארבינדונג מיט׳ן אויפבויען אלטע חורבות (נ״ח 11, 12).

מאכענדיג אט אזוי ערטער צו וואוינען, האט זיך דערווייל שוין אנגעהויבען זייער הויפט־ארבייט. מ'האט געמאכט דאמבעס צו פארהיטען א מעגליכע פארפלייצונג. אלטע וואסער־לויפען, וועלכע זיינען געווען פארלעגט, זיינען אויסגערייניגט געווארען און מאנכע נייע זיינען אנגעהויבען געווארען. דעם ערד־באדען האט מען אויך געמוזט צורעכטמאכען אין אסך ערטער, באזונדערס אין די זומפיגע שטעלען, וואו מ'האט געמוזט פטור ווערען פון די ווערבעס און די דיקע גראז דורכ'ן פארברענען זיי. פלענער זיינען אויך געווען אין וועג ווי אויפצוהייבען דאס וואכער און עס צו ברייננגען צו די פעלדער איידער עס האט זיך אנגעהויבען דער ערשטער סעזאן פון וואקסען.

דאס איז אומגעפעהר געווען די ערשטע באשעפטיגונג פון אט דער באדייטענדער אפטיילונג פון די פארטריבענע אידען. מיר טארען זיך אבער ניט פארשטעלען, אז דאס איז געווען אין א גרויסער מאס אומאפהענגיגע ארבייט. די ווענינע, וועלכע האבען באקומען נחלאות פאר זיך אליין, האבען געדונגען אדער געקויפט היימישע ארבייטער. די מעהרסטע האבען זיך געפונען אונטער באבילאנישע אויפזעהער. זיך אויסשפרייטענדיג ווייטער האבען זיי געזוכט אויסצושניידען נייע וואסער־רעהרען און נייע שטיקער פון פרוכטבאר געמאכטען לאנד, וואס זיינען פריהער געווען זאמדיג אדער זומפיג; דא און דארטען זיינען געווען גרעסערע טייכען פאר שטעדט און דערפער מיט קלענערע גראבענס, וואס האבען זיך ארויסגעשניטען פון די באוואסערונג־צענטערס, אפציהענדיג דאס וואסער צו די באזונדערע נחלאות אדער צו תבואה־פעלדער, אדער צו וועלדלעך פון טייטעלבוימער. מיט דעם וואוקס פון די באדערפענישען און פון די מיטלען איז געקומען דער געברויך פון פארשידענע מעכאנישע הילפסמיטלען ווי אויפצוהאלטען, צו פארטיילען און צו רעגולירען די וואסערען, ווי: שלוזען, טויערן און אפשליסונגען פון די קאנאלען און נאך אנדערע ערפינדונגען אויפצוהייבען וואסער אין א קליינעם כמות און עס צו ברייננען אין נויטיגע פלעצער.

אט אזוי איז געגאנגען, אונטער דער וואקסענדער געניטקייט פון די ארבייטער, די באלעבונג פון דער געגענד, פאר וועלכער זיי זיינען געווען אזוי פיעל פאראנטווארטליך. שטרעקעס לאנד רייך אין פלאנצען זיינען יעהרליך צוגעקומען צו דעם פראדוקטיווען באדען — ווייץ און זעזאם, וואס זיינען היימיש אין דעם לאנד, און א מאסע ירקות, באזונדערס מעלאנען און אוגערקעס, רעטיכער און ציבעלעס, אין וועלכע דאס לאנד איז אזוי רייך. פאלמען־בוימער זיינען געווען אין מאסען, ניט ווי דער אפגעזונדערטער וואלד פון יריחו, נאר אין לאנגע און פרעכטיגע שורות, וואו נאר די

פריינדליכע פייכקייט האט זיי געגעבען א געלעגענהייט צו וואקסען. און ניט צום ווענינסטען וויכטיג זיינען געווען די שטרעקעס פאשע. דא האבען זיך געהאדעוועט די שאף און די רינדער, וועלכע האבען איצט גערינט בלויז פאר שפייז און רייכקייט, אבער ניט מעהר פאר קרבנות.

אט אזוי האט זיך דער מדבר געפרעהט און ער האט געבליהט „ווי א בלום" (ישעיה ל"ה 1), און די פארטריבענע אידען, נאך האלב אין קנעכטשאפט, האבען באנייט זייער לעבען און זייער גליק. זיי האבען זיך איצט געפונען אין א געבענטשטען לאנד. צו צפון און דרום, און באזונדערס צו מערב, האט מען געקוקט אויף פעלדער און לאנקעס מיט דער רייכסטער באקליידונג, און צווישען זיי דא און דארטען די שימערירענדע וואסערען. נאר צו מזרח איז געווען דער ארויסקוק אויף ווייטע אומקולטיווערטע סטעפעס. דאס איז געווען אן אנטרייב און אויך אן אנטווישונג. אין יענער אויסגעשפרייטער וויסטעניש איז געווען די האפענונג אויף א גרעסערער עראבערונג פון דער נאטור. זי האט זיי אבער אויך געגעבען אן אנצוהערעניש אויף פיינד. דאך ניט אלעמאל איז געווען א צייט פון וואוקס און פרוכטבארקייט. פארפלייצונגען און שטורעמס און טריקענישען זיינען אפטמאל געקומען און געבראכט פארוויסטונג. אין די לאנגע חדשים פון טריקעניש האבען די בהמות געליטען אם מעהרסטען. אויב זיי זיינען ניט אוועקגעטריבען געווארען פון די אויסגעטריקענטע זומפען און לאנקעס צו אנדערע פאשע נאהנט אדער ווייט, האבען זיי געמוזט אומקומען. עס האבען אויך ניט אויסגעפעהלט קיין שטערונגען אפילו אין די בעסטע צייטען. די זשעדנעקייט אדער נאכלעסיגקייט פון שכנים אדער קאנקורענטען פון ארויף די שטראמען האט געקאנט אוועקנעמען דאס וואסער פון א גאנצען ישוב; און עס איז ניט געווען אוממעגליך, אז מ'זאל אויפבויען דאמבעס איבער נאכט, וואס זאלען אויסטריקענען די וואסער־רעהרען אונטען אויף מיילען לאנג. אלעמאל און מעהר פון אלץ זיינען אין אט דעם רייכען און קאפריזנעם לאנד נויטיג געווען וואכזאמקייט און פלינקייט, ניט אזוי פיעל מצד פון די יחידים ווי מצד פון דער גאנצער געמיינדע. מענשען האבען זיך דא געמוזט פאראייניגען צו שותפות'ער האנדלונג און געגענזייטיגער הילף.

דאס אומגעפעהר איז געווען די הויפט באשעפטיגונג פון די פארטריבענע אידען, אזוי ווייט ווי זי האט געהאט איהר שורש אין די „טייכען פון בבל," די וואסער־לויפען, וואס זיי האבען געפונען אדער געמאכט. אבער דער באבילאנישער קאנאל איז געווען עטוואס מעהר ווי א געבער פון פרוכטבארקייט. ער איז אויך געווען א שיפבארער שטראם, א וועג אויף

וועלכען מ'האט געריייזט און געפיהרט מסחר. אזא טייך איז געווען דער כ ב ר, איבער וועמעס וואסער־פלאך שיפלעך און באלאדענע לאדקעס האָבען זיך באוועגט צו און פון אַת פּארביי ט ע ל ־ א ב ו ב. אין אַ געווי־סער מאס האט דאס אין טאמע אָנהויב געקאנט געבען באשעפטיגונג צו די פּארטריבענע אידען. יעדענפאלס האבען זיי גענומען אן אנטייל אין דעם שפּעטער, ווען די געגענד איז געווארען מעהר אנטוויקעלט, און האבען ביי־געטראגען זייער חלק צו די פיעל הענט, וועלכע האבען זיך געפאדערט צו באוועגען די שיפלעך.

עס איז דאָ פּלאץ פאר א השערה מכח דעם שיקזאל פון די שניצער און די בעלי־מלאכות בכלל, וואס זיינען אוועקגעפיהרט געווארען מיט דעם ער־שטען גלות (מלכים ב, כ"ד 16). אזוי ווי די הויפּט־פאדערונג איז געווען אויף אגריקולטורעלע ארבייטער, איז עס דערפאר זעהר וואהרשיינליך, אז אסך פון יענע האנט־ווערקער האט מען געברויכט ביי די קאנאלען. פאר די איבעריגע האט מען געפונען פלעצער אין פארשידענע פאבריקען, באַ־זונדערס אין דער הויפּט־שטאָדט בבל. זיי זיינען נאטירליך געהאלטען גע־ווארען אין קנעכטשאפט, הגם ס'איז ניט געזאגט, אז אויף שטענדיג*). אין א צייט ארום האט מען נאר לויט דעם נאמען זיי געקאנט אונטערשיידען פון באבילאנישע האנטווערקער. דער הויפּט־חסרון וואס זיי האבען געהאט אלס אידען האט געקאנט זיין דאס וואס זיי האבען ניט געקאנט זיך פיעל מישען מיט זייערע ברידער אדער נעמען אן אקטיוועז אנטייל אין די ענינים פון דעם „שארית ישראל." אדער צופיעל געוויכט לעגען אויף אט די חסרונות דארפען מיר ניט. נאך אלעמען איז דער הויפּט־פאקטאר אין דעם פאל געווען טרייהייט צום פאלק; און די ווייטערדיגע געשעהענישען ווייזען אונז, אז אסך פון אלע קלאסען פון די גלות־אידען האבען סוף־כל־סוף גענומען אן אנטייל אין דער ווידעראויפבויאונג פון ישראל.

די גלות־אידען אלס געמיינדע.

אין וואס פאר א באציהונג צו דער צענטראלער רעגירונג די אידישע ישובים זיינען געשטאנען, ווייסען מיר ניט אויף באשטימט. מיר קאנען בלויז ארויסדרינגען פון אלגעמיינע אנדייטונגען אין דער ביבעל, אז אין דער

*) בעלי־מלאכות זיינען געוועהנליך געווען שקלאפען אין אלע לענדער פון אלטערטום, וואו ס'איז אנגעגאנגען פאבריקאציע. אפילו די הויפּט־מייסטערס האָ־

פארוואלטונג פון זייערע עסקים אלס א פאלק האט זיך די רעגירונג ניט גע־מישט. דעם קעניג׳ס באאמטע, וועלכע האבען געפיהרט דעם מארש צו די ברעגעס פון דעם כבר, האבען דארטען איבערגעגעבען די פארטריבענע אי־דען צו אנדערע באאמטע, וועלכע האבען איינגעשטעלט אַן אָרדנונג אין דער דאזיגער הויפט־אפטיילונג. פון דאן אן און ווייטער האבען קעניגליכע באַ־אמטע געהאט אן אלגעמיינע השגחה איבער דעם אידישען ישוב, האבען פון צייט צו צייט געמאכט אן אונטערזוכונג און געשיקט א רעפּאָרט צו דער רעגירונג אין בבל. זיי האבען אויך איינגעמאנט רעגעלמעסיג די שטייערן פון די לאנד־אייגענטימער און די ארענדאטארס אין דעם דיסטריקט. אזוי ווי די קאלאניע איז געווען א פראדוקט פון נבוכדראצר׳ס פאליטיק, מעגען מיר דערפאר אננעמען, אז ער האט זיך געלאזט אינפארמירען וועגען איהר צושטאנד.

בנוגע צו דער אינערליכער ארגאניזאציע פון די אידען אין באבילאַ־ניען, מוזען מיר זיך באשרענקען אויף די גרויסע ישובים, וואו עס איז גע־ווען א מעגליכקייט פון זעלבסט־פארוואלטונג. און די ערשטע זאך וואס ווארפט זיך אונז אין די אויגען איז דער פאקט, אז אין א געוויסען וועג איז די אחדות צווישען די איבערגעבליבענע פון ישראל אויפגעהאלטען געווארען פון סאמע אנהויב אן. ווען עס איז נויטיג געווען א קאנפערענץ, האבען די פארשידענע אפטיילונגען זיך צונויפגערעדט, אלעמאל נאטירליך מיט דער ערלויבעניש פון די רעגירונגס־באאמטע, וועלכע זיינען געווען אומטאלעראנט נאר געגען העצען צו מרידות, און מיט דער צושטימונג פון די, ביי וועמען זיי האבען געארבייט.

וואס איז בכן געווען די אינערליכע ארגאניזאציע פון דער קאלאניע אדער די קאלאניעס? אויף א גליקליכען אופן קאנען מיר געבען דערויף לכל הפחות אן אלגעמיינעם ענטפער. ווען מיר שטודירען די אנטוויקלונג פון דער אידישער געזעלשאפט, זעהען מיר דאן ווי פשוט און עלאסטיש איהר פונדאמענטאלער געבוי איז געווען. די געמיינדע, וועלכע האט ביז איצט זיך אויפגעהאלטען אלס נאציאן אין פאלעסטינא, איז איצט רעדוצירט גע־ווארען צו איהרע ערשטע עלעמענטען; און געקומען איז דאס דירעקט ניט דורכ׳ן גלות, נאר דורך דער אפשאפונג פון קעניגטום. מיר מוזען באזייטי־

בען געמאנט זיין שקלאפען. מיר זיינען באקאנט מיט דער באשעפטיגונג פון שקלא־פען אין אמט ען אלס וואפען־שמידען און פאלסטערער. נאטירליך זיינען בלויז די הארען געווען מיטגלידער פון די צעכען.

גען די צוויי לעצטע אנטוויקלונגס־שטופעס. מיר מוזען זיך פארשטעלען די אידען אין באבילאניען: ערשטענס אהן א מלך און שרים, און צווייטענס אהן די אדמיניסטראטיווע איינטיילונגען אין פראווינצען מיט זייערע גובערנאטארען אדער פירשטען*). די אפשאפונג פון דער שטאדטישער רעגירונג איז ניט אזוי וויכטיג ווי עס קאן זיך דוכטען, מחמת די שטעדט זיינען באמת פארוואלטעט געווארען אויף דיזעלביגע יסודות ווי די אמאליגע שבטים־געמיינדען, דאס הייסט פון די זקנים**). און דאס זיינען דיזעלביגע באאמטע, וועמען מיר געפינען אין די דאקומענטען פון דער גלות־צייט.

מיר מוזען אננעמען פאר זיכער, אז אין דער ערשטער צייט האט אין דער קאלאניע געהערשט א גרויסע סאציאלע צעמישונג. מ'האט פון דאס ניי אויפגעשטעלט א געמיינדע, מ'האט פארמירט א נייעם און מערקווירדיגען סאציאלען ארגאניזם. מ'דארף אבער ניט שטארק מגזם זיין די שווערקייטען צו מיינען, אז די ענדערונגען האבען ממש באדייט א סאציאלע איבערקערעניש. אין דעם גרויסען ערשטען גלות זיינען אסך פאמיליען, פיליכט די מעהרסטע, געבליבען גאנץ — ניט אזוי פיעל אין אינטערעס פון די מענשען, וועמען דאס האט באריהרט, ווי אין אינטערעס פון דעם לאנד וואס האט געזאלט קולטיווירט ווערען. אויך די זקנים האבען הפנים פארנומען זייערע שטעלען ווי אין די אלטע צייטען, מאנכע נאך פון די פאלעסטינא־טעג, און אנדערע ניי אויסגעקליבענע. מיר געפינען דעריבער אין יאהר 591 ווי זקנים טרעטען אויף אלס די פארשטעהער פון פאלק (יחזקאל ח 1; י"ד 1; כ 1). די געמיינדע האט באמת געהאט אזוי פיעל אויטאנאמיע, און אזוי גרויס איז געווען די השפעה פון די פארשטעהער פון פאלק, אז אין דער ערשטער צייט פון דער קאלאניע טרעפען מיר ווי מאנכע פון זיי פלאנעווען א מרידה און האבען די מעגליכקייט דאס צו טרייבען ביז צו א געפעהרליכען פונקט***).

אין כלל גענומען האט די אידישע געזעלשאפט זיך געהאלטען אין גלות שטארק צוזאמען. די טרייהייט, מיט וועלכער מ'האט געהאלטען די יחוס־בריף פון די פאמיליען, איז גלייכצייטיג אן אורזאך און א רעזולטאט פון דער געזעלשאפטליכער צוזאמענהאלטונג. ס'איז קיין ספק ניט, אז עס

*) זעה אין באנד 2, ז. 235.
**) פארגלייך אין באנד 1, ז. 295 און אין באנד 2, ז. 290.
***) ירמיה כ"ט 21, 22. זעה אויבען ז. 176.

זיינען געווען פיהרער, וועלכע האבען געהאט א שטארקע מאראלישע השפעה, און פילייכט א דירעקטע השגחה, ניט בלויז אויף זייערע אייגענע געמיינדען, נאָר אויף די אידען פון גלות בכלל. נאטירליך האבען יענע פיהרער פארנומען אן אנערקענטע געזעלשאפטליכע פאזיציע און זיינען ניט געווען בלויז גרויסע נביאים אָדער כהנים ווי יחזקאל. א באווייז פאר דער אַנהאלטענדער איבערגעבענקייט צום פאלק איז די פיגור פון קעניג אָדער „פירשט"*) אלס הויפט פון דער נאציאן, וועמען די אידען האבען געהאלטען אין געדאנק אין גלות, ביז דער געדאנק איז אין א געוויסער מאס פארווירקליכט געוואָרען נאָך נבוכדראצר'ס טויט. אין יאָהר 561, ווען יהויכין איז אָפיציעל אנערקענט געוואָרען פון הויף אין בבל (מלכים ב, כ"ה 27-30), און נאָך שפּעטער, אין אָנהויב פון דער פערסישער תקופה, אין דער פּערזאָן פון ששבצר און זרובבל (עזרא א).

4.

ליטעראַטור אין דער תקופה פון גלות בבל.

דער גלות-בבל איז געווען פילייכט די פּעריאָדע פון דער גרעסטער ליטעראַרישער טעטיגקייט אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק. די דאָזיגע אינטעלעקטועלע באַוועגונג איז געווען א פועל-יוצא טיילווייז פון אן אינערליכער אנטוויקלונג פון אידישען לעבען, טיילווייז פון דער ווירקונג פון דער סביבה.

די אויסערליכע אומשטענדען זיינען געווען באַזונדערס גינסטיג פאר געשריבענע ווערק. מענער פון דעם קלאַס פון די כהנים, וועלכע האבען ארויסגעוויזען אַזויפיעל ליטעראַרישע טעטיגקייט אין דער פריהערדיגער תקופה, זיינען איצט געווען אָהן אַן אָפיציעלער באַשעפטיגונג. דער אינטערעס פון די כהנים צו לערנען און אויפצוהייבען גייסטיג זייער פאלק איז

*) פאר דער פּעריאָדע פון גלות גופא באַטראַכט יחזקאל מ"ה און מ"ו, און אויך אין ז 27 און י"ב 10. די צוויי לעצטע שטעלען זיינען אינטערעסאַנט, ווייל זיי ווייזען אונז ווי יחזקאל'ס שפּראַך איז באאיינפלוסט געוואָרען פון זיין סביבה. דאָס אשורישע וואָרט פאַר „קעניג" (שאררו) איז אין העברעאיש „פירשט", און דאָס וואָרט פאר „פירשט" (מאלקו) איז אין העברעאיש „קעניג". פארגלייך דעם שפּיל אויף די ווערטער אין ישעיה י 8.

אבער געווען אזוי שטארק ווי פריהער, און זייער גאנצע ענערגיע האט דעריבער געמוזט איצט אנגעווענדט ווערען אויף דער פעז. דאס לעבען צעשפרייט אין פארשידענע לענדער האט געמאכט די שריפט פאר דעם איינציגען מיטעל צו קאנען האבען א פארקעהר מיט אלע טיילען פון פאלק. דאס האט בלי ספק אסך געהאלפען צו אנטוויקלען די ליטערארישע קונסט. עס איז מעגליך, אז די שטארקסטע השפעה פון דרויסען איז געקומען פון דעם פאלק און די אינסטיטוציעס פון באבילאניען. די פארשפרייטונג פון טעכנישער בילדונג דורך די באשעפטיגונגען פון באבילאנישען לעבען איז שוין פאר זיך אליין געווען אן אלגעמיינע צוגרייטונג דערצו. א ספעציעלער אנטרייב איז געווען די געוואוינהייט צו שרייבען, וואס איז געווען אן אלגעמיינע זאך ביי די באבילאניער און וואס האט געמוזט ווערען אלגעמיין אויך ביי די אידען, ווען זיי זיינען אנגעשטעלט געווארען אין פארשידענע באבילאנישע באשעפטיגונגען. אין באבילאניען איז יעדער וויכטיגער עסק פון מסחר אפגעשלאסען געווארען דורך א געשריבענעם קאנטראקט. הערשער האבען פארקעהרט מיט זייערע אונטערטאנען דורך דער פארמיטלונג פון עפענטליכע אויפשריפטען. א גרויסער קלאס פון שרייבער האט אפגעגעבען די גאנצע צייט צו שרייבען קאמפאזיציעס און צו קאפירען עפענטליכע און פריוואטע דאקומענטען. מ'מוז נאך צולעגען דערצו די ווירקונג וואס די ליטערארישע אטמאספערע פון באבילאניען האט געהאט אויף אזא פעהיג פאלק ווי דאס אידישע. די באבילאנישע קעניגליכע ביבליאטעקען האבען שוין געהאט א ליטעראטור פון איבער דריי טויזענד יאהר, וואס איז באשטאנען פון קעניגליכע דעקרעטען, נאציאנאלע כראניקעס, הימנען, מיטאלאגישע מעשיות, עפישע דערצעהלונגען, כישוף־שפרוכען און געזעצען.

די אידישע ליטעראטור פון גלות־בבל איז געשטאנען דירעקט און אומדירעקט אונטער דער באבילאנישער השפעה. די סימנים דערפון זיינען: די סיסטעמאטישערע פארם פון קאמפאזיציע, די אנווענדונג פון באבילאנישע בילדער און פארשטעלונגען, דאס באציהען זיך אויף באבילאנישער סצענערי און באבילאנישע נאציאנאלע מנהגים, דאס באנוצען זיך מיט כאראקטעריסטישע באבילאנישע פראזען, און דער גרעסערער, ווייטערער בליק אויף דער וועלט און אויף דער היסטאריע.

באזונדערס מוזען דא באטאנט ווערען צוויי וועגען, אין וועלכע עס זעהט זיך די ווירקונג פון גלות אויף דער אידישער ליטעראטור און הויפטזעכליך דורך א באבילאנישער השפעה. ערשטענס האט די העבראישע קאמפאזיציע באקומען קלארקייט און רעגעלמעסיגקייט פון פארם. קיין

ליטעראַרישער פּראָדוקט פון א פריהעריגער צייט, מיט דער אויסנאַם פון עמוס׳עס נבואות, צייכענט זיך ניט אויס מיט סימעטריע פון געבוי. די ווערק פון הושע, מיכה, ישעיה, צפניה, נחום, חבקוק און, אין א גרויסער מאָס, ירמיה האָבען זיך ביי אונז דערהאַלטען אָהן א פאָרם און אָהן אָרדנונג. די איינצעלנע רעדעס זיינען אָפט מוסטערס פון דער בעסטער רעטאָריק. אָבער עס איז ניטאָ די האַרמאָנישע פאַראייניגונג און די צונויפ־פאַסונג פון די פאַרשידענע טיילען, וועלכע צייכענען אויס א באַדייטענד קונסט־ווערק.

דער חילוק אין סטיל און מעטאָדע צווישען דער ליטעראַטור פון פאַר דעם גלות און נאָך׳ן גלות פיהלט זיך גלייך ווען מיר באַמערקען דעם פּלאַן און סיסטעם פון יחזקאל; אָדער, אביסעל שפּעטער, ווען מיר דערזעהען פאַר אונז די מאַיעסטעטישע איינהייט און דעם טריאומפירענדען פּראָגרעס אין דער קאָמפּאָזיציע פון דעם צווייטען טייל ישעיה; אָדער, נאָך שפּעטער, ווען מיר פאָלגען נאָך דער מאָראַלישער ארגומענטאציע און דעם אינערליכען כוח צו איבערצייגען פון דעם בוך איוב. די עלטערע שריפטשטעלער אָדער רעדנער זיינען ניט געווען איינגעוואוינט אויסצושטעלען קינסטלעריש זייערע ווערק*). זיי האָבען אָפטמאָל צוזאַמענגעשריבען זייערע אייגענע איינצעלנע רעדעס, צונויפפּרעסענדיג אסך געדאַנקען אין ווייניג ווערטער, אזוי ווי ברוך בן־נריה האָט אויפגעשריבען וואָס ירמיה האָט געזאָגט; אָבער ארויסצוגעבען זייערע ווערק פולשטענדיג איז געבליבען פאַר אַנדערע און שפּעטערע. דאָס וואָס דאָס בוך עמוס אין אַן אויסנאַם ווייזט, אז ענטוועדער ער איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך אָריגינעלער קינסטלער, אָדער אז דער מאַטעריאַל פון בוך איז איבערגעשטעלט געוואָרען נאָכ׳ן גלות.

א צווייטע ליטעראַרישע ווירקונג פון גלות איז באַשטאַנען דערין וואָס מ׳האָט איצט מעהר געברויכט קינסטליכע, אָדער גיכער אומדירעקטע אופנים פון שילדערונג און באַלעהרונג, באַזונדערס — סימבאָלען און אַלעגאָריען. עס איז גענוג צו דערמאָנען די סימבאָלען אין יחזקאל און אין זכריה, און די גרעסטע פּערזאָניפיצירונג אין אלע ליטעראַטורען: דעם קנעכט פון יהוה,

*) לענגערע קאָמפּאָזיציעס מיט א היסטאָרישען ראַהם, ווי דער יהוי׳סט און דער אלהי׳סט, האָבען נאַטירליך געמוזט האָבען א פּלאַן, אָבער דאָס געהערט קוים צו ליטעראַרישער קונסט. דער אורשפּרינגליכער ספר דברים ווייזט געוויס קיין באַ־שטימטען פּראָגרעס ניט אין דער אויסשטעלונג פון די געגענשטאַנדען. אלס היפוך צו זיין געבוי פארגלייך די סיסטעם פון דער פּריסטער־שריפט אין חומש און אין יהושע. זעה אין באַנד 2, ז. 242—245.

ביים צווייטען ישעיה (נ"ב 13—נ"ג 12). אחוץ דער השפעה פון דער סביבה, איז זעהר וואהרשיינליך, אז דער גלות גופא, נאַציאָנאַל און פּערזענליך, האָט מיטגעווירקט אין א געוויסער מאָס אין דער דאָזיגער פאָרם פון קאָמפּאָזיציע. פריעדריך שלעגעל האָט אויסגעדריקט די מיינונג*), אז צוליב דעם פאַרבאָט צו מאַכען געמאָלענע אדער געשניצטע בילדער פון גאָט האָט מען זיך באַנוצט מיט סימבאָלען און פּערזאָניפיצירונגען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. „ווייל דער כוח־הדמיון איז אויף איין זייט געווען באַשרענקט, האָט ער דעריבער געזוכט א מעהר פרייען אויסוועג אויף דער אנדערער זייט." מיר מעגען געהן נאָך ווייטער און זאָגען, אז דיזעלביגע נייגונג איז שטאַרקער געוואָרען דורך דעם וואָס די שריפטשטעלער פון גלות האָבען ניט געהאַט קיין שום אויסערליכע סימנים פון דעם גלויבען און פון דער היסטאָריע פון זייער פאָלק. ווי פאַרשידען זיינען געווען יחזקאל'ס זעהונגען אין באַבילאָניען פון ישעיה'ס איינציגער זעהונג אין ירושלים! (קאַפּ. ו).

אָבער נאָך מעהר ווי די אויסערליכע אומשטענדען האָט די אינערליכע אנטוויקלונג פון אידישען לעבען געטריבען צו ליטעראַרישער טעטיגקייט. נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער מלוכה איז דאָס אידישע לעבען אין גלות געווען ארום א האַלבען יאָהר־הונדערט אָרים אין געשעהענישען. די אידען האָבען געלעבט ניט מיט דער געגענוואַרט, נאָר מיט די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער האָפנונג אויף דער צוקונפט. עס איז דעריבער שטאַרק געווען דער פאַרלאַנג צונויפצוזאַמלען און צוזאַמענצושטעלען די היסטאָרישע דאָקומענטען פון דער פאַרגאַנגענהייט און אויך די צעוואָרפענע פראַגמענטען פון איהר ליטעראַטור. די געשיכטע פון די מלכים, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן**), איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען ניט לאַנג פאַר'ן חורבן פון ירושלים, אין דער צייט פון יהויקים אדער יכניה. די דאָזיגע צוזאַמענשטעלונג איז געמאַכט געוואָרען אין דעם גייסט פון ספר דברים. עס הייסט: דער הויפּט־געדאַנק פון דעם פאַרפאַסער איז געווען, אז פון שלמה'ן אָן, זינט דער בית־המקדש איז אויפגעבויט געוואָרען, האָבען די אידען געזינדיגט ווען זיי האָבען געדינט גאָט אנדערשוואו אחוץ אין בית־המקדש אין ירושלים. דעם איינציגען אָרט וואָס יהוה האָט אויסגעקליבען

---

*) אין זיין „געשיכטע דער אלטען אונד נייען ליטעראַטור", קאַפּ. 9. ער באַמערקט אויך, אז אין ענגליכער פאַרבאָט האָט ארויסגעבראַכט דיזעלביגע ווירקונג ביי די מאַהאָמעדאַנער.

**) זעה אויבען ז. 167, 168.

צו מאכען רוהען זיין נאמען. די תורה פון ספר דברים איז אבער אין גלות ערשט רעכט אנערקענט און אנגענומען געווארען דורך דעם חורבן וואס איז געקומען אויף די, וואס האבען איהם ניט געפאלגט. מ'האט דעריבער זיך איצט גענומען פון דאס ניי איבערשרייבען און ארויסגעבען די עלטערע דאקו־מענטען, כדי זיי זאלען הארמאנירען מיט דעם מוסר־השכל פון די לעצטע געשעהענישען.

די געשיכטע פון די מלכים איז אויף אזא'ן אופן איבערגעשריבען גע־ווארען פון א צווייטען רעדאקטאר ביים ענד פון גלות בבל. דער דאזיגער רעדאקטאר האט צוגעשריבען די לעצטע פאר קאפיטלען פון אומגעפעהר נאך יאשיהו'ס רעפארם ביז יהויכין'ס באפרייאונג דורך אויל־מרודך. נאך פיעל שטרענגער ווי דער ערשטער רעדאקטאר האט זיך דער צווייטער געהאלטען אן דעם גייסט פון ספר דברים. לויט דעם ערשטען רעדאקטאר זיינען די אידען קיין זינד ניט באגאנגען ווען זיי האבען געבראכט קרבנות אויף די במות איידער דער בית־המקדש איז געבויט געווארען. אבער דער צווייטער רעדאקטאר פון גלות פאררעכענט שלמה'ן פאר א זינד דאס מקריב זיין אויף במות אפילו איידער דער בית־המקדש איז געבויט געווארען*). אזוי טיף און שטארק איז געווען דער איינדרוק ביי יענע שרייבער, אז אלע צרות זיינען געקומען נאר דערפון וואס מ'האט געדינט צו פרעמדע געטער און וואס מ'האט צו יהוה גופא געדינט אויף א פאלשען אופן, אז עס איז נאר קיין פלאץ ניט געבליבען אין זייער געדאנק פאר עפעס אן אנדער אורזאך. דערפון קומט עס וואס עס ווערט אין די היסטאריע־ביכער אין ערגיץ ניט א ווארט געזאגט מכוח דיווירקליכע זינד און פארברעכען פון דעם פאלק אדער זיינע פיהרער. מיר פיהלען דעריבער, אז די עקסטרעמע אבער טיף מאראלישע באשולדיגונגען פון די נביאים געגען דער פארדארבענקייט פון פאלק איז מעהר אין איינקלאנג מיט די ממשות'דיגע פאקטען פון לעבען איידער די שאבלאן־פראזען, מיט וועלכע די רעליגיעזע זינד פון דער אדער יענער פעריאדע אדער פון דעם אדער יענעם הערשער ווערען פארדאמט אין די היסטאריע־ביכער.

אויך דער ספר דברים גופא איז רעווידירט געווארען, און עס זיינען

*) פארגלייך מלכים א, ג פסוק 2, וואס שטאמט פון ערשטען רעדאקטאר, און פסוק 3, וואס איז צוגעשטעלט געווארען פון צווייטען רעדאקטאר. ער לאזט דע־ריבער (אין פסוק 15) שלמה'ן קומען פון גבעון אין ירושלים און לכל הפחות ברייגען קרבנות אויך פאר דעם הייליגען ארון.

צוגעשריבען געוואָרען צו איהם נייע שטיקער*). עס איז וואהרשיינליך, אז ער איז איצט פאַראייניגט געוואָרען מיט די אַלטע מעשיות וועגען דער אורצייט, דעם יהוי'סט און דעם אלהי'סט, וועלכע זיינען לאַנג שוין געווען צונויפגעשטעלט אין אייך בוך**). אַרום דערזעלביגער צייט זיינען אויך די עלטערע דערצעהלונגען פון ספר יהושע איבערגעשריבען געוואָרען פון דעם שטאַנדפונקט פון דער שולע וואָס האָט געשאַפען דעם ספר דברים. עס הייסט: מ'האָט פאַרגעשטעלט, אז דאָס לאַנד איז עראָבערט געוואָרען פון ברעג צו ברעג און מיט איינמאָל אנשטאַט ביסלעכווייז און טיילווייז. וואָרים לויט די פריהיגערע נביאים זיינען די אידען אין דער אוראַלטער צייט געווען געטריי צו יהוה, און אזוי ווי דער ספר דברים באַפעהלט אויסצוראָטען די כנענים, איז יהושע פאַרגעשטעלט געוואָרען אלס אַ מוסטער פון אַ גאָט־פאָלגער, וועמען גאָט האָט נאַטירליך געהאָלפען וואו ער האָט זיך נאָר געווענדט, אזוי אז די פעלקער זיינען פאַר איהם געפאַלען ווי שטרוי און ער האָט איינס און צוויי איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד און אויסגעראָטען אַלע כנענים מיט'ן שאַרף פון שווערד. דער ספר שופטים האָט בעצם שוין געהאַט זיין איצטיגע פאָרם, אָבער אַ רעדאַקטאָר האָט געהאַלטען פאַר נויטיג צו מאַכען שאַרפער דעם מוסר־השכל פון דעם ספר, אויפווייזענדיג ווי אזוי די כנעני'שע השפעה האָט כסדר פאַרדאָרבען דאָס פאָלק און כסדר געפיהרט צו נאַציאָנאַלע אומגליקען. פון דעם דאָזיגען רעדאַקטאָר פון גלות־בבל איז דער ספר שופטים אַרויסגעקומען אזוי ווי ער זעהט היינט אויס, מיט דער אויסנאַם פון קאַפּ. כ—כ"א, וועלכע זיינען פּי־לייכט צוגעשריבען געוואָרען נאָכ'ן גלות. דאַסזעלביגע קאָן געזאָגט ווערען וועגען ספר שמואל, וועלכער האָט דעמאָלט באַקומען זיין היינטיגע געשטאַלט, ווען מיר נעמען פון איהם אַראָפּ חנה'ס געזאַנג און קאַפּ. כ"ב אין שמואל ב, וואָס זיינען צוגעשריבען געוואָרען שפּעטער. בכלל אָבער האָבען די עלטערע היסטאָריע־ביכער, וועלכע האָבען דערצעהלט די אידישע געשיכטע ביז אויף שלמה'ן, ניט אזוי פיעל געליטען פון די רעדאַקטאָרען, ווי די געשיכטע פון די מלכים פון נאָך שלמה'ן אָן, ווען דער בית־המקדש איז שוין געווען אויפגעבויט.

די ליטעראַרישע טעטיגקייט איז אָבער ניט באַשרענקט געווען אויף

---

*) זעה די באַציהונגען צום גלות־בבל אין קאַפּ. כ"ח, כ"ט און ל 1 — 14, און אויך אין דער איינפיהרונג צום בוך אין קאַפּ. ד.

**) זעה אין באַנד, 2 ז. 242—245.

היסטארישע קאמפילאציעס. אויף דעם געביט פון געזעצגעבונג איז פאר־פאסט געווארען א גרויס ווערק, וואס ווערט באצייכענט אין דער מאדער־נער ביבעל־פארשונג אלס „די תורה פון היילינקייט.“ אט דאס געזעצבוך געפינט זיך אין ויקרא י״ז—כ״ח און עס באשטעהט דאס רוב פון געבאטען בנוגע צו צערעמאניעלער ריינקייט, צו דער אפהיטונג פון שבת און די ימים־טובים און צו דער עבודה אין בית־המקדש. זיין עהנליכקייט צו יחזקאל ווארפט זיך שטארק אין די אויגען (פארגלייך ויקרא כ״א און יחזקאל מ״ד). פונקט ווי יחזקאל אין זיין צוקונפט־פלאן, אזוי געהט אויך „די תורה פון היילינקייט“ פיעל ווייטער ווי דער ספר דברים אין אנזאגען יעדען פרט מיט אלע איינצעלנע קליינינקייטען, און זי איז דעריבער לויט מעטאדע און גייסט א פארבינדונגס־גליד צווישען דעם ספר דברים און דער פריסטער־שריפט. מיר מעגען אננעמען, אז „די תורה פון היילינקייט“ איז געשריבען געווארען אלס געזעצבוך פאר דער נייער ירושלים פון יחזקאל, און דער פארפאסער איז געווען א תלמיד פון יענעם כהן און נביא אין דער אנדערער העלפט פון גלות.

וועגען נבואה און דער צייט פון גלות גיבען מיר באזונדערע אפהאנד־לונגען. די צוזאמענשרייבונג און רעדאקציע פון די נביאים־ביכער גע־הערט צום גרעסטען טייל נאכ׳ן גלות. אבער די תקופה פון גלות־בבל איז געווען פראדוקטיוו אויף נאך א ליטעראַרישען געביט, דאס איז: די הייליגע געזאנגען. לויט מאנכע פארשער*) איז ביים ענד פון גלות־בבל פארפאסט געווארען די שטראפענדע און טרייסטענדע אדע, וועלכע איז צוגעשטעלט געווארען צום ספר דברים אלס משה׳ס א געזאנג, וועלכען ער זאל האבען פארגעלעזען צו די אידען פאר זיין טויט („האזינו“). אויך מאנכע קאפיטלען פון תהלים, ווי למשל כ״ב, ס״ט, ע״א, ק״ב, קאנען געהערען צו דער תקופה פון גלות בבל, כאטש דער תהלים אלס א גאנצער איז א פראַ־דוקט פון נאכ׳ן גלות. ווארים די תהלים־לידער, די אריגינעלסטע און שטארקסטע פון די הייליגע געזאנגען פון ישראל, זיינען געווען קינדער פון א טיף־באוועגטען רעליגיעזען לעבען, און קיין פעריאדע פון דער אידישער געשיכטע איז ניט געווען מעהר מסוגל ארויסצוברייגען אזעלכע הארציגע פאעמען ווי דער גלות־בבל.

דאס גרעסטע ווערק אבער אויפ׳ן לירישען געביט, וואס איז אונז גע־

---

*) אזוי קארניל אין זיין „איינלייטונג צו די קאנאנישען ביכער דעס אלטען טעסטאמענטס“ און צונץ אין זיינע „געזאמעלטע שריפטען“, ערשטער טייל, ז. 224.

בליבען פון דער תקופה פון גלות־בבל, איז „איכה," דער „שיר השירים" פון מענשליכען שמערץ. די אידישע טראַדיציע האָט געמאַכט ירמיה'ן פאַר דעם פאַרפאַסער פון „איכה." פּאָעטיש מעג דאָס קלינגען זעהר גוט. קינסט־לער מעגען מאָלען א טראַגיש בילד ווי דער גרויסער נביא זיצט אויף די חורבות פון ירושלים און באַקלאָגט מיט די האַרצרייסענדע לידער פון „איכה" דאָס גרויסע אומגליק וואָס האָט זיין פאָלק געטראָפען. ווען מיר לייענען אָבער אויפמערקזאַם די לידער פון „איכה," זעהען מיר באַלד, אַז זיי האָ־בען ניט געקאָנט פאַרפאַסט ווערען פון ירמיה'ן. דאָ איז ניט קיין פראַגע פון שפּראַך און סטיל, נאָר דער גאַנצער אינהאַלט איז א דירעקטער היפּוך צו ירמיה'ס לעהרע. די געדאַנקען, וואָס ווערען אויסגעדריקט אין איכה, זיינען די, וועלכע ירמיה האָט זיין גאַנצען לעבען באַקעמפט. דער דיכטער פון „איכה" זאָגט, למשל, אַז קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז א פיינד וועט אריינקומען אין די טויערן פון ירושלים, בעת ירמיה האָט פון אָנהויב אָן געזאָגט, אַז גאָט אַליין וועט איבערגעבען ירושלים אין נבוכדראַצאַר'ס הענט. דער גאַנצער טאָן פון „איכה" איז דער טאָן פון פאַרצווייפלונג און יאוש. דער חורבן ווערט באַטראַכט אַלס אַן אומדערוואַרטע קאַטאַסטראָפע, און דער דיכטער פאַרשטעהט ניט פאַרוואָס דאָס איז די אידען געקומען. ער ווייסט ניט וואָרום גאָט איז געוואָרען א אידישער פיינד, וואָרום ער האָט אָנגעשטעלט זיין בויגען, האָט אויסגעהרג'עט די בעסטע און די שענסטע און האָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן ווי א פייער אויף דעם געצעלט פון דער טאָכטער פון ציון (ב 4). דאָס זיינען אַלץ געדאַנקען, וואָס ניט ירמיה און ניט קיין אָנהענגער פון די נביאים האָבען ניט געקאָנט אויסדריקען. פאַר ירמיה'ן איז דער חורבן געווען אומפאַרמיידליך; ער האָט געמוזט קומען מיט אַלע זיינע שרעקענישען אַלס גאָט'ס גערעכטער משפט איבער זיין זינדיגען פאָלק; און אַז דער שרעקליכער טאָג איז געקומען, איז ירמיה לחלוטי'ן ניט געווען פאַרצווייפעלט. אדרבה, אין די ערגסטע טעג, ווען די שטאָדט, געבראָכען פון הונגער, האָט געהאַלטען ביים פאַלען, האָט ער, זי־צענדיג איינגעשפּאַרט אין וואַך־הויף, געזעהען די פרעהליכסטע בילדער פון דער אידישער צוקונפט און זיין האַרץ איז פול געווען מיט טרייסט און האָ־פענונג אויף בעסערע טעג (ירמיה ל"ב, ל"ג).

אָבער ניט בלויז איז „איכה" ניט ירמיה'ס א פאַרפאַסונג, נאָר די פינף קלאָג־לידער שטאַמען איבערהויפּט ניט פון איין פּאָעט, וואָרים זיי שטעהען ניט אין קיין צוזאַמענהאַנג צווישען זיך. עס ווערט אָנגענומען פון די מאָ־דערנע ביבעל־פאָרשער, אַז „איכה" איז א זאַמלונג פון קלאָג־לידער, פאַר־

פאסט פון פארשידענע פאעטען אין דער צייט צווישען דעם חורבן פון ירושלים און דעם אויפטריט פון כורש׳ן — די סאמע פינסטערסטע צייט, ווען עס איז נאך קיין שום האפענונג ניט געווען אויף „שיבת ציון." די פארפאסערס פון די לידער געהערען אלע צו די אידען, וואס זיינען געבליבען נאכ׳ן חורבן אין זייער היים־לאנד יהודה. מיר זעהען דא בכן, אז כאטש דער צענטער פון ליטעראַרישער טעטיגקייט איז דעמאלט געווען באבילאניע, דאך האבען אויך די ארץ ישראל׳דיגע אידען געבראכט זייער בייטראג צו דער אידישער ליטעראטור פון יענער תקופה.

די קלאג־לידער פון איכה האבען ניט בלויז א הויך־ליטעראַרישען, נאר אויך א גרויסען היסטארישען ווערט, מחמת זיי גיבען אונז א טיפען אריינבליק אין די שטימונגען און אין דער געדאנקען־וועלט פון די אידען, וואס זיינען נאכ׳ן חורבן געבליבען אין ארץ ישראל. מיר זעהען אין זיי אויף וויפיעל די שרעקליכע געשעהענישען פון חורבן האבען נעהנטער געבראכט צו דער וועלט־באטראכטונג פון די נביאים יענע אידען, וועלכע זיינען פריהער געווען גאנץ ווייט פון ירמיה׳ס געדאנקען אדער זיינען געווען דירעקטע געגנער פון זיי. אבער די פארפאסערס פון „איכה" וויסען ניט אנצוווייזען דעם פאלק קיין וועג, ווי ארויסצוגעהן פון דעם עלענד, וואס איז לויט זיי געקומען דורך די זינד פון די פאטערס (ה 7). אמת טאקע, דער דיכטער קוקט אויס אויף יהוה, וועלכער איז באליידיגט געווארען דורך דער צעשטערונג פון זיין שטאדט און וועט ביישטעהן אין זיין נויט דעם פאלק וואס איז זיך מתודה אויף זיינע זינד (א 9, 20). אבער ווי אזוי דאס פאלק זאל קריגען די מחילה פון יהוה און אין וועלכע מעשים עס זאל זיך ארויסווייזען זיין תשובה און חרטה, ווייסט ער ניט צו זאגען. די גרויסע מענער, וועלכע האבען געוויזען דעם פאלק א וועג ווי איינצושטילען גאט׳ס צארן, צו געווינען ווידער זיין לייטזעליגקייט און צו קריגען א חלק אין די הבטחות פון די נביאים — זיינען אויפגעטראטען ניט אין ארץ ישראל, אויך ניט אין עגיפטען, נאר צווישען די פארטריבענע אידען אין באבילאניען.

5.

דאָס רעליגיעזע לעבען פון די אידען אין באַבילאָניען.

ד ע ר ר ו ש ם פ ו ן ד ע ם ח ו ר ב ן.

איינער פון די שטאַרקסטע פאַקטאָרען אין דער ווייטערדיגער אַנט־וויקלונג פון דער אידישער רעליגיאָן איז געווען די איבערצייגונג, אַז יהוה גופא האָט געבראַכט דעם חורבן אויף זיין שטאָדט און האָט עס פאָראויס מודיע געווען צו זיין פאָלק דורך די נביאים. אָבער די דאָזיגע ווירקונג איז נית גלייך אויפ'ן שטעל אַריינגעטראָטען אין לעבען. אדרבה, די ערשטע ווירקונג פון דעם חורבן איז געווען צו צעטרייסלען דעם גלויבען אין גאָט. אַם דייטליכסטען זעהען מיר דאָס אין דעם ספר יחזקאל, וואו עס ווערט בפירוש דערצעהלט וועגען דעם רושם וואָס די ידיעה וועגען דער עראָבע־רונג און צעשטערונג פון דער שטאָדט האָט געמאַכט אויף די אידען, וואָס זיינען זינט 597 שוין געווען דעפּאָרטירט אין באַבילאָניען. די דאָזיגע אי־דען האָבען זיך דורך דעם געפיהלט אין גאַנצען געבראָכען. וואָרים זייער גייסטיגער אַנהאַלט איז געווען די האָפנונג, אַז יהוה וועט באַלד פאַרהער־ליכען די שטאָדט, וועלכע איז געשענדעט געוואָרען דורך די געשעהע־נישען פון יאָהר 597, וועט זיי צוריקפיהרען אין ירושלים און זיי וועלען ווידער קריגען אין דעם הייליגען לאַנד די פאַרלאָרענע עמטער און נחלאות. און טאַקע דערפאַר ווייל יחזקאל האָט מיט זיין פאָראויסזאָגען דעם אונטער־גאַנג פון דער שטאָדט און דער מלוכה צעטרייסעלט יענעם אַנהאַלט זייערע, וועלכער איז געווען דער איינציגער מקור פון זייער לעבענס־פרייד, זיינען זיי אַזוי ענערגיש אויפגעטראָטען געגען זיין טעטיגקייט. ביז צולעצט האָט מען נאָכגעפאָלגט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט אַלע פּאַסירונגען פון לעצטען קאַמף אין ירושלים. דאָס דערקענען מיר פון די נבואות פון יחזקאל, וועלכער האָט ביי דער ידיעה פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים באַנייט זיינע פאָראויסזאָגונגען פון אומגליק (קאַפּ. כ"א—כ"ד). יחזקאל האָט אָבער גלייך געזעהן מיט זיין גייסטיגען אויג דעם רושם וואָס די שרעקליכע בשורה וועט אַנמאַכען; דעמזעלבינען טאָג, ווען ס'איז אַנגעקומען אין באַ־

בילאַניען די ידיעה, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען די באַלאַגערונג פון ירושלים, האָט ער פאַראויסגעזאָגט צו די „גולים", אַז די נאַכריכט פון דער עראָבערונג פון ירושלים וועט זיי אַזוי איבעררּאַשען און צעמישען, אַז פון שרעק און פאַרצווייפלונג וועלען זיי זאָגאַר פאַרגעסען צו טאָן די מנהגים פון אבלות; אָבער אַז איהם גופא וועט זיך דורך דעם דאָס מויל עפענען, עס הייסט, אַז אַלע וואָס זיינען ביז אַהער געווען געגען זיין טעטיגקייט וועלען מוזען אַנט־שווייגען ווערען. און באמת טאַקע ווען אין דעם פינפטען טאָג פון צעהנטען מאָנאַט אין עלפטען יאָהר פון גלות יהויכין האָט אַן אַנטלאָפענער געבראַכט קיין באַבילאָניען די ידיעה, אַז „די שטאָדט איז געשלאָגען," האָט יחזקאל ווידער אָנגעהויבען זיין עפענטליכע טעטיגקייט (ל"ג 21, 22).

די ווירקונג לאָזט זיך באַגרייפען; וואָרים די ידיעה פון דער עראָבע־רונג און צעשטערונג פון דער שטאָדט האָט צעטרייסעלט דעם רעליגיעזען גלויבען פון די פאַרטריבענע אידען ביז די סאַמע יסודות. מען איז צוערשט געווען צעטומעלט וועגען דער מאַכט און גערעכטיגקייט פון יהוה. ווי האָט מען נאָך געקאָנט האָבען בטחון אין יהוה, נאָכדעם ווי ער האָט רוהיג צוגע־קוקט ווי זיין שטאָדט איז עראָבערט און זיין הייליגטום פאַרשוועכט געוואָ־רען? וואָס האָט מען נאָך געקאָנט דערוואַרטען פון אַ גאָט, וועלכער האָט צוגעזעהן ווי דער געצענדינער מנשה האָט געלעבט אין גליק און האָט דאָן, טראָץ דעם רעפאָרם, געלאָזט אומקומען דעם פרומען יאשיהו און געלאָזט אונטערגעהן די הייליגע שטאָדט?

אָבער די ווירקונגען פון דעם אונטערגאַנג פון דער שטאָדט און דער מלוכה האָבען געהאַלטען פאַרבאָרגען אין זיך אויך דאָס הייל־מיטעל געגען דער צעטרייסלונג פון רעליגיעזען גלויבען. וואָרים נאָר דער אַלטער פאָלקס־טימליכער גלויבען אין יהוה איז דורך דעם צום טויט געטראָפען געוואָרען. אַרויסגעהענדיג פון אָט דעם גלויבען האָט מען נאַטירליך געמוזט דערקלע־רען, אַז יהוה איז ענטוועדער ניט מעכטיג גענוג זיך צו שטעלען געגען די געטער פון די פעלקער אָדער ער איז בעצם אַ קאַפּריזנער. אָבער די פאָלקס־טימליכע השגה פון יהוה איז אין אַ משך פון צוויי הונדערט יאָהר באַצייכענט געוואָרען פון די נביאים אַלס פאַלש. צוויי הונדערט יאָהר האָט מען כסדר גע'טענה'ט צום פאָלק, אַז יהוה האָט פיינד דעם אופן ווי דאָס פאָלק לעבט און דינט צו איהם, אַז דער קולט און די הנהגה פון פאָלק האָבען גאָר קיין שייכות ניט צום גאָט פון ישראל, וואָס רעדט דורך די נביאים. דער גלויבען אין דעם יהוה פון די נביאים איז דורך דעם חורבן ניט ווידערלעגט געוואָ־

רען, נאר איז אדרבה באוויזען געווארען אלס ריכטיג. אט דער יהוה האט די צעשטערונג פון דער מלוכה באצייכענט אין פארלויף פון צוויי הונדערט יאהר אלס די שטראף, וועלכע ער וועט סוף־כל־סוף ברייגגען, אויב עס וועט ניט קומען קיין בעסערונג אין די זינד פון זיין פאלק. ער האט באצייכענט די וועלט־מעכט אלס די געצייג, מיט וועלכע ער וועט זיך באנוצען אויס־צופיהרען זיין משפט. אז יהוה האט איבערגעגעבען פאלעסטינא צו די באבילאניער; אז ער וועט צוליב דעם בית־המקדש זיך ניט צוריקהאלטען פון ברייגגען דעם שטרענגען משפט אויף ירושלים; אז ער וועט די רעבעלישע שטאדט איבערגעבען אין נבוכדראצאר'ס הענט — איז דאך געווען דער צענט־ראלער געדאנק פון ירמיה'ס נבואות אין די לעצטע יאהרצענדליגער פאר דעם חורבן פון ירושלים. לויט יחזקאל'ס פאראויסזאגונגען האט ירושלים געזאלט חרוב ווערען, כדי ישראל זאל דערקענען „אז איך בין יהוה" (כ"ד 24; ו 7, 13, 14; י"ב 16, 20; ל"ג 29). און אין גלות קומט יהודה כדי צו אנערקענען, אז עס איז געווען יהוה, וואס האט געלאזט דורך זיינע נביאים פאראויסזאגען דעם אונטערגאנג פון דער מלוכה און פון דער שטאדט (ה 13, 17; ו 10). דער אונטערגאנג פון דער מלוכה און פון דער שטאדט איז געווען א טריאומף פון יהוה'ס גערעכטיגקייט, א באשטעטיגונג פון די רייד פון די נביאים. יעדער ווידערשפרוך געגען דער אויפפאסונג פון די נביאים האט איצט געמוזט פארשטומט ווערען. ווי באלד יהוה האט רוהיג צוגעקוקט ווי זיין בית־המקדש איז פארברענט און פארשוועכט געווארען, הייסט עס, אז מן־הסתם האט דער קולט וואס איז דערין פראקטיצירט גע־ווארען ניט נושא חן געווען אין זיינע אויגען; די נביאים האבען בכן גע־מוזט זיין גערעכט מיט זייער באהויפטונג, אז יהוה האט פיינד דעם דאזיגען קולט. דער שפאט איבער דעם, אז די פאראויסזאגונגען פון די נביאים זיינען נאך אלץ ניט מקוים געווארען (יחזקאל י"ב 22—28), איז איצט לגמרי אנטשוויגען געווארען. ווער עס האט זיך געוואלט האלטען ביי דעם גלויבען אין יהוה און דערמיט אנהאלטען פעסט די אייגענע נאציאנאליטעט, האט געמוזט אנערקענען, אז די נביאים האבען ריכטיג אויפגעפאסט יהוה; האט געמוזט אנערקענען פאר ריכטיג דעם אורטייל פון די נביאים וועגען דער פארגאנגענהייט; האט אויך געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אז די געדאנקען פון די נביאים זיינען דאס איינציגע ליכט, וואס האט אריינ־געשטראהלט אין דער טרויעריגער געגענווארט פון דעם פאלק און האט איהם געוויזען דעם וועג צו א בעסערער צוקונפט.

דאס לעבען אין דער פרעמד.

דער נצחון פון די נביאים וואלט אבער ניט געווען אזוי דארכדריגענד און דער רושם פון חורבן וואלט ניט געווען אזוי טיף, ווען די אידען וואלטען אין זייער לאנד געבליבען. יאשיהו׳ס רעפארם איז אין דער פראקטיקע געווען א דורכפאל. די אלטע קולטען מיט די אלטע געצענדינערישע מנהגים זיינען באלד ווידער ארוים אין דער עפענטליכקייט פון די פארבארגענע ווינקעלער, וואו זיי האבען זיך א געוויסע צייט באהאלטען. ערשט דער גלות האט זיי אויסגעראמט פון אידישען לעבען. אין פרעמדען לאנד, ווייט פון היימישען באדען האבען די אידען פארגעסען די הייליגע בערג און די פעלזען, די ביימער און די קוואלען. אין גלות האט אויך דער פשוט׳ער איד אויפגעהערט צו באטראכטען יהוה אלס גאט פון ישראל אין א לאקאלען זין. ער האט געמוזט אנהייבען גלויבען, אז זיין גאט געפינט זיך איצט אין באבילאניען, באמת מעהר אין באבילאניען איידער אין יהודה. אבער, האט דער איד געטראכט, איז דען דאס מעגליך? קאן א גאט זיך אויפהאלטען וואו מ׳דינט ניט צו איהם, אויף א פרעמדען און פיינדליכען באדען? יא, האט ער זיך אליין געענטפערט; ער האלט זיך אויף אומעטום וואו מ׳פיהלט נאר זיין אנוועזענהייט. און יהוה׳ס אנוועזענהייט אין באבילאניען האט דער איד געפיהלט אין זיין שווערען גורל. איז דען ניט דער גלות די שטראף פון יהוה, וועלכע א גאנצע רייהע פון נביאים האבען לאנג שוין פאראויסגעזאגט? דער איד האט איצט בעדארפט געהן נאך איין טריט ווייטער און זאגען: „קאן ניט אזא גאט, וועלכער האט קענטיג אז אינטערעס אין באבילאניען, האבען א מאכט אויך אין און איבער באבילאניען? האט דען ניט ירמיה, וועמען מיר האבען געהאלטען פאר א פאררעטער, תמיד געזאגט, אז נבוכדראצר איז יהוה׳ס קנעכט און אז מיט׳ן פארטרייבען אונז אין גלות טוט ער נאר יהוה׳ס ארבייט?“

אומגעפעהר דורך אזא פראצעס פון דענקען איז די וועלט־באטראכטונג פון די נביאים, זייער השגה פון גאט׳ס גייסטיגקייט און אלטוועלטליכקייט, פון זיין אויסשליסליך מאראלישער נאטור, פון זיין איינציגקייט און זיין השגחה — אליץ מעהר און מעהר איינגעדרונגען אין די ברייטערע קרייזען פון פאלק. דער מאנאטעאיזם פון די נביאים איז אויף אזא׳ן אופן געווארען אין גלות דאס גייסטיגע אייגענטום פון די ברייטע מאסען. דאס איז נאטירליך ניט געווען אזוי גרינג. מאנכע האבען פילייכט קיינמאל זיך ניט

געלאָזט איבערצייגען; מאַנכע זיינען דורך פאַלשע וועגען אָדער דורך פאַלשע פיהרער פאַרלאָרען געגאַנגען אין דעם געצענדיסט פון דער סביבה. ווי שטאַרק עס איז געווען די פאַרפיהרערישע ווירקונג פון דעם באַבילאָנישען קולט אין סאַמע צענטער פון דער אידישער קאָלאָניע, זעהען מיר פון א נביא ביים ענד פון גלות (ישעיה מ פון 20 אַן; מ"ד 12—20). דער פּראָצעס פון איבערנעמען די אמת'ן פון די נביאים איז געווען א לאַנגזאַמער, אָבער דערפאַר א גרינטליכער.

די נייע שטעלונג צו גאָט און צו דער וועלט.

דער גלות האָט געבראַכט ניט בלויז א ריכטיגע אויפפאַסונג פון גאָט'ס כאַראַקטער און זיין שייכות צו זיין פאָלק און צו דער וועלט, נאָר ער האָט אויך געבראַכט די דערקענונג פון דער אמת'ער שייכות פון דעם יחיד צו גאָט. די אַלטע פּאָפּולערע אויפפאַסונג איז געווען, אַז יהוה איז דער באַשיצער פון דער נאַציאָן אַלס א גאַנצע. דער באַנד וואָס האָט פאַרבונדען גאָט און פאָלק איז געווען די נאַציאָנאַלע פאָרם פון דעם אויסערליכען קולט. דער ספר דברים האָט געהאָלפען אַנטוויקלען דעם אינדיווידואַליזם מיט זיין לעהרע פון הייליגקייט געגען גאָט, ער האָט איהם אָבער פּאַקטיש געשעדיגט דורך דעם וואָס מ'האָט דעם קולט קאָנצענטרירט און איינגעפיהרט איין איינ־ציגען אופן פון דינען צו גאָט. אויך די באַנייאונג פון בונד אויף דעם בוך פון דער תורה אונטער יאשיהו'ן איז געווען שייך דער נאַציאָן אַלס א גאַנצע. יאשיהו'ס נאָכפאָלגער האָבען פאַרלאָזט „דאָס בוך פון דער תורה," אָבער דער גאַנג פון די געשעהענישען האָט דוקא פאַרשטאַרקט זיין גייסטיגע לעהרע. וואָרים אויב יהוה איז געווען דער גאָט פון די אידען אין באַבי־לאָניען, האָט זיין שייכות צו זיי געמוזט זיין אַן אַנדערע ווי לויט די פריי־הערדיגע השגות. דאָ זיינען זיי געווען א פאָלק נאָר אויף אַזוי ווייט ווי זיי האָבען געהאַט א שותפות'ע רייכע פאַרגאַנגענהייט. זיי זיינען געווען צעשפּרייט אין צעבראָכענע און הילפלאָזע גרופּעס, ניט האָבענדיג קיין מיט־לען פון קולט, וואָס זיינען נויטיג געווען צו געווינען גאָט'ס לייטזעליגקייט. און דאָך, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, האָבען די אידען געפיהלט, אַז יהוה איז נאָך אַנוועזענד ביי זיי. זיי האָבען דעריבער געמוזט נאָכטראַכטען וועגען דער נייער סיטואַציע. יעדער ערנסטער איד האָט געמוזט טראַכטען

אומגעפעהר אזוי: „די נאציאן איז מעהר ניטא: יהוה מוז דערפאר זיין עפעס מעהר ווי דער גאָט פון דער נאציאן. די שבטים, קלאנס, פאמיליעו, זיינען אלע צעבראכען: ער איז דעריבער ניט בלויז א גאָט פון שבטים און פאמיליען, נאָר ער איז מיין אייגענער גאָט. ניט איין ליידענדע נשמה, אין איהר בענקשאפט נאך דער הייליגער וואוינונג פון יהוה איז דעמאלט געווען אימשטאנד צו זאגען אין דעם גייסט פון דעם תהלים־דיכטער (תהלים מ"ג):

„שיק דיין ליכט און דיין אמת;
זאָלען זיי מיך פיהרען;
זאָלען זיי מיך ברייננען צו דיין הייליגען בארג
און צו דיינע וואוינונגען;
איך וועל דאַן געהן צום מזבח פון גאָט,
צו גאָט, מיין גרעסטע פרייד,
און איך וועל דיך לויבען מיט א הארף,
אָה, גאָט, מיין גאָט!"

אזוינס האָט פאר דעם גלות ניט געקאנט געזאגט ווערען.

דער דאזיגער געדאנק פון גאָט'ס דירעקטער שייכות צו דעם יחיד איז ניט געווען ניי ביים אידישען פאלק. די נביאים פון פאר'ן גלות האבען איהם שוין אויסגעדריקט וואס וויטער אלץ שטארקער. אבער די נביאים זיינען תמיד געווען איינצעלנע און אויסערגעוועהנליכע. ערשט דער גלות האָט פון זייער גאלד געמאכט מטבעות, גאנגבארע ביי אלעמען.

דער גלות האָט ניט בלויז געענדערט די שטעלונג פון דעם אידען צו זיין גאָט, נאָר ער האָט אויך געענדערט זיין שטעלונג צו דער ברייטער וועלט ארום. לעבענדיג צווישען מעכטיגערע און ציוויליזירטערע פעלקער ווי זיי, האבען די אידען מעהר ניט געקענט איגנארירען זייערע שכנים אדער זיי באטראכטען בלויז אלס ציל פון יהוה'ס צארן. אנהייבענדיג מיט'ן גלות־בבל שפילען די פעלקער א גרויסע ראלע אין די רייד פון די נביאים. די אידען האבען אנגעהויבען טראכטען מכוח יהוה'ס שייכות צו די פעלקער ארום און מכוח דער ראלע, וואס זיי, אלס זיין אויסגעוועהלט פאלק, זיינען גערופען צו שפילען ביי דער פארווירקליכונג פון גאָט'ס ציל אין דער וועלט־געשיכטע. אין גלות איז דערפאר אויך אויפגעקומען א ברייטע רעליגיעזע געשיכטס־פילאזאפיע, וועלכע האָט געפונען איהר אויסדרוק אין דעם גרויסען אנאנימען נביא (ישעיה פון קאפ. מ און).

נייע אופנים פון גאָט־דינסט.

מיר האָבען פריהער דערמאָנט, אז די אידען אין גלות האָבען ניט גע־האָט קיין אויסערליכע מיטלען פון קולט, דורך וועלכע צו קריגען לייטזעליג־קייט אין גאָט'ס אויגען. קרבנות האָט מען מעהר ניט געקאָנט ברייננען. אפילו אויב דער בית־המקדש וואָלט געשטאַנען, וואָלטען זיי ניט געקאָנט קומען צו איהם. אָבער מאַנכע מצוות פון יהוה האָט מען נאָך אין גלות אויך געקאָנט מקיים זיין. מ'האָט דערפאַר זיך געהאַלטען אַן זיי נאָך פעס־טער ווי פריהער. צוויי פון זיי האָבען איצט באַקומען אַ נייע באַדייטונג. דאָס זיינען געווען: מילה און שבת. אין גלות זיינען זיי געוואָרען דער „במקום" פאַר קרבנות, די ערשטע מצוות פון יודענטום און די הויפּט־סימבאָלען פון דער רעליגיאָן פון יהוה און פון דער צוגעהעריגקייט צו דער אידישער געזעלשאַפט.

מילה איז געווען אַ מנהג, וועלכען אַ גרויסער טייל פון די איינוואוינער פון כנען האָבען לכתחילה געהאַט בשותפות מיט די עגיפּטער און אנדערע אַפריקאַנישע פעלקער. די אורשפּרינגליכע באַדייטונג דערפון ווייסען מיר היינט ניט. עס איז וואהרשיינליך, אז ביי אידען איז די באַשניידונג געווען אַ שבט־צייכען צוזולאַזען אינגלעך אדער יונגע מענער אלס פולע מיטגלידער אין דעם קלאַן און אין חברותא מיט יהוה. דער יהוי'סט גיט איבער אַ טראַדיציע, אז משה האָט איינמאָל ארויסגערופען יהוה'ס צאָרן, וועלכער איז ערשט איינגעשטילט געוואָרען ווען משה'ס זוהן איז באַשניטען געוואָרען (שמות ד 24—26). דער אלהי'סט האָט אַן אנדער טראַדיציע. לויט איהם איז דער מנהג איינגעפיהרט געוואָרען פון יהושע'ן אין גלגל, כדי צו באַזייטיגען דעם פאַרוואורף פון עגיפּטען*). ביי איהם, פונקט ווי ביי יהוי'סט איז דער מנהג אַ טייל פון דער פאָלקס־רעליגיאָן. אין די עשרות הדברות, ווי אויך אין קיין אנדערע פון די אלטע געזעצביכער, ווערט מילה ניט דער־מאָנט. די שטעלונג פון די נביאים צו מילה איז קענטיג געווען דיזעלביגע ווי צו קרבנות. פון עמוס, הושע, ישעיה ווערט דער מנהג ניט דערמאָנט, בעת ירמיה גיט אַן אנדייטונג, אז אלס צייכען אינ'ם פלייש האָלט ער ניט פיעל דערפון. גלייכצייטיג אָבער מוסר'ט דער נביא דאָס פאָלק אַז זיי זאָלען מל זיין צו יהוה די פאָרהויטען פון זייערע הערצער (ירמיה ד 4;

*) זעה אין באַנד 1, ז. 220, 221.

ט 26). עס קאן זיין, אז ירמיה האט ארייגגעטאן דערמיט א סימבאלישע באדייטונג אין דעם דאזיגען צייכען פון פלייש.

אין פאלעסטינא, וואו אסך פעלקער ארום האבען פראקטיצירט דעם מנהג, האט ער ניט געקאנט האבען קיין גרויסע נאציאנאלע באדייטונג פאר די אידען. אנדערש אבער אין גלות־בבל. די מזרח־סעמיטען האבען פון דעם מנהג ניט געוואוסט. ער איז דעריבער דארטען געווארען א צייכען, וואס האט אפגעשיידט די אידען פון די גוים ארום. יחזקאל האט קיין די־רעקטע געזעצען ניט פארגעשריבען וועגען דעם, אבער אין פארשידענע שטע־לען דריקט ער אויס זיין פאראכטונג פאר די ע ר ל י ם. אין דער אונ־טערוועלט („שאול") געפינען זיך לויט איהם צוויי באזונדערע אפטיילונגען פאר באשניטענע און פאר ערלים (כ"ח 10; ל"א 18; ל"ב 19—32). די העכסטע באדייטונג האט אבער מילה באקומען אין דער פריסטערליכער שריפט פון חומש, וואס איז א פראדוקט פון גלות־בבל*). לויט דער דאזי־גער שריפט איז מילה דער צייכען, מיט וועלכען גאט האט געשלאסען זיין בונד מיט אברהם'ען און זיינע קינדער נאך איהם אויף אייביגע דורות (בראשית י"ז).

שבת איז אין זיין סאמע ערשטען אורשפרונג געווען א שותפות'ע אינ־סטיטוציע פאר די אידען און די באבילאניער. עס הייסט ניט, אז די אידען האבען עס לכתחילה געבארגט ביי די באבילאניער, נאר ביי די אידען, פונקט אזוי ווי ביי די באבילאניער, איז דער שבת געבליבען נאך פון דער נאמאַ־דישער צייט, פון דער צייט ווען זיי האבען ארומגעוואנדערט מיט זייערע סטאדעס אין מדבר ביים שיין פון דער לבנה. דער 15טער טאג אין חודש, ווען די לבנה ווערט פול, האט ביי די באבילאניער געהייסען „שאבאטום" און איז געווען „א טאג צו בארוהיגען דאס הארץ" (פון די געטער). ווארים ביי די באבילאניער האט געשפילט א גרויסע ראלע דאס איינטיילען די טעג אין מזל'דיגע און שלים'מזל'דיגע.**) כדי אויסצומיידען אן אומגליק אין די שלים'מזל'דיגע טעג האט מען געמוזט מפייס זיין די געטער מיט קרבנות און מ'האט זיך אויך געמוזט היטען פון טאן ארבייט. די באבילאניער הא־בען געהאט אסך שלים'מזל'דיגע טעג, און „שאבאטום", דער טאג פון האלב־חודש, איז געווען איינער פון זיי. ווענען אזעלכע טעג שטעהט עס אין א

*) זעה אין באנד 2, ז. 244 אין דער באמערקונג.

**) ביי אונז אידען איז דער דאזיגער אבערגלויבען געבליבען עד היום. אזוי זיינען מאנטאג און מיטוואך שלים'מזל'דיגע טעג, אויך דער טאג פון יאהר־צייט.

באַבילאָנישער אויפשריפט, אז דער „פּאַסטוך פון פיעל פעלקער״ (דער מלך) זאָל ניט עסען קיין פלייש געבראָטענע אויף קויהלען און קיין שפייז וואָס איז געקומען אין באַריהרונג מיט פייער, זאָל ניט איבערבייטען זיינע קליידער און ניט טראָגען קיין ווייסען מלבוש, זאָל ניט פאָהרען אין קיין וואָגען און ניט ריידען וועגען אָפיציעלע ענינים; קיין זעהער זאָל ניט געבען קיין אָראַקעל און קיין רופא זאָל ניט צולעגען זיין האַנט צו א קראַנקען. שבת איז בכן געווען ביי די באַבילאָניער אַן אַסקעטישער טאָג, א מין תענית.

אין די עלטערע היסטאָרישע ביכער און אויך ביי די עלטערע נביאים שטעהט שבת צוזאַמען מיט חודש (מלכים ב, ד 23; ישעיה א 13; הושע ב 13; עמוס ח 5). עס זעהט דערפון אויס, אז אויך דער אידישער שבת איז לכתחילה געווען פאַרבונדען מיט די פאַזען פון דער לבנה. די העברעע אידישע רעליגיאָן האָט אָבער קענטיג געזוכט פון די אַלטע צייטען אָן אויס־צומיידען אַלץ וואָס האָט געהאַט א שייכות צו דעם קולט פון דער לבנה. ראש חודש, וואָס איז אין די אַלטע צייטען געווען א פאָלקס־יום־טוב (זעה די פריהער ציטירטע שטעלען און אויך שמואל א, כ), שטעהט דעריבער אומישנע ניט צווישען די ימים־טובים אין די געזעצביכער. פאַרקעהרט ווי־דער האָט שבת שוין אין דער עלטערער געזעצגעבונג פאַרלאָרען זיין שייכות צו די פאַזען פון דער לבנה און צום חודש און איז געוואָרען א רוה־טאָג פון דער וואָך. פון באַבילאָנישען שבת איז בלויז געבליבען ביי די אידען דאָס צוריקהאַלטען זיך פון אַרבייטען, בעת אָבער ביי די באַבילאָניער איז דער מאָטיוו געווען אַבערגלויבען, ווייל עס איז ניט מזל׳דיג צו אַרבייטען אין דעם טאָג, האָבען די אידען אַריינגעבראַכט דעריין א סאָציאַלען און הומאַניטאַרישען מאָטיוו. שוין אין איינעם פון די עלטסטע שטיקער געזעצ־געבונג פון חומש שטעהט עס, אז מ׳זאָל דעם זיבעטען טאָג ניט אַרבייטען „כדי עס זאָל רוהען דיין אָקס און דיין אייזעל און עס זאָל זיך אָפּעטעמען דער זוהן פון דיין דינסט און דער גר״ (שמות כ״ג 12). דער אידישער שבת, ווי מיר זעהען דאָ, האָט שוין פון אָנהויב אָן זיך אָפּגעשיידט פון דעם באַ־בילאָנישען און איז אוועקגעגאַנגען אויף אַ אייגענעם אָריגינעלען וועג. זיין העכסטע אַנטוויקלונג האָט ער אָבער ערשט דערגרייכט אין גלות. כל זמן די אידען זיינען אויף זייער לאַנד געזעסען האָט שבת קיין ראָלע ניט געקאָנט שפּילען לגבי די גרויסע נאַציאָנאַלע ימים־טובים. אין גלות אָבער, וואו די נאַציאָנאַלע ימים־טובים האָבען ניט געקאָנט געפּראַוועט ווערען אָהן א נאַציאָנאַלען קולט, איז שבת געוואַקסען אויף זייער חשבון אין באַ־דייטונג.

אין דער באבילאנישער סביבה האבען די אידען, קאן זיין, זיך אפגעלע־רענט פון זייערע שכנים צו זיין שטרענגער אין היטען שבת. פילייכט ליגט א השפעה פון דער באבילאנישער סביבה אין דעם שטרענגען פארבאט פון דער פריסטערליכער שריפט ניט צו קומען שבת אין קיין שום באריהרונג מיט פייער. פון דער אנדערער זייט אבער האט דער אידישער שבת דוקא אין באבילאניען זיך אנטוויקעלט ווייטער אויף זיין אייגענעם אריגינעל־אידישען וועג. אז אנאנימער נביא פון נאכ'ן גלות באטאנט אזוי שטארק, אז שבת איז ניט, ווי ביי די באבילאניער, א תענית, נאר דוקא א טאג פון פארגעניגען („וקראת לשבת עונג.“ ישעיה נ"ח 13). ווייל מ'האט אין גלות ניט געקאנט מקריב זיין קיין קרבנות, איז דעריבער פארטיפט געווארען דער גייסטיגער אינהאלט פון שבת און ער איז אלץ מעהר און מעהר געווארען א טאג פון גייסטיגע תענוגים.

יחזקאל איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט צוגעשריבען צו שבת אן אבסטראקטע באדייטונג. „און אויך מיינע שבתים האב איך זיי געגע־בען פאר א צייכען צווישען מיר און זיי, צו וויסען, אז איך יהוה הייליג זיי“ (יחזקאל כ 12). שבת איז, הייסט עס, לויט יחזקאל דער צייכען, וואס שיידט אפ די אידען פון די גויים. דעם דאזיגען געדאנק יחזקאל'ס צוזא־מען מיט זיין פראזעלאגיע האט איבערגענומען די פריסטערליכע שריפט פון חומש. פונקט ווי מילה איז לויט איהר דער צייכען, אויף וועלכען גאט האט געשלאסען דעם בונד מיט אברהם'ען, אזוי איז שבת דער אייביגער צייכען, אויף וועלכען גאט האט געשלאסען דעם בונד מיט די אידען ביים בארג סיני*). איינער פון די רעדאקטארען פון ספר ירמיה אין אדער נאך דעם גלות האט צוגעשטעלט א שטיק, וואו ער זאגט, אז אויב די מלכים פון יהודה צוזאמען מיט'ן פאלק וואלטען געהיט שבת, וואלט דער גאנצער חורבן ניט געקומען (ירמיה י"ז 19—27). און ביי א נביא פון נאכ'ן גלות איז שבת דער ערשטער סימן פון דינען צו יהוה און פון געהערען צום אי־דישען פאלק (ישעיה נ"ו).

ווי עס ווייזט אויס, פלעגען די אידען אין גלות צוזאמענקומען שבת אין פארזאמלונגען און לייענען דאס בוך פון דער תורה (ספר דברים) און די געשריבענע ביכער פון די נביאים, וועלכע האבען דעמאלט באקומען א וויכ־טיגערע באדייטונג אין דעם אידישען לעבען. אויך די תעניתים זיינען פון אנהויב גלות־בבל אן געווארען אן אלגעמיינע רעליגיעזע אינסטיטוציע ביי

*) פארגלייך די פראזעלאגיע אין יחזקאל כ 12 און אין שמות ל"א 13.

די אידען (עזרא ח 21; נחמיה א 4; זכריה ז 3—5). אויף אזא'ן אופן איז געלעגט געווארען אין גלות דער יסוד פון א נייער רעליגיעזער געמיינדע. דאס וואס האט געסטראשעט צו צעשטערען די מלוכה פון יהוה האט זיך ארויסגעוויזען אלס בעסטער מיטעל פאר איהר ווידעראויפבויאונג.

6.

יחזקאל'ס לעהרע און ווירקונג.

יחזקאל'ס באדייטונג.

דער אמת'ער פיהרער און דורכברעכער פון נייע וועגען אין אלע ריכ־טונגען פון אידישען געדאנק אין דער תקופה פון גלות־בבל איז געווען יחזקאל. באהערשענדיג די גאנצע אנטוויקלונג, שטהעט זיין געשטאלט אין פארדערגרונט און ווערט אלץ קלערער דערקענט אין דער דאזיגער באדייטונג, וואס מעהר מ'לערענט זיך אויס צו פארשטעהן יענע צייטען און די אייגענ־ארטיגקייט פון זייער גייסטיגער אנטוויקלונג. ער ווערט דער גייסטיגער פאטער און פיהרער פון די פארטריבענע אידען. ער האט געלערענט זיינע ברידער אויסצוטייטשען דעם חורבן פון דער שטאדט אלס פארדינטע שטראף פאר דער מאראלישער פארדארבענקייט און פאר די קולט־זינד פון ישראל; אבער ער האט גלייכצייטיג אויך געשטארקט זייער בטחון אין גאט און האט פארהיט, אז זיי זאלען זיך ניט מייאש זיין פון א בעסערער אידישער צו־קונפט. ער האט זיי אפגעריסען פון דער פארגאנגענהייט און איהרע אידע־אלען און האט זיי אנגעוויזען נייע צילען און א נייעם וועג, אויף וועלכען זיי וועלען ווידער געפינען גאט'ס גנאד. דאס הייליגע לאנד ווידער צו קרי־גען און דעם קולט פון יהוה דארטען פון דאס ניי אויפריכטען, דאס זיינען די צילען פון די פארטריבענע אידען, און דער פארשטארקטער בטחון, וואס יחזקאל האט ניי באגרינדעט, אז דאס וועט זיך זיי איינגעבען, איז זייער גייסטיגער אנהאלט. און דעם ישראל, וואס האט געזאלט ניי געשאפען ווע־רען אויף דעם היימישען באדען פון די פאטערס האט ער אנגעוויזען די וועגען, וואס געהענדיג אויף זיי וועט ער ניט פארלירען די ווידערגעפונענע גנאד פון גאט. ער האט פארגעצייכענט דעם פלאן, וואס דאס יודענטום פון נאכ'ן גלות האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע דורכצופיהרען: זיך

ארויסצואווייזען דורך א ריכטיגען קולט אלס דאס הייליגע פאלק פון הייליגען גאט, כדי מ'זאל מעהר ניט ליידען פון גאט'ס צארן און עס זאלען מקוים ווערען די הבטחות פון די נביאים. פונקט ווי ער האט צוגעגרייט די הערשאפט פון דער תורה, אזוי האט ער אויך, צייכענענדיג אין פעסטע ליניען דאס בילד פון דער צוקונפט, באריכערט די משיח־האפענונג מיט נייע שטריכען און האט אויף אזא'ן אופן פארמולירט ביידע גענקען, וועלכע קומען פון איין שורש, וועלכע דערגענצען זיך איינער דעם אנדערען און אויף וועלכע עס האט זיך אויפגעבויט דער גלויבען און די זיטע פון יודענטום.

זיין כאראקטער און זיין אויפטריט.

יחזקאל האט פאראייניגט אין זיין כאראקטער יענע מעלות, וועלכע האבען איהם געמאכט פאסיג צו זיין א פיהרער פון זיין דור און פון די דורות באלד נאך איהם, אבער וועלכע רעקאמענדירען איהם ניט אזוי שטארק צו אונזער היינטיגער צייט. יענע אינערליכע שפאנונג, זיך גרעניצענדיג כמעט מיט משוגעת, וועלכע האט איהם געמאכט זיצען זיבען טעג, באטויבט און שטום, צווישען די אידישע קאלאניסטען אין תל־אביב, איידער ער האט איבערגעגעבען זיין שטראפענדע שליחות (ג 15), — קוקט אוים משונה'דיג אנדערשוואו, ניט אבער אין דער אנגעשפאנטער אטמאספערע פון גלות. זיין שפראך קלינגט אפט ווי בלויז א גוזמא'דיגע מליצה, ווען מ'שאצט ניט אפ די סיטואציע, וואס האט זי ארויסגערופען (פארגלייך, למשל, קאפ. ט"ז). זיין איבער'חזר'ען זיך און זיין איבערגעבען די קלענסטע פרטים זיינען לאנגווייליג בלויז פאר דעם, וועלכער באנרייפט ניט ווי טעמפ זיינע לעזער זיינען געווען. יחזקאל איז ניט געווען קיין אראטאר, אויך ניט קיין בעל־מליצה, נאר אן ארגאניזאטאר און א פראקטישער מאן. זיינע ווערטער האבען אפעלירט צו די מענשען פון זיין דור, ווייל זיי האבען אנערקענט זייער אמת און זייער נוצליכקייט. ער איז געשטאנען אזוי נאהענט צו זיי, אז ער האט געקאנט קלאר אפשאצען און איז געווען בכוח צו באפרידיגען זייערע גייסטיגע באדערפעניששען. די טיפערע קוואלען אבער פון יחזקאל'ס השפעה זיינען געווען מעלות, וועלכע האבען א ווירקונג אין אלע צייטען. זיין שטארקע שפאנונג איז געווען דער אויסערליכער אויסדרוק פון א מאראלישער ערנסטקייט, וועלכע איז געקומען פון א שארפען חוש פאר גערעכטיגקייט. געגענערשאפט האט איהם קיינמאל ניט אפגעשראקען, נאר האט נאך בולט'ער ארויסגעבראכט זיין פעסטע איבערגעבענקייט צום אמת

(ג 9). א געוויסער פייערדיגער אויסדרוק האָט כאַראַקטעריזירט אַלץ וואָס ער האָט געטאָן. צוגלייך דערמיט האָט זיין הויכע השגה פון גאָט'ס דערהויבענקייט און הייליגקייט ארויסגעבראכט אין זיין האַרץ א טיפע הכנעה, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם אויסדרוק „מענשען־זוהן" (בן אדם), מיט וועלכען ער רעדט אַלעמאָל פון זיך.

אוועקגעפיהרט אין באַבילאָניען מיט דעם גלות יהויכין אין יאָהר 597 איז יחזקאל קענטיג געבליבען שטיל ביז דעם יאָהר 592, ווען ער האָט, ווי ישעיה, באַקומען דעם קלאָרען רוף אויפצוטרעטען אלס נביא. זיין באריכט פון דער דאָזיגער וויכטיגער געשעהעניש אַנטפּלעקט פאַר אונז די מעכטיגע מאָטיווען, וועלכע האָבען איהם דעמאָלט באַאיינפלוסט. פון איין זייט האָבען איהם געדריקט די אָפענע דומהייטען און טעותים פון די אידען, וועלכע זיינען געווען אין גלות, און באַזונדערס פון די, וועלכע זיינען געבליבען אין יהודה; פון דער אנדערער זייט ווידער האָט דער כאַראַקטער און ווילען פון יהוה זיך אזוי שטאַרק איינגעדריקט אין זיין עמפּינדליכען גייסט, אַז ער האָט, ווי קיינמאָל נאָך ניט פריהער, באַגריפען דעם געוואַלדיגען היפוך צווישען דעם געטליכען אידעאַל און דער מענשליכער ווירקליכקייט. פון איצט אָן איז די עובדא פון זיין לעבען געווען „צו געהן צו דעם הויז פון ישראל און צו ריידען יהוה'ס ווערטער צו זיי" (ג 4), כדי זיי זאָלען משיג זיין יענעם געטליכען אידעאַל. ביז דעם יאָהר 586, ווען ירושלים איז חרוב געוואָרען, האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט'ן באַקעמפען די פאַלשע האָפנונגען פון א באַפרייאונג פון דער באַבילאָנישער הערשאַפט, האָפנונגען וואָס האָבען באַהערשט די געבליבענע פון זיין פאָלק אין ארץ ישראל און אויך אסך פון די אידען אין מזרח*). זיין שליחות, פונקט אזוי ווי ירמיה'ס, איז באַשטאַנען, אונטער די אומשטענדען, אין פאַרדאַמען און אין פּראָקלאַמירען דעם חורבן וואָס וועט באַלד קומען. אין אָנהויב האָבען זיינע גלות־ברידער, וועלכע זיינען געווען פול מיט דער האָפנונג אויף א באַלדיגער באַפרייאונג, איהם צוריקגעוויזען און האָבען געברויכט פערזענליכע געוואַלד געגען איהם (ג 25). די שטעלונג פון דעם פאָלק צו איהם האָט זיך אָבער אין גאַנצען געענדערט, ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, ווען זיין נביאות איז מקוים געוואָרען. ווען די שרעקליכע בשורה איז געקומען, אַז „די שטאָדט איז געשלאָגען." פון דאָן אָן האָבען איהם פאַרעהרט און איהם אויפמערקזאם צוגעהערט אלע אידען פון באַבילאָניען, און זיין השפעה האָט דערגרייכט

---

*) זעה אויבען ז. 176.

זיין פאלק איבער דער גאנצער וועלט. ער האט אויך אזא'ן אופן באקומען א געלעגנהייט וואס קיין אנדער נביא, אחוץ פיליכט ישעיה, האט עס ניט געהאט.

אין דער פארשידענקייט פון די מעטאדען, וועלכע ער האט אנגעווענדט כדי צו מאכען א רושם מיט זיינע רייד, שטייגט ער אריבער אלע אנדערע נביאים. פונקט ווי ירמיה, האט ער אפט אויפגעזוכט גרופען פון אידען און האט זיך באמיהט זיי צו דערגרייכען דורך עפענטליכע רעדעס. מיר קענען זעהן, ווי ער טופעט מיט די פיס און זשעסטיקולירט מיט די ארעמס, כדי צוצוגעבען קראפט צו זיינע ווערטער (ו 6). נאך אפטער, פלייכט, פלעגען אידישע דעפוטאציעס איהם באזוכען אין דערהיים צו דיסקוטירען געוויסע פראגען (י"ד). אין דער ליטעראַרישער אטמאספערע פון באבילאניען האט ער אבער דאס רוב זיך באנוצט מיט'ן שיקען צושריפטען צום עולם, און קאפיעס דערפון זיינען וואהרשיינליך אויך פארטיילט געווארען צווישען די אידען פון ארץ ישראל און עגיפטען; ווארים יחזקאל האט געפיהלט, אז אויך זיי שטעהען אונטער זיין גייסטיגער השגחה. אין אלץ וואס ער האט געשריבען האט דער שטארק דראמאטישער עלעמענט, וועלכער כאראקטעריזירט יעדע זאך וואס ער האט געטאן, געפונען אן אויסדרוק אין פארשידענע שטארקע בילדער, מיט וועלכע ער באנוצט זיך. ניט צופרידען מיט ווערטער, האט ער אפט פארגעשטעלט זיינע נבואות דורך קאנקרעטע האנדלונגען. כדי צו איבערצייגען זיין פאלק, אז דער אונטערגאנג פון ירושלים איז אומפארמיידלער, האט ער אפגעמאלט אויף א ציגעל די שטאדט אין א צושטאנד פון באלאגערונג און האט פארגעשטעלט מיט קאנקרעטע מעשים אלע פרטים פון איהר עראבערונג (ד 1—3). אן אנדערט מאל איז ער באפוילען געווארען זיך אפצוגאלען גאר זיינע האר און צו פארברענען איין דריטעל אין פייער, איין דריטעל צו צעקלאפען מיט'ן שווערד און דעם געבליבענעם דריטעל צו צעשפרייטען אין אלע ווינטען. פון אט די לעצטע האט ער געזאלט באהאלטען נאר א הייפעלע, צו סימבאליזירען אויף אזא'ן אופן דעם גורל וואס ווארט אויף זיין פאלק (ה). ווידער אן אנדערט מאל דערצעהלט ער אונז, אז אין דער אנוועזענהייט פון א פארגאפטען עולם האט ער אוועקגעטראגען אלע זיינע זאכען פון הויז אויף א פלאץ ביי דעם מויער פון שטאדט און האט דאן אויסגעגראבען א לאך אין ווייכען ליים, דורך וועלכער ער האט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט ארויסגעטראגען זיינע זאכען. האבענדיג אויף אזא'ן אופן געמאכט זיינע גלות-ברידער נייגעריג אויף דער העכסטער מדרגה, האט ער זיי דאן דערקלערט, אז פונקט אט אזוי וועלען

זייערע אויפשטענדישע ברידער אין ירושלים זוכען באלד צו אנטלויפען אין דער פינסטער פון זייער פאראורטיילטער שטאדט (י"ב 1—16).

זיין באטראכטונג פון דער פארגאנגענהייט.

מיר האבען שוין אויבען באמערקט*), אז יחזקאל פארמיטעלט דורך זיין לעהרע דעם ברוך מיט דער אלטער פארגאנגענהייט און איהרע אידעאלען. אין קיין אנדער פונקט האט ער ניט דייטליכער פארמירט פאראוים די שטי־מונג און דעם געדאנק פון דעם יודענטום פון נאכ'ן גלות. און גראד אט דא שטעהט זיין איבערצייגונג פולקום פעסט שוין פאר'ן חורבן פון דער שטאדט. יחזקאל האט נאטירליך ניט נייע באשאפען יענעם קוק, וועלכער באטראכט די גאנצע פארגאנגענהייט פון פאלק פון א רעליגיעזען שטאנד־פונקט, א באטראכטונג, וואס איז בעצם פרעמד דער אידישער פארגאנגענ־הייט, פארשטעהט זי דעריבער ניט און מוז זי איבערטייטשען אדער זי פארוואָרפען אלס זינדיג. שוין הושע האט אין די צייטען פון דער אונטער־געהענדער צפון־מלוכה איינגעפיהרט דעם דאזיגען אופן פון באטראכטען די פארגאנגענהייט. ער האט פארדאמט די גאנצע תקופה זינט די אידען האָ־בען זיך אין זייער לאנד באזעצט אלס א זינדיגע. אין יענע טיילען פון זיין בוך, וועלכע באשעפטיגען זיך מיט דער אידישער פארגאנגענהייט, שליסט זיך דעריבער יחזקאל אן דייטליך אן הושע'ן הן אין אינהאלט און הן אין אויסדרוק. פונקט אזוי שליסט ער זיך אויך אן דעם ספר דברים. ווארים ערשט דער ספר דברים האט געשאפען די מעגליכקייט דורכצופיהרען קאנ־סעקוועגט אזא באטראכטונג דערמיט וואס ער האט די צענטראליזאציע פון קולט אין בית־המקדש פון ירושלים אריבערגעטראגען אין דער צייט פון זיין גרינדונג אונטער שלמה'ן און דערמיט געשאפען א מאס, מיט וועלכער עס לאזט זיך מעסטען די פרומקייט און רעכטפערטיגקייט פון דער פארגאנגענ־הייט. יחזקאל געהט דא בכן אין די פוסטריט פון די נביאים און פון דעם ספר דברים, אבער ער געהט אוועק פיעל ווייטער ווי זיי. ווארים הושע רעדט פון יוגענד־ליבע פון ישראל צו יהוה אין דער אורזאלטער, נאמאדישער צייט (הושע ב 17). אזעלכע אויסדרוקען געפינען מיר אויך ביי ישעיה און ירמיה (ישעיה א 21; ירמיה ב 2). בעת דער ספר דברים זאגט גארניט ווענען דעם אידישען מצב פאר שלמה'ן און וועגען דעם מצב פון שלמה'ן

*) זעה אויבען ז. 247.

ביז יאשיהו'ן גיט ער נאר אן אומדירעקטען אורטייל. לויט די נביאים פאר יחזקאל'ען זיינען, הייסט עס, די אידען פארדארבען געווארען ערשט ווען זיי האבען זיך באזעצט אין זייער לאנד. יחזקאל אבער דערקלערט די גאנצע אידישע פארגאנגענהייט אלס זינדיג, אלס אן אוועקקערונג פון גאט. פון ערשטען אנהויב אן האבען די אידען עובר געווען אויף גאט'ס „געזעצען" און „משפטים." שוין אין מצרים האבען די אידען ווידערגעשפעניגט געגען גאט און האבען ניט אוועקגעווארפען די עגיפטישע געצען. נאר פון זיין הייליגען נאמען וועגען האט זיי יהוה געשאנעוועט, זיי ארויסגעפיהרט פון מצרים אין מדבר און האט זיי געגעבען זיינע געזעצען און משפטים, וועלכע דער מענש זאל מקיים זיין און לעבען דורך זיי. אבער אויך אין מדבר זיינען די אידען געווען ווידערשפעניג געגען גאט, האבען פארלאזען זיינע געזעצען און האבען געדינט אפגעטער. יהוה האט דעריבער שוין געשווארען אין מדבר זיי צו צעשפרייטען צווישען די פעלקער. נאר אוים מיטלייד מיט זיי און כדי זיין הייליגער נאמען זאל ניט פארשוועכט ווערען האט גאט ניט געמאכט קיין כליה פון זיי אין מדבר און האט זיי אין זייער לאנד געבראכט. ניט קוקענדיג אויף דעם אבער האבען אויך די קומענדיגע דורות ניט געפאלגט גאט און האבען געשאכטען זייערע קרבנות אויף יעדען הויכען בערגעל אין אונטער יעדען געדיכטען בוים (קאפ. כ). ישראל איז דעריבער פאר יחזקאל'ען א הויז פון ווידערשפעניגקייט (ב 5—7), וואס האט קיינמאל אין זיין געשיכטע ניט פארדינט גאט'ס הילף און לייטזעליגקייט.

די דאזיגע פארדאמונג פון דער אידישער רעליגיעזער פארגאנגענהייט ברייננגט נויטווענדיג מיט זיך אויך די פארדאמונג פון דער פאליטישער פאר־גאנגענהייט. ניט בלויז זיינען די גלענצענדע ערינערונגען אן די פארגאנגענע צייטען פארבונדען מיט די אלטע קולט־פלעצער, נאר דער גאנצער פרואוו זיך צו אנטוויקלען פאליטיש ווי די אנדערע פעלקער און אין קאנקורענץ מיט זיי איז געווען אן אפקעהרונג פון גאט, ווייל די אויפגאבע פון ישראל איז געווען זיך ארויסצואווייזען אלס יהוה'ס הייליג פאלק. ישראל האט דאן פארפעהלט זיין אויפגאבע. די גלענצענדע אויפטואונגען פון פארצייטען, וועלכע האבען געלעבט אין דעם זכרון פון פאלק, זיינען דערמיט בלאס גע־ווארען אדער האבען זיך פארוואנדעלט אין מיאוס'ע פלעקען.

א נייע באטראכטונג פון דער פארגאנגענהייט קומט שטענדיג אויף ביי אלע לעבענספעהיגע פעלקער. אבער דער נייער קוק אויף דער פארגאנגענ־הייט פון ישראל האט באדייט מעהר ווי בלויז אן ענדערונג אין דעם גע־שיכטליכען אורטייל, ער האט באדייט די פולשטענדיגע אנטזאגונג פון דער

פאַרגאַנגענהייט און איהרע אידעאַלען און די צואווענדונג צו נייע אידע־אַלען.

זיין לעהרע פון דער אחריות פון דעם יחיד.

מיר האָבען שוין געזעהן אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, אז מיט דעם אונ־טערגאַנג פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער נאַציאָן איז דער יחיד דערהויבען געוואָרען צו א נייער, הויכער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פריהער קיינמאָל ניט פאַרנומען. דער איינצעלנער איד האָט דערפיהלט זיין באַדייטונג און זיין שייכות צו גאָט. און יחזקאל מיט זיין לעהרע פון דער אחריות פון איטליכען יחיד פאַר זיינע אייגענע מעשים איז געוואָרען דער טעאָרעטיקער פון דעם דאָזיגען גייסטיגען אינדיווידואַליזם. „די זעל וואָס זינדיגט, די שטאַרבט; א זוהן ליידט ניט פאַר די זינד פון דעם פאָטער, און א פאָטער ליידט ניט פאַר די זינד פון דעם זוהן.“ און ניט בלויז איז דער יחיד ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַן אַנדערען'ס מעשים, נאָר אויך זיינע אייגענע מעשים וואָס ער האָט פריהער געטאָן ווערען ניט גערעכענט, אויב ער האָט זיך היינט פאַרנומען אויף אַן אַנדער וועג. דעם צדיק קאָן גאָר ניט העלפען זיין אַמאָליגע צדקות, אויב ער געהט איצט אויף א שלעכטען וועג; ווען דער רשע ווידער טוט תשובה, וועט ער לעבען און זיינע אַמאָליגע זינד וועלען ניט דערמאָנט ווערען; וואָרים גאָט וויל ניט, אז דער רשע זאָל שטאַרבען, נאָר אז ער זאָל טאָן תשובה און בלייבען לעבען (י"ח).

מיט דער לעהרע, אז דער מענש איז פאַראַנטוואָרטליך נאָר פאַר זיינע אייגענע מעשים, האָט יחזקאל צעשטערט דעם גלויבען פון פאָלק, אז מען איז איצט גוט און פרום, נאָר מ'ליידט פאַר די זינד פון די עלטערן, א גלויבען וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם באַקאַנטען ווערטיל: „די פאָ־טערס האָבען געגעסען זויערע וויינטרויבען און די זיהן האָבען געקראָגען האָיליגע צייהנער“ (י"ח 1). און מיט דער איבערצייגונג, אז גאָט וויל ניט אז דער רשע זאָל שטאַרבען, נאָר אז ער זאָל תשובה טאָן און לעבען, האָט יחזקאל פאַרטריבען יענע שטימונג, וועלכע האָט געגלויבט, אז מ'וועט מוזען אין גאַנצען אונטערגעהן אונטער דעם דרוק פון די אייגענע זינד און פון די זינד וואָס מ'האָט גע'ירש'עט פון די פאָטערס (ל"ד 10, 11). די געוויסקייט, אז מ'האָט א גאָט, וועלכער איז גענייגט מוחל צו זיין האָט אריינגעגעבען דעם פאָלק כוחות אריבערצוטראָגען די נעגענוואַרט און צו דערוואַרטען א נייע, גליקליכערע צוקונפט.

אויך אין דעם פּרט פון גייסטיגען אינדיווידואליזם געהט יחזקאל איז די פוסטריט פון זיינע פאָרגעהער. שוין ירמיה האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק פון דער פערזענליכער אחריות פון יעדען יחיד (ירמיה ל״א 28, 29). יחזקאל האָט אָבער גרינטליכער אויסגעאַרבייט דעם דאָזיגען געדאַנק, און זיין לעבעדיגע און שאַרפע אילוסטראַציע מאַכט א שטאַרקערען רושם איידער די קורצע דערקלערונג פון זיין לעהרער.

ז י י ן פּ ל א ן פ א ר ד ע ר א י ד י ש ע ר צ ו ק ו נ פ ט.

איינע פון די פיעל אומדערקלערליכע זאַכען איז די איינשטימיגקייט און געוויסקייט, מיט וועלכער די נביאים פון יענער פּעריאָדע האָבען דערקלערט, אז זייער פאָלק וועט זיך צוריקקעהרען אין זיין לאַנד און דאָרטען ווידער אויפגעריכט ווערען. אין פּרטים זיינען זייערע בילדער פון דער צוקונפט פאַרשידען, אָבער בנוגע צו די הויפּט־פאַקטען שטימען זיי פולקום איין. נאָך פאַר דעם חורבן פון ירושלים האָט יחזקאל נביאות געזאָגט, אז יהוה וועט זיכער צונויפזאַמלען זיין צעשפּרייט פאָלק. שפּעטער, ווען די הייליגע שטאָדט איז געלעגען אין חורבות, און די אידען זיינען געווען אין גלות אָדער אין קבר, האָט ער ווידער איבערגע׳חזר׳ט דיזעלביגע נביאות אין דעם באַקאַנטען משל פון דעם טאָל מיט די פאַרטריקענטע ביינער. אין דעם דאָזיגען משל האָט ער דערקלערט, אז די אידישע נאַציאָן, וועלכע איז דעמאָלט געווען מאָראַליש און פיזיש טויט, וועט ווידער אויפגעלעבט ווערען דורך יהוה און באַשאַנקען ווערען מיט א נייעם און גלענצענדערען לעבען (ל״ז 1—14); און אין דערזעלביגער צייט וועלען אַלע פעלקער, וואָס זיינען געווען אידישע שונאים, לגמרי פאַרטיליגט ווערען. צוליב זיין כבוד, וואָס איז אזוי שטאַרק פאַרשוועכט געוואָרען דורך די, וועלכע האָבען איהם רעפּרעזענטירט פאַר דער וועלט, וועט זיי יהוה געבען א נייע הארץ פון פלייש, אנשטאָט זייער אַלטע הארץ פון שטיין (ל״ו 21—26). ער וועט ווידער באַנייען דעם אַלטען און געבראָכענעם בונד און ער גופא וועט זיך צוריקקעהרען צו וואוינען פון דאַס ניי אין ירושלים צווישען זיין פאָלק (ל״ז 26—28). עס איז אויך אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אז אין יחזקאל׳ס צוקונפט־בילד פון דעם ניי אויפגעשטעלטען אידישען קעניגרייך האָבען די אידען פון צפון ישראל א חלק פונקט ווי די אידען פון יהודה (ל״ז 16—22). איטליכען פון די אַלטע שבטים וועט צוגעטיילט ווערען א באַשטימטע שטיק לאַנד אין ארץ ישראל (מ״ז 13). איבער דעם פאַראייניגטען פאָלק וועט

דעגירען יהוה׳ס טרייער קנעכט, אז אפגעשטאמטער פון דער קעניגליכער פאמיליע פון יהודה, וועלכער וועט זיין באהערשט פון דיזעלביגע דערהויבענע כונות ווי דער גרויסער ערעבערער־קעניג פון ישראל, דוד (ל״ד 23, 24 ; ל״ז 24—48). יחזקאל שילדערט דעם אומאונטערבראכענעם פרידען און דאס אומבאגרעניצטע גליק, וואס וועט סוף־כל־סוף קומען צו דעם צוריק אויפגעריכטען פאלק, נאך אין גלענצענדערע פארבען ווי די פריהערדיגע נביאים (ל״ד 24—29 ; ל״ו 8—15). ער האט אבער ניט פארמאכט זיינע אויגען אויף די פעהלערן פון זיין פאלק און האט אנערקענט, אז עס איז נויטיג געווען א לאנגער פראצעס פון רייניגונג איידער די אידען וועלען ווערט זיין צו ווערען בירגער פון דער מלוכה, וועלכע יהוה האט ברעה אויפצושטעלען מיט ירושלים אלס איהר צענטער.

זיך באנוצענדיג מיט דער ערפאהרונג פון דער פארגאנגענהייט און געהענדיג אין דער ריכטונג צו א גרעסערען צערעמאניאליזם, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין ספר דברים און אין דער רעפארם פון יאשיהו, האט יחזקאל פארגעצייכענט פאר דער צוריק־אויפגעשטעלטער מדינה א פלאן, וואס האט באצוועקט אויסצובעסערען די חסרונות פון דעם פריהערדיגען סיסטעם און אויסצודריקען דורך פארם און צערעמאניע די אמת׳ען, וועלכע ער האט געהאלטען פאר וויכטיג. נאטירליך איז דער פלאן איז אלגעמיין אויסגעלעגט געווארען לויט דער אידישער מלוכה און דעם בית־המקדש פון פאר דעם גלות, מיט וועלכע ער איז אזוי גוט באקאנט געווען ; אבער זיין פרוכטבארער גייסט האט פארגעשלאגען אסך זאכען, וואס זיינען געווען לגמרי נייע, און ניט ווייניג זאכען, וואס האבען זיך ארויסגעוויזען אלס אומפראקטיש לויט די ממשות׳דיגע פאקטען. זיין כונה זעהט זיך אבער באשיינפערליך. מיט׳ן פארשרייבען געזעצען מיט אלע זייערע פרטים האט ער געצילעוועט צוצומאכען אלע עפענונגען אין דער תורה פון ספר דברים, דורך וועלכע דער אלטער געצענדינסט האט זיך אריינגעכאפט, און ארומצורינגלען די מיטגלידער פון דער אויפגעשטעלטער געמיינדע מיט השפעות, וועלכע האבען געזאלט פארזיכערען זייער פולע אנטוויקלונג.

לויט דער דאזיגער זעהונג יחזקאל׳ס איז דער צענטער פון דעם לעבען פון דער געמיינדע געווען ניט דער פאלאץ, נאר דער בית־המקדש, וואו עס האט געוואוינט יהוה, דער אנערקענטער קעניג פון ישראל. כדי אויסצוהיטען זיין הייליגע וואוינונג פון א צו נאהענטער באריהרונג מיט דעם לעבען פון דער שטאדט און כדי צו באטאנען די אידעע פון זיין הייליגקייט האט דער בית־המקדש געזאלט זיין ארומגערינגעלט מיט צוויי

רייהען פון ברייטע הויפען, איינגעשלאָסען דורך מויערן ארום און באוואכט דורך גרויסע טויערן. דעם דאָזיגען שטח פון אינווענינג האָט, אין היפּוך צו דעם פריהערדיגען מנהג, קיין פרעמדער (בן נכר) ניט געטאָרט מיט זיין פוס באטרעטען; אפילו די ניט־אידישע קנעכט, וועלכע האָבען פאר׳ן גלות געטאָן גראָבע ארבייט אין בית־המקדש, האָבען געזאָלט אויסגעשלאָסען ווערען. זייער פּלאַץ האָבען געזאָלט אויספילען די לויים, וועלכע האָבען לויט׳ן געזעץ פון ספר דברים געקאָנט ווייטער נעמען אנטייל אין דער עבודה פון בית־המקדש*). אזוי אָבער ווי זיי זיינען פריהער געווען פארבונדען מיט די במות, האָבען זיי געזאָלט דערקלערט ווערען אלס גייסטליכע פון א ניעדריגערען ראַנג (יחזקאל מ״ד 10—14). די העכערע פונקציעס האָבען פון איצט אָן געזאָלט דורכגעפיהרט ווערען נאָר דורך די זיהן פון צדוק, דאָס הייסט: פון די אורשפּרינגליכע כהנים פון דעם בית־המקדש אין ירושלים. די צאָהל פון די קרבנות אין נאָמען פון דער נאציאָן זאָל אסך פארגערעסערט ווערען, און דער ריטואַל זאָל פּינקטליכער אויסגעארבייט ווערען; בעת די פּריוואַטע קרבנות פון די פריהערדיגע צייטען זיינען כמעט אין גאַנצען פאר־שוואונדען. א וויכטיגער פּלאַץ, וואָס זיי האָבען פריהער קיינמאָל ניט פאר־נומען, איז אויך אָפּגעגעבען געוואָרען צו די זינד־אָפּפער. פאר דעם אָנהויב פון ערשטען און זיבעטען חודש (ניסן און תשרי) זיינען באַשטימט געוואָרען ספּעציעלע זינד־אָפּפער. פאַקטיש האָבען כמעט אלע קרבנות, וואָס מ׳האָט מקריב געווען אין נאָמען פון דער נאציאָן, געזאָלט איצט זיין פון אָט דער נאַטור. פון איצט אָן האָט די לעהרע פון די נביאים בנוגע צו דער שרעק־ליכקייט פון זינד געזאָלט איינגעקריצט ווערען אין די הערצער פון פאָלק דורך דעם ריטואַל פון בית־המקדש.

אין יחזקאל׳ס סיסטעם פארטונקעלט די כהונה לגמרי די מאָנארכיע. די הויפּט־ראָלע פון דעם פירשט, וועלכער שטעלט פאָר דעם אמאָליגען קעניג, האָט געזאָלט זיין צו פאַרזאָרגען די נאציאָן מיט די קרבנות, וועלכע האָבען געזאָלט פון איהרט וועגען געבראַכט ווערען. פאר אָט דעם צוועק בלויז האָט ער געזאָלט קריגען א באַשטימטע הכנסה פון פאָלק. זיין רעכט פון אמאָל איינצוזעצען כהנים און זיי צו זאָגען א דעה איז פאַרשוואונדען. די לאַגע איז פונקט פארקעהרט: דער פירשט איז ניט מעהר ווי א דינער פון היילינגטום. אין דער נייער חלוקה פון דער טעריטאָריע פון יהודה טיילט יחזקאל צו צו די כהנים און די לויים דאָס ווינשענסווערטסטע שטיק לאַנד

*) דברים י״ח 6—8. פארגלייך אויבען ז. 134.

ארום דעם בית־המקדש. אויף אזא׳ן אופן האָט דער ענערגישער כהן־נביא פון גלות פאַרמולירט די ערשטע קאָנסטיטוציע פון א ריין גייסטליכער מדינה. נאַטירליך האָט מען די דאָזיגע קאָנסטיטוציע אוועקגעלעגט אַן א זייט ביז דער צווייטער בית־המקדש איז אויפגעבויט געוואָרען; אָבער פון דאַן אָן זיינען פיעל פון איהרע פארשלאָגען אָנגענומען געוואָרען אין גאַנצען אָדער אין א מאָדיפיצירטער פאָרם.

מ׳מעג באמת זאָגען, אז יחזקאל האָט אויפגעצייכענט א רויהען פּלאַן, וועלכער איז, אין אַן אויסגעאַרבייטער פאָרם, געוואָרען דער פּראָגראַם פון די שפּעטערע דורות. מיט איהם האָט זיך אָנגעהויבען די קאָדיפיצירונג און לאַנגזאַמע אויסברייטונג פון די עלטערע ריטועלע געזעצען, וועלכע האָבען דערגרייכט זייער העכסטען פונקט אין די גענוי מיט די קלענסטע פּרטים אָנגעגעבענע דינים פון די סופרים. די מעהרסטע אידעען, וועלכע זיי האָבען באַטאָנט: די אויפהייבונג פון דער כהונה, די הייליגקייט פון בית־המקדש, די גענויע אָפּשיידונג צווישען „טהור" און „טמא" און די קרבנות מכפּר צו זיין אויף די זינד — פאַרנעמען אויך א בולט׳ען פּלאַץ אין יחזקאל׳ס סיסטעם. ער פאַרנעמט דעריבער א באַדייטענדע פּאָזיציע אלס פאַרמיטלער צווישען דעם עלטערען און אייגפּאַכערען קאָדעקס, וואָס איז אַנטהאַלטען אין ספר דברים און אין ספר הברית*), און די מעהר אין פּרטים אויסגעאַרבייטע דינים פון „תורת כהנים." דורך שפּעטערע אומשטענדען איז יחזקאל׳ס פּראָגראַם אין אַסך פּרטים מאָדיפיצירט געוואָרען. דער טאָג איז נאָך ניט געווען געקומען, ווען וועלכער ניט איז סיסטעם פון געזעצען זאָל באַטראַכט ווערען פאַר ענדגילטיג, וואָס קאָן שוין מעהר ניט געענדערט ווערען. יחזקאל׳ס תקנות זיינען רעווידירט געוואָרען פּונקט אזוי פריי ווי ער האָט מאָדיפיצירט די תקנות פון ספר דברים. „די תורה" איז נאָך געווען אין א פּראָצעס פון פאָרמירונג. צום ביישפּיל, די מאַכט און די פליכט, וועלכע יחזקאל האָט צוגעטיילט צו דעם פירשט פון דוד׳ס הויז, האָט צוגענומען דער כהן גדול, אז אמט וואָס דער כהן־נביא פון גלות האָט אין זיין פּראָגראַם ניט אריינגענומען. שפּעטערע דורות האָבען אויך אָנגעגעבען אַז אנדער היסטאָרישען גרונט פאַרוואָס די לויים, די כהנים פון די במות, זיינען אונטערוואָרפען געוואָרען אונטער די „בני צדוק" — די אורשפּרינגליכע כהנים פון ירושלים. די פּריסטערליכע שריפט פון חומש, וועלכע עזרא האָט געבראַכט פון בבל קיין ארץ ישראל, איז מייחס די כהנים פון ירושלים

*) זעה אין באַנד 1, ז. 280.

צו אהרן׳ען. וועמען גאָט זאָל שוין האָבען אויסגעקליבען אין מדבר פאַר דעם הויפּט־דינער אין זיין היילינגטום. אַסך אַנדערע תקנות, וועלכע האָבען באַ־צוועקט צו פאַרגרעסערען די הכנסות פון בית־המקדש און פון זיינע דינער, זיינען צוגעלעגט געוואָרען, ווען עס זיינען אויפגעקומען נייע באַדערפעענישען און דער ריטואַל איז געוואָרען מעהר קאָמפּליצירט. פון דער אַנדערער זייט זיינען פיעל פון די אומפּראַקטישע עלעמענטען אין יחזקאל׳ס פּלאַן, ווי למשל די אייגענווילינע צעטיילונג פון דער טעריטאָריע פון ארץ ישראל און דער פּלאַן פון דעם בית־המקדש פשוט איגנאָרירט געוואָרען אין די שפּעטערדיגע צושטענדען. עס איז דערפאַר געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, וואָס אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט (נאָך דער קריסטליכער צייט), ווען די טראַדיציע וועגען דעם אורשפּרונג פון דער תורה איז שוין געווען אַלגעמיין אָנגענומען ביי די אידען, האָבען זיי דערקענט די פיעל חילוקי־דעות צווישען יחזקאל און דעם נאָך מעהר אויסגעאַרבייטען געזעצבוך פון „תורת כהנים" און האָבען געשטעלט אין פראַגע די אויטאָריטעט פון דעם נביא*). אין דעם ליכט פון דער היסטאָריע אָבער פיגורירט ער אַלס דער גרעסטער פון פיעלע, וועלכע האָבען אין דער קריטישסטער צייט פון גלות געטראַכט פון דער צוקונפט פונקט ווי פון דער געגענוואַרט און האָבען געשאַפען יענע סיסטעמען פון געזעצען, וועלכע זיינען אין זייער ענדגילטיג־רעווידירטען און צוזאַמענגעשטעלטען נוסח געוואָרען דער ריכט־שנור פון יודענטום. יחזקאל איז געווען דער טעפער, וואָס האָט איבערגענומען די געציייג פון די פריהערדיגע כהנים און נביאים און האָט אויפ׳ן ראָד פון זיין צייט מאָדעלירט דאָס אויסערליכע רעליגיעזע לעבען פון זיין פאָלק.

7.

די לעצטע יאָהרען פון דער באַבילאָנישער הערשאַפט.

נאָך אַ מעכטיגער דריי און פערציג יעהריגער הערשאַפט, איז דער גרויסער נבוכדראצר אין יאָהר 561 געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג אַ גוט אָרגאַניזירטע אימפּעריע, וואָס פון אויבען אויף האָט זיך געדוכט, אַז זי איז געווען בכוח זיך צו האַלטען הונדערטער יאָהרען. אָבער אין ווייניגער ווי אַ פערטיל

*) אמר רב יהודה אמר רב ברם זכור אותו האיש לטוב וחנניה בן חזקיה שמו שאלמלא הוא נגנז ספר יחזקאל שהיו דבריו סותרים דברי תורה מה עשה העלו לו ג׳ מאות גרבי שמן וישב בעליה ודרשן, שבת י״ג עמוד ב, מנחות מ״ה עמוד א.

יאָהרהונדערט האָט זי געטיילט דעם גורל פון דער אשורישער אימפעריע.

נבוכדראצאר'ס נאָכפאָלגער איז געווען זיין זוהן אויל־מרודך (באַבילאָניש, „אמיל־מארדוק," דער מאַן אָדער קנעכט פון מארדוק). דער נייער הערשער איז קענטיג געווען איינער פון די פיעל שוואכע פּראָדוקטען פון אָריענטאַלישען הארעם. לויט גריכישע קוועלען איז ער געווען שוואך אין כאראקטער און דעספּאָטיש אין זיין הערשאַפט. דאָס הארמאָנירט ניט גוט מיט דעם באריכט אין ספר מלכים (ב, כ"ה 27—30). לויט וועלכען אויל־מרודך האָט באַפרייט דעם קעניג יהויכין, נאָכדעם ווי דער לעצטער איז געזעסען 37 יאָהר אין באַבילאָנישע געפענגענישען, און האָט איהם געגעבען א פּלאַץ ביים קעניגליכען טיש. די באפרייאונג פון יהויכין איז נאַטירליך געווען איינע פון אסך עהנליכע האנדלונגען. פיליייכט האָט אויל־מרודך ניט געהאַט אזא שטארקען יראת־הכבוד פאר דער הערשענדער פּריסטערליכער פּארטיי, פון וועמען די שטרענגע שטראָף האָט געשטאַמט. יעדענפאלס איז זיין רעגירונג געווען זעהר אַ קורצע און האָט זיך טראַגיש געענדיגט. ער איז דער'הרג'עט געוואָרען אין אן אויפשטאַנד אָנגעפיהרט דורך זיין שוועסטער'ס מאַן נעריגליסאר („נערגאל־שאר־אוצור", נרגל, באַשיץ דעם קעניג!). וועלכער האָט נאַטירליך פארנומען זיין פּלאַץ אויפ'ן טראָן (556־560).

דער נייער הערשער איז וואהרשיינליך געווען „נרגל־שראצר" פון ירמיה (ל"ט 13), וואָס איז געווען איינער פון די הויכע באַאמטע, אין ווערעם רשות ירושלים איז איבערגעגעבען געוואָרען נאָך דער ערעבערונג. אויב דאָס איז ריכטיג, איז ער געווען פון נבוכדראצאר'ס דור, און זיין קורצע פיער־יעהריגע רעגירונג איז געענדיגט געוואָרען, קען זיין, דורך זיין הויכען עלטער. זיין נאָכפאָלגער איז געווען זיין זוהן לאַבאסי־מאַרדוק, וועלכער האָט רעגירט בלויז 9 חדשים (556), ווען ער איז אומגעבראכט געוואָרען דורך א קאָנספּיראַציע פון אדעליגע.

איינער פון די אנטיילנעמער אין דער פארשווערונג איז געווען א מאַנגאַט מיט'ן נאָמען נאָבאָניד („נאבו־נאאיד," נבו איז דערהויבען), וועלכער איז אויסגעוועהלט געוואָרען אלס קעניג און האָט רעגירט ביז דעם צוזאמענפאל פון דער אימפעריע (539־556). פון איהם האָבען מיר וויכטיגע פּערזענליכע אויפשריפטען; מ'האָט אויך געפונען אסך מסחר־טאָוולען פון זיין צייט. ער איז באַריהמט אלס אויספאָרשער פון אלטע חורבות און זייערע באַגראָבענע דאָקומענטען, און אויך אלס בויער און באַנייער פון טעמפּלען. זיין הויפּט־אויסצייכענונג איז אָבער דאָס וואָס ער האָט געשאָנקען

מעהר אויפמערקזאמקייט צו די טעמפלען פון די געטער אויסערהאלב דעם באצירק פון בבל ווי צו די טעמפלען פון דער הויפטשטאדט גופא. מ'מוז נאך צולעגען דערצו דעם פאקט, אז ער האט פארגעצויגען צו וואוינען ניט אין דער הויפטשטאדט, נאר אין א פארשטאדט מיט'ן נאמען ט ע מ א. די קאמאנדע פון דער ארמיי איז געפאלען צו זיין זוהן בלשאצר („בעל־שאר־אוצור," בל, באשיץ דעם קעניג!), וועמעס נאמען איז אונז באקאנט פון ספר דניאל און וועלכער האט געשפילט זיין ראלע גוט ביז'ן ענד.

איז זיין אינערליכער פאליטיק געוועזן פאפולערער ביים פאלק ווי די אינערליכע פאליטיק פון זיינע פארגעהער? עס ווייזט אויס, אז לכל הפחות א געוויסע צייט איז זי עס טאקע אזוי געוועזן. אבער דאס וואס ער האט אסך בילדער פון די געטער אריבערגעפיהרט פון זייערע אלטע הייליגטימער אין נייע פלעצער, וואו זיי וועלען בעסער אויפגעפאסט ווערען, האט געמוזט ארויסרופען א ביטערע נעגענערשאפט צו איהם אין יענע אלטע הייליגע פלעצער. אויך זיינען אסך פון זיין פאלק קענטיג ניט געווען צופרידען דער־מיט וואס ער האט זיך אפגעגעבען מעהר מיט די אלט־באבילאנישע געטער איידער מיט מרודך און נבו. און בכלל איז באלד געקומען א צייט, וואס האט געפאדערט פון דעם הערשער פון באבילאניען מעהר ווי פרומקייט און טעמפעל־בנינים, און דאס פאלק פון דער הויפטשטאדט איז צום סוף געווא־רען גלייכגילטיג צו א קעניג, וועמעס געשמאק איז געלעגען אין אויסגראבען אלטע טעמפלען און חורבות פון אונטער דר'ערד.

8.

כורש און די פערסער.

מיר זיינען איצט אנגעקומען ביי א צייט־פונקט, ווען דער אלטער סעמיטישער רעזשים אין מערב־אזיען מאכט פלאץ פאר מדי־פרס, אדער אין א ברייטערען זין פאר די אריער. מיט די האבען מיר זיך שוין פריהער באקאנט אלס הויפט־פאקטאר אין דער צעשטערונג פון נינוה. איצט וועלען מיר דארפען באטראכטען זיי און זייערע קרובים די פערסער אלס שותפים אין נאך א גרעסערער אונטערנעמונג. ביידע, די מעדער און די פערסער, זיינען געווען פון דער איראנישער ראסע. די איראניער זיינען געווען איינער פון די פיעל צווייגען פון דער אינדא־אייראפעאישער פעלקער־פאמיליע. די איראניער צוזאמען מיט זייערע קרובים, דאס סאנסקריט־ריידענדע פאלק

פון הינדוסטאן, האבען צונויפגעשטעלט דאס וואס ווערט אין ענגערען זין באצייכענט אלס „אריער.“ זיי זיינען אויך געווען נאהנט פארבונדען מיט די סקיטען און די ארמעניער. דעם צושטאנד פון די איראניער אין דער פאר־היסטארישער צייט וויסען מיר ניט. פון דער היסטארישער צייט וויסען מיר, אז צוזאמען מיט די מעהר אדער וועניגער ציוויליזירטע מיט־גלידער פון דער ראסע, וואס האבען זיך באזעצט אין איראן גופא, האט אויך א גרויסע צאהל פון פארוואנדטע נאמאדען זיך ארומגעטריבען אין די סטע־פעס פון צפון. פון די באזעצטע שבטים שטאמט דער נאמען „איראן“ (אריאנא).

דאס לאנד ציהט זיך פון דעם טיגריס (חידקל) ביז צום אינדוס און פון דעם פערסישען גאלף ביז צו די היינטיגע רוסישע גרעניצען אין אזיען. אין דרום־מערב־ווינקעל פון די הויכלענדער פון איראן איז געלעגען דער קליינער דיסטריקט, וועלכער איז באקאנט געווען אין דער אלטער צייט אלס פערסיס. ווען די דאזיגע געגענד איז באזעצט געווארען פון יענעם צווייג פון דער איראנישער ראסע, וועלכער האט איהר געגעבען דעם נאמען, איז ניט זיכער. יעדענפאלס שטעלען די פערסער פאר א שפעטערע וואנדערונג פון די איראניער צו מערב איידער די מעדער.

כורש, דער גרינדער פון דער פערסישער אימפעריע, ווערט באצייכענט אין די אויפשריפטען אלס „קעניג פון אנשאן,“ אדער „אנזאן.“ כורש אין זיין אויפשריפט גיט אונז א לאנגע ליסט פון זיינע אורפאטערס, וועלכע האבען, פונקט ווי ער, רעגירט אין אנשאן, און ער דערצעהלט אונז, אז ער איז געווארען קעניג אין יאהר 559 פאר דער קריסטליכער ערא. אנשאן איז געווען א געגענד אין דרום פון עילם, שוין באקאנט אין די אלט־באבילא־נישע צייטען. עס איז העכסט וואהרשיינליך, אז נאכדעם ווי אשור איז געווארען אפגעשוואכט, איז די דאזיגע געגענד פון עילם פארנומען געווארען פון א פערסישער קאלאניע און איז געווארען א קעניגרייך. אין אן אויפ־שריפט פון נאבאניד ווערט דערצעהלט, אז כורש דער קעניג פון אנזאן, דער אומבאדייטענדער וואסאל פון אסטיאגעס (דעם קעניג פון מדי), האט צע־שלאגען מיט זיין קליינעם חיל די צאהלרייכע סקיטען (אומאן־מאנדא). אין נאך אן אויפשריפט שטעהט עס, אז „דאס פאלק פון אסטיאגעס האט רע־וואלטירט געגען איהם, האט איהם געפאנגען גענומען און איבערגעגעבען צו כורש'ן אין די הענט. כורש האט מארשירט געגען דער הויפטשטאדט עקבאטאנא, האט צוגענומען דאס זילבער, דאס גאלד און דאס פארמעגען פון דער טעריטאריע פון עקבאטאנא און האט עס געבראכט אין אנשאן.“

דאס איז געשעהן אין יאהר 549. דא איז כדאי צו באמערקען צוויי זאכען. ערשטענס, אז אסטיאגעס האט געהאט א געגענערשאפט צו זיך אין מדי גופא, און צווייטענס, אז די מעדער ווערען אנגערופען אין די אויפשריפטען מיט א נאמען וואס באדייט „גרויסע הארדען" (אומאן־מאנדא) און איז אן אלגעמיינע באצייכענונג פאר די נאמאדען, ווי די קימערער און סקיטען, וועלכע האבען פון אסר־חדון'ס צייט אן זיך געשטופט אין מערב־אזיען. ער זעהט דערפון אויס, אז אסטיאגעס גופא איז געווען א סקיט, וועלכער האט פארנומען דעם פלאץ פון דעם מעדער קיאקסארעס, נאכדעם ווי די סקיטען האבען זיך באזעצט אין א גרויסער צאהל אין מדי און האבען טיילווייז זיך פאראייניגט מיט דער עלטערער באפעלקערונג.

ארום יאהר 585 (פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג) איז לויט די גריכישע היסטאריקער געשלאסען געווארען אן אפמאך צווישען נבוכדראצר פון בבל, אליאטעס פון לידיען און קיאקסארעס פון מדי, דעם עראבערער פון נינוה. דער דאזיגער אפמאך האט געבראכט ארום דרייסיג יאהר פון א פארהעלטענישמעסיגען פרידען און פון פראספעריטעט אין מערב־אזיען. עס איז אבער געווען א באוואפענטער פרידען. נבוכדראצר האט אויסגע־נוצט די שטילע יאהרען צו באפעסטיגען זיין הויפשטאדט און זיין לאנד גע־גען זיין בונד־חבר פון צפון. מיט דעם פאל פון נבוכדראצר'ס הויז און מיט דער טראן־באשטייגונג פון נאבאניד איז איבערגעריסען געווארען די פריינד־ליכע פארבינדונג צווישען בבל און דער מלוכה פון מדי. אזא מלוכה ווי מדי, וועלכע איז אויפגעקומען אזוי פלוצלונג און איז געווען צוזאמענגע־שטעלט פון פארשידענע עלעמענטען, האט געמוזט שנעל צוזאמענפאלען, ווען די מאכט וואס האט זי צוזאמענגעהאלטען איז ארייננגעקומען אין די הענט פון א שוואכען הערשער. אסטיאגעס, דער נאכפאלגער פון קיאק־סארעס, האט, ווי עס ווייזט אויס, פארמאגט ווייניג פון די פעהיגקייטען פון זיין פארגעהער. ס'איז אויך קיין ספק ניט, אז די אלטע מעדישע באפעלקערונג האט נאר געווארט אויף א שטארקען מאן, ארום וועלכען זיך צונויפצוזאמלען כדי אראפצוווארפען פון זיך דעם פארהאסטען יאך פון פרעמדען ערובערער. דאס הארמאנירט זעהר גוט מיט דעם פאקט וואס הערדאט דערצעהלט, אז אסך מעדער זיינען אריבערגעגאנגען צו כורש'ן.

פון איצט אן איז די וועלט־מלוכה געווען מעדיש־פערסיש. איהר מא־ראלישער כוח איז אבער דער עיקר געווען פערסיש. אין יאהר 546 טרעט כורש אויף צום ערשטען מאל מיט'ן טיטעל „קעניג פון פערסיען."

דער נייער ערובערער האט פאראייניגט אין זיך צוזאמען מיט דער

פעהיגקייט פון א גרויסען קאמאנדיר אויך די געניטקייט פון א דיפלאמאט און די חכמה פון א קלוגען שטאטסמאן. ער האט געוואוסט צו ווארטען פונקט אזוי גוט ווי צו מאכען א פלוצליכען אנפאל. אין יאהר 547 איז ער אריבערגעגאנגען דעם טיגרים און האט איינגענומען און אונטערווארפען די ברייטע פלאכלענדער פון מעסאפאטאמיען אין צפון־זייט פון בבל, וועלכע האבען אמאל געהערט צו אסטיאגעס און זיינען נאכהער צייטווייליג פארנומען געווארען פון נאבאניד. אויף אזא'ן אופן האט ער גאנץ פריה אין זיין קאריערע אויפגעשטעלט א באזיס פאר אן אטאקע אויף זיין נאך מעכטיגען קאנקורענט; אבער עס איז ניטא קיין זיכערע ראיה, אז ער האט געוואגט די אטאקע אין יענער צייט. איינזעהענדיג דעם אומבאצווינגליכען כאראקטער פון די גרויסע מויערן, וואס האבען ארומגערינגעלט בבל, האט ער קענטיג זיך צוריקגעהאלטען דערווייל פון עראבערונגען אין יענער ריכטונג. אנשטאט דעם האט ער, ווי עס ווייזט אויס, געזוכט דורך אינטריגעס נאך מעהר אפצוקיהלען די לויוואריטע געטריישאפט, וואס די באבילאניער האבען געפיהלט פאר זייער מאדנעם קעניג.

אונטערדעסען האט כורש, אין יאהר 546, צוגעווענדט זיין אויפמערקזאמקייט צו דער אלטער שטרייטיגקייט צווישען די מעדער און די לידיער, וועלכע זיינען, אונטער זייער רייכען קעניג קרעזוס, געווען די הערשער פון צענטראלען טייל פון קליינאזיען. דער קעניג פון לידיען האט געמאכט דעם אנפאל, און אין קאפאדאסיען איז פארגעקומען א שלאכט אהן אן אנטשיידונג. ווען קרעזוס האט זיך צוריקגעצויגען, מיינענדיג, אז די מלחמה איז איצט אפגעשטעלט, איז איהם כורש נאכגעגאנגען, האט צעשלאגען זיין ארמיי און האט באלד גענומען אין זיינע הענט זיין הויפשטאדט, ס א ר ד י ס. די גריכישע קאלאניעס אין קליינאזיען זיינען געווען די נעכסטע אטאקירט צו ווערען. מאנכע פון זיי האבען זיך אונטערווארפען מיט'ן גוטען ווילען, בעת אנדערע האבען ארויסגעוויזען א מוטיגען ווידערשטאנד; אבער דער מאנגעל אין א פאראייניגטער ארגאניזאציע צווישען די גריכען האט געהאלפען כורש'ן, אזוי אז ער האט באלד אויסגעשפרייט זיין הערשאפט ביז דעם עגעאישען ים. נאכדעם ווי ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין הויפטשטאדט האט זיין ארמיי באקעמפט מיט ערפאלג די האלב־ציוויליזירטע הארדען אין מזרח־זייט פון זיין אימפעריע. ערשט אין יאהר 538 זיינען די באדינגונגען געווען רייף פאר דער עראבערונג פון דער שטאלצער הערשערין פון אונטערסטען פרת. דער רעזולטאט פון דעם קאמף, וואס האט געזאלט באלד אויסברעכען, איז קלאר געווען פאר אלעמען, וועלכע האבען

אנערקענט, אז די פערסישע וואפען שטייגען אריבער די וואפען פון יערע אנדערען פאלק אין דרום-מערב-אזיען. פאר די וואס האבען געוואוסט די אינערליכע שוואכקייט און קארופציע פון דער באבילאנישער אימפעריע איז געוועזן קלאר, אז די פרוכט, אויף וועלכער כורש האט אזוי לאנג געווארט, איז צייטיג געוועזן.

9.

נבואה אין די לעצטע יאהרען פון דער באבילאנישער הערשאפט.

ישראל האט אנגעהויבען אין באבילאניען א נייע גייסטיג לעבען און אמת'ן זין פון ווארט. אין קנעכטשאפט האט ער געלערענט אזוינע זא־כען, וואס ער וואלט קיינמאל ניט געלערענט אין פרייהייט. זיין געפענגע־ניש איז באלד געווארען זיין שולע, וואו עס האבען זיך אויך זיינע לעהרער דערצויגען. זיי זיינען דארטען געווארען ברייטער און טיפער און האבען זיך געשטעלט איבער זיך, איבער זייער פאלק, איבער זייער צייט און איבער דער וועלט גופא. די מאראלישע השפעות פון גלות האבען געווירקט אין אידישען לעבען לאנג פריהער איידער די פאנטאזיע פון די זעהערס האט פול ערוואכט. און דער טויט פון נבוכדראצר און די אויפרודערונג וואס איז נאכהער געקומען האבען אויפגעבלאזען דעם צאנקענדען נביא'ישען פייער; און ער האט דאן אויפגעפלאמט העלער ווי ווען עס איז. נייע גע־דאנקען זיינען אויסגעדריקט געווארען אין די העכסטע פאעטישע פארמען: נייע השגות וועגען יהוה, וועגען זיין מאכט און השגחה און ציל, וועגען דעם גורל פון ישראל און פון דער וועלט.

די הערשאפט פון נבוכדראצר איז געוועזן אזוי לאנג און דריקענד, אז די פארטריבענע אידען האבען געקוקט אויף זייער באפרייאונג ווי אויף א פאר־סירונג פון דער אומבאשטימטער צוקונפט. אבער נאך זיין טויט איז, לויט דער מאדע פון אלטען מזרח, געוועזן אומעטום אן אומרוהיגקייט און אויפרעגונג. וואס ווייטער האט מען אלץ מעהר געזעהן ווי אינערליך שוואך דער כאלדעאיזם איז. די קאנספיראציעס און רעוואלוציעס וואס זיינען געקומען נאכהער האבען נאר געקאנט פארשטארקען די אומרוהיגקייט, און דער כאראקטער און די אויפפיהרונג פון נאבאניד האבען נאך צוגעהאלפען דערצו. עס איז וואהרשיינליך אז אין אנהויב פון נאבאניד'ס רעגירונג איז נעשריבען געווארען און איז ארומגעגאנגען פריוואט צווישען די אידען אין גלות דאס שטיק אין ישעיה י"ג—י"ד 23. די טעמע פון דער נבואה איז די

צעשטערונג פון בבל דורך מדי, און די השפעה פאר דעם האט זי באקומען פון דעם אגרעסיווען גייסט וואס די מעדער האבען ארויסגעוויזען אונטער דער סקיטישער הערשאפט. מיר ווייסען פון נאבאניד'ן, אז דער צפון־גרעניץ פון באבילאניען איז באאומרוהיגט געווארען פון אסטיאגעס'עס אונטערטאנען, און אז ערשט ווען כורש האט זיך אריינגעמישט איז געקומען א פארלייכ־טערונג. דער אלגעמיינער שרעק פאר די מעדער האט זיך אפגעשפיגעלט אין דעם שרעק וואס נאבאניד גופא האט געפיהלט פאר זיי. אז די צייט און ניט קיין אנדערע איז דער דאטום פון דער נבואה איז וואהרשיינליך: (1) ווייל די מעדער און ניט די פערסער ווערען אנגערופען אלס די פיינד פון בבל; (2) ווייל דער אופן פון מלחמה־פיהרונג, וואס ווערט צוגעשריבען דעם פיינד וואס וועט אנפאלען אויף בבל (י"ג 15־19) איז ניט געווען פון כורש'עס ארמייען, נאר גיכער קאן מען דערווארטען אזא מלחמה־פיהרונג ביי סקיטישע הארדען; און (3) ווייל עס ווערט גערעדט פון א פיינד „וואס קומט פון א ווייטען לאנד, פון דעם ברעג הימעל," אן אויסדרוק וואס פאסט ניט פאר מדי־פרס.

די דאזיגע נבואה זאגט מיט זיכערקייט פאראויס די צעשטערונג און פארוויסטונג פון בבל (י"ג 19־22; י"ד 22, 23) און די ווידעראויפלעבונג פון ישראל אין זיין אייגענעם לאנד (י"ד 1, 2). אבער נאך וויכטיגער איז די כאראקטעריסטיק פון דער באבילאנישער וועלט־מאכט, וועלכע ווערט געגעבען מיט אזא לירישען גלאנץ אין דער אדע וואס איז אריינגעשטעלט געווארען אין דער נבואה. דער פאעט האט דא אין זינען געהאט ניט בלויז דעם כאלדעאישען רעזשים פון זיין צייט. ווען ער שילדערט אין דעם דראַ־מאטישסטען שטעל פון תנ"ך ווי דער אונטערדריקער פון די פעלקער איז ענד־ליך שטיל געווארען דורכ'ן טויט, און זיינע פריהערדיגע וואסאלען אויף דער גאנצער ערד זיינען מלא־שמחה מיט זייער באפרייאונג, און אלע טויטע טיראנען שטעהען אויף איבערראשט, ווען דער קעניג פון אלע קעניגען קומט צו זיינע חברים אין דער אונטערוועלט („שאול") — דענקט ער ביי דער גאנצער שילדערונג פון דער היסטארישער טיראניי פון אשור און בבל, וועלכע קריגט איהר לאנג־אפגעצויגענעם, דאך פון גאט פאראויסבאשטימטען משפט. „ווי האט אויפגעהערט דער אונטערדריקער, שטיל געווארען דער שטורעמדיגער! יהוה האט צעבראכען דעם שטעקען פון די רשעים, דעם צעפטער פון די געוועלטיגער, וואס האט געשלאגען די פעלקער מיט צארן. קלעפ אהן אן אויפהער. וואס האט טיראניזירט די נאציאנען, ניט אויפגע־הערט זיי צו פארפאלגען. רוהיג, שטיל איז איצט די גאנצע ערד; זיי ברעך־

כען אוים אין געזאנגען.... אין דער אונטערוועלט איז אראפגעשליידערט געווארען דיין שטאלץ, דער קלאנג פון דיינע הארפען... די וואס זעהען דיך וועלען זיך איינקוקען אין דיר, וועלען דיך באטראכטען: איז דאס דער מאן וואס האט די ערד געמאכט ציטערען, וואס האט מלוכות צעטרייסעלט, וואס האט די וועלט פאר א מדבר געמאכט און איהרע שטעדט צעשטערט, וואס האט זיינע געפאנגענע ניט געלאזט געהן אהיים?" (י"ד 4-21).

פון א גאנץ אנדער ליטעראַרישען טיפ איז א לאנגע נבואה (ירמיה נ 1—נ"א 58), וועלכע ווייזט קלאר אז אויף דערזעלביגער היסטארישער סיטואציע. קענטיג צוליב עפעס אן עהנליכקייט אין סטיל איז זי צוגעשטעלט געווארען צו ירמיה'ס נבואות. די מעדער ווערען דא אנגערופען די „מלכים פון מדי" (נ"א 11, 28; נ 41), אן אויסדרוק וואס ווייזט אויף די האלב־אומאפהענגיגע נאמאדען־הויפטער פון די שפעטערע מעדישע צייטען. נאך מעהר בפירוש שטעהט דא וועגען די אנגרייפער, אז זיי קומען פון צפון־לאנד*) און אז זיי זיינען א פארזאמלונג פון גרויסע נאציאנען (נ 9, 41), אזעלכע ווי עם האבען געהערט צו דער האלב־ארגאניזירטער אימפעריע פון מדי פאר כורש'עס צייט. דער אלגעמיינער טאן פון דער נבואה איז פול מיט דערביטערונג און נקמה און אונטערשיידט זיך דערין פון דעם אומפארטייאישען כאראקטער פון ישעיה מ—נ"ה. נבוכדראצר גופא (וועמען ירמיה האט גערופען „דער קנעכט פון יהוה") ווערט דא פארגעשטעלט אלס א לייב וואס האט צעריבען די ביינער פון דעם פארפאלגטען שאף ישראל, נאכדעם ווי אן אנדער לייב, אשור, האט אויפגעפרעסען זיין פלייש (נ 17). דעריבער וועט גענומען ווערען נקמה פון דעם מלך פון בבל, פונקט ווי עס איז גענומען געווארען נקמה פון דעם מלך פון אשור (נ 18). אז דער פארפאסער פון דער נבואה האט געשריבען אין באבילאניען איז צו זעהן פון זיין גענויער באקאנטשאפט מיט יענעם לאנד.**)

אן אנדער נבואה (ישעיה כ"א 1—10) געהערט אין מיטען צווישען דער

---

*) להיפוך צו דעם ווערט געזאגט וועגען כורש'ן און די פערסער, אז זיי קומען פון מזרח (ישעיה מ"א 2; מ"ו 11).

**) עס איז כדאי צו באמערקען ווי דער פארפאסער באנוצט זיך דא אין מאנכע פאלען מיט דעם „את־בש", אן אופן פון שרייבען, וואו דער לעצטער אות פון אלף־בית ווערט געשטעלט אנשטאט דעם ערשטען, דער צווייט־לעצטער אנשטאט דעם צווייטען, א. אז. וו. „לב־קמי" שטעהט דא אויף אזא'ן אופן פאר כשדים (נ"א 1) און „ששך" פאר בבל (נ"א 41). די ארט מיסטעריעזע שריפט איז פראקטיצירט געווארען אין די באבילאנישע שולעס און פון דארטען האט מען עס זיך געלערנט.

מעדישער פעריאָדע און דער צייט פון כורש'עס אויפטריט נעגען בבל. דער שטאנדפונקט פון דעם פארפאסער זעהט זיך קלאָר אין פסוק 2: „שטייג אַרויף, עילם! באַלאַגער, מדי!" עילם ווערט דאָ געברויכט פאר „אַנשאַן"*), איידער כורש האט אנגענומען דעם טיטעל „קעניג פון פרס." די שילדע־רונג אין דער נבואה איז שטאַרק דראַמאַטיש. דער נביא זעהט ווי בבל ווערט באַלאַגערט דורך די פערסער און די מעדער (פסוק 1, 2), און ער שטעהט צעטומעלט פון דער געוואַלדיגער קאַטאַסטראָפע וואָס האַלט אין אָנקומען (פסוק 3, 4). ווי אומרוהיג און נייגעריג אַלע זיינען צו וויסען דעם רעזולטאַט פון דער באַלאַגערונג ווערט געשילדערט אין די רעפּאַרטען, וועלכע א מאַן אויף דער וואַך גיט כסדר. ענדליך ענטפערט ער: „געפאַ־לען, געפאַלען איז בבל!" (פסוק 5-9). דער נביא גיט דאַן די ידיעה איבער צום נייגעריגען פאָלק. מ'פיהלט דאָ, אז וואָס מעהר דער פאַל פון בבל דערנעהנטערט זיך, אַלץ ניכטערער און איידעלער ווערט דאָס וואָרט פון דער נבואה.

10.

דער גרויסער אַנאָנימער נביא.

אין די שטיקער נבואה, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס אַרומגערעדט, איז די צעשטערונג פון בבל די הערשענדע טעמע. אָבער אין דעם לעצטען און גרעסטען ווערק פון גלות זעהט זיך די דאָזיגע פּאַסירונג ניט אַזוי שטאַרק אָן. דאָס איז דאָס ווערק וואָס איז צוגעשטעלט צו ישעיה פון קאַפּ. מ אָן. מ'האָט געזוכט א באַצייכענונג פאר דעם דאָזיגען אַנאָנימען נביא. מאַנכע האָבען איהם אָנגערופען „דער גרויסער אַנאָנים". ביי די מעהרסטע פאָרשער אָבער ווערט ער היינט באַצייכענט אַלס „דער צווייטער ישעיה". עס הייסט: דער פאַרפאַסער פון צווייטען טייל ישעיה. פיעל וויכטיגער איידער די צעשטע־רונג פון בבל זיינען פאַר אָט דעם נביא די נייע אויסזיכטען וואָס עפענען זיך דורך איהר, די נייע וועלט־היסטאָרישע עפּאָכע וואָס דאַרף זיך אָנהייבען מיט דעם נצחון פון כורש, דעם געזאַלבטען פון יהוה. פונקט ווי די נביאים זיינען געקומען אין די פריהערדיגע צייטען מיט א שליחות פון גאָט צו דער־קלערען זייער פאָלק די וועלט־היסטאָרישע געשעהענישען פון זייערע צייטען, אַזוי איז אויך איצט געקומען דער גרויסער אַנאָנימער נביא פון גלות צו

*) זעה אויבען ז. 261.

לערנען זיין פאָלק ווי זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין די שטורמדיגע באַוועגונגען פון זיין צייט.

די פרייד מיט בבל'ס מפּלה, וואָס הערט זיך אין די פריהער ציטירטע שטיקער נבואה, איז ניט געווען קיין אַלגעמיינע ביי די פּאַרטריבענע אידען. אין כּלל גענומען האָבען כּורש'עס נצחונות גאָר ניט אויפגערודערט שטאַרק די אידען פון גלות און האָבען גאָר ניט אַרויסגערופען אין זיי קיין גרויסע האָפענונגען. אין משך פון דעם פופציג-יעהריגען גלות האָבען זיי זיך קענטיג צוגעוועהנט צום לעבען אין דער פרעמד און די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים איז געוואָרען אָפּגעטעמפט אין זיי. דערצו האָבען זיי געמעגט טראַכטען, אַז אַז ערד מיט 70 יאָהר צוריק איז אויך געפאַלען א אידישער שונא, אשור, און די אידען איז דערפון א קנאַפּע טובה אַרויסגעקומען. אפילו אויב דער פּערסער זאָל שוין טאַקע באמת איינגעמען די אומבאַצווינגליכע בבל, האָבען זיי נאָך אַלץ ניט געקאָנט שעפּען דערפון קיין פיעל נחמה. זיי האָבען ניט געוואָלט גלויבען, אַז כּורש איז יהוה'ס אינסטרומענט, דורך וועלכען ער וועט פאַרווירקליכען זיינע הבטחות. פון ישראל האָט דאָך געמוזט אַרויסוואַקסען דער העלד, וועלכער האָט געזאָלט צעברעכען דעם יאָך פון די פעלקער און אויפשטעלען דוד'ס קעניגרייך; פון אויפבויען ציון דורך א פּערסער מוז דאָך אַרויסקומען גאָר אַן אַנדער זאַך.

צו באַקעמפען די דאָזיגע געדאַנקען און די דאָזיגע שטימונג איז אַרויסגעטראָטען דער גרויסער אַנאָנימער נביא פון גלות. הערט אויף צו טרויערען, די גאולה שטעהט ביי דער טיר. ליידט ניט מעהר אין זיך גופא, וואָרים אייער גאָט נעמט אַראָפּ פון אייך די לאַסט פון דער פאַרגאַנגענהייט און פאַרגיט אייערע זינד; ווענדט זיך צו צו דאָס נייע וואָס ער שאַפט. כּורש איז זיין משיח, וועמעס נצחון-מאַרש ער האָט געפיהרט, וועמען ער האָט גערופען דורכצופיהרען זיין ווערק. איז דען דאָס א דערנידעריגונג, אַז ישראל ווערט באַפרייט דורך א פּערסער? איז דען דאָס גיבער ניט א באַווייז פון דער וועלט-באַהערשענדער מאַכט פון דעם גאָט פון יעקב, וואָס ער רופט זיינע ווערקצייג פון די ענדען פון דער וועלט דורכצופיהרען זיין ווילען? ווער, אויב ניט יהוה, האָט געקאָנט שיקען כּורש'ען? יהוה אַליין האָט געוואוסט און געזאָגט פאַראויס די געשעהענישען וואָס קומען איצט פאָר; ער האָט זיי צוגעגרייט און באַשלאָסען און לויט זיין פּלאַן ווערען זיי אויסגעפיהרט. ער שטרעקט צו אייך אויס די האַנט, נעמט זי אָן, פרעהט זיך מיט דער גאולה, וואָס איז נאָהנט, גרייט זיך אהיים צו פאָהרען.

דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערע שפּראַך ווי יחזקאל׳ס. אַנשטאָט זיך אריינצולאָזען אין פאַנטאַסטישע און קליינליכע צוקונפטס־בילדער, ווערט דאָ אָנגעוויזען אויף יהוה׳ס ווערק אין דער שטורמדיגער געגענוואַרט. די גאולה האַלט שוין אין פאַרווירקליכט ווערען, זי שפּראָצט און וואַקסט, מ׳קאָן זי שוין מיט דער האַנט אָננעמען. דאָ ווערט אויך אַ גאַנץ אַנדערע שטעלונג גענומען צו דער וועלט־היסטאָרישער עפּאָכע איידער עס פּלעגען טאָן די אַמאָליגע נביאים אין ענליכע פאַלען. גאַנץ אַנדערש ווערט דאָ באַגריסט דער פּערסער איידער אַמאָל דער אסיריער פון עמוס און דער כאַלדעער פון ירמיה. זיין צעשטערענדע אַרבייט האָט דער וועלט־גאָט שוין אָפּגעטאָן אין ישראל, איצט בויט ער איהם ווידער אויף. אונזער נביא איז ווי שיכור פון דעם געדאַנק פון דער איינהייט פון גאָט. דאָס וואָס ביי איהם ברעכט זיך דורך איז ניט דער מאָנאָטעאיזם אַלס אַזעלכער. שוין עמוס׳ען איז אויפגעגאַנגען דער געדאַנק פון דעם יהוה, וועלכער עקסיסטירט אויך געגען און אָהן זיין פאָלק, און ישעיה האָט געקענט דעם הייליגען, וואָס מיט זיין געטליכער מאַיסטעט איז פול די גאַנצע ערד. אָבער זייער מאָנאָטעאיזם האָט געהאַט אַלס יסוד פּערזענליכע נביאי׳שע איבערלעבונגען. דורך וועלכע זייער גאָט האָט זיי גובר געווען און באַצוואונגען, און וואָס מעהר זיי האָבען באַטראַכט דעם גאַנג פון דער היסטאָריע, אַלץ מעהר האָבען זיי געפונען, אין זייער אינערליכען קאַמף, אַ באַשטעטיגונג פאַר דעם דאָזיגען גלויבען. זיי האָבען קיין צייט ניט געהאַט צו געבען דער דערקענטעניש אַ טעאָרעטישע געשטאַלט. פאַר דעם אַנאָנימען נביא פון גלות איז דער מאָנאָטעאיזם אַן איבערגענומענע ירושה, פאַר וועלכער ער פיהרט ניט מעהר קיין אינערליכען קאַמף. ער איז דער ערשטער, וועלכער געניסט אָהן אַ קאַמף פון דער דערקענטעניש און ציהט אַלע שלוסען פון איהר. און אין אַלץ וואָס ער זאָגט רוישט די הימנע פון דעם איינאייציגען, אַלייניגען און אַלמעכטיגען גאָט. וואָס איהם דערהייבט און באַגייסטערט דערביי איז די זיכערקייט, אַז אָט דער וועלט־גאָט איז און בלייבט **אונזער** גאָט. ער האָט טאַקע, אמת, פאַרטריבען ישראל און צעשטערט זיין מלוכה. אָבער דעם געבליבענעם רעסט, וואָס איז אין שטויב צעטראָטען, וואָס איז פאַראַכטעט און פאַרצווייפעלט, ווייזט ער זיין גנאָד; דער עלענדער וואָרם איז איהם טייער, מיט ריקזיכט אויף איהם פיהרט ער אָן דעם גאַנג פון דער וועלט. ער האָט אַמאָל אויסדערוועהלט ציון, און ער פיהלט ציון׳ס ליידען ווי זיינע אייגענע. זיין נאָמען און זיין כבוד זיינען פאַרבונדען מיט זיין מקדש, זיין שטאָדט, זיין

פאלק, און מיט יעדען איינציגען וואס רופט איהם אן. די שאנד פון זיין פאלק פאלט אויף איהם גופא צוריק, און, בריינגענדיג ישראל צו זיין עהרע, בריינגט ער זיך גופא צו עהרע.

דער אמת'ער, אינערליכער גרונט פאר דער האפענונג פון די אידען ליגט אבער דעריין, וואס זיי זיינען גערעכט. אין נאמען פון דער גערעכטיגקייט מוז יהוה זיי אויסלייזען און זיי פיהרען צו א נצחון. עס איז אמת טאקע קיין עולה ניט וואס ער האט זיי שווער געפרואווט; זיי האבען עס פון איהם כשר פארדינט. לגבי איהם איז זייער שולד אומבאשטריטען. אבער זיי האבען דא צו טאן ניט בלויז מיט גאט, נאר אויך מיט די פעלקער. די וועלטגעשיכטע ווערט באטראכט פון דעם דאזיגען נביא אלס א פראצעס צווישען די אידען און די גויים. אין אט דעם פראצעס האבען די אידען מאמענטאן פארלארען, אבער זיי זיינען גערעכט; לגבי די גויים פארטרע־טען זיי די גוטע זאך, די זאך פון יהוה. זיי אליין קענען און דינען איהם. צווישען זיי אליין גילט זיין רעכט און זיין אמת. זיי קענען דעריבער ניט בלייבען אויף תמיד פארלארען, ווארים דאן וועט דאך אנהאלטען דער נצחון פון דעם שקר איבער דעם אמת. דאס רעכט פון זייער זאך, וואס איז איצט פארטונקעלט דורך דער שטראף פון זייערע זינד און דורך דעם נצחון פונ'ם היידענטום, מוז אין דער ליכטיגקייט ארויסקומען און אויך אויסערליך קריי־גען אנערקענונג דורך א געטליכען משפט, וואס די גאנצע וועלט וועט זעהן.

פאראורזאכט דורך דעם חורבן טראכט דער פארפאסער פון צווייטען טייל ישעיה וועגען דעם אומצעשטערבארען, אייביגען מהות פון זיין פאלק. עס געפינט עס אין דער ל ע ה ר ע, אין דעם ר ע כ ט, אין דעם א מ ת, דאס הייסט: אין דער רעליגיאן פון יהוה ווי די נביאים האבען זי פאר־שטאנען און געפרעדיגט און ווי זי איז איצט געווארען ביי די פארטריבענע אידען דאס פארטיגע אייגענטום פון אלעמען. אין דעם פאקט, וואס זיי און נאר זיי באזיצען דעם אמת, זעהט ער דעם מקור פון זייער טרייסט און זייער האפענונג, די ערבות און דעם משכון, אז זיי וועלען אויפשטעהן תחית המתים פון דעם קבר פון גלות. ניטא קיין גאט אחוץ יהוה און ישראל איז זיין נביא — דאס איז זיין טריאומפירענדער קרעדא. דער נאציאנאלער זעלבסטגעפיהל איז אויסערגעוועהנליך שטארק אין איהם, אבער דאך איז ער ניט ענגהערציג, ווייל די נאציאנאלע און די אוניווערסאלע האפענונגען שמעל־צען זיך צוזאמען אין זיין צוקונפט־בילד, ווייל דאס באזונדערע פארהעל־טעניש פון ישראל צו יהוה איז ביי איהם נאר א פארשטופע, ווייל די גע־

שיכטע פון ישראל פליסט אריין אין דער וועלט־געשיכטע. דאס וואס ישראל באזיצט דעם אמת מאכט שוין ממילא אלס זיין עובדא איהם מפרסם צו זיין צווישען די פעלקער; דער אמת זיגט איבער דעם היידענטום אום אויך די היידען אויסצולייזען. דער גלות האט געמאכט ישראל פאר דעם שליח פון דער וועלט־רעליגיאן. אבער כדי צו לערנען דער וועלט אנערקענען דעם איינאיינציגען גאט, כדי צו ווערען דאס ליכט פון די פעלקער מוז ישראל ווידער אויפגעריכט ווערען אלס פאלק און מלוכה. ער קעהרט זיך צוריק אהיים פון דער געפאנגענשאפט, דורכ׳ן מדבר געפיהרט פון זיין גאט, וועל־כער מארשירט אריין אלס טריאומפירענדער זיגער אין דער יום־טוב׳דיג אויסגעפוצטער ציון. אבער דער משיח־געדאנק טרעט צוריק געגען דעם גע־דאנק פון גאט׳ס קנעכט („עבד יהוה“). פונקט אויך ווי די אויפגאבע צו צע־שטערען בבל ווערט געלאזען פאר דעם פערסער. ישראל באזיגט די וועלט ניט מיט דעם שווערד, נאר מיט דעם ווארט.

מיט פליים ווערט דער בליק אין צווייטען טייל ישעיה אפגעווענדט פון דער פארגאנגענהייט און צוגעווענדט צו דער צוקונפט. נאר אין אייניגע שטעלען איז דאס אנדערש. דא ווערט צו א פראבלעם דאס וואס ווערט בלי ספק אנגענומען אלס גערעכטע שטראף: דער טראגישער גורל פונ׳ם פאלק אין דער פארגאנגענהייט און געגענווארט. דער באזיץ פון דעם אמת און די עובדא איהם צו פארשפרייטען האט ניט געראטעוועט דעם קנעכט פון יהוה פון א שענדליכען חורבן און האט ארויסגערופען די פאראכטונג פון די היידען. דורך זיין גורל ערשיינט ישראל אין די אויגען פון דער וועלט אלס דער פון גאט פאר׳משפט׳ער, ווי א מצורע אבער א פארברעכער פאראור־טיילט צום טויט. אבער ער איז ניט קיין פארברעכער, ער איז אומשולדיג און קומט אפ א שטראף וואס די גויים האבען פארדינט. א באפרידיגענדע לייזונג ווערט דערמיט ניט געגעבען. מ׳פיהלט אבער, אז דער קנעכט פון יהוה מוז מיט אז אינערליכער נויטווענדיגקייט ווערען דער מאן פון שמער־צען, אז נביא און מארטירער געהערען צוזאמען, אז דער אמת זיגט דורך דאס בלוט פון זיינע עדות; און אויך דאס לאזט זיך דורכבליקען, אז יהוה האט באמת ניט אוועקגעקערט זיין פנים פון דעם עלענדען, אז די צוזאמענ־געהעריגקייט מיט איהם איז דורך זיינע ליידען ניט צעשטערט, נאר אדרבה פאר׳חתמ׳עט געווארען. צום ענד קומט אויך דא, אלס נאכשפיל פון דער טראגעדיע, דער ארויסבליק אין דער צוקונפט; דער קנעכט פון יהוה ווערט דאן גרויס און דערהויבען, די וועלט געהערט צו איהם און די פעלקער שטע־

הען ווי געפלעפט, דערזעהענדיג עפעס אזוינס, פון וואס זיי האבען קיינמאל ניט געהערט און מ'האט זיי קיינמאל ניט דערצעהלט.

דער אויפטריט פון דעם גרויסען אנאנימען נביא פון גלות איז ניט געבליבען אהן א ווירקונג. זיינע האפענונגען זיינען, אמת טאקע, מקוים געווארען נאר אין זעהר א באשיידענעם טייל. די פארטריבענע אידען האבען געמעגט זיך צוריקקערען און לעבען אלס קליין פאלקעל און אלס פערסישע אונטערטאנען אין און ארום ירושלים. אבער די האפענונגען זיינען געבליבען. דער געדאנק, אז א ווענדונג צום גליק איז נאהנט און דער בטחון אין דעם דערהויבענעם באשעפער פון דעם הימעל און דער ערד, העלכער וועט ברייגען דאס דאזיגע גליק, האבען אסך בייגעטראגען דערצו אויפצוהאלטען דאס קליין אינזעלע יהודה אין מיטען דעם ברויזענדיגען שטראם פון דעם פעלקער־ים ארום, און האבען אויך ארומגערינגעלט די אידען אין צעשפרייטען גלות מיט א פעסטער וואנט. ווען דער גלאנץ און רייכטום, די מאכט און די העכערע בילדונג פון די העלענען זיינען פיינדליך אדער מיט דעם כוח פון זייער אנציהונג אריינגעדרונגען אין יעדער נשמה. און בעת מ'האט געמוזט לייענען די פריהערדיגע נביאים, כדי זיך צו לאזען איינשרעקען דורך זייערע ווארנונגען זיך ניט אוועקצוקערען פון גאט, איז געווען דער גרויסער אנאנימער נביא פון גלות דער נביא פון טרייסט, פון „ישועה", וועמעס טרייסטענדיגע הבטחות האבען דערגענצט די שטראף־רייד פון די עלטערע נביאים.

שיבת ציון

1.

די ערָאבערונג פון בבל און די פּאָליטיק פון כורש.

אין אָקטאָבער פון יאָהר 538 (פאר דער קריסטליכער ערא) האָט כורש ענדליך ארויסמאַרשירט מיט זיינע זיגרייכע אַרמייען געגען דער וואַקעלדיגער הויפּטשטאָדט פון דרום־מערב־אזיען. אָנגעהויבען האָט ער זיינע מלחמה־אָפּעראַציעס פון מעסאָפּאָטאַמיען, די פרוכטבארע טֶעריטאָריע צווישען די אויבערסטע וואַסערן פון פּרת און חידקל, וועלכע ער האָט ערָאבערט אין יאָהר 547. פּערסישע אינטריגעס, אונטערגעהאָלפען דורך דער אומצופריעדענקייט און פּאַרדעכטיגקייט וואָס נאַבאָניד'ס מאָדנע אויפפיהרונג האָט ארויסגערופען ביי די באַבילאָניער, האָבען צוגעגרייט דעם וועג פאר א לייכטער ערָאבערונג. אויפ'ן צפון־גרעניץ פון באַבילאָניען, נעבען א געוויסען טייך, איז אויסגעפּאָכטען געוואָרען א שלאַכט צווישען די פּערסער און די באַבילאָניער. די באַבילאָנישע ארמיי איז צעשלאָגען געוואָרען און נאַבאָניד איז אנטלאָפען פון שלאַכט־פעלד. איינינע טעג נאָכדעם האָט די צפון־באַבילאָנישע שטאָדט סיפּאר זיך אונטערגעגעבען אָהן א ווידערשטאַנד צו גאָבריאַס, דעם קאָמאַנדיר פון כורש'עס אַרמייען. אין צוויי טעג ארום האָט דער פּערסישער גענעראל שוין געהאַט אין זיין האַנט די הויפּט־שטאָדט בבל. לויט ווי די אַזויגערופענע נאַבאָניד־כורש־כראָניק באַריכטעט זיינען די טויערן פון שטאָדט געעפענט געוואָרען צו די פּערסער אָהן א שלאַכט. דעם איינציגען ווידערשטאַנד, אויב אַזעלכער איז איבערהויפּט געווען, האָט ארויסגעוויזען דער גאַרניזאָן, וואָס האָט געהאָלטען פאַרנומען דעם גרויסען טעמפּעל און די מויערן פון שטאָדט. העראָדאָט דערצעהלט א גאַנצע געשיכטע, אַז כורש האָט אָפּגעצויגען די וואַסערען פון דעם פּרת אין דעם גרויסען באַסין וואָס נבוכדראצר האָט געלאָזט מאַכען און האָט אריינגעמאַרשירט אין שטאָדט אין א צייט ווען די איינוואוינער זיינען געווען אַזוי פאַרנומען מיט זייערען א יום־טוב, אַז זיי האָבען פאַרגעסען צוצומאַכען די וואַסער־טויערן. אין דעם קלאָרען ליכט אָבער פון די אַנטדעקטע אויפשריפטען זעהט מען באַשיינפּערליך, אַז די דאָזיגע געשיכטע שטעהט ניט אויפ'ן ריכטיגען אָרט. גיכער באַציהט זי זיך אויף דער צווייטער ערָאבערונג פון בבל דורך דריוש, ארום צוואַנציג יאָהר שפּעטער.

די אויפשריפט פון כורש'ן באריכטעט, אז נאבאניד איז געווען צווישען די געפאנגענע. לויט די גריכישע טראדיציעס איז ער פארטריבען געווארען קיין קארמאניא. ארום צוויי וואכען נאכדעם ווי בבל איז עראבערט געווארען פון זיין ארמיי, האט כורש געמאכט זיין טריאומפירענדען איינטריט אין שטאדט. די האפענונגען, וועלכע האבען באוואוינער די איינוואוינער זיך איבערצוגעבען אויף זיין חסד, זיינען ניט אפגענארט געווארען. „פרידען האט ער פראקלאמירט צו אלע באבילאניער" (כראניק פון נאבאניד־כורש). פארטיידיגענדיג הייס די רעליגיאן פון די עראבערטע, האט ער צוריקגעבראכט צו זייערע הייליגע פלעצער די בילדער פון די געטער, וועלכע זיינען דורך נאבאניד'ן טראנספארטירט געווארען קיין בבל. אין דעם צילינדער, וועלכער שטאמט פון כורש'ן גופא, רעדט ער באריכות פון זיין מילדקייט צו זיינע נייע אונטערטאנען און פון זיין איבערגעבענקייט צו זייערע געטער. מען איז געווען זעהר פארזיכטיג קיינעם ניט צו טאן קיין עולות און צו רעספעקטירען די אינדיווידועלע רעכטען פון יעדען איינעם. די באפעסטיגונגען פון בבל, וועלכע נאבאניד האט פארנאכלעסיגט, זיינען צורעכטגעמאכט געווארען. די טעמפלען פון די געטער פון בבל זיינען באנייט און באשענט געווארען. אסך מאל חזר'ט כורש איבער, אז ער גופא און זיין זוהן קאמביס, וועמען ער האט פארבונדען מיט זיך אלס קעניג פון בבל, זיינען טרייע דינער פון מארדוק, בעל און נעבא (מרודך, בל און נבו), די געטער פון זיינע נייע אונטערטאנען (כורש'עס צילינדער). ער פרעטענדירט פאקטיש אין זיין אויפשריפט, אז דער גרויסער מארדוק האט איבערגעגעבען א שליחות צו „כורש וועלכער דינט צו איהם." וואס פאר'ע מאנאטעאיסטישע טענדענצען דער עראבערער פון בבל האט ניט געמעגט האבען, האבען זיי קענטיג דאך ניט געהאט קיין גרויסען איינפלוס אין באשטימען דעם כאראקטער פון זיינע עפענטליכע האנדלונגען. די אויפשריפטען אנטפלעקען פאר אונז ניט בלויז כורש'עס אויסערגעוועהנליכע געניטקייט אלס דיפלאמאט, נאר אויך זיין פאליטיק בנוגע צו די אונטערווארפענע פעלקער. די דאזיגע פאליטיק זיינע איז געווען דער היפוך פון דער פאליטיק פון די אשורים און די כשדים, וועלכע האבען געזוכט צו באפעסטיגען זייער אויבערהערשאפט דורכ'ן צעדריקען די נאציאנען אונטער זיי אזוי פולשטענדיג, אז זיי זאלען מעהר ניט האבען קיין שום מעגליכקייט זיך צו שטעלען אנטקעגען; ווארים כורש, דורך זיינע האנדלונגען פון מילדקייט און טאלעראנץ, האט אפעלירט צו דער דאנקבארקייט און געטריישאפט פון די עראבערטע. עס איז געלעגען אין דער פראקטישער אנטוויקלונג פון דער דאזיגער פאליטיק דאס וואס ער און

זיינע נאָכפאָלגער באַלד נאָך איהם האָבען פיגורירט אלס די נאָמינעלע די־נער און גרויסמוטיגע באַשיצער פון די געטער פון די נאַציאָנען, איבער וועל־כע זיי האָבען געהערשט.

די פירשטען פון די שטעדט און די פּראָווינצען פון מערב, וועלכע האָבען געצאָהלט טריבוט צו בבל, זיינען דעריבער געווען מלא־שמחה און האָבען זיך געאיילט צו שיקען געזאַנדטע צו קושען די פיס פון אָט דעם נייעם אויבערהאַר אלס צייכען פון אונטערוואַרפונג. פּונקט אזוי וויכטיג, אין דעם ליכט וואָס זי וואַרפט אויף דער אידישער געשיכטע, איז כורש'עס באַהויפּטונג, וואָס שטעהט באַלד נאָך דעם באַריכט וועגען דעם קבלת־פנים, וועלכען מ'האָט געמאַכט פאַר די דאָזיגע געזאַנדטע: „די געטער, וועמעס הייליגטימער זיינען פון לאַנג שוין געלעגען אין חורבות, האָב איך געבראַכט צוריק צו זייערע וואוינונגען און האָב זיי דאָרטען געלאָזט וואוינען אויף אַלע־מאָל. אַלע בירגער פון די דאָזיגע לענדער האָב איך צונויפגעזאַמעלט און זיי צוריקגעבראַכט אין זייערע היימען" (כורש־צילינדער). עס איז די נאַ־טירליכסטע זאַך אַרויסצודריינגען פון דעם טעקסט, אז אַלע פּאַרטריבענע, וועל־כע האָבען זיך געפונען אין זיינע ערֿאבערטע פּראָווינצען, האָבען באַקומען אַן אַלגעמיינע ערלויבעניש זיך צוריקצוקעהרען אין זייערע געבורט־לענדער און מיטצונעמען מיט זיך די זאַכען, וואָס די זשעדנע באַבילאָניער האָבען אַוועקגערויבט פון די טעמפּלען.

פאַר די אידען, פּונקט ווי פאַר זייערע שכנים, איז כורש געוואָרען אַ מעכטיגער באַפרייער, וואָרים אָהן ספק האָבען זיי אויך געקראָגען דיזעלביגע אַלגעמיינע קאָנצעסיעס. כדי דורכצופיהרען די איינצעלהייטען פון דער פּאָליטיק, וועלכע דער גרויסער ערֿאבערער האָט אזוי קלאָר אָנגעצייכענט, זיינען נויטיג געווען נאָך ספּעציעלע דעקרעטען. עס איז דערפאַר מעהר ווי וואַרשיינליך, אז אַ דעקרעט, ספּעציעל בנוגע צו די אידען, איז געווען דער אָריגינאַל פון דעם קעניגליכען באַפעהל, וואָס דער כראָניקער (דער מחבר פון דברי הימים און עזרא־נחמיה) ציטירט אין עזרא ו 3-5 פון אַן עלטערען אַראַמעאישען דאָקומענט. אין דעם דאָזיגען דאָקומענט ווערט איבערגעגעבען פון די מלוכה־פּאַפּירען, וועלכע מ'האָט געפונען אין עקבאַ־טאַנא, די הויפּטשטאָדט פון מדי, אין דער צייט פון דריוש: „אין ערשטען יאָהר פון קעניג כורש האָט דער קעניג כורש אַרויסגעלאָזען אַ באַפעהל בנוגע צו דעם הויז פון גאָט אין ירושלים: זאָל דאָס הויז געבויט ווערען, דער פּלאַץ וואו זיי זיינען מקריב קרבנות, און די פונדאַמענטען זאָלען שטאַרק געלעגט ווערען; די הויך זעכציג איילען און די ברייט זעכציג איילען; דריי

רייהען פון שטיינער און א רייה פון נייעם האלץ, און די הוצאות זאלען געגעבען ווערען פון דעם קעניג'ס הויז! און אויך די גילדענע און זילבערנע כלים פון דעם הויז פון גאט, וואס נבוכדראצר האט ארויסגענומען פון טעמפעל וואס איז אין ירושלים און האט געבראכט אין בבל, זאלען קומען אויפ'ן פאריגען פלאץ אין טעמפעל וואס איז אין ירושלים און זאלען אוועקגעלעגט ווערען אין גאט'ס הויז." דעם איינפלוס פון דעם אידישען געדאנק און פון דער אידישער פארם פון אויסדרוק זעהט מען דא באשיינפערליך, אבער בכלל איז עס אין איינקלאנג מיט די באקאנטע דעקרעטען פון כורש'ן.

דערזעלביגער אראמעאישער דאקומענט, וועלכער ווערט ציטירט אין עזרא ה 13—16, באהויפטעט, אז כורש האט אנגענומען מיטלען, אז דער אידישער טעמפעל זאל ווידער אויפגעבויט ווערען. צו א געוויסען ששבצר, וועמען דער גרויסער קעניג האט באשטימט אלס גוברנאטאר פון יהודה, זיינען אנגעטרויט געווארען די גילדערנע און זילבערנע כלים, וועלכע כורש האט געפונען אין בבל און וועלכע זיינען אוועקגעשלעפט געווארען אהין דורך נבוכדראצר פון ערשטען בית־המקדש אין ירושלים. הגם דער דאזיגער באריכט שטאמט פון א שפעטערער צייט, דאך ווערט ער באשטעטיגט דורך דעם פאקט, וואס כורש באהויפטעט בפירוש אין זיינע אויפשריפטען, אז ער האט געשאנקען זיין אויפמערקזאמקייט צוריקצוברייינגען די געצען, וועלכע ער האט געפונען אין בבל, אין זייערע אורשפרינגליכע טעמפלען. אזוי ווי די אידען האבען ניט געהאט קיין געצען, איז געווען די נאטירליכסטע זאך, אז די הייליגע כלים פון יהוה'ס טעמפעל זאלען צוריקגעקעהרט ווערען. אהן ספק איז כורש געווען באוואוינען אין זיינע האנדלונגען פון פאליטישע מאטיווען. אז זיין פאליטיק איז בכלל באשטאנען אין דעם צו זיין פריינדליך צו די באהערשטע פעלקער, האבען מיר שוין פריהער אנגעמערקט. וואס איז שייך די אידען איז אחוץ וואס מ'קאן זיך רעכענען מיט דער מעגליכקייט, אז ער האט דערקענט אין זייער רעליגיאן א קרובה'שאפט צו דער רעליגיאן פון די פערסער, האט ער געהאט נאך א באזונדערען גרונט זיי ארויסצואווייזען זיין קעניגליכע לייטזעליגקייט. עגיפטען איז געווען די דריטע און לעצטע פון יענע גרויסע אימפעריעס, וועלכע האבען געהאט פאראייניגט זייערע כוחות כדי איהם צו פארהאלטען ביים אנהויב פון זיין ערא‍בערונגס־קאריערע. ער האט שוין געהאט אין זינען די עראבערונג פון עגיפטען, וועלכע זיין זוהן קאמבים האט דורכגעפיהרט. צו דעם דאזיגען צוועק איז נויטיג געווען די געטריישאפט פון די מדינות פון פאלעסטינא. אויף אזא'ן אופן איז דער קאנפליקט צווישען דעם מזרח און דעם מערב ווידער געווארען אז

אנטשיידענדער פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון די אידען. מיר האָבען שוין אויבען באַמערקט*), אז די חורבה פון בית־המקדש אין ירושלים איז געווען, מעהר ווי וועלכער עס איז אנדער היילינטום, דער רעליגיעזער צענטער פון די אידען פון צפון־ארץ־ישראל פונקט אזוי ווי פון די אידען פון יהודה. אויב די בענקשאַפט צו זעהן דעם בית־המקדש ווידער אויפגעבויט איז גע־ ווען אזוי שטאַרק ביי די פארטריבענע אידען אין באבילאָניען אזוי ווי עס קלינגט אָפּ אין זייער ליטעראַטור, דאַן האָט די דאָזיגע בענקשאַפט נאָך גע־ מוזט פיעל שטאַרקער זיין צווישען די אידען, וואָס זיינען געבליבען אין לאַנד. קיין האַנדלונג מצד פון כורש'ן איז דעריבער ניט געווען בעסער באַרעכענט צו געווינען די דאַנקבאַרע געטריישאַפט פון א סטראַטעגיש וויכטיגער קער־ פערשאַפט פון זיינע אונטערטאַנען ווי צו פיגורירען אלס באַשיצער פון זייער היילינטום.

אזא פּאָליטיק איז אגב אורחא אויך געווען בכוח צוצוציהען די גרויסע צאָהל פון די אידען וואָס זיינען אנטלאָפען אין עגיפּטען. עס איז א פּאַקט, וועלכען עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז דער עלטסטער נוסח פון כורש'עס דעקרעט בנוגע צו דער ווידעראויפבויאונג פון בית־המקדש דערמאָנט לחלוטין ניט וועגען א צוריקקערונג פון די אידען פון באַבילאָניען, נאָר נעמט בלויז אין באַטראַכט די אידען, וואָס לעבען אין דער פּראָווינץ יהודה (עזרא ו 3). דער פּערסישער מאָנאַרך האָט געזוכט צו לייזען א פּאָליטישען, ניט קיין ראַסען־פּראָבלעם. די פּאָליטיק, דורך וועלכער ער האָט פּרובירט גוט צו מאַ־ כען דאָס וואָס די באַבילאָנישע אַרמייען האָבען צעשטערט און אויף אזא'ן אופן צונויפצובינדען אין איין גאַנצעס אפילו די ווייטסטע פּראָווינצען פון זיין אימפּעריע, איז בכן געווען קלוג און ליבענסווערט פון יעדער זייט. די ווידעראויפריכטונג פון דער אידישער נאַציאָן, ווי דער גרויסער אַנאָנימער נביא פון גלות האָט קלאָר פּראָקלאַמירט, איז איצט אָפּגעהאַנגען בלויז פון דעם, צי די איינצעלנע מיטגלידער פון דער נאַציאָן זיינען געווען גרייט אָדער זיינען ניט געווען גרייט צו מאַכען זייערע פּערזענליכע אינטערעסען א טפל צו די אינטערעסען פון זייער פאָלק און זייער רעליגיאָן. די פּאָליטישע מניעות זיינען לגמרי אָפּגעשאַפט געוואָרען; די אידען אין גלות האָבען גע־ האַט פולשטענדיגע פרייהייט זיך צוריקצוקערען אין זייער היים־לאַנד. מיר האָבען באמת א גוטען גרונט צו גלויבען, אז פאַר כורש'ן וואָלט געווען אַנ־ געלעגט אן אלגעמיינער צופלוס פון מענשען אין דער טעריטאָריע פון צענ־

*) זעה אויבען ז. 199.

טראל־פאלעסטינא. די אמת'ע פראגע פון דער צייט איז געווען: צי האבען די אידען, און באזונדערס די אידען אין באבילאניען, אויסגענוצט די געלע־גענהייט?

2.

די אויפלעבונג פון דער אידישער געמיינדע אין פאלעסטינא.

די ווייט אנגענומענע טראדיציע, אז א גרויסע צאהל אידען האבען תיכף זיך צוריקגעקערט פון באבילאניען האט אלס יסוד בלויז די צוייפעל־האפטע באהויפטונג פון דעם כראניקער. אזוי ווי ער האט געלעבט מיט צוויי אדער דריי הונדערט יאהר שפעטער, ווען די עריגערונג אן די דאזיגע ווייטע געשעהענישען איז שוין געווען זעהר מטושטש, איז פאר איהם געווען ניט מעהר ווי נאטירליך צו דענקען, אז דער יסוד פון יענעם בית־המקדש, וואס איז געווען אזוי הייליג פאר איהם, איז געלעגט געווארען דורך פרומע אידען פון גלות, וועלכע האבען זיך צוליב דעם צוועק צוריקגעקערט, און ניט דורך יענע אידען, וועלכע זיינען אין לאנד געבליבען און וועלכע ער, מיט זיין דור, האבען שטארק פאראכטעט. די האפענונגען, וועלכע זיינען אזוי אפט אויסגעדריקט אין די נבואות וואס שטעהען אין ישעיה פון מ ביז נ"ה, האבען בלי ספק איהם דערמוטיגט אנצונעמען די דאזיגע טעאריע, וועלכע האט זיך איהם אזוי גוט געלעגט אויפ'ן שכל (פארגלייך די שפראך פון עזרא א).

אבער א נאהענטער שטודיום פון ישעיה מ ביז נ"ה ווייזט אונז, אז די האלטונג פון זיינע גלות־חברים וועגען א צוריקקער אין יהודה האט אפ־געקיהלט די נביאי'שע באגייסטערונג פון דעם פארפאסער פון די נבואות און האט ביי איהם ארויסגערופען ערנסטע ספקות, צי זיי וועלען זיך אפ־רופען אויף דער געלעגענהייט? ער מאכט זיי כסדר פארוואורפען פאר זייער איינגעשפארטקייט (מ"ו 12; מ"ח 4). מעהר ווי אלץ באקלאגט ער זיך וואס עס פעהלען אוים פיהרער. „ניטא ווער עס זאל זי פיהרען צווישען אלע קינדער וואס זי האט געבארען; און ניטא ווער עס זאל זי אננעמען ביי דער האנט פון אלע קינדער וואס זי האט אויפגעהאדעוועט" (נ"א 18). אויב טיילען פון קאפ. מ—נ"ה זיינען געשריבען געווארען ניט לאנג נאך דער עראָ־בערונג פון בבל, דאן דריקט אויס נ 2 די אנטוישונג, וועלכע האט אנגע־פילט דאס הארץ פון יהוה'ס שליח: „ווארום בין איך געקומען און קיינער

איז ניט געווען, איך האב גערופען און קיינער האט ניט געענטפערט? איז מיין האנט צו קורץ אויסצולייזען? אדער האב איך ניט קיין כוח צו ראטע־ווען?" עס איז נויטיג אביסעל פאנטאזיע צו פארשטעהן וואס עס האט צוריקגעהאלטען די אידען פון זיך צוריקקערען פון גלות. די לאנגע, געפעהר־ליכע רייזע דורכ'ן מדבר, וואס זיי אדער זייערע פאטערס האבען געמאכט אלס געפאנגענע אונטער דער אנפיהרונג פון זייערע באבילאנישע פאנגערס, איז שוין אליין גענוג געווען צו מאכען אפהענטיג אפילו די מוטיגסטע. פאלעסטינא, מיט איהרע וויסטע חורבות און איהרע פאררעטערישע שונאים, האט מעהר אפגעשראקען איידער צוגעצויגען. זייערע ברידער, וועלכע זיינען דארטען געבליבען, זיינען לויט די ווידערהוילטע דערקלערונגען פון ירמיה און יחזקאל געשטאנען אסך נידעריגער איידער די וואס זיינען פארטריבען געווארען, און זייער ראלע אין דער געשיכטע פון נאכ'ן גלות גיט אונז ניט קיין סמך צו ענדערען די דאזיגע אפשאצונג.

פון דער אנדערער זייט האבען זייערע היימען און זייערע פריינד, אל'ז וואס איז געווען טייער ביי זיי מיט דער אויסנאם פון זייער געבורט־לאנד — וואס איז נאך געווען וויסט — זיי צוגעבונדען צו דעם נייעם לאנד וואס זיי האבען געמאכט פאר זייער נייע היים. אונטער כורש'עס הערשאפט זיינען אלע באשרענקונגען, וועלכע האבען פריהער געמאגט עקסיסטירען געגען זיי, אפגעשאפט געווארען, און זיי זיינען געווען פריי צו געניסען גלייך מיט די באבילאניער די געלעגענהייטען און די פארגעניגענס פון דעם רייכען טאל פון דעם פרת. אלס פועל־יוצא פון זייער אייגענער ברירה האט פאר די מעהרסטע פון זיי דער גלות זיך קיינמאל ניט געענדיגט. זיך האל־טענדיג אן זייערע נאציאנאלע אינסטינקטען, האבען זיי ווייטער געלעבט אין זייערע קאלאניעס פאר זיך אליין, אויפהאלטענדיג זייער געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע, זייערע מנהגים און זייער רעליגיאן אין בילדענדיג אסך איינ־צעלנע קיבוצים אין דער גרויסער פערסישער אימפעריע. די לעצטע אויס־גראבונגען אין ניפור האבען ארויסגעבראכט אויף דער ליכטיגקייט א מאסע טאוולען אין פלעקלעד־שריפט פון די רעגירונגען פון ארתחשסתא (ארטא־קסערקסעס) און דריוש. די דאזיגע טאוולען טראגען אסך באקאנטע אידישע נעמען, אזעלכע ווי שמשון (סאמשאנו), נתניאל (נאטאן־אילי), שמעון (שא־מאקונו), גדליה (גאדאליאמא), און מנחם (מינאח־חימו). מ'האט אויך געפונען שפורען פון א גרויסער אידישער קאלאניע אין ניפור לאנג נאך דער קריסטליכער ערא. באבילאניען, ווי עס איז וואויל באקאנט, איז אין אנהויב פון דער קריסטליכער ערא אויך ווייטער אנערקענט געווען אלס

איינער פון די דריי באדייטענדסטע צענטערס פון יודענטום. פון דארטען האבען זיך די אידען שנעל פארשפרייט אין עקבאטאנא, שושן, און אנדערע גרויסע שטעדט פון דער פערסישער אימפעריע. אין משך פון דעם קומענ־דען יאהרהונדערט האבען די דאזיגע אידען פון מזרח געווים ווייט אריבער־געשטיגען אין רייכקייט און אינטעליגענץ, און וואהרשיינליך אויך אין צאהל, זייערע ברידער אין יהודה. הגם זיי האבען צוליב פארשידענע טעמים ניט געוואלט זיך צוריקקערען, האבען זיי אבער בשום אופן ניט פארלאזען אלע דעם גלויבען פון זייערע פאטערס. דער צענטער פון זייער אינטערעס איז נאך אלץ געווען ירושלים, און זיי זיינען תמיד גרייט געווען צו העלפען מיט זייערע געשאנקען די ארבייט פון דער נאציאנאלער אויפלעבונג. ווען די צושטענדען זיינען מיט דער צייט געווארען אומגינסטיג אין מזרח, אדער גינסטיגער אין יהודה, האבען אסך פון זייערע קינדער און קינדסקינדער־אויסגענוצט די געלעגענהייט זיך צוריקצוקערען אין זייער אלטען היים־לאנד.

אחוץ דעם צוזאמענהאנג, וואס דער כראניקער גיט זיי איז ניטא קיין סמך אנצונעמען, אז די ליסט אין עזרא ב און איהר פאראלעל, נחמיה ז, אנטהאלטען א צענזוס פון די אידען, וועלכע האבען זיך צוזאמען צוריק־קערט גלייך נאך דעם יאהר 538 (פאר דער קריסטליכער ציטרעכענונג). לויט זיין איבערשריפט ווערען אין דעם צענזוס אויסגערעכענט די אידען אין דער פראווינץ יהודה, וואס האבען זיך געהאט צוריקגעקערט פון באַ־בילאניען. עס שטעהט ניט בפירוש ווען זיי האבען זיך צוריקגעקערט, אבער מ׳קאן דאס ארויסדרינגען פון דער ליסט פון די פיהרער, וואס שטעהט די־רעקט נאך דער איבערשריפט. די נעמען פון זרובבל און ישוע — פון וועַ־מען מיר ווייסען, אז זיי זיינען געווען אין ירושלים לכל הפחות ארום יאהר 520 — שטעהען די ערשטע. דאן קומט נחמיה, וועלכער איז מיט דער גרעסטער וואהרשיינליקייט דערזעלביגער נחמיה, וואס האט זיך צוריקגע־קערט אין יאהר 445, מיטגענעמענדיג מיט זיך א סוויטע פון באדינטע און מאנכע אידען אזעלכע פרומע ווי ער גופא. דער נעכסטער אין דער ליסט, וואס געפינט זיך אין ספר נחמיה, איז עזריה, וואס איז אין העברעאיש דאס־זעלביגע ווי עזרא. עזריה איז העכסט וואהרשיינליך געווען לכתחילה דער נאמען פון דעם כהן, וועלכער איז געווען אזוי ענג פארבונדען מיט נחמיה׳ן. ער האט, לויט עזרא ח 1—20, געפיהרט מיט זיך צוריק אידען פון גלות בבל פון פארשידענע משפחות, וועמעס נעמען שטימען גענוי מיט די נעמען פון די פריהער דערמאנטע ליסטען. דער נאמען „שריה“ אין דעם פאראלעל

פון עזרא ב 2 קאן זיין א טעות פון אן איבערשרייבער אדער פון דעם כראניקער, וועלכער האט געהאט אין געדאנק עזרא ז 1, וואו שריה ווערט דערמאנט אלס עזרא׳ס פאטער. צווישען די נעמען פון אנדערע פיהרער, וועלכע האבען, ווי עס איז צו דריגנען פון דעם צוזאמענהאנג, געפיהרט צו־ריק גרופען אידען פון גלות אין דער צייט ביז נחמיה און עזרא, קומט אויך פאר מ ר ד כ י, וועלכער שטאמט פון דעם נאמען פון באבילאנישען גאט מארדוק. מרדכי פיגורירט אויך אין דעם בוך אסתר אלס דער נאמען פון א פראמינענטען אידען פון יענער תקופה. לכל הפחות איינער פון די נעמען אין ליסט, ב ג ו י, איז פון אלעמען אנגענומען, אז ער האט א פערסישען אורשפרונג, שטאמענדיג פון באגא, גאט. עס איז זיכער, אז א אידישער פיהרער האט ניט געקאנט טראגען קיין פערסישען נאמען ביז די פערסישע השפעה איז שטארק געווארען אין דעם גלות־לאנד לכל הפחות אין משך פון א דור. דער פאקט, וואס דעם דאזיגען ניט־אידישען נאמען טראגט אויך א שבט איבער צוויי טויזענד אין צאהל (עזרא ב 14), אויך דער פאקט וואס דער נאמען פון דעם כהן ישוע איז געווארען א באַ־צייכענונג פאר א שבט פון כהנים, ניין הונדערט און דריי־און־זיבעציג אין צאהל (עזרא ב 36) — אט דאס אלצדינג פיהרט אונז צו דער הנחה, אז דער צענזוס אין די דאזיגע ליסטען איז גענומען געווארען שפעט אין דער פערסישער פעריאדע.

דער דאזיגער שלוס ווערט נאך באשטעטיגט דורך דעם כאראקטער פון די ליסטען גופא. א גרויסע צאהל בירגער פון דער פראווינץ יהודה ווערען דארטען קלאסיפיצירט לויט די שטעדט, וועלכע זיי באוואוינען (עזרא ב 20—29, 33, 34; פארגלייך נחמיה ג); זיי ווערען באצייכענט אלס די „זיהן" פון גבעון אדער פון בית־לחם אדער פון יריחו, אדער אויך אלס די „לייט" פון מכמש אדער בית־אל. אזוי ווי עס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז די דאזיגע ניינצעהן שטעדט זיינען זיכער ניט אלע געווען אין אידישע הענט פאר דעם שפעטערען טייל פון דער פערסישער תקופה, קאן מען דערפון בפירוש ארויסלערנען, אז דער צענזוס איז גענומען געווארען אין א צייט נעהנטער צו אלעקסאנדער דעם גרויסען איידער צו כורש׳ן ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען, שטאמט די לאנגע ליסט פון די כהנים, זינגער, טויער־היטער, נתינים, און די קינדער פון שלמה׳ס קנעכט, אין איהר איצטיגער פארם, פון דעם כראניקער (דעם מחבר פון דברי הימים) און זי ווייזט אויף א צייט ווען די עבודה און די אויסריכטונג פון בית־המקדש זיינען געווען העכער אנטוויקעלט אפילו ווי אין די טעג פון **נחמיה**

(פארגלייך נחמיה א—ו; אויך דעם כראַניקער׳ס ליסט, נחמיה י״ב).
עס איז דערפון קלאָר, אז די ליסטען אין זייער איצטיגען נוסח וואַרפען וועניג ליכט אויף דער צאָהל און דעם כאַראַקטער פון די, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקערט באַלד נאָך דעם יאָהר 538. אז זיי זיינען געווען וועניג און אומבאַדייטענד איז אויך בפירוש צו זעהן פון די איינציגע דאָקומענטען, וואָס שטאַמען פון יענער צייט: די נבואות פון חגי און זכריה. ארום פערציג טויזענד האָבען זיכער דעמאָלט זיך ניט צוריקגעקערט, ווען עס ווערט ניט אן אות דערמאָנט דערפון אין קיינעם פון אָט די נבואות, וועלכע שילדערען אזוי לעבעדיג די צושטענדען אין דער אידישער געמיינדע ארום יאָהר 520. ניט בלויז ווערט קיין זאך ניט געזאָגט וואָס זאָל געבען עפּעס אן אָנצוהערעניש וועגען אן אלגעמיינעם צוריקקער, נאָר די נביאים רופען תמיד די אידען, צו וועמען זיי ריידען, „דאָס פאָלק פון דעם לאַנד" („עם הארץ," חגי ב 4; זכריה ז 5). אדער „די איבערגעבליבענע פונ׳ם פאָלק" („שארית העם," חגי א 12, 14; ב 2; זכריה ח 6, 11, 12). זיי באַציהען זיך לויט דעם אויף זיי מיט דיזעלביגע אויסדרוקען, מיט וועלכע ירמיה האָט זיך באַצויגען אויף די וואָס זיינען געבליבען מיט איהם אין יהודה נאָכ׳ן חורבן (ירמיה מ״ב 2, 15, 19; מ״ג 5; מ״ד 7, 12, 14). עטליכע דורות שפּעטער, ווען א דעפּוטאַציע האָט באַזוכט נחמיה׳ן אין שושן, איז זיין פראַגע ניט געווען: „וואָס טוען די צוריקגעקערטע?" נאָר „וואָס טוען די אידען, דער שריד־ופליט וואָס איז איבערגעבליבען פון דער געפאַנגענשאַפט?" דער ענטפער פון די אידען, וועלכע זיינען געווען דירעקט געקומען פון פּאַלעסטינא, איז אויך א קלאָרער באַווייז, אז ביז דעמאָלט איז נאָך ניט געווען קיין אלגעמיינע צוריקקערונג פון די אידען פון באַבילאָניען (נחמיה א 1—3). די געמיינדע, אין וועלכער מיר ווערען אריינגעפיהרט דורך דעם אַראַמעאישען דאָקומענט אין עזרא, ווי אויך דורך די נבואות פון חגי און זכריה און דורך די מעמואַרען פון נחמיה, איז קליין, אָרים און פיהרט אָן א שווערען קאַמף פאַר איהר קיום. זכריה, אין יאָהר 520, באַטראַכט די יאָהרען נאָך כורש׳עס גרויסען נצחון אזוי נידערדריקענדיג פאַר ירושלים און די שטעדט פון יהודה פּונקט ווי דער האַלבער יאָהרהונדערט פאַר דעם. אין א משך פון זיבעציג יאָהר איז געלעגען אויף זיי יהוה׳ס צאָרן, און קיין שטראַהל פון ליכט האָט זיך ניט באַוויזען צו צעטרייבען די פינסטערניש (זכריה א 12). אויב אפילו א העלפט פון פערציג טויזענד טרייע און פרומע אידען וואָלטען זיך צוריקגעקערט פון באַבילאָניען אין יאָהר 537, וואָלטען אזעלכע ווערטער געווען אוממעגליך. פּונקט ווי דער גרויסער נביא פון גלות, אזוי דערמוטיגט נאָך

אויך זכריה: „אה, ציון, אנטרין דו וואס וואוינסט מיט דער טאכטער פון בבל“ (ב 11). דער אלגעמיינער צוריקקער פון די גולים איז נאך אין דער צוקונפט. אזוי ווי דעם נביא'ס צוהערער, „דאס פאלק וואס איז געבליבען אינ'ם לאנד“, זיינען שווער־גלויביג, דערקלערט ער: „אזוי האט געזאגט יהוה פון די הערשארען: איך וועל העלפען מיין פאלק פון מזרח און פון דעם לאנד וואו די זון געהט אונטער; און איך וועל זיי ברייגגען און זיי וועלען וואוינען אין ירושלים“ (זכריה ח 8,7). דאן וועט די פוסטע ירושלים ווידער באזעצט ווערען און די שטעדט ארום איהר וועלען ווידער זיין באוואוינט און בליהענדיג (ז 7).

גלייכצייטיג איז עס ניט אויסגעשלאסען, אז מאנכע אידען פון גלות אין מזרח האבען זיך באנוצט מיט כורש'עס ערלויבעניש זיך צוריקצוקערען פון באבילאניען און האבען אויף אזא'ן אופן גענומען אן אנטייל אין בויען דעם בית־המקדש. דער ערשטער גובערנאטאר פון יהודה איז געווען ששבצר, וועמען דער כראניקער באצייכענט אלס „דער פירשט פון יהודה“ און וועמען ער אידענטיפיצירט, ווי עס ווייזט אויס, אלס א זוהן פון דעם געפאנגענעם אידישען קעניג יהויכין און דעריבער אלס זרובבל'ס א פעטער (דברי הימים א, ג 16—19). עס איז וואהרשיינליך, אז ששבצר האט מיטגענומען מיט זיך אין זיין סוויטע מאנכע אידען. זיין נאכפאלגער, זרובבל דער זוהן פון שאלתיאל און דער אייניקעל פון יהויכין, איז בלי ספק געווען געבארען אין בבל. "געבארען אין בבל“ איז די וואהרשיינליכסטע באדייטונג פון זיין נאמען. יהושע, וועלכער האט געהערט צו דער הויפט־פאמיליע פון די כהנים האט געמוזט שטאמען פון איינעם פון די כהנים פון בית־המקדש, וועלכע זיינען צוזאמען מיט די קעניגליכע געפאנגענע אוועקגעפיהרט געווארען דורך נבוכדראצר'ן אין בבל. אט די אלע פיהרער, ווי עס איז זיך אנצושטויסען פון דער ליסט אין עזרא ב (נחמיה ז), האבען געמוזט מיטברייגגען מיט זיך מאנכע פון זייערע ברידער זיי צו העלפען אין זייער ארבייט וואס זיי האבען געהאט צו טאן, זיך צוריקקערענדיג אין ירושלים. אויך זכריה דערמאנט „די פון גלות“ („הגולה“), און ער גיט די נעמען פון דריי מענער, חלדי, טוביה און ידעיה, וועלכע האבען לעצטענס זיך צוריקגעקערט פון בבל און האבען געבראכט מיט זיך זילבער און גאלד, קענטיג א בייטראג פון די אידען וואס זיינען דארטען געבליבען פאר דעם בנין פון בית־המקדש. צוזאמען האבען די דאזיגע קליינע גרופען אידען, וועלכע האבען זיך צוריקגעקערט אין פארשידענע צייטען אין פארלויף פון די פופצעהן אדער צוואנציג יאהר נאך דעם געוואלדיגען נצחון

פון כורש'ן, צוזאמענגעשטעלט אזא קליינעם טייל פון דער קאָלאָניע אין יהודה, אז די נביאים, ריידענדיג צום פאָלק, האָבען געקאָנט זיי איגנאָרירען. דאך איז זייער אינטעלעקטועלע און רעליגיעזע השפעה געווען בלי ספק גרעסער ווי לויט זייער צאָהל.

אין ליכט פון די צושטענדען, וועלכע האָבען געהערשט אין פאַלעסטינא אין דער פריהיגער צייט פון גלות, איז קלאָר, ווי חגי און זכריה דייטען אָז, אז די געמיינדע, צו וועלכער זיי האָבען זיך געווענדט, איז באַשטאַנען כמעט אין גאַנצען פון יענע אידען פון יהודה, כלב און ירחמאל*), וועלכע זיינען נאָכ'ן חורבן געבליבען אין לאַנד און פון יענע, וועלכע זיינען אַנטלאָפען אין די לענדער, וואָס ליגען אין שכנות מיט פאַלעסטינא. ווען ששבצר איז באַשטימט געוואָרען אלס גובערנאַטאָר פון יהודה און די מילדע פאָליטיק פון כורש'ן איז באַקאַנט געוואָרען, האָבען בלי ספק אסך אידען, וועלכע האָבען געפונען אַ מקום-מקלט צווישען די פעלקער ארום און וועלכע האָבען געוואָרט אויף אַ גינסטיגער געלעגענהייט זיך צוריקצוקערען, זיך צוזאַמענגעקליבען ארום ששבצר'ס פאָהן. אין עגיפּטען האָבען זיכער זיך געפונען טויזענדע אזוינע גלות-אידען, וועלכע זיינען געווען אין אַ באַשטענדיגען פאַרקער מיט זייערע ברידער אין פאַלעסטינא, און וועלכע זיינען געווען בלויז אייניגע טעג רייזע פון זייער געבורט-לאַנד**). אַזוי ווי זיי זיינען ניט אוועקגעפיהרט געוואָרען אין גלות, זיינען זיי נאַטירליך גערעכענט געוואָרען אַלס „דאָס פאָלק פון דעם לאַנד" אָדער אלס „די איבערגעבליבענע פונ'ם פאָלק."

אַט די אַלע פאַקטען, וואָס מיר האָבען דאָ צוזאַמענגענומען, גיבען אונז דעם ריכטיגען אויסגאַנגס-פּונקט צו פאַרשטעהן די געשיכטע פון דער אויפגעלעבטער אידישער געמיינדע אין משך פון די קומענדיגע צוויי יאָהרהונדערטען. די מעגליכקייטען, וואָס דער גרויסער אַנאָנימער נביא פון גלות האָט געזעהן אין זיין גייסט, זיינען נאָר טיילווייז פאַרווירקליכט געוואָרען. יהוה, דורך זיין „משיח," כורש, האָט צוגעגרייט דעם וועג; אַ געוויסע צאָהל אידען האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט; אָבער די גרעסטע צאָהל פון די אידען אין באַבילאָניען, זיינען, ווי דער גרויסער נביא האָט מורא געהאַט, ניט געווען דערוואַקסען צו דעם אָפּפער. דער וואוקס פון דער געמיינדע אין יהודה, דערנאָך ווי זי האָט געקראָגען איהרע ערשטע צוגעקומענע, איז געווען לאַנגזאַם, און איהר לעבען איז געווען אַ לאַנגער, שמערצליכער קאַמף

*) זעה אויבען ז. 199

**) זעה אויבען, ז. 200, 201.

פאַר איהר קיום. דער אויסדרוק „אויפלעבונג“ באַשרייבט בעסער די ממשות'דיגע פאַקטען ווי דער אויסדרוק „צוריקקערונג“: וואָרים קיין פלוצליכע אומענדערונגען זיינען ניט פאָרגעקומען לטובה פון דער קליינער אידישער קאָלאָניע אין יהודה גלייך נאָך דעם יאָהר 538. דריוש דער ערשטער, ניט כורש, האָט רעאָרגאַניזירט די פערסישע אימפּעריע. בלויז מיט דער צייט האָבען די אידען פון פּאַלעסטינא באַקומען א פולען באַגריף פון דער וואונדערליכער ענדערונג, וואָס איז געקומען אויף זייער פּאָליטישען האָריזאָנט. אורטיילענדיג פון שפּעטער, ווי אויך פון די באַריכטען פון דעם כראָניקער, האָט מען זיי אין אָנהויב בלויז ערלויבט צו האָבען אן אייגענעם אידישען גובערנאַטאָר. די מילדערע הערשאַפט פון פערסיען האָט זיי געגעבען נייע געלעגענהייטען זיך צו אנטוויקלען. מיט אַן אָנערקענטען פיהרער זיינען זיי געווען אין א בעסערער לאַגע זיך צו פאַרטיידיגען געגען זייערע פיינדליכע שכנים. זייערע הערצער זיינען בלי ספק אויך דערפרעהט געוואָרען זעהענדיג ווי גרופּען אנטלאָפענע אידען קומען צוריק פון עגיפּטען. אין מאַנכע צייטען האָבען אויך אויפגעפלאַמט אין זיי האָפענונגען אויף א פאָלשטענדיגער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, ווען פאַרטריבענע אידען פלעגען קומען פון דער ווייטער בבל, באַלאָדען מיט מתנות פאַר זייערע אָרימע ברידער אין יהודה (זכריה ו 9—15). וויכטיגער ווי אַלץ אָבער איז געווען דאָס וואָס די דאָזיגע צוריקגעקערטע פון גלות האָבען געבראַכט די רייכע פרוכט פון דעם העברעען רעליגיעזען לעבען וואָס זיי האָבען אנטוויקעלט אין דעם מזרח. מיר האָבען אויף אזא'ן אופן 'א גוטען יסוד צו גלויבען, אז אין אָט דער פריהיגער פעריאָדע האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען אין יהודה יענע מעכטיגע רעליגיעזע השפעה פון די באַבילאָנישע אידען, וועלכע האָט שפּעטער געענדערט פון גרונט אויס דעם כאַראַקטער פון דער געמיינדע אין יהודה.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אז אין דער צייט פון גלות בבל איז א פּראָסטער מזבח אויפגעשטעלט געוואָרען און גאָט'ס־דינסטען פלעגען אָפּגעהאַלטען ווערען אויפ'ן אָרט פון דעם חרוב'ען בית־המקדש. כורש'עס דעקרעט, וואָס האָט געמוזט ארויסגעגעבען ווערען ארום יאָהר 538 (פאַר דער קריסטליכער ערא), לייענט זיך: „וואָס איז שייך דאָס הויז פון גאָט אין ירושלים, זאָל דאָס הויז געבויט ווערען, דער פּלאַץ וואו זיי זיינען מקריב קרבנות און זאָלען זיינע פונדאַמענטען שטאַרק געלעגט ווערען.“ אויך חגי הנביא רעדט וועגען א סדר הקרבנות, וואָס איז געווען אין קראַפט נאָך איידער מ'האָט אָנגעהויבען בויען דאָס הויז פון גאָט (חגי ב 14). אזוי ווי זיין פונדאַמענט איז געלעגט געוואָרען אין יאָהר 520, אלס רעזולטאַט פון

חגי׳ס נביאי׳שער טעטיגקייט, איז דערפאר שווער צו באמערקען א באשטימ־טען רעליגיעזען פראגרעס אין די ערשטע אנדערהאלבען יאהרצענדליג פון דער פערסישער תקופה. עס קאן גריילעך זיין, אז די פארמאליטעט פון לע־גען א פונדאמענט פאר דעם בית־המקדש איז מען שוין דורכגעגאנגען אונטער ששבצר׳ס אנווייזונג, גלייך נאך דעם יאהר 538, אזוי אז עס זאלען באפרי־דיגט ווערען די תנאים פון כורש׳עס דעקרעט. עס לעגט זיך אויך אויפ׳ן שכל אנצונעמען מיט דעם כראניקער, אז די פרומע אידען, וועלכע האבען זיך צוריקגעקערט פון באבילאניען, האבען פון דעמאלט אן איינגעשטעלט א פשוט׳ען אבער רעגעלמעסיגערען גאט׳ס־דינסט אויפ׳ן הייליגען ארט פון בית־המקדש (עזרא ג; פארגלייך חגי ב 10—16; זכריה ז); און אז זיי האבען וואהרשיינליך געמאכט מאנכע הכנות אויפצובויען צוריק דעם בית־המקדש. אין איין טייל פון דעם אראמעאישען דאקומענט באהויפטען די אידען פון חגי׳ס צייט, אז מ׳האט שוין אין בויען דעם בית־המקדש זינט דער צייט פון כורש׳עס נצחון (עזרא ה 16). פון דעם צוזאמענהאנג אבער און פון חגי׳ס בפירוש׳ער דערקלערונג, אז פאר דעם יאהר 520 איז ניט א שטיין געלעגט געווארען אויף א שטיין (ב 15), ווייזט אויס, אז יענע באהויפ־טונג פון די אידען איז געמאכט געווארען כדי אפצואווענדען די סכנות פון דעם מאמענט. דער גרונט פארוואס מ׳האט ניט אויפגעטאן עפעס ממשות׳־דיגעס איז וואהרשיינליך ניט געווען געלעגען אזויפיעל אין דער געגנער־שאפט פון „דעם פאלק פון לאנד“ (ווי דער כראניקער האלט אין עזרא ד 1—6); ווארים ביז נחמיה׳ס צייט האט מען די שומרונים ערלויבט צו דינען גאט צוזאמען מיט די אידען פון ירושלים. ווי עס איז צו זעהן בפירוש פון חגי׳ס רייד, איז דער גרונט גיכער געווען וואס די קליינע געמיינע איז נאך געווען שרעקליך שוואך הן אין מיטלען, הן אין איינפלוס. עס איז געווען ניט מער ווי נאטירליך, אז באלד ווי כורש האט זיי געגעבען די ערלויב־ניש זאלען זיי זיך צוערשט אפגעבען מיט׳ן בויען בעסערע הייזער, וואס זאלען באשיצען זיי און זייערע פאמיליען פון דעם אומפריינדליכען קלימאט פון פאלעסטינא. די דאזיגע ארבייט האט געפאדערט א היבשע צייט, ווא־רים די אנטלאפענע וואס האבען זיך צוריקגעקערט האבען געמוזט אנהיי־בען אלס פיאנערען און די וואס זיינען פון פריהער געבליבען אין יהודה זיינען געווען ארים און וויסט. זייער קיום איז אפגעהאנגען פון דער ערד־הכנסה, און אין יענע ערשטע יאהרען פון דער פערסישער פעריאדע האבען זייערע ארבייטען ווינציג פרוכט געטראגען. ארום יאהר 527 האבען די פערסישע ארמייען אנגעהויבען מארשירען קיין עגיפטען דורך פאלעסטינא,

און א טייל פון דער לאסט פון אויסהאלטען זיי איז בלי ספק געפאלען אויף די אידען. טרויעריג און דריקענדיג האט אויסגעזעהן דער היפוך צווישען די באגייסטערטע הבטחות פון דעם אנאנימען נביא פון גלות און דער הארטער ווירקליכקייט. ערינערונגען אן דעם גלאנץ און פראכט פון דעם פריהערדיגען בית־המקדש זיינען נאך געלעגען אין זייער זכרון, און זיי האבען קיין הארץ ניט געהאט אויפצושטעלען אזא׳ן אומבאדייטענדען בנין ווי זיי האבען געהאט ביי דער האנט. „עס איז נאך ניט געקומען די צייט פאר גאט׳ס הויז געבויט צו ווערען.‟ איז געווען דער געוועהנליכער אנגענו־מענער שלום (חגי א 2). ערשט אין יאהר 520 איז אויפגעשטאנען דער מאן, וואס האט פראקלאמירט, אז איצט איז דער אנגענומענער טאג פון גאט.

3.

די ווידעראויפבויאונג פון דעם בית־המקדש.

אין יאהר 529 (פאר דער קריסטליכער צייט) איז כורש, דער גרינדער פון דער פערסישער אימפעריע, געשטארבען. די וויכטיגסטע פאסירונג אין דער הערשאפט פון זיין זוהן און נאכפאלגער, קאמביס, איז געווען די ערא־בערונג פון עגיפטען, וועלכע איז אין יאהר 525 געווען געענדיגט. דורך זיינע כמעט וואהנזיניגע מעשים פון אכזריות האט דער נייער קעניג דער־וויטערט פון זיך זיינע אונטערטאנען און האט זיי געטריבען צו אן אויפ־שטאנד. אין יאהר 522 (אדער אין יאהר 521), ווען ער האט געהאלטען אין זיך צוריקקערען פון עגיפטען אין זיין הויפטשטאדט, האט ער געקרא־גען די ידיעה, אז א געוויסער גומאטא, באקאנט ביי די גריכען אלס גאמא־טעס, דער מאגיקער, האט זיך אנגעגעבען אלס דער ברודער בארדעס, ווע־מען קאמבים האט געלאזט אין געהיים אומברייננגען, און אז ער האט צוגע־צויגען צו זיין פאהן די מעהרהייט פון פאלק אין דער אימפעריע. הגם קאמבים האט געהאט אונטער זיין קאמאנדע א גוט איינגעשטירטע ארמיי, האט ער, שוין זייענדיג אויפ׳ן וועג צוריק אזוי וויים ווי ביז חמת אין סי־ריען, בעסער זיך גענומען דאס לעבען איידער צו קעמפען פאר דעם טראן מיט דעם באטריגער.

ווען גומאטא איז געבליבען אהן אן אפענעם טראן־קאנקורענט, האט זיך איהם איינגעגעבען, דורך קאנצעסיעס צום פאלק און דורך א סיסטעם פון טעראר, אויפצוהאלטען זיין ממשלה עטליכע חדשים. דאך אין הערבסט

פון יאהר 521 האבען די פערסישע אדעליגע געמאכט א קאנספיראציע און האבען דער׳הרג׳עט דעם באטריגער. דער אנפיהרער פון די קאנספיראטארס איז געווען דריוש (דאריוס), וועלכער האט פרעטענדירט צו שטאמען, דורך א פאראלעלער אפצווייגונג, פון דער קעניגליכער פאמיליע פון די אכעמע־נידען, פון וועלכער כורש איז ארויסגעקומען. ער איז תיכף ארויסגעוועהלט געווארען דורך זיינע קאלעגען צו פארנעמען דעם לעדיגען טראן. זיין ערשטע האנדלונג איז געווען צו פארשטארקען זיין פאזיציע דורך דער הייראט מיט אטאסא, די טאכטער פון כורש. כדי ער זאל קריגען די פולקומע הערשאפט איבער דער גאנצער פערסישער אימפעריע האט זיך פון איהם געפאדערט גרעסערע פעהיגקייט, ווי פון איהר באגרינדער, ווארים עס זיינען אויפ־געשטאנען דעמאלט אסך קרוין־פרעטענדענטען, און גוימאטא׳ס טויט איז געווען דער סיגנאל פאר אן אויפשטאנד אין פיעל טיילען פון דער אימפע־ריע. אין שושיאנא האט א געוויסער אטרינא אנגעפיהרט אן אויפשטאנד, וואס איז שנעל אונטערדריקט געווארען, אבער באלד איז אין דערזעלבי־גער פראווינץ אויסגעבראכען אן אנדער אויפשטאנד. א שטארקערע מרידה האט געפלאקערט אין באבילאניען אונטער דער פיהרערשאפט פון נידינטובעל, וועלכער האט אנגענומען דעם פאפולערען טיטעל נבוכדראצר דער דריטער. בעת דריוש איז פערזענליך געווען פארנומען מיט׳ן אונטערווארפען די בא־בילאניער, איז אויפגעשטאנען צווישען די מעדער, איינער א פראארטעס, וועלכער האט אנגענומען דעם היסטארישען נאמען פון קיאקסארעס.ביידע פיהרער האבען געהאט א גרויסע צאהל אנהענגער. אין זומער פון יאהר 520 איז בבל עראבערט געווארען פון דריוש׳ן, און ער האט דאן געקאנט פערזענליך זיך אפגעבען מיט׳ן אנטערווארפען די מעדער. די באבילאניער האבען באלד ווידער מורד געווען אונטער דער פיהרערשאפט פון אן אנדער פרעטענדענט, וועלכער האט זיך אויך א נאמען געגעבען נבוכדראצר דער דריי־טער. אין דער דאזיגער פעריאדע פון מהומות און צעמישונג האבען פיעל פון די ווייטע פראווינצען אויסגענוצט די געלעגענהייט אראפצואווארפען פון זיך דעם פערסישען יאך. אין אזא פארפלאנטערטער לאגע האט ניט אויסגע־וויזען, אז דער יונגער דריוש וועט סוף כל סוף האבען ערפאלג. עס איז געווען זעהר צווייפעלהאפט, צי די פערסישע אימפעריע, וועלכע איז געווען צונויפגעשטעלט פון פארשידענארטיגע עלעמענטען און וועלכע איז ניט גע־ווען אין גאנצען ארגאניזירט, וועט קאנען ווייטער אויפגעהאלטען ווערען. ערשט אין פריהלינג פון יאהר 519 איז עס קלאר געווארען, אז דריוש האט באהערשט די סיטואציע.

עס איז ניט געווען בלויז א צופאל וואס די נביאים חגי און זכריה זיינען אויפגעטראטען מיט זייערע אויפמונטערונגען און פאראויסזאגונגען אין הערבסט פון יאהר 520, ווען יעדע בשורה וואס איז געקומען פון מזרח האט דערצעהלט פון א נייעם אויפשטאנד און פון א גרעסערער פאליטישער מהומה, אזוי אז עס האט זיך געדוכט, אז די פערסישע אימפעריע האלט אט אט ביים צעריסען ווערען אויף פיצלעך. כמעט יעדע נבואה פון פריי־העריגע צייטען, וועלכע האט זיך דערהאלטען, איז ארויסגערופען דורך עפעס א פאליטישען אדער א סאציאלען קריזיס. די נבואות פון חגי און זכריה זיינען אין דעם פרט קיין אויסנאם ניט. מעהר ווי צוויי הונדערט יאהר איז דאס פאליטישע לעבען פון יהודה באשטימט געווארען דורך דער השפעה וואס איז געקומען פון יענער זייט פרת. א גרויסער טייל פון דער אידישער נאציאן האט זיך נאך געפונען אין דעם טאל פון די גרויסע טייכען. עס וואלט באמת געווען א געוואלדיגער חידוש, אויב די אנגעשטרענגטע גע־פיהלען פון דער געמיינדע אין ארץ ישראל וואלטען ניט שטארק באריהרט געווארען פון די מעכטיגע קאנוואולסיעס, וועלכע האבען דעמאלט צעטריי־סעלט די וועלט.

ניט ווייניג אפשפיגלונגען פון די דאזיגע גרויסע וועלט־באוועגונגען געפינען זיך אין די נבואות פון חגי און זכריה. חגי, צום ביישפיל, דער־קלערט, אז יהוה וועט באלד צעטרייסלען דעם הימעל און די ערד און דעם ים און די טריקעניש און די פעלקער (ב 6—9). אין א צווייטער שליחות ווידערהוילט ער דעם געדאנק און לעגט צו, אז „יהוה וועט איבערקערען דעם טראן פון מלוכות און וועט פארטיליגן די שטארקייט פון די מלוכות פון די פעלקער; און ער וועט איבערקערען דעם רייטוואגען און זיינע רייטערס; און פערד און זייערע רייטערס וועלען ארונטערנידערען איטליכער דורך דעם שווערד פון זיין ברודער" (ב 22). מ'קאן זיך ניט פארשטעלען קיין לעבע־דיגערע אפשפיגלונג פון די איינדרוקען, וועלכע די רעוואלוציאנערע כוואַ־ליעס וואס האבען זיך געטראגען איבער דער פערסישער אימפעריע האבען געמאכט אויף דעם גייסט פון דעם נביא. אויך חגי'ס קאלעגע, זכריה, קוקט ווייטער פון די גרעניצען פון יהודה, כדי צו לייענען דארטען איהר גורל. דער מלאך, וועלכער גיט זיין שליחות איבער, קומט פון ארומגעהן איבער דער ערד (א 11). זכריה זעהט שוין די פיער שמידען, וועלכע זיינען געקומען צו צעברעכען די הערנער פון די פעלקער, וואס האבען צעשפרייט יהודה (ב 1—4). זיינע דערמונטערונגען צו די אידען פון בבל, אז זיי זאלען שנעל אנטלויפען, גיבען אן אנצוהערעניש, אז ער האט באטראכט דעם מאמענט

פאר אויסערגעוועהנליך גינסטיג (ב 11). אין קאפ. ו 1—8 ציהט דער נביא די אויפמערקזאמקייט צו די גרויסע פאליטישע באוועגונגען, וועלכע האבען דעמאלט אויפגערודערט די וועלט.

די איבערראשענדע געשעהענישען, וועלכע זיינען פארגעקומען נאהנט צום צענטער פון דער פערסישער אימפעריע, האבען בלי ספק אויך אויפגע־וועקט די צוהערער פון די נביאים. די אפגעלאזענקייט, וועלכע האט פארא־ליזירט די ארימע אידישע געמיינדע איז סוף־כל־סוף געווען געבראכען. עס האט אויסגעוויזען, אז א נייע עפאכע האלט זיך ביים עפענען. א שלעכט געדעטעניש און א טריקעניש, וועלכע די אידען האבען אלעמאל באטראכט אלס א קלארען באווייז פון יהוה׳ס צארן (זעה עמוס ד 4—11; מלכים א י״ח), האבען שוין אויפגעוועקט דאס געוויסען פון די מעהר נאכדענקענדע (חגי א 6, 9־11; ב 16, 17). די באדינגונגען זיינען סוף־כל־סוף געווען רייף צו בויען דעם בית־המקדש. אלץ וואס מ׳האט באדארפט איז געווען איינעם וואס זאל נעמען די איניציאטיווע. דאס דעגענערירטע הויז פון דוד, מיט דער אויסנאם פון יאשיהו, האט ארויסגעוויזען ווייניג ענערגיע אין די שפעטערע טעג פון דער מלוכה פון יהודה און נאך ווייניגער רעליגיעזע אי־בערגעבענקייט. ששבצר און זרובבל באווייזען ניט מיט קיין זאך, אז זיי זיי־נען געווען אן אויסנאם. דער אייציגער גרונט פאר וואס די אויגען פון די מעהר אמביציעזע אידען זיינען געווען געריכטעט אויף זרובבל, איז געווען דער פאקט וואס ער איז געווען דער געזעצליכער יורש פון דעם טראן אין יהודה. די גרויסע אויפטואונגען פון דער פארגאנגענהייט זיינען דורכגעפיהרט גע־ווארען אויף דער אנרעגונג פון די נביאים, און עס האט זיך זעהר געפאסט, אז אן ערנסטער נביא פון יהוה זאל אויך איצט אויפוועקען דאס פאלק און זיינע פיהרער.

חגי האט זעהר קלוג אויסגעקליבען פאר זיין אפיעל דעם ערשטען טאג פון זעקסטען חודש (אין יאהר 520 פאר דער קריסטליכער ערא), ווען דאס פאלק איז געווען פארזאמעלט צו פייערען ראש חודש. מ׳געפינט ניט אין חגי׳ס נבואות די ליטערארישע שענקייט און אריגינאליטעט פון זיינע פאר־געהער; אבער זיי צייכענען זיך אוים מיט א געוויסער דירעקטקייט און פראקטישקייט, צוגעפאסט צו א סיטואציע, וואס האט געפאדערט ניט מליצות, נאר מעשים. ווען ער איז צום ערשטען מאל געשטאנען פאר דעם פארזאמעלטען פאלק איז זיין שליחות געווען: „זרובבל דער גובערנאטאר און יהושע דער כהן גדול, די פיהרער פון דער אידישער געמיינדע, הערט זיך

ניט צו צו די ווערטער פון אַ דעם נידערגעדריקטען און אַפּגעלאָזענעם פאָלק. ווען זיי זאָגען: די צייט איז נאָך ניט געקומען צו בויען גאָט'ס הויז. באַטראַכט נאָר, מענער פון יהודה, צי דאָס איז ריכטיג פון אייך צו געניסען פון אייערע באַקוועמע היימען בעת דאָס הויז פון יהוה ליגט אין חורבות. קלערט נאָך און איהר וועט איינזעהן, אַז יהוה האָט עס געשיקט צו אייך דאָס שלעכטע נערעטעניש און די שלעכטע צייטען צו ווייזען זיין אומצופרידענקייט מיט אייער אויפפיהרונג און אייך אויפצואוועקען צו מעשים. זיין באַפעהל צו אייך איז: שטייגט אַרויף אויפ'ן באַרג און ברייננט האָלץ און בויט דעם בית־המקדש לויט אייערע מיטלען, און איהר מעגט זיכער זיין, אַז איך וועל דערמיט צופרידען זיין און וועל זיין געעהרט דורך דער טרייקייט פון מיין פאָלק" (חגי א 2—8).

דאָס פאָלק האָט זיך תיכף און האַרציג אָפּגערופען. דעם 24טען טאָג פון דעם זעקסטען חודש האָט זיך די אַרבייט אָנגעהויבען. חגי, וועלכער איז געווען דער באַוועגענדער גייסט אין דער גאַנצער אַרבייט, האָט באַלד פאַרזיכערט דעם פאָלק: „ווייל איהר האָט געפאָלגט יהוה'ס באַפעהל, איז ער מיט אייך אין אייערע אונטערנעמונגען" (א 13). אַ חודש שפּעטער, ווען דאָס פאָלק האָט געוויזען צייכענס פון מוטלאָזיגקייט, האָט ער זיי איבערגעגעבען אום סוכות אַן אַנדער שליחות: „ווער פון אייך, וועלכער האָט געזעהן דעם ערשטען בית־המקדש אין זיין גלאַנץ, מאַכט אוועק מיט דער האַנט אַ דעם באַשיידענעם בנין וואָס מיר האַלטען אין בויען? זייט מוטיג, איהר פיהרער פון פאָלק! יהוה, וועלכער האָט אַרויסגעפיהרט אייערע אורעלטערן פון מצרים און האָט געשלאָסען אַ בונד צו זאָרגען פאַר אייך, איז נאָך צווישען אייך. אַ באַלד וועט ער איבערקערען די באַשטעהענדיגע פּאָליטישע צושטענדען. די היידנישע פעלקער, וועלכע אונטערדריקען אייך איצט, וועלען קומען צו אייך, ברייננענדיג זייערע אוצרות צו באַשענען אַ דעם באַשיידענעם בנין, אַזוי אַז זיין גלאַנץ וועט פיעל אַריבערשטייגען דעם גלאַנץ פון דעם ערשטען בית־המקדש. דעמאָלט וועט יהוה, אַנשטאַט דער איצטיגער צעריסענקייט, געבען פרידען צו דער דאָזיגער שטאָדט" (ב 3—9).

עס איז געווען אין קומענדיגען חודש, אַז זכריה איז צום ערשטען מאָל ערשינען פאַר דעם פאָלק, מעגליך ביי אַן אַנדער מאָמענט פון נידערגעשלאָגענקייט, רופענדיג זיי צו טאָן זייער פליכט. פאַרזיכערענדיג זיי גאָט'ס הילף און פאַרשטאַרקענדיג זיינע ווערטער מיט באַקאַנטע לעהרען און אילוסטראַציעס גענומען פון די שריפטען פון די פריהערדיגע נביאים און פון די איבער־

לעבונגען פון דעם אידישען פאלק אין די אמאליגע צייטען (א 1—6). אונטער דער באגייסטערונג פון די דאזיגע צוויי נביאים האט די צוגרייטונג פאר דער אויפבויאונג פון בית־המקדש לאנגזאם פראגרעסירט, ביז דער פונדאמענט איז געלעגט געווארען, אין דעם ניינטען חודש אין יאהר 520 (עזרא ה 2; חגי ב 18). אין אשור און בבל פלעגט אזא צערעמאניע זיין א גרויסער יום־טוב. עס איז אן אינטערעסאנטע פראגע, צי די אידען האבען נאכגעמאכט זייערע פריהערדיגע הארען אזוי ווייט צו מאכען אויפ'ן ווינקעלשטיין אויפשריפטען, באשרייבענדיג די ארבייט און פאראייביגענדיג די נעמען פון זרובבל און יהושע. חגי האט על־כל־פנים אויסגענוצט די געלעגענהייט צו האלטען נאך צוויי רעדעס. די ערשטע רעדע איז געווען אדרעסירט צום פאלק. זיך ווענדענדיג צו מאנכע כהנים, האט ער געפרעגט: „ווען די פאלע פון א ראק פון איינעם פון אייך, אין וועלכער עס ווערט געטראגען הייליג פלייש, ריהרט אן געוועהנליכע שפייזען, וועלען זיי ווערען הייליג?" נאטירליך האבען זיי געענטפערט, „ניין". „אדער אויב איינער, וועלכער איז טמא דורך באריהרונג מיט א טויטען קערפער, וועט אנריהרען אט די שפייזען, וועלען זיי טמא ווערען?" אז די כהנים האבען געענטפערט, „יא", האט ער דאן אילוסטרירט: „אט אזוי איז דאס דאזיגע פאלק טמא הן אין זייערע מעשים און הן אין זייערע קרבנות, פארדארבען ווי זיי זיינען געווען דורך זייער אייגעננוציגקייט און ניט געהייליגט דורך קיין אמת'ן קרבן. דורך אומגערעטעניש, טריקעניש און האגעל האט יהוה גע־זוכט איינצוקריצען דעם אמת אין אייער הארץ. אבער איצט, אז דער פונדא־מענט פון בית־המקדש איז געלעגט, איז אלץ געענדערט. פון איצט אן וועט ער אייך בענטשען מיט שפע. און בנוגע צו דיר, זרובבל, דערקלערט יהוה, אז אין דער קומענדיגער איבערקערעניש פון די היידנישע פעלקער האט ער דיך אויסגעקליבען צו טאן א ספעציעלען דינסט פאר איהם, און דעריבער וועט ער דיך האלטען און באשיצען פונקט ווי א קעניג האלט טייער זיין זיגעל־רינג" (ב 6—23).

4.

די האפענונגען און אנטוישונגען פון די בויער פון בית־המקדש.

קיין רעדעס פון חגי האבען מיר מעהר ניט, אבער צוויי חדשים נאכדעם ווי עס איז געלעגט געווארען דער פונדאמענט פון בית־המקדש האט זכריה געגעבען א סעריע זעהונגען, אדער, ריכטיגער, אלעגאריעס, וועלכע האבען

באַצוועקט אויפצואוועקען האַפענונגען אין די הערצער פון פאַלק. כאָטש ביידע נביאים זיינען אויסען געווען איין זאַך, זיינען אָבער זייערע מעטאָדען פון באַלעהרען דאָס פאַלק געווען זעהר פאַרשידען. דער אונטערשייד קאָן צום טייל דערקלערט ווערען דורך דעם פאַקט, וואָס בעת חגי איז געווען אַן איינפאַכער איד (חגי ב 11), איז זכריה געווען א כהן לויט געבורט. פון דעם כראָניקער ווייזט אויס, אַז אין דער צייט פון דעם כהן גדול יהושע איז ער געשטאַנען בראש פון דער כהנים־משפחה (נחמיה י״ב 4, 16). אין זיין ערשטער רעדע, מיט וועלכער ער הייבט אָן זיינע נבואות, ווייזט ער ארויס דעם יראת־הכבוד פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און דער ליטעראַטור פון זיין פאַלק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר כהנים. פונקט ווי יחזקאל, צו וועמען ער איז עהנליך אין אַזוי פיעל פרטים, איז ער געווען א נביא לויט גייסט און ציל. אָבער בנוגע צו דער פאָרם, אין וועלכער ער גיט זיין שליחות איבער, ווייזט ער ארויס זיין פריסטערליכע ערציהונג. נאָכטועענדיג דעם ביישפיל פון דעם כהן־נביא פון גלות, האָט ער פאַרגעצויגען זיך אויסצודריקען דורך טונקעלע סימבאָלישע בילדער איידער דורך פשוט׳ע באַהויפטונגען. עס קאָן גרייכער זיין, אַז אויך די מורא טאָמער וועט מען איהם פאַר׳מסר׳ען ביים פערסישען סאַטראַפּ האָט איהם באַאיינפלוסט אויסצודריקען זיינע געדאַנקען אַזוי, אַז נאָר אידען זאָלען איהם פאַרשטעהן. עס איז זעהר וויכטיג וואָס דער דאַטום פון זיין ערשטער זעהונג שטימט מיט יענעם דאַטום, אין וועלכען עס האָט זיך צום ערשטען מאָל איינגעגעבען דריוש׳ן צו אונטערדריקען די שטאַרקערע מרידות, וועלכע האָבען צעטרייסעלט די אימפעריע. דער מלאך, וועלכער האָט גערעדט צו דעם נביא באַריכטעט, אַז „די גאַנצע ערד זיצט שטיל און איז רוהיג״ (א 11). די האָפענונגען, אַז די וועלט־מעכטען וועלען צוזאַמענפאַלען און אַז עס וועט זיך באַלד אָנהייבען דאָס משיח־קעניגטום, יענע האָפענונגען וואָס האָבען געפונען אַן אויסדרוק אין חגי׳ס נבואות מיט פיער חדשים צוריק און וואָס האָבען געהאַט באַוועגט די אידישע געמיינדע צו טעטיגקייטען — האָבען איצט אויסגעזעהן ווי צערונען. דאָס פאַלק האָט געפיהלט, אַז כאָטש זיי האָבען געטאָן זייער טייל אין אָנהייבען בויען דעם בית־המקדש, איז זיי אָבער יהוה ניט ביי געשטאַנען, וואָרים די דערהייבונג פון ירושלים האָט איצט אויסגעזעהן ווייטער ווי ווען ניט איז פריהער. זייער גלויבען און זייער ענערגיע זיינען דערום שוואַך געוואָרען. מ׳האָט נויטיג באַדאַרפט א נייע שליחות פון א נביא.

אין זיין ערשטער זעהונג דערוויסט זיך זכריה דורך דעם מלאך'ס שלוחים, אז הגם די פעלקער זיינען רוהיג און עס זעהען זיך ניט אויפ'ן האריזאנט קיין צייכענס פאר א שנעלער באפרייאונג פון ירושלים, דאך איז יהוה'ס אינטערעס אין זיין געליבטער שטאדט ניט שוואכער געווארען. ער האט זיך שוין צוריקגעקערט צו מאכען זיין וואוינונג אין זיין ווידעראויפגע־בויטען בית־המקדש און ער וועט נאך ברייננגען טרייסט און גליק צו זיין לאנד (א 8—17). אין דער צווייטער זעהונג שילדערט דער נביא, אין זיין אלעגאריע פון די פיער שמידען, ווי זיי וועלען פארטיליגען די פעלקער, וועלכע האבען צעשפרייט יהודה (ב 1—4). אין דער פאלגענדער זעהונג זעהט ער ווי איינער קומט ארוים אויסמעסטען ירושלים מיט דער כונה זי איבערצובויען אויף איהרע אלטע יסודות. באלד אונטערברעכט איהם א מלאך מיט דער פרעהליכער בשורה, אז אזוי גרוים וועט זיין די באפעלקערונג פון ירושלים, אז קיין מויערן וועלען זי ניט ארומרינגלען, נאר אנשטאט דעם וועט יהוה גופא זיין א מויער פון פייער ארום איהר און א גלאנץ אין איהר. מ'דארף ניט קיין פיעל פאנטאזיע צו הערען די ביטערע קלאגע אין דעם פאלק פארוואס זייער שטאדט איז נאך אהן א מויער און איז קענטיג פארנאכ־לעסיגט. אלס אמת'ער נביא, וואס ער איז געווען, האט ער זיי געמאכט א פארוואורף פארוואס זייערע דערווארטונגען פון יהוה זיינען געווען ענגע און מאטעריעלע; ער האט ווייטער אויפגעמונטערט די אידען פון באבילאניען צו אנטלויפען פון דער אויפגעשטאנענער שטאדט, וועלכע יהוה האט פאר־משפט צום אונטערגאנג, און צו זוכען א היים אין ציון, וועלכע איז איצט געבענטשט און באהיט דורך גאט'ס אנוועזענהייט און וועלכע איז באשטימט צו ווערען דער צענטער פון זיין אל־וועלטליכער מלוכה.

ווען זכריה האט אויפמערקזאם באטראכט דעם מצב אין ירושלים, האט ער דאן געזעהן פאר זיינע גייסטיגע אויגען ווי יהושע דער כהן גדול שטעהט פאר דעם מלאך פון יהוה און דער שטן שטעהט נעבען איהם און באשולדיגט איהם מיט די זינד פון דער כהונה און פון דער געמיינדע, וועלכע ער האט רעפרעזענטירט. דאן האט דער נביא געהערט ווי יהוה האט פארגעבען יהושע'ן די זינד, מיט וועלכע ער איז באשמוצט געווען, און האט איהם בא־שטימט אלס הויפט פון זיין בית־המקדש, מיט דעם תנאי אויב ער וועט זיין געטריי צו זיין אויפגאבע. די פייערליכע הייליגונג און איינזעצונג פון דער פריסטערליכער פאמיליע ווערען אין דעם נביא'ס זעהונג באגלייט פון א ווידערהוילטער הבטחה, אז עס וועלען פארגעבען ווערען די זינד פון

דעם פאלק, אז יהוה וועט ווייטער זארגען פאר דער עבודה פון זיין הייליג־טום און אז באלד וועט קומען זיין משיח־קנעכט, וועמען ירמיה האט באַ־צייכענט אלס „דער שפראָצלינג" („צמח", ירמיה כ"ג 5). די נעכסטע זעהונג שטעהט אויך אין נאָהנטער פארבינדונג מיט דער איינאָרדנונג פון דער עבודה אין בית־המקדש; וואָרים איהר הויפט־סימבאָל איז די מנורה, וועלכע שטעלט פאר דעם ווידעראויפגעבויטען בית־המקדש און זיין גאָט'ס־דינסט, געשטיצט דורך די צוויי געזאלבטע, זרובבל און יהושע, די קעפּ פון דער ציווילער און רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע.

אין זיין לעצטער זעהונג קערט דער נביא זיך ווידער אום צו באַטראַכ־טען דעם פּאָליטישען אויסקוק. אין זיין פאנטאזיע זעהט ער ווי יהוה'ס שלוחים פון נקמה געהען ארוים צו צפון, געגען בבל און פּרס, און צו דרום, געגען אדום און עגיפּטען, צו פארניכטען די וועלט־מעכטען, וועלכע שטערען די פארווירקליכונג פון זיין, יהוה'ס, פּלאַן. די פּרטים פון דעם דאָזיגען וועלט־משפט זיינען אומבאַשטימט. דער אַלטער קריגערישער גייסט פון דעם פאָלק איז פארשוואונדען. דער נביא איז א מאַן פון פרידען. דער צענ־טראַלער אמת וואָס ער פּראָקלאַמירט איז, אז יהוה הערשט אין די ענינים פון די מענשען און אז ער וועט אין זיין אייגענעם וועג אונטערדריקען די רשעים און פארטיידיגען די גערעכטע. חגי און זכריה האָבען קענטיג געהאָפט צו זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען די דערהייבונג פון דעם אידישען פאָלק. די אַטמאָספערע איז געווען אנגעזאָפּט מיט דערוואַרטונג. נאַציאָנען זיינען אויפגעקומען און געפאלען כמעט אין א טאָג. דער פאקט אליין וואָס מ'האָט די אידען געלאָזען אנהייבען בויען זייער בית־המקדש האָט אויסגעזעהן ווי א וואונדער. עס איז דעריבער געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אז זיי זאָלען עס באַטראַכטען אלס אן אויפגאַב פאר נאָך מעהר גרויסקייט און גלאַנץ. די דאָזיגע האָפענונג האָט געפונען אן אויסדרוק אין א באַפעהל וואָס איז גע־קומען צו זכריה'ן, וואָהרשיינליך גלייך נאָך דער לעצטער זעהונג. צום באַדויערען איז דער טעקסט געענדערט געוואָרען דורך שפּעטערע רעדאַק־טאָרען. די הויפּט־געדאַנקען זיינען אבער דאָך קלאָר. ער איז באַפוילען געוואָרען צו מאַכען, פון דעם גאָלד און זילבער וואָס איז געשיקט געוואָרען פון די באַבילאָנישע אידען, א קרוין און זי ארויפצוטאָן אויף זרובבל'ס קאָפּ. די באַדייטונג פון דער האַנדלונג איז, אין דעם ליכט פון דעם אַלטען אידי־שען מנהג, געווען קלאָר, און דעם נביא'ס ווערטער האָבען באַזייטיגט יעדען ספק: „דער בויער פון יהוה'ס בית־המקדש זאָל טראָגען דעם גלאַנץ און

זיצען און הערשען אויף זיין טראָן; און ביי זיין רעכטער האַנט זאָל זיין א כהן (יהושע), און אַן עצה פון פרידען וועט זיין צווישען ביידען". זיין שליחות ווארפט אויך אַסך ליכט אויף די האָפענונגען וואָס האָבען געלעבט אין די הערצער פון די אידען, צו וועמען ער האָט גערעדט. עס איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז זיי זאָלען גאַרען נאָך פּאָליטישער פרייהייט. אנדערע פעלקער האָט פאַר א געוויסער צייט זיך איינגעגעבען אראָפּ־צוּוואַרפען דעם יאָך פון פּערסיען און ארויפצוטאָן די קרוין אויף פרינצען פון זייער אייגען בלוט. יהוה איז געווען אַלמעכטיג. זיין פאָלק איז געווען אָפּגעקומען פאַר די זינד, וועלכע האָבען אראָפּגעזעצט פון טראָן דאָס הויז פון דוד. איצט האָבען זיי באמת געטאָן יהוה'ס ווילען. פון זייער שטאַנד־פּונקט האָט מען דערפאַר געקאָנט דערוואַרטען אומאָפּהענגיגקייט אונטער זרובבל, דעם געזעצליכען יורש פון דעם טראָן פון יהודה.

עס איז געווען צום גליק פון פאָלק, וואָס זיי האָבען, אונטער דער השפּעה פון זכריה'ס פרידליכען גייסט, געלאָזען די ערפילונג פון זייערע האָ־פענונגען צו יהוה, ווארים די צוקונפט האָט זיי ניט געבראַכט קיין אומאָפּ־הענגיגקייט אונטער זייער געזעצליכען טראָן־יורש. וואָס איז שייך די פּרטים פון זייער אַנטוישונג קענען מיר ניט מעהר ווי מאַכען השערות; מיר ווייסען בלויז דעם פאַקט, אַז אין דעם מאָמענט ווען די קרוין איז געהאַלטען געוואָרען איבער זרובבל'ס קאָפּ, איז ער, און מיט איהם דוד'ס פאַמיליע, פאַרשוואונ־דען אויף תמיד פון עפענטליכען לעבען. שפּעטער, ווען די פראַגמענטאַ־רישע דאָקומענטען ווארפען ווידער זייער צאַנקענדיג ליכט אויף דער אידי־שער געמיינדע, האָבען די כהנים גדולים, וועלכע האָבען געשטאַמט פון יהושע בן־יהוצדק, פאַראייניגט אין זייער האַנט די גאַנצע ציווילע ווי אויך די גייסט־ליכע מאַכט וואָס די געמיינדע אין יהודה האָט פאַרמאָגט.

דער אראַמעאישער דאָקומענט וואָס דער כראָניקער ציטירט איז א השלמה צו די פאַקטען וואָס מיר ערפאַהרען פון זכריה. ווען די ארבייט פון בויען דעם בית־המקדש איז געווען אַזוי ווייט פּראָגרעסירט, אַז מ'האָט געהאַלטען אין לעגען דאָס בויהאָלץ אויפ'ן פונדאַמענט (עזרא ה 8), דאָס הייסט בכן מעהרערע וואָכען, אויב ניט חדשים, נאָכ'ן לעגען דעם גרונט־שטיין, האָבען תתני, דער פּערסישער סאַטראַפּ פון דער פּראָווינץ אויף דער אַנדערער זייט פרת, מיט זיינע באַאמטע באַזוכט ירושלים אויף זייער רייזע אכטונג צו געבען אויף דאָס לאַנד. בלי ספק איז די סיבה פון זייער פאַר־מעלען באַזוך געווען א רעפּאָרט פון דער אומגעוועהנליכער טעטיגקייט פון

דער אידישער געמיינדע. די אימפעריע איז נאר וואס געווען צעריסען דורך אזויפיעל אויפשטאנדען, אז אויף יעדער אומגעוועהנליכער האנדלונג האט מען געקוקט מיט גרוים חשד. אין פארלויף פון דער חקירה־ודרישה האבען די אידישע פארשטעהער גע׳טענה׳ט, אז זיי בויען בלויז ווידער אויף דאס אלטע הייליגטום און אז זייער האנדלונג איז אין פולען איינקלאנג מיט אן עלטערען דעקרעט פון כורש׳ן, וואס האט ערלויבט דאס צו טאן. זיי האבען פארגעשלאגען, אז מ׳זאל נאכזוכען די קעניגליכע ארכיוועז, כדי דער אמת פון זייערע רייד זאל באשטעטיגט ווערען. צום גליק איז דריוש דער ער־שטער, לויט ווי עס ווייזען זיינע אויפשריפטען וואס זיינען אנטדעקט גע־ווארען אין עגיפטען און אין קליין אזיען, געווען געניי״גט, פונקט ווי כורש, צו באשיצען די טעמפלען פון די פעלקער, איבער וועלכע ער האט געהערשט. עס קאן גריילעך זיין, אז וויסענדיג אט דעם פאקט האט דער סאטראפ ניט געשטערט די ארבייט אין ירושלים ביז ער האט ניט נעקראגען אינסטרוקציעס פון דעם גרויסען קעניג. די אנוועזענהייט פון דעם סאטראפ און דער וואל־קען פון חשד וואס איז געלעגען אויף דער אידישער געמיינדע ביז זייער טענה איז באשטעטיגט געווארען דורך כורש׳עס דעקרעט וואס איז אנטדעקט געווארען אין עקבאטאנא, איז געווען גענוג צו צעטרייבען די גע־היימע האפענונגען וועגען דערהייבען זרובבל׳ען צום אומאפהענגיגען קעניג. אויב דער תוך פון חגי׳ס און זכריה׳ס רעדעס איז באקאנט געווארען צו די פערסישע באאמטע, דאן האט מען בלי ספק גלייך געזעהן אראפצוזעצען זרובבל׳ען פון זיין שטעלע אלס גובערנאטאר. פון זכריה׳ס פריהיגע נביאות, אז זרובבל׳ען וועט זיין ערלויבט צו נעמען אן אנטהייל אין דער פארענדיגונג פון דעם בית־המקדש (ד 9), קאן מען זיך אנשטויסען, אז זיין אמט איז ניט געווען צו זיכער. אז זיין אויטאריטעט איז געווען שוואך, זעהט מען בא־שיינפערליך פון דעם נביא׳ס רייד (ד 6, 7). אויב ניט גלייך אויף׳ן שטעל, דאן וואהרשיינליך אין דער אלגעמיינער נייער ארגאניזירונג פון דער אימ־פעריע, וועלכע דריוש האט באלד דורכגעפיהרט, איז די פאמיליע פון דוד איז גאנצען באזייטיגט געווארען.

כאטש די וועלטליכע האפענונגען פון די אידען זיינען ניט ערפילט גע־ווארען, האט מען זיי אבער ערלויבט צו פארענדיגען אומגעשטערט זייער בית־המקדש. עס איז כדאי צו באמערקען, אז אין זכריה׳ס לעצטע רעדעס, פון שפעטערען טייל פון יאהר 518, פארשווינדען די פאנטאסטישע בילדער און אלע באציהונגען צו זרובבל און צו א וועלטליכען קעניגטום. זייער פלאץ

פארנעמען פשוט'ע מוסר־רייד און הבטחות פון אן אל־וועלטליכער מלוכה פון גאט (ז; ח). דער בית־המקדש איז קענטיג געוועזן אויף אזויפיעל פאר־טיג, אז מ'האט שוין איינגעשטעלט א טייל פון דער עבודה. דער דאזיגער פאקט האט ארויפגעבראכט די נאטירליכע פראגע, צי מ'זאל נאך האלטען דעם תענית פון פינפטען חודש, אלס ערינערונג אן דעם חורבן פון ירושלים און פון בית־המקדש. די פראגע איז פארמעל געשטעלט געווארען צו די כהנים און די נביאים פון דער שטאדט דורך א דעפוטאציע, וואס איז געקור־מען צום באזור. זכריה האט געענטפערט אויף דער פראגע אין דעם אמת'ען גייסט פון א נביא גיכער ווי אין דעם גייסט פון א כהן. ער האט זיי גע־פרעגט וואס עס זיינען געוועזן די מאטיוועז פון די תעניתים, וועלכע מ'האט געהאלטען אין גלות. איז עס געוועזן צו דינען יהוה אדער צו באפרידיגען זייערע אייגענע פארלאנגען? אויב צוליב דער לעצטער סיבה, דאן וואס ניכער עס וועלען אויפהערען די זעלבסטזיכטיגע פארמאליטעטען אלץ בע־סער. איצט ווען די ווידעראויפגעלעבטע געמיינדע איז אריינגעטראטען אין א נייעם לעבען, איז די אמת'ע פראגע געווען: מעגען די אידען אויסמיידען די טעותים פון דער אמאליגער אידישער מלוכה און ברייננגען צו גאט ניט פוסטע פארמאליטעטען, נאר מעשים פון גוטסקייט, יושר און רחמנות, וועלכע שטעלען פאר די פאדערונגען פון דער אורשפרינגליכער לעהרע פון די נביאים? זייער צוקונפט איז געלעגען אין זייערע אייגענע הענט און איז אפגעהאנגען פון זייער הנהגה. די פונדאמענטען זיינען שוין געלעגט גע־ווארען פאר א גלענצענדער מדינה. יהוה איז געווען גרייט מיטצואווירקען אומעטום. אויב זיי וועלען זיך נאר ארויסווייזען טריי צו זייער געלעגענ־הייט, וועלען זייערע גרעסטע האפענונגען נאך מעהר ווי מקוים ווערען. צו דער געפייניגטער ירושלים וועט סוף־כל־סוף קומען פרידען, אזוי אז מענער און פרויען וועלען דערלעבען צו א הויכען עלטער. די טרויעריגע תעניתים פון דער פארגאנגענהייט וועלען ווערען פרעהליכע ימים־טובים. דער עיקר אבער, דער טאג האלט שוין אין קומען ווען אסך פעלקער און מעכטיגע נאַ־ציאנען וועלען עולה־רגל זיין קיין ירושלים צו דינען יהוה. דאן וועלען די גויים זוכען נייגיריג דעם פאראכטעטען אידען כדי צו לערנען פון איהם וועג־גען דעם אמת'ען גאט.

לויט דעם כראניקער איז דער בית־המקדש אין גאנצען פארטיג געווא־רען דעם דריטען טאג אין אדר פון יאהר 516 (פאר דער קריסטליכער ערא). בלי ספק איז דער חנוכת הבית געפייערט געווארען דורך קרבנות און דורך פאַ־

סענדע צערעמאָניעס. דער יום־טוב האָט געמוזט אַרויסרופען לויב־געזאַנגען, וואָס מאַנכע פון זיי האָבען וואַהרשיינליך זיך דערהאַלטען אין תהלים. קאַפּ. מ"ז דריקט אוים די געהויבענע שמחה וואָס די קליינע געמיינדע האָט געפיהלט ווען איהר אַרבייט איז פאַרטיג געוואָרען. זייער געפיהל, פּונקט ווי זכריה'ס געפיהל אין דער דאָזיגער צייט, האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קופּלעט (פּסוק 2):

„גאָט קיניגט איבער די פעלקער,
גאָט זיצט אויף זיין הייליגען טראָן."

די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער ווידעראויפבויאונג פון בית־המקדש קאָן ניט צו הויך אָפּגעשאַצט ווערען. דאָס יודענטום האָט ווידער געהאַט א היים. דער געדאַנק, אַזוי אָפט אויסגעדריקט אין זכריה'ס נבואות, אַז יהוה איז ווידער געקומען וואוינען צווישען זיי, איז געווען א קוואַל פון פרייד און האָפענונג ניט בלויז פאַר די אידען פון יהודה, נאָר אויך פאַר אַלע מיט־גלידער פון דעם אידישען פאָלק, וואו נאָר זיי האָבען זיך געפונען. איצט ווען מ'האָט מקריב געווען טעגליכע קרבנות פאַר זייער נאַציאָן, האָבען זיי געפיהלט מיט א דערלייכטערונג, אַז די לאַסט פון דעם פאָלק'ס זינד, וואָס האָט זיי געדריקט, איז סוף־כל־סוף אַראָפּגענומען געוואָרען פון זיי. ווידער האָבען זיי געקאָנט אויפהייבען זייערע קעפּ אין דער אַנוועזענהייט פון די פעלקער. דער בית־המקדש האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען צו זיין א שטאַרקער באַנד, וואָס האָט אויפגעהאַלטען לעבעדיג אין הארץ פון יעדען אידען דעם זין פון דער אחדות פון פאָלק, צוזאַמענבינדענדיג אויף דעם אופן אין אַן איינהייט אַלע צעשפּרייטע מיטגלידער פון דער נאַציאָן. דער בית־המקדש האָט אויך געגעבען א באַשטימטע פאָרם צו זייער רעליגיעזער אַנטוויקלונג. דערהויבען העכער איבער אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, האָט דער בית־המקדש און די עבודה אין איהם אַרויסגערופען די אויפמערקזאַמקייט פון די פעהיגסטע אידישע גייסטער אין גלות, וואו די ריכטונג פון ריטואַליזם, וואָס איז אַזוי שטאַרק געוואָרען אין דער באַבילאָנישער פּעריאָדע, האָט איצט געהאַט די פולע ממשלה. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז דאָס באַשיידענע הייליגטום, אויפגעבויט פון דער געדריקטער געמיינדע, האָט אין די אויגען פון די גלות־אידען פון אָנהויב אַן פאַרטונקעלט אין באַדייטונג דעם פּרעכטיגערען בית־המקדש פון שלמה'ן. מיט דער צייט האָבען די ארץ ישראל'דיגע אידען איבערגענומען פון די אידען פון גלות זייער געוואַלדיגען יראת־הכבוד פאַר דעם הייליגטום פון ירושלים, אַזוי אַז זיין פּרעסטיזש האָט פאַרטונקעלט אַלע אַנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין יהודה.

ביבליאָגראַפיע.

Anneler, H., Zur Geschichte der Juden von Elephantine, 1912.

Duhm, B., Israel's Propheten, 1916.

Hoelscher, G., Die Profeten, 1914.

Jastrow, M., Hebrew and Babylonian Traditions, 1914.

Kautzsch, E., Abriss der Geschiche des alttestamentlichen Schrifttums, 1897.

Kent, Ch. F., A History of the Jewish People, 1914.

Kittel, R., Geschichte des Volkes Israel, 2te Auflage, II Band, 1912.

Koeberle, J., Der Prophet Jeremia, 1908.

Lehmann-Haupt, G. F., Israel, seine Entwicklung im Rahmen der Weltgeschichte, 1911.

McCurdy, J., History, Prophecy and the Mcnuments, 1914.

Meinhold, J., Sabbat und Woche, 1905.

Nagel, G., Der Zug des Sanherib, 1902.

Rogers, R. W., A History of Babylonia and Assyria, Vol. II, 1915.

Stade, B., Geschichte des Volkes Israel, Band I, 1887.

Stade, B., Biblische Theologie des Alten Testaments, Band I, 1905.

Steinthal, H., Zu Bibel und Religionsphilosophie (S. 16, Die Klagelieder Jeremiae), 1890,

Smith, H. P., Old Testament History, 1915.

Wellhausen, J., Israelitische und Judische Geschichte, 3te Ausgabe, 1897.